STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03854

# OYSGEVEYLTE VERK

Sholem Aleichem

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

## שלום עליכם

# אויסגעוויילטע ווערק

פינפטער באנד

בלאָנדזשענדיקע שטערן

ערשטער טייל

## אקטיאָרן

פארלאג „יידיש בוך" ווארשע 1955

SZOLEM ALEJCHEM

# DZIEŁA WYBRANE

V tom

Redaktor: D. SFARD

רעדאַקטאָר: ד. ספאַרד

Słownik hebrajski wykonał: F. FRID

פאַרטייטשונגען פון העברעישע ווערטער: פ. פריד

Okładkę projektował: I. REJZMAN

הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

*Printed in Poland*

Wydawnictwo „Idisz Buch". Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 4464. Nakład 5,500 egz. Druk ukończono we wrześniu 1955 r. Ark. druk. 18,25. Ark. wydawn. 15,5. Papier druk. mat. V kl. 61 x 86 cm, 70 g. Druk. RSW „Prasa", Warszawa, Tarczyńska 8. B-6-51774.

די אַלע, וואָס האָבן זיך באַמיט צו מיין 25-יעריקן ליטעראַרישן יום-טוב, דאַנק איך אָפּ מיטן דאָזיקן ווערק.

## קאַפּיטל איינס

# אַרויסגעפלויגן דאָס פייגעלע

זונטיק בכּאָור — סוף זומער איז דאָס געווען — האָט זיך לאה די חזנטע אויפגעכאַפּט פריער פאַר אַלעמען אין שטוב. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז ס'איז היינט זונטיק, אַ מאַרקטאָג. געכאַפּט אַ קוק אין פענצטער און דערזען, אַז ס'איז שוין גרויסער טאָג, האָט זי אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין: „אוי, אַ מכה איז מיר!“...

אין דער גיך זיך אָנגעטאָן, אָפּגעגאָסן נעגלוואַסער, איינגעשלונגען דעם „מודה אַני“, געכאַפּט דעם קויש און אַוועק מיט אַזאַ מין אימפּעט, גלייך ווי איר איז געשטאַנען אָנצוווערן גאָט ווייסט וואָס פאַר אַ יאַריד.

אין דרויסן איז געשטאַנען אַ מהיהדיקער פרימאָרגן. די זון האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ היץ און מיט אַ ברען און האָט באַגאָסן האַלענעשטי מיט אירע גינגאָלדענע שטראַלן. ווי אַ פיש אין וואַסער, האָט זיך לאה די חזנטע געפילט, אַז זי איז געקומען אין מאַרק אַריין. און אַ מאַרק האָט זיך אין האַלענעשטי אויסגעשטעלט — אַ מוראדיקער! די מאָלדאַוואַנער האָבן אַרויסגעפירט מילכיקס פון זייערע שאָף, גרינצייג און גאָרטנוואַרג פון זייערע באַקטשעס אָן אַ שיעור. פּאַפּעשויעס (מאַאיס), גרינע אוגערקעס בזיל־הזול. היינט ציבעלקעס און קנאָבעלעך און שאר ירקות. פון די אַלע מינים האָט לאה די חזנטע איינגעהאַנדלט צו ביסלעך אַ פולן קאָשיק. און פיש האָט איר גאָט צוגעשיקט — אַ כשרע מציאה! עס האָט זיך איר אַפילו נישט געחלומט קיין פיש. נאָר זיי זענען איר ווי אַקעגן געקומען. מאָלט אייך פיש — סע רעדט זיך נאָר אַזוי „פיש“! קליינטשקע פישעלעך, פלאָטוויצעס, ביינדלעך, קיי און שפּיי, נאָר אַזוי וואָלוול, אַז ס'איז, כ'לעבן, אַ חרפּה אויסצוזאָגן: קיינער וועט גאָרנישט וועלן גלייבן!... יאָ, לאה די חזנטע האָט געהאַט אַ גליקלעכן מאַרק. פונעם איינגעהאַנדלטן קערבל, וואָס זי האָט אַרויסגעטראָגן, האָט זי נאָך צו ברענגען אַ היים אַ היפּשן אויסגאָב. „ווייבאַלד אַזוי, דאַרף מען קויפן דעם חזן אַ מתנה — א צענדליק פרישע אייער. „ביי ישראלי וועט דאָס זיין אָנגעלייגט. ער וועט האָבן אויף צען גאָגל־מאָגלס, עס גייט צו ימים־נוראים —

האָסטו געזען אַביסל!... היינט צוקערקעס דאַרף מען ברענגען דער טאָכטער. רייזל האָט ליב זיסע זאַכן, קאָנפּעקטלעך, נאַשערייען, מיר זאָל זיין פאַר איר קאָפּ, סאַר אַ קינד דאָס איז! הלוואַי וואָלט איך איר קאָנען קויפן אַ פּאָר נייע שיך. די אַלטע האָבן זיך שוין צעריסן, טויגן אויף כּפּרות...".

מיט אַזעלכע געדאַנקען האָט זיך די חזנטע אַרומגעדרייט נאָך אַ היפּשע ווײַלע צווישן די קליטן, ביז דאָס גאַנצע קערבל איז בײַ איר צעגאַנגען געוואָרן אונטער די פינגער אַזוי ווי שניי. ערשט דעמאָלט האָט זי זיך באַרויִקט און גע-גאַנגען אַהיים.

צוגעקומען צו איר שטוב, האָט זי נאָך פון דרויסן דערהערט דעם חזן, ווי ער קאַטשעט זיך אויפן האַלדז: „מי-י-י באַ-אַ-אַ-אש ומי-י-י במים!"... זיין באַקאַנטע ליבע שטימע, וואָס קלינגט איר שוין אַזוי לאַנג און ווערט איר קיינמאָל נישט נמאס! ישׂראלי דער חזן שטעלט אוים באַצייטנס אַ שפּאָגל-נייעם „ונתנה תוקף" אויף ראש-השנה. ישׂראלי דער חזן איז נישט פון די גרויסע חזנים, וואָס זאָל שמען אויף דער וועלט, נאָר בײַ זיך אין האָלענעשטי איז ער געווען גרויס. דאָס שטעטל ווייסט אים, זייט זיכער, נישט פאַרבייטן אויפן גרעסטן קאָר-חזן און וועט אים נישט אַוועקגעבן פאַר קיין מיליאָן! פונדעסטוועגן, אייגנס צום אַנדערן קער זיך נישט אָן. אַז ישׂראלי דער חזן זאָל נישט צוקנעלן, וואָלט ער פאַרוואָרפן די ציין אויף די באַנטענעס. אַ גליק, וואָס ער איז אַ פיינער בעל-תנ"ך און אַ שאַר-פער בעל לשון-קודש, און דערצו האָט אים גאָט געבענטשט מיט אַ שיין הענטל צום שרײַבן, האָט ער אַ שטיקלעך צען תלמידים, די רייכסטע קינדער פון שטאָט (דעם נגיד בענצי ראַפּאַלאָוויטשעס זונדל איז פון זיינע ערשטע תלמידים). צווייפּרנסות איז נישט קיין קלייניקייט. אמת, עס טרעפט אַמאָל, אַז פונעם חזנות מיטן מלמדות זאָל בײַ ישׂראלי דעם חזן נישט זיין אויף שבת. נאָר שטאַרבן פון הונגער וועט מען שוין נישט שטאַרבן. מע קאָן זיך שוין מוטשען...

געקומען אַהיים אַ פאַרשוויצטע מיט אַ פולן קאָשיק פון מאַרק, האָט לאה די חזנטע נישט געקאָנט פאַרשטיין דעם שכל, פאַרוואָס זי זעט נישט די טאָכטער און הערט נישט איר קול? זי איז געוווינט געוואָרן, אַז זי קומט פון מאַרק, טרעפט זי די טאָכטער אָנגעטאָן, איינגעוואַשן און צוגעקעמט, שפּרינגט איר אַקעגן, קערט איבער דעם קויש, זוכט און נישטערט: „מאַמע, וואָס האָסטו מיר געבראַכט צו טראָגן?" — „האָב צייט, דער טייך ברענט נישט, לאָמיך פריער אָפּגעבן דעם טאַטן זיין גלעזל ציקאָריע, האָסטו געזען אַביסל!"...

אָט אַזוי איז זי געווינט געוואָרן, די חזנטע. און איצט איז שטיל אין שטוב, מאָדנע שטיל, מע זעט נישט רייזלען און מע הערט זי נישט, כאָטש די טיר איז אָפן. די משמעות, אַז זי שלאָפט נאָך?... און דער חזן הערט נישט אויף צו קאַטשען זיך אויפן האַלדז און פאַרגיין זיך אויף דער דינסטער אָקטאַווע מיט

אַ געוויין: „אַך, מי-י-י באש ומי-י-י במים!“ און נאָכאַמאָל — „מי-י-י ב-א-א-אש ומי במ-י-י-י-ים!“...

שטיל, אויף די שפּיץ פינגער, גייט לאה אַריין אין שטוב אַריין, שטעלט אַוועק דעם קויש אין אַ ווינקעלע, און בכדי נישט צו שטערן דעם מאַן אין זיין אַרבעט, האָט זי, ריידנדיק זיך ביים אויוון, גענומען רעדן צו זיך אַליין:

— פינצטער איז מיר! נאָך שלאָפט זי?... אַ מיידל קאָן! אָט באַלד וועלן קומען די תלמידים אין חדר אַריין, און זי וועט זיך אַרומדרייען אַ נאַקעטע פאַר אַלע ייִנגלעך אין די אויגן... זי מיינט, זי איז נאָך אַ קינד... ישראלי!... ישראלי?... גייען, ער הערט נישט... ער האָט זיך עס אַ ביסל צע'באש'ט און צע'במים'ט היינטיקן פרימאָרגן, טאַטעניו!... אַן אַנדערער וואָלט מיינען, אַז מע שטופּט אָן פולע זעק פון אָט דעם חזנות. און צום סוף גייט רייזל מיט אויסגעדרייטע, צעריסענע שיכלעך, מיר זאָל זיין פאַר אירע ביינער... ביז וואַנען וועט זי שלאָפן, אַ הונגער איז מיר! מע דאַרף אויפוועקן דאָס קינד, האָסטו געזען אַביסל!...

מיט די דאָזיקע ווערטער גייט צו לאה האַסטיק צום ווענטל, וואָס צעטיילט מיט אַ ליילעך דעם חדר אויף צווייען, הערט זיך איין אַ ווײַלע, הייבט אויף דעם פאָרהאַנג פאַוואָליענקע, מיט צוויי פינגער, קוקט זיך איין אין בעט, וואַרפט אַ קוק אויפן אָפענעם פענצטער, שטייט אַ ווײַלע אָן ווערטער. דערפילט, ווי עמעצער וואָלט איר דערלאַנגט מיט אַ שטיין אין האַרצן אַריין, דרייט זי אוים דעם קאָפּ צום מאַן:

— ישראלי!...

דאָס איז שוין אויסגעשאָסן געוואָרן מיט אזא קול, אַז ישראלי האָט באַלד אויפגעהערט זינגען און אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום ווייב:

— וואָס איז, לאה?

— וווּ איז רייזל?

— וואָס הייסט — וווּ איז רייזל? זי שלאָפט דען נישט?...

---

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט שוין די גאַנצע שטאָט געוווּסט פונעם חזנס אומגליק, און דער עולם האָט אָנגעהויבן גיין געוואָר ווערן, דער אריין, דער ארויס.

— וואָס הערט זיך? טאַקע נישטאָ?... ווי איז דאָס מעגלעך?... וויאַזוי איז דאָס געשען?..

דעם גאַנצן פרימאָרגן האָט דאָס געקאָכט, ווי אין א קעסל: „געהערט? נישטאָ דעם חזנס מיידל!“... „וואָס הייסט, ווו איז זי דען?“... — „פאַרפאַלן געוואָרן, ווי אין וואסער אריין“...

דער חזן אליין — וואָס טוט זיך עם מיט אים? נישט ער וויינט, נישט ער רעדט. ער שטייט אינמיטן שטוב, ווי א גולם, און קוקט אלעמען אין די אויגן אריין. אפנים, עס האָט אים אָפּגענומען דאָס לשון מיטן שכל?... נאָר די חזנטע

לויפט ארום ווי א צעדולטע איבער דער שטאָט, ברעכט די הענט, שלאָגט זיך אין קאָפּ, ליגט איין די וועלט: „מיין טאָכטער! מיין קינד! מיין אויג און קאָפּ!“... איר גייען נאָך ווייבער און יידן, העלפן איר זוכן. מען איז שוין אויסגעווען ווו די וועלט האָט אן עק: אויף יענער זייט בריק און אויפן בית־עולם, און ביי אלע וואָ־לעכשע גערטנער, און ביים טייך — נישטאָ!

א האלב־טויטע האָט מען געבראַכט צופירן אונטער די הענט די חזנטע אהיים. דאָרט איז געווען אַ פולע שטוב מיט מענטשן. אַלע האָבן געערדט פונעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפן ביים חזן אין שטוב. אייניקע האָבן פאַרקאַטשעט דעם פאַרהאַנג, א קוק געטאָן אויפן בעט און אויפן אָפענעם פענצטער און א פרעג געטאָן ווי זיך אַליין:

— אָט דאָ ארומער איז ארויסגעפלויגן דאָס פייגעלע?...

ביי א פרעמדן אומגליק געפינט זיך נאָך אין האַלענעשטי א גלייכווערטל...

## קאַפּיטל צוויי

# די פּאַלט חלשות

א יידיש שטעטל, ווי אָרעם ס'זאָל נישט זיין, מוז עס האָבן איר אייגענעם ראַטשילד.

דער ראָטשילד פון האָלענעשטי — דאָס איז בעני ראַפּאַלאָוויטש.

דערציילן אייך רוב גדלו ורוב עשרו איז איבעריק. עס וועט זיין גענוג, מיין איך, אויסמאָלן אייך נאָר דעם טיש אַליין. ביי בעניען צום טיש גייען אַלע טאָג נישט ווייניקער פון עטלעכע און צוואַנציק פּאַרשוין: זיין און טעכטער, און איי־דעמס, און שניר, — אַלע שיינע, געזונטע, גוט אויסגעפּאַשעטע נפשות, מיט פעטע פּיסקעס. און אן אַלטע מאַמע, וואָס שאָקלט מיטן קאָפּ „ניין־ניין“, און אן אַם א ווייסע, ווי א געביימלטע בולקע, מיט רויטע באַקן, און א בחור א קאָסיר, טאָקע אן אייגענער, א פריינדל. דער דאָזיקער בחור הייסט שמחה, נאָר רופן רופט מען אים „ששון ושמחה“. נישט דעריבער, ווייל ער איז אַזאַ פרייליכע בריאה, נאָר אדרבאַ — טאָקע ווייל דער בחור איז בטבע אן אומעטיקער בחור, א מרה־שחורה־דיקער, א פאַרשלאָפענער. אַליין איז ער אַ שוואַרצער, אַ גלאַנצנדיקער, מיט באַנ־קעוואַטע אויגן, מיט כמעט שטענדיק א פאַרלייגטע נאָז, וואָס איבער איר איז אים שווער ארויסצורעדן א מם און א נון. די אייבערשטע ליפ איז ביי אים א גראָבלעכע און א רייך באַוואַקסענע.

מיט די איבעריקע פאַרשוינען פון דער דאָזיקער משפחה ווועלן מיר נאָך האָבן די געלעגנהייט זיך צו באַקענען. נאָר בכלל דאַרפן מיר זאָגן, אז דאָס איז

א נגידישע, א פרייליכע, א לעבעדיקע שטוב, און מע האַלט דאָרט פון דער אכילה. דאָרט, אַז עס קומט צום עסן, ווערט אַזאַ טאַראַראַם, מיט אַזאַ געפילדער, מיט אַזאַ קלאַפּערײַ פון לעפל מיט גאָפּלען, אַז מע קאָן טויב ווערן. גאַנץ אויבנאָן בײַם טיש, ווי א מלך, זיצט דער באַלעבאָס אַליין, א בעסאַראַבער ייד מיט נישקשה פון א בייכל און מיט אַ באָרד, וואָס האָט זיך בײַ אים צעוואָקסן אויפן טונקל-גלאַנצנדיקן פּנים אין דער ברייט, ווײַל נישט ליגן ווי בײַ לײַטן, נאָר צעשמיסן רעכטס און לינקס — און טו מיר עפּעס!

בעני איז א מענטש, וואָס אַז ער עסט — עסט ער. צוויי אַרבעטן מיטאַמאָל — דאָס האָט ער פײַנט, און ווײַל גאָרנישט ווייסן בעת-מעשה, וואָס אין דרויסן טוט זיך. אַליין רעדט ער ווייניק וואָס, נאָר אַז יענער רעדט — אַרט אים נישט. זעלטן-זעלטן, אַז בײַם טיש ווערט שוין א צו גרויסער ליאַרעם, שרײַט ער אָן אויף דער חברה:

— לאָז זײַן שטיל, ממזרים, קוקט בעסער אין סידור אַרײַן און ווייסט, וואָס איר זאָגט!...

דאָס מיינט, מע זאָל אַרײַנקוקן אין שיסל אַרײַן און וויסן, וואָס מען עסט. ס'איז שוין אַזאַ טבע בײַ אים רעדן פאַרשטעלט, בלשון סגי-נהור. למשל, א פערד איז בײַ אים א „בחור“, געלט איז „שערבלעך“, א ווײַב איז אַן „אומגליק“, א זון איז אַ „קדיש“, אַ טאָכטער איז אַ „בלאָטער“, ברויט איז „פּאָדעם“, אַ שטוב איז א „בוידעם“, אַן אַלקער איז א „לאָך“ — און אַזוי ווײַטער. פון בעני ראַפּאַלאָוויטשעס שפּראַך וואָלט מען געקאָנט מאַכן א גאַנצן ווערטערבוך.

דעם לעצטן אָרט בײַם טיש פאַרנעמט בעניס ווײַב, ביילקע. א יידענע א קליינינקע, א שוואַכינקע, א שטילינקע. מע הערט זי נישט און מע זעט זי נישט. א קוק טאָן אויף איר, מוז מען זיך אַליין פרעגן: אָט דאָס האָט אַראָפּגעבראַכט אויף דער וועלט אַזאַ כאַליאַסטרע?... פונדעסטוועגן, האָט קיין יסורים נישט, טראָגט אָט דאָס קליינע ווײַבעלע אויף זיך דעם גלות פון דער גאַנצער שטוב, אומעטום איז זי פול, און איר קאָפּ טוט ווי פאַר אַלעמען. זי אַליין דאַרף גאָרנישט. דאָס גאַנצע לעבן זענען די קינדער. איר אָרט אויבנאָן האָט זי אָפּגעטראָטן דער אַלטער מאַמען, וואָס שאָקלט מיטן קאָפּ „ניין-ניין“... די דאָזיקע אַלטע מאַמע איז, אפּנים, באַשאַפן געוואָרן דערויף, מע זאָל זיך דערמאָנען אײַנעם סוף פונעם מענטשן. אָנגעוואָרן שוין כמעט אַלע חושים, איז איר פאַרבליבן מער נישט ווי איין זאַך — אַ שאַרף אויג: אַלצדינג דערזעט זי פריער פאַר אַלעמען. קיינער, אחוץ איר, האָט זיך נישט אומגעקוקט בײַם טיש צווישן דער כאַליאַסטרע, אַז עס פעלט דער ייִנגסטער פון די ייִנגלעך — לייבל. די אַלטע האָט דאָס באַמערקט די ערשטע און האָט גענומען אַרומקוקן מיט איר שאַרף אויג דעם גאַנצן טיש און שאָקלען מיטן קאָפּ:

— ווו איז דאָס ערגעץ לייבל?

נאָר איר האָבן זיך שוין אַלע ארומגעזען, אַז ס'איז נישטאָ לייבל און מע האָט אָנגעהויבן זוכן לייבלען אין אַלע ווינקעלעך:

— ווו איז לייבל?

ווי אומגעלומפערט גרוים בענים שטוב זאָל נישט זיין, האָט זיך נאָכנישט געטראָפן, אַז צום טיש זאָל פעלן א קינד. אין דער פּאָטער געוואָרן בייז און האָט ארויסגעגעבן א באפעל:

— לאָז מען ברענגען דעם „פּידסוויניק" פון דער „טשערעדע"!

אויף בענים לשון האָט דאָס באַדאַרפט הייסן, מע זאָל ברענגען דעם „מיזי־ניק" פון „הדר". און מע האָט אוועקגעשיקט א שליח צו ישראלי דעם חזן אין הדר אריין, מע זאָל ברענגען לייבלען אהיים עסן וואַרמעס.

דער עולם האָט שוין געהאַלטן ביים לעצטן געריכט, ביי די פרישע פּאַפּע־שויעס, ווען דער שליח איז געקומען צוריק מיט דער ידיעה, אַז לייבל איז ביי ישראלי דעם חזן אין חדר היינט נאָכנישט געווען אפילו, און אַז ביים חזן מיט דער הזגטע האָט זיך געטראָפן, נישט דאָ געדאַכט, אַן אומגליק: זייער טעכטערל, די בת־יחידקע, איז די היינטיקע נאַכט פארפאַלן געוואָרן, מע ווייסט נישט, ווו איר געביין איז אהינגעקומען...

ווי א באָמבע איז געווען די דאָזיקע בשורה פאַר די ראָפּאַלאָוויטשעס, און די גאַנצע משפּחה איז געבליבן זיצן ביים טיש, איבערקוקנדיק זיך איינס מיט דאָס אנדערע. וואָס יעדער פון זיי האָט איבערגעטראַכט און דער מינוט — איז שווער צו ווייסן. איטלעכער באַזונדער האָט זיך באַהאַלטן זיינע געדאַנקען פאַר זיך. נאָר איין אלטע איז געוואָרן אַרויסצוזאָגן אַלצדינג, וואָס זי טראַכט, הויך אויף א קול, צושאָקלענדיק בעת מעשה מיטן קאָפּ:

— טוט נאָר א קוק אין טישקעסטל. איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז איך האָב געהאַרכט היינט אַרום האַלבע נאַכט עמעצן זיך פאָרען דאָרט און אין דער פּינצטער, בעת דער בחור (זי האָט באַוויזן אויף „ששון־ושמחהן") האָט געבראַפּעט אַזוי, אַז ער האָט געקאָנט אויפוועקן אַ טויטן...

אַלטע מענטשן האָבן אין זיך ווילדע געדאַנקען! וואָס הייסט „ששון־ושמחה" האָט געבראַפּעט? און אַז א פליג וועט דורכפליען, וועט ער נישט דערהערן — אַזאַ גרינגן שלאָף ווי ער האָט! ? — פונדעסטוועגן האָט זיך דער פאַרשלאָפענער קאָסיר געמוזט מטריח זיין פון אָרט, פאַוואָליע אָפּגעווישט די אייבערשטע גראָבע רייך באַוואָקסענע ליפּ מיט די שווארצע גלאַנצנדיקע הענט, ארויסבאַקומען מחילה פון דער הויזנקעשענע א גאַנצן בונט מיט שליסלעך, פאַוואָליע, נישט געבאַפּט, אויפגעעפנט דעם מיטלסטן שופלאָד פונעם דעמבענעם שרייבטיש, געגעבן א קוק אריין און געבליבן שטיין ווי געליימט. זיינע פאַרשלאָפענע באַנקוואַטע אויגן זענען לחלוטין פאַרגלעזערט געוואָרן, ער האָט נישט געקאָנט ארויסרעדן קיין חצי דבור. איז אים דער באַלעבאָס געקומען צו הילף:

— מירקע, גיב לשון! — האָט בעני אַ דונער געגעבן אויפן קאַסיר אַזוי, אַז „ששון־ושמחה“ איז פאַרציטערט געוואָרן און איז באַלד אַרויס מיט דער שפּראַך, אַ ביסעלע צוגעפּלאָנטערט מיט דער צונג און שטאַרק אונטער דער נאָז:

— אָט דאָ זענען געווען ביי מיר די שליסעלעך אַ גאַנצע נאַכט, איך הערט צי נייןֹ, אין דער הויזנקעשענע, נישט געקומען קיין שלאָף אויף מיינע אויגן, איך זאָלט זאָגן אַ שאָדן, הערט זשע, און אין שופלאָד איז איצט ליידיק, כאָטש שפּייט אָן, דאָס גאַנצע מזומן, איר הערט צי ניין, נישט אַ לעק!...

נאָך די דאָזיקע ווערטער האָט עמעצער ביים טיש אַרויסגעלאָזט אַ שטילן געשריי, אָנגעביגן זיך און אַנידערגעפאַלן חלשות.

דאָס איז געווען די קליינינקע, די שוואַכינקע, די שטילינקע ביילקע.

## קאַפּיטל דריי

# האָלענעשטי גייט כּאַדראָם

עס קאָכט האָלענעשטי. עס זידט. עס טוט זיך חושך. האָלענעשטי גייט כּאַ־דראָם.

אַ קלייניקייט — אין איין טאָג אַזויפיל נייעס! צוויי סקאַנדאַלן מיטאַמאָל! און נאָך וואָסערע סקאַנדאַלן! און עפּעס אַזוי מאָדנע צונויפגעשפּאַנט: דעם אָרע־מען חזנס מיידל מיטן גבירס יינגל — אַ ביסל אַ סמיכות הפּרשה!?...

און האָלענעשטי האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. קרעמער האָבן פאַר־מאַכט די קלייטן, מלמדים האָבן צעלאָזט די חדרים, אַרבעטער האָבן אַוועקגע־לייגט שער און אייזן, ווייבער האָבן איבערגעלאָזט זייערע אויוונס, און מען איז אַרויס אין שטאָט, צונויפגעקליבן זיך רעדלעכווייז און פאַרפּלייצט די גאַסן — עס האָט אויסגעזען עפּעס טאַקע נאָר ווי שבת בייטאָג. און עס זענען אַוועק מימרות מיט זאָגעכצן, מיט מעשיות און מעשיות, וואָס ס'איז אוממעגלעך דאָס אַלץ איבערצוגעבן אויף פּאַפּיר. וואָרעם אויף יעדער מעשה, וואָס איינער האָט דערציילט, האָט דער צווייטער געהאַט דריי אַנדערע מעשיות. האָט זיך אַריינ־געמישט אַ דריטער און האָט זיי אָפּגעהאַקט די פליגלען, אַז זיי זענען ביידע בהמות; זיי ווייסן נישט, ווער ס'האָט זיי געשלייערט. איז אָבער דער חסרון, וואָס ס'איז דאָ נאָך איינער, אַ פערטער, זאָגט ער, אַז דער דריטער ווייסט אויך מער פון אַ טויטן. אָט לאָזט אים, וועט ער אייך דערציילן אַ שיינס!

און עס גייט אַוועק אַ לאַנגע מעשה, אַפילו זייער אַ שיינע, נאָר געבויט אויף אייגענע סברות, על־פּי־פּשט און על־פּי־שכל. דער עולם אָבער, ווייזט אויס, איז מיט דעם נישט אינגאַנצן צופרידן. על־פּי־שכל איז דאָס טאַקע אַ שכל, נאָר וואָס

דען? עס ליגט זיך עפּעס נישט אויפֿן מוח... ביז עס כאַפּט זיך אַרויס נאָך איינער, דווקא אַ געלער און דווקא מיט בלייזע אויגן, און שלאָגט זיך ארויף אויף אַ שטיקל דרך און שטעלט אַוועק אַ קלאָץ־קשיא:

— הערט זשע, יידישע קינדער, וואָס איך וועל ביי אייך פרעגן: זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס איז עפּעס אויסגעקומען אונדזערע צוויי חברהלייט נעלם צו ווערן פּונקט נעכטן, שבתצונאַכטס, און דער זעלביקער נאַכט, ווען דאָס גאַנצע יידישע טעאַטער איז פֿון אונדז אָפּגעפֿאָרן?

— אם־כּן, איז וואָס לאָזט האָס מיך דאָ הערן?

— לאָזט דאָס מיך הערן — צי האָט דאָס נישט אַ שייכות מיטן יידישן טעאַטער און מיט די יידישע אַקטיאָרשטשיקעס?

— שטראָם־גראַם — מאַך מיר אַ האַרמידער!

דער עולם שיסט אויס אַ געלעכטער, און דער געלער מיט די בלייזע אויגן געפינט זיך ווי באַליידיקט:

— איר קאָנט אייך הירזשען צעזעצטערהייט. אז איר זענט אַזעלכע חכמים, ענטפערט מיר, איך וועל אייך פרעגן נאָך אַ קשיא: וואָס האָבן די אַקטיאָרשטשי־קעס געהאַט צו טאָן יענע וואָך ביי ישראלי דעם חזן? אפשר גלייבט איר מיר נישט, זייט זיך מטריח, טוט אַ פרעג דעם חזן אליין.

— אַט באַלד וועלן מיר אים גיין זאַלצן אויף די וונדן!

— רעדט זשע נישט קיין נאַרישקייטן און לאָזט אייך פירן אויף אַ וועג. איר בעסער פרעגט מיך, וועל איך אייך יאָ זאָגן, וואָס די אַקטיאָרשטשיקעס האָבן געטאָן ביי ישראלי דעם חזן. זיי זענען געוואָר געוואָרן, פאַרשטייט איר מיך, אז ישראלי דער חזן האָט אַ מיידל, און אַ שיין מיידל, וואָס קאָן שיין זינגען, און אַן אָרעמאַן איז ער דאָך, דער חזן הייסט עס, האָבן זיי אים פאָרגעלייגט, ער זאָל זי אָפּגעבן, דאָס מיידל הייסט עס, צו זיי אין טעאַטער, וועלן זיי פון איר מאַכן אַ לייט... יידן? ליגט זיך עס אייך אויפֿן טעם?

— לייגן לייגט זיך עס, וואָס זשע וועט איר אָבער טאָן מיט בעני ראַפּאַ־לאָוויטשעס זונדל?

— איז מיר פּאַקע שלעכט, עס ווערט מיר שיר דער קאָפּ צעשפּאָלטן טראַכטנדיק. זאָל איך קלערן, אז בעני ראַפּאַלאָוויטשעס בחורל, וואָס לערנט ביי ישראלי דעם חזן און הדר, איז אַ מחותן מיטן חזנס מיידל — ווי קומט אַזאַ שנעק צו אַזעלכע זאַכן?... זאָל איך זאָגן, אז דאָס מיידל האָט אים ארויס־געפירט אויף אַ גליטש מיטן הסכם פון אירע פּאָמער און מוטער — קענען מיר אַלע ישראלי דעם חזן, אז ער איז, דאַכט זיך, נישט אַזאַ מענטש. סיידן אפשר די חזנטע? איז דאָס שוין, זעט איר, דווקא אַ שטיקל גאַנג. אַ קשיא אויף אַ יידענע...

— שאַט, קינדער, גובערנאַטאָר יעדיעט! — האָט זיך אַרויסגעכאַפּט איינער אַ גראַמאָטיאַק, אָנווייזנדיק מיט דער האַנט אויפֿן פּריסטאַוו, וואָס איז דורכגעפֿלויגן פֿייל אויסן בויגן אויף אַ נייער סקריפּענדיקער נאַטאַטשאַנקע מיט אַ כּך גלעקעלעך און מיט אַ פּאָר ווייסע פֿערדלעך, וואָס דער עולם האָט זיי באַלד דערקענט, אַז דאָס זענען „ראַפּאַלאָוויטשעס סוסים“. אינאיינעם מיטן פּריסטאַוו איז געזעסן אויף דער נאַטאַטשאַנקע אַן איבערגעשראָקענער, אַ טויטער, יחיאל דער קלעזמער, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשפּילט ביי דער „חברה אַקטיאָרשטשיקעס“ אין טעאַטער.

אָט די נאַטאַטשאַנקע מיט בעני ראַפּאַלאָוויטשעס פֿערדלעך מיט יחיאל דעם קלעזמער האָבן מיטאַמאָל אויפֿגעהויבן די אַקציעס פֿונעם געלן יידן מיט די בלייזע אויגן אזוי הויך, אַז מע האָט נישט ווילנדיק אָנגעהויבן צורוקן זיך צו אים נענטער און נענטער און צוהערן זיך צו זיינע רייד, וואָס לייגן זיך סיי אויפֿן טעם, סיי אויפֿן שכל, און האָבן טאַקע אַ ממשות.

אַרויפֿגעשלאָגן זיך אויפֿן ריכטיקן וועג און געפֿונען איבעם יידישן טעאַטער דאָס אמתע שליסעלע צו דער דאָזיקער מאָדנער געשיכטע, לאָזן מיר איבער די האָלענעשטער יידן מיט זייערע מעשיות — לאָזן זיי זיך שאַרפֿן די מוחות — און מיר קערן זיך אום מיט אַ קורצער צייט צוריק, ווען דאָס יידישע טעאַטער איז נאָר וואָס געהאַט אַראָפּגעקומען קיין האָלענעשטי, — דאָס ערשטע מאָל זינט האָלענעשטי איז אַ שטאָט אין בעסאַראַביע — אַ גובערניע.

## קאַפּיטל פֿיר

# אַ פֿאַרשלעפּטע קרענק

נאָך מיט אַ וואָך פֿריער האָט מען אונטערגערעדט אין האָלענעשטי, אַז עס קומט צו פֿאָרן אַ יידיש טעאַטער, נאָר קיינער האָט זיך נישט געריכט, אַז ס'זאָל זיך אין האָלענעשטי אַזוי אָננעמען. „ווייס איך, — האָבן געשמועסט האָלענעשטער יידן, — אויך מיר אַ זאַך — אַקטיאָרשטשיקעס, קאָמעדיאַנטן, ווער דאַרף זיי?...“

מע קאָן נישט זאָגן, אַז האָלענעשטער יידן זאָלן זיין אַזוי צעבאַלעוועט, אויסגעוואַקסן אויף טעאַטער. אַדרבא, מע דאַרף זיך מודה זיין, אַז זיי האָבן קיין טעאַטער, אייגנטלעך, נאָך קיינמאָל נישט געזען אין די אויגן און ווייסן אפילו נישט מיט וואָס מען עסט דאָס. נאָר צוריקשמועסנדיק, ווו שטייט דאָס געשריבן, אַז מע דאַרף אַלצדינג טאַקע אַליין זען מיט די אויגן? און צו וואָס האָט גאָט געגעבן אַ מענטשן שכל? אַ ייד פֿאַרשטייט, דאַנקען גאָט, גרעסערע זאַכן. אַ ייד איז נישט אַ גוי...

איינמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז אַראָפּגעקומען קיין האָלענעשטי עפּעס איינער אַ פּאַרשוין, אָנגעטאָן אין אַ געל־רויטלעכן־טונקל־גרין־בלוילעכן פּאַליטאַ, מיט אַן אָפּגעבאַרעטן קאַפּעליושל אויפן קאָפּ און מיט אַ צעטרענטן טשעמאָדאַן אין די הענט און האָט זיך אַרויסגעגעבן, אַז ער איז דאָס געקומען אַהער אָפּדינגען דאָס טעאַטער. איז מען זיך צוגויפגעלאָפן אויף חידושים. דאָס הייסט, נישט מחמת דער פּאַרשוין אַליין איז געווען אַזאַ חידוש, — דאָס איז אחוץ אַ מעשה, — נאָר גלאַט, מען איז געווען טשעקאַווע זען, וואָס וועט ער טאָן?

דער פּאַרשוין, אַ נידעריקער, מיט אַ געגאָלט פּנים פון אויבן ביז אַראָפּ, האָט אַ קוק געטאָן מיט אַ פּאָר ממזרישע אויגן אויף דער שטאָט האָלענעשטי און אויף אירע יידן, און האָט אַ זאָג געטאָן צום עולם מיט אַ מאָדנער הייזעריקער שטימע, און דאָס אָפּגעבאַרעטע קאַפּעליושל האָט אים געגעבן אַ פּאָר אַרויף און אַראָפּ:

— אַפּנים, ווי איך זע אַרויס, האָט דאָ ביי אייך אָדם הראשון נאָך קיינמאָל קיין שבת נישט געהאַלטן?

דאַכט זיך, וואָס איז דאָ פאַראַן אַזעלכעס? עטלעכע געוויינטלעכע יידישע ווערטער. אַיאָ? האָט איר באַדאַרפט אָנקוקן, וואָס די עטלעכע ווערטער האָבן אָנגעמאַכט. עס האָט אַ כאַפּ געטאָן איטלעכן באַזונדער ביים בויך, טאַקע נאָר ווי מיט צוואַנגען, און דער עולם האָט אויסגעשאָסן אַ געלעכטער. דער פּאַרשוין האָט זיך תחילת ווי דערשראָקן פאַר די האָלענעשטער יידן, האָט אָפּגעשוויגן אַ ווײַלע, געקוקט אויף זיי, ווי אויף משוגעים, און געלאָזט, זיי זאָלן זיך אַ ביסל אויסלאַכן. און אַז זיי האָבן זיך גוט אָנגעלאַכט, האָט ער זיך דערמאָנט אָנגערופן צו זיי שוין גאַנץ ערנסט, מחמת ער האָט שוין לאַנג געפילט, נאָך פאַרנדיק אין וועג, אַז דער מאָגן איז אים ליידיק און עס חלשט אים אונטערן טלית־קטן.

— זאָגט מיר, מיינע ליבע יידן, ווייסט איר נישט, ווו קאָן מען דאָ שטילן דעם הונגער?

דאַכט זיך, ווידער גאַנץ געוויינטלעכע ווערטער. נאָר ווי ער האָט זיי אַרויסגערעדט, איז געוואָרן צווישן עולם אַזאַ געלעכטער, אַז ממש מע האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן. דאָס האָט שוין דעם פּאַרשוין אַ ביסל פאַרדראָסן, און ער רופט זיך אָן צו זיי נאָך ערנסטער ווי פריער:

— איך מיין דאָ נישט קיין חכמות; איך מיין פּשוט — עפּעס נעמען אין פּיסק אַריין.

מער האָט מען נישט באַדאַרפט. פון די לעצטע ווערטער האָט דער עולם באַקומען נישט אַנדערש ווי אַ מין קראַמף אין בויך פאַר געלעכטער.

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט שוין גאַנץ האָלענעשטי איבערגעחזרט די דאָזיקע ווערטער: „ע פּ ע ס נ ע מ ע ן א י ן פּ י ס ק אַ ר י י ן“ — כאַ־כאַ־כאַ! ...

— אַ פאַרשלעפּטע קרענק! — האָט דער עולם געזאָגט און געווישט זיך די טרערן, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר געלעכטער. — אַ מאָדנע פאַרשלעפּטע קרענק מיט אַ מאָדנעם פאַלימאַ, מיט אַ מאָדנעם קאַפּעליושל און מיט אַ מאָדנע לשון, מע קאָן אויסגיין פאַר געלעכטער!...

און די „פאַרשלעפּטע קרענק" האָט אַזוי לאַנג געזוכט, ביז ער האָט זיך אָפּגעזוכט זיינס. אַן אַכסניא אַפילו נישט אַזאַ געהויבענע, נאָר אין גלייכן געלט...

זיך באַקאַנט מיט אַ קערטשער הערינג און פאַרטרונקען מיט אַ בעסאַראַבער גלאָז ווייַן, האָט אונדזער פאַרשוין גאַנץ פיין פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס, זיך צעווערטלט מיט דער באַלעבאָסטע, אַ שוואַרצהנעוודיק ווייבל, וואָס מע רופט זי נעכע, געוואָלט וויסן, צי זי האָט אַ מאַן, צי זי איז אַן אלמנה, אָדער גאָר אַ גרושה, צי גלאַט אַ ווייבל? נאָר נעכען האָט זייער געשטיקט אויף צו לאַכן, האָט זי זיך אויסגעדרייט פונעם שלימזל, און דער שלימזל האָט גענומען דאָס שטעקל, אָנגערוקט דאָס אָפּגעבאַרעטע קאַפּעליושל אויפן שטערן, אַריינגעלייגט די הענט אין די קעשענעס און געלאָזט זיך איבער דער שטאָט שפּאַצירן, און אין איינעם טאַקע אויסקוקן עפּעס אַן אָנשטענדיק פּלאַץ אויף אַ טעאַטער.

געגאַנגען איז ער נישט אליין. אים האָבן באַגלייט אַ גאַנצע כאַליאַסטרע ווייסע חברהניקעס, באָרוועסע, נאָר גרויסע ליבהאָבער פון יידישן טעאַטער. פיס־טריט זענען זיי אים נאָכגעגאַנגען, ביז ער איז געקומען צו אַ הויף. דאָ האָט ער דערזען אַ ליידיקע סטאָדאָלע, אַ שטאַל אַ מוראַדיקע, אַ ברייטע, מיט אַן אייזערנעם דאַך:

— אָט די סטאָדאָלע האָט גאָט באַשאַפן מששת ימי בראשית פאַר אַ יידישן טעאַטער! — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיך אליין און איז אריין אין הויף אריין.

דאָס איז געווען בעני ראַפּאַלאָוויטשעס הויף מיט בעני ראַפּאַלאָוויטשעס סטאָדאָלע.

## קאַפּיטל פינף

# אַ פּאָר בריוולעך

האָלענעשטי האָט נישט באַדאַרפט לאַנג וואַרטן אויפן יידישן טעאַטער. ווײַבאַלד נאָר די „פאַרשלעפּטע קרענק" איז דורכגעקומען מיט בעני ראַפּאַלאָוויטשן פאַר דער סטאָדאָלע, אויסגעגלייכט זיך מיטן פּרייז, אַזוי האָט ער אַוועקגעשריבן צו זיינע לייט אַ בריוו, וואָס מיר גיבן אים דאָ איבער פּינקטלעך, וואָרט אין וואָרט, מיט דעם זעלבן לשון, ווי ער איז געשריבן געוואָרן:

„ליבער פריינד אַלבערט ער שרייב דיר אַ בריף און קום דיר צו מעלדן

אַז עך בין אין האָלענעשטי אין בעסאַראַביע אַ שטעטל גרויס ווי אַ גענייץ

און מענטשן כאַיעס וואָס פרעסן מאַמעליגע און זליאַקן ווין אַזוי ווי וואַ־

סער נאָר „מאָישע“ וועט גיין אין טיאַטער אַז דער ריך וועט זיי נעמען און אַ טיאַטער האָב עך אָפּגעדונגען מעג ער שטיין אין לאָנדאָן אין אַ בינע באָטש פאָר זער דאָרך מיט אַ שליטן און געדעקט מיט אייזן אַ קרענק וועט אהין קומען נישט קיין רעגן דער ווירט פון טיאטער הייסט בעני אָנגעשטאָפּט מיט געלט ווי אַ זאַק מיט פּאָלאָווע פונדעסטוועגן איז ער אַ באַלן געווען דער דאָווראַכער אויף אַז אויפגאָב האָב עך אים געזאָקט ער זאָל דאַרן וואָרום עס דאַרף מיר אָנקומען די טעג קאַדאָבעס מיט דער פּאָטשט און אַ סטאַנציע האָב עך דערטאַפּט דאַפּקע אַ נישקאָשעדיקע און אַ באַלעבאָסטע אַ מעזוזעלע עס און טרינקן און לאָז דיר וואָהל באַקומען און קרעדיט וויפל דו ווילסט אַלקיין זיי נישט קיין אידיאָט מאַך קיין לאַנגע שיעס שיק אַרויס באַלד דעקאָראַציעס מיט אַפּישן און פּערוען וואָס דו האָסט און קום צופאָרן מיט גאַנצן כיידער לימאַנישעס נישט פאַרציען אין דער לאַנגער באַנק וואָרום עס גייט צו די דריי וואָכן מיט די נייַן טעג וועט מען פייגערן פאַר הונגער און אַ ראַזרעשעניע איז דאָ צוקריגן אַזוי גרינג ווי ביי האָצמאַכן אַ ראָסלפּליישל אויפן ניכטערן האַרצן זאָלסט אים לאָזן גרוסן האָצמאַכן פון מיינעטוועגן אַ ריך אים אין טאַטן און גיי זיך דאָרך ליובעניו צו מיר אויף דער קוואַטיר דאָרט האָב עך פאַרגעסן אונטערן בעט מיינע מעשטעס מיט אַ פּאָר צעגזוירירטע פיעסן און שיק מיר אַרויס אַפּישן לימאַנישעס וואָס פריער און זיי נאָר נישט מעשיגע וואָס איך קלאַפּ דיר נישט קיין דעפּעש וויל איך פאַרמאָג נישט מער ווי אָפּגעבאַרעטע צוואָנציק קאָפּיקעס מיט אַ לעכל פון מיר דיין פריינד וואָס גריסט אייך יעדן בעזונ־דער גאָר פריינדלעך

שאָלעם מייער מוראַווטשיק“.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט דער דאָזיקער שלום־מאיר מוראַווטשיק באַקו־מען תשובה — אזא מין בריוו:

„אָכגעשעצטער פריינד שאָלעם מייער מיטן קאָפּ זאָלסט דו אָנלעגן וואָס אָט דיר געטויגט כאַפּן ביי ברייגדעלע קאָזאַק פּופּצן קאַרבן און זאָגן אַז ס'איז אויף מיין רעכענונג וואָסערע כעשבוינעס אָב עך מאַמדזער מיט בריינ־דעלע קאָזאַק די גאַנצע טרופּע אָבן זי ליב ווי אויגנווייטיק פאר איר ציטערן וואָס זי ציטערט איבער א גראָשן און פאר איר פראַטן וואָס זי פראַטעט און וואָס דו שרייבסט וועגן דעקאָראַציעס פארשטיי עך נישט אָדער דו מאכסט זיך געפּייגערט אָדער דו ביזט טאַקע אַ בעהיימע מיר דאַכט אַז דו ווייסט גאַנץ גוט אַז די דעקאָראַציעס זענען שוין לאַנג פאַרזעצט ווו אָב עך געלט אויף אויסצוקויפן אז קיין ראַזרעשעניע וויל מען דאָ מער נישט געבן פאר קיין מיליון און מיין ביסל גאָלד און באַרליאַנטן וועל איך צוליב פרעמדע קישקעס נישט פארטאַבטאָרן ס'איז מיר נישט אזוי גרינג אָנגעקומען סיידן

זיי וועלן אונטערשרייבן קאָנטראַקטן בעראָכל ביטכאָ אַנאַקעטע און נישט דערמאָנען מער פון קיין מאַרקעס און פון קיין כאַלאָקים נאָ דיר גאָר קאָמפּאַניאָנען אָצמאַר אויך א קאָמפּאַניאָן צו מיר און טיאַטער נישט דעראַרן וועט אָצמאַר ער זאָל מיך מיט אים טיילן אויף דער האַלב כאַטש זיי סטראַשען מער אז זיי מאַכן א באַזונדער קאָמפּאַניע לאָזן זיי מאַכן מיט די זייטן ער אָב זיי אין דער ערד ער שיק דיר אפּישן און נעם ארויס באַלד א ראַזורעשעניע אויף אַכט סעפּעקטאַקלען מיט א בענעפיס און וואָס שרייבסט דו מיר גאַנעף איסנאַצלעס אז דו פאַרמאָגסט אָפּגעריבענע צוואַנציק קאָפּי־קעס מיט אַ לעבל ביסט נישט קראַנק פאַרזעצן דעם זייגער אַזוי ווי ער איטלעכער איז א באַלן אויף מיר אַלע אויף מיינע פּלייצעס אַלע ווילן ערשטע ראָלן און קומט צו עפּעס איז נישטאָ קיינער אין דער איים היצט מאַך ער דאָס די לעצטע פּראָבע וועט מיר בעסאַראַביע אָפּגעראָטן איז גוט עלע נישט שלאָגט אייך קאָפּ אָן וואַנט און ער קאָן כאַשמיין זיך דורכפּאָרן גאָר קיין רומעניע און צוגויפּשטעלן דאָרט א ביידער אז נאָט און לייט זאָלן זיך פרייען און טאַקע פּמיר ווערן אין איין וועגס פון מיין פּריטשעפּע די כאָליערע און דערווייל גרייט צו דאָרטן אלסדינג וואָס מע דאַרף נאָר מאַך נישט קיין גרויסע אויסגאַבן דאָרטן היט די קעשענע מיר קומען צו פאָרן אלע מירטשעס אויף שאָבעס און שאָבעס צו נאַכטס מאַכן מיר פּראָבן און זונטאָג שטעלן מיר זיך שפּילן און זיי וויסן אז דיינע מעשטעם מיט די צענזורירטע פּיעסן ליגן שוין לאַנג אויפן מיסט מיט אָכאַכטענג און גליקווינשענד דיין פריינד דירעקטאָר

אלבערט שטשופּאַק".

## קאַפּיטל זעקס

# דאָס האָלענעשטער פּובליקום

שיכורים, וואָס האָבן שוין לאַנג נישט פאַרזוכט דעם ביטערן טראָפּן, הונגע־ריקע, וואָס האָבן שוין לאַנג אין מויל נישט געהאַט, דאַרפן זיך נישט ארויפוואַרפן אויף טרינקען און עסן מיט אַזאַ יצר־הרע, ווי די האָלענעשטער האָבן זיך אַרויס־געוואָרפן אויפן יידישן טעאַטער.

צו דער ערשטער פאָרשטעלונג איז נישט נאָר ראַפּאַלאָוויטשעס הויף געווען באַלאַגערט מיט מענטשן—די גאַנצע גאַס איז געווען אַן עפּל נישט דורכצוּוואַרפן. מען איז געווען זייער נייגעריק א קוק צו טאָן אויפן טעאַטער כאָטש פון דרויסן. אויף אריינטרעטן אינעווייניק זענען געווען שוין ווינציקער בעלנים, איבער א סך טעמים: ערשטנס, דאַרף עס, זאָגט מען, קאָסטן געלט, און געלט איז אין האָלע־נעשטי א זעלטענער ארטיקל. צווייטנס, נישט איטלעכער קאָן זיך דערלויבן צו גיין

אין טעאַטער אַריין. דאָס פּאַסט פאַר יונגע ווייבלעך, בחורים און מיידלעך, אָבער נישט פאַר אָנשטענדיקע מענטשן, יידן מיט בערד, וואָס האָבן שוין אפשר דערוואַקסענע טעכטער אויף חתונה צו מאַכן. איז דאָך אָבער פאַראַן אַ יצר־הרע, נישט געדאַכט זאָל ער ווערן, רוימט ער איין אַ סוד אין אויער: „וואָס וועט אייך אַרן, רב ייד, אַז איר וועט אַ קוק טאָן פונדערווייטן דורך אַ שפּאַרינקעלע כאָטש און וועט זען, ווי מע שפּילט יידיש טעאַטער?...“

אַזעלכע בעלנים אויף אַ קוק טאָן דורך אַ שפּאַרינקעלע האָבן זיך אָבער צונויפגעקליבן אין האָלענעשטי שוין אַ ביסל צופיל, אַזוי פיל, אַז די אַדמיניסטראַציע פונעם טעאַטער האָט געמוזט פון דער ערשטער נאַכט אָנווענדן דערצו אַן עקסטרע מיטל פון „וזרקתי“. דאָס איז אַזאַ מין מאַשינע, וואָס טוט אַ שפּריץ אָפּ דעם עולם מיט קאַלט וואַסער, ווירקט דאָס אויסגעצייכנט, טויזנט מאָל בעסער פון די בעסטע פּאָליציע. ס'איז גוט און סע קאָסט וואָלוול.

צוגעקלערט האָט דאָס מיטל פון „וזרקתי“ אונדזער גוטער באַקאַנטער, שלום־מאיר מוראַווטשיק, די „פאַרשלעפּטע קרענק“.

וואָס איז, אייגנטלעך, אָט דער שלום־מאיר מוראַווטשיק אין טעאַטער — האָבן מיר שוין געזאָגט. ער איז גאָרנישט און ער איז אַלצדינג. ער איז בוכהאַלטער, און קאַסירער, און קאָנטראָלער, און אַ בילעטיאָר, און צייטנווייז אַ סופלער, און אַמאָל, אַז עס פעלט אויס אַן אַקטיאָר, איז ער אַן אַקטיאָר אויך. מע זאָל זאָגן אויף אים, אַז ער איז אַ גרויסער אַרטיסט — קאָן מען נישט. עס וועט נישט זיין קיין אמת. דערפאַר איז ער אָבער אַן ערלעכער „מענטש“, איבערגעגעבן דעם דירעקטאָר און דינט אים געטריי, ווי אַ הונט. דער דירעקטאָר, אַלבערט שטשופּאַק, מיט וועלכן מיר וועלן זיך אינגיכן באַקענען נענטער, ווייסט דאָס גאַנץ גוט, און דעריבער טאַקע פאַרשטופּט ער מיט אים אַלע לעכער, און אומעטום, ווו מע מוט זיך אַ ריר, איז שלום־מאיר און שלום־מאיר. ביי אַריינגעלאָזן ווערן אין טעאַטער אַריין אָן געלט, מיט אַ קאָנטראָמאַרקע, איז אויך שלום־מאיר. און אַזעלכע מיוחסים מיט קאָנטראָמאַרקעס זענען אין האָלענעשטי, קיין עין־הרע, דאָ אַ סך.

ראשית חכמה — בעני ראַפּאַלאָוויטשעס הויז. אַ פאַרשוין עטלעכע און צוואַנציק. בעני איז טאַקע אַ ייד אַן עושר און איז אפשר נישט קליין צו צאָלן. איז ער אָבער אויך גערעכט: וואָס הייסט ער וועט צאָלן געלט פאַר אַריינגיין אין זיין אייגענער סטאָדאָלע?

די ערשטע נאַכט, אַז עס האָט זיך איינגעעפנט דאָס טעאַטער, האָבן די ראַפּאַלאָוויטשעס אַריינגעמאַרשירט מיט דער גאַנצער כאַליאַסטרע, מיטן קאַסיר דעם קרוב, מיט דער אַם און מיט די איבעריקע „מענטשן“, און האָבן פאַרנומען דעם גאַנצן אויבנאָן, די ערשטע צוויי רייען בענק. איז צוגעגאַנגען צו זיי שלום־מאיר און געוואָלט מאַכן אַ שמועס מכוח בילעטן. האָט אים בעני תחילת גאָר אפילו נישט געוואָלט ענטפערן. האָט אים שלום־מאיר מיט זיין הייזעריקער

שטימע געגעבן אָנצוהערעניש, אַז זיי האָבן פאַרנומען אַלע בעסטע ערטער. האָט בעני ערשט דעמלט אים געשענקט אַ קוק מיט איין אויג און אַ זאָג געטאָן אויף זיין לשון סגי=נהור, פאַרשמייעלט:

— טראָג אוועק פון דאַנען, פאַרשלעפּטע קרענק, דיינע קורצע כּאָדוליעס, וואָרעם אָט כאַפּסטו אַ שמיר איבער דעם אָפּגעשאָבענעם לאָקשנברעט, אָדער איך וועל הייסן די קלאַפּערס זאָלן דיך געמען צו דער אַרבעט, וועט פון דיר ווערן אַ מאַמעליגע...

נאָך אַזאַ מין מענה=לשון האָט שלום=מאיר פאַרשטאַנען, אַז דאָ וועט מען קיין געלט נישט לייזן, ס'איז אַן עבירה די טרחה, און די צייט שטייט נישט. דאָס טעאַטער איז אָפן און דאָס פּובליקום גייט און גייט, און צום מיינסטן — אויף קאָנטראָמאַרקעס. יחיאל דער קלעזמער אַליין האָט אויסגענוצט אַ היפּש ביסל קאָנטראָמאַרקעס. שלום=מאיר האָט זיך גאָר נישט גערעכנט, אַז אַ קלעזמער זאָל האָבן, קיין עין=הרע, אַזאַ משפּחה! הייסט ווו זענען די איבעריקע קלעזמאָרים? וווּ איז אַ פאַבריקמאַכער? וווּ איז אַ סטאָליער? אַ שמיד? אַ שניידער? אַ שוסטער? אַלע אַרבעטן אַרום טעאַטער און אַלע האָבן, ברוך השם, ווייב און קינדער און אַלעמען קומט קאָנטראָמאַרקעס. הייסט ווו איז עפּעס די באַלעבאָסטע פון דער סטאַנציע, וואָס שלום=מאיר האָט זי אָנגערופן „מזוזהלע“? וואָס איז זי שולדיק, אַז זי האָט צוויי יינגערע שוועסטערלעך מיט אַן אַלטער מאַמע, אַ טויבע אַזוי ווי די וואַנט? לא די זי האַלט זיי אויס מיט ברויט, זאָל זי נאָך צאָלן געלט פאַר זיי אין טעאַטער? ס'איז טאַקע אַ יושר? צי אַ שמייגער, שמעון=דוד דער באַלעגאָלע און חיים=בער דער טרעגער, וואָס האָבן געהאָלפן אַראָפּפירן די דעקאָראַציעס פון דער באַן? זייער נשמה איז פון קלאָטשע?... דער דירעקטאָר, אַלבערט שטשופאַק, ביים אויסטיילן די קאָנטראָמאַרקעס, מעג זיך זיין משוגע, קריצן מיט די ציין, שמיצן זיך און וואַרפן זיך, ער מעג אַפילו אינגאַנצן איינגעמען אַ מיתה=משונה — שלום=מאיר הערט אים, ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי. ווען מע דאַרף געבן קאָנטראָמאַרקעס, וועט מען געבן, און ווער עס וועט דאַרפן אַזוי אַריינגיין אין טעאַטער, וועט ער אַריין.

מע קאָן זיך מיט אַ פּובליקום נישט קריגן.

## קאַפּיטל זיבן

# אויגן

לאָז דער לעזער נאָר נישט לעבן אין טעות און נישט מיינען, אַז דאָס גאַנצע האָלעשעטער פּובליקום באַשטייט דורכויס פון „קאָנטראָמאַרקעס“. ס'איז דאָ אַזעלכע, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן דאָס לעצטע פאַרהאָרעוועטע קערבל, פאַרזעצט

א משלון, אָדער אזוי געכאַפּט אויף א פּאָר טעג א גמילות־חסד ביי א גוטן פריינד און געקויפט בילעטן פאר זייערע קינדער.

יידיש טעאַטער — וויאַזוי לאָזט מען נישט א קינד אין יידיש טעאַטער אַריין? ס'איז דען פאַראַן אַנדערע פאַרגעניגנס אין האָלענעשטי? יאָ, וואָס זשע טוט מען אָבער, אז ס'איז פאָרט נישטאָ קיין געלט, און כאַפּן איז נישטאָ ווו, און דאָס קינד בעט זיך, גייט אוים, חלשט אין טעאַטער אריין, ממש כלות הנפש?

למשל, לאָמיר נעמען ישראלי דעם חזנס טאָכטער, רייזל. מיט וואָס איז זי ערגער פון אַנדערע מיידלעך? מע דאַרף האָבן א הארץ פון א טאָטער, מע זאָל קיין רחמנות נישט האָבן אויף אזא קינד, ווי רייזל איז. ובפרט נאָך, אז רייזל איז א בת־יחידה ביי אירע פאָטער און מוטער, וואָס וואָלטן ביידע געגאַנגען צען מייל צופוס, זיי זאָלן נאָר וויסן, אז זיי וועלן קריגן דאָס, וואָס דאָס קינד דאַרף האָבן. איז אָבער, מעשה שטן, פונקט אין יענער צייט, ווען דאָס טעאַטער האָט זיך באַדאַרפט עפענען, נישט געווען ווו צו קריגן קיין קאָפּיקע פאר ישראלי דעם חזן... נישט פון חזנות, נישט פאר שכר־לימוד. עפּעס טאַקע נאָר ווי פונעם שטיין! לאה די חזנטע האָט זיך נעבעך געוואָרפן אויף אַלע זייטן. נישטאָ — כאָטש צי זיך אוים! לאָזן בייזע מיילער רעדן וויפל זיי ווילן. זיי זאָגן, אז לאה די חזנטע באַלעוועט איר טאָכטער שוין צופיל. אז לאה האָדעוועט זי מיט צוקערקעלעך, קויפט איר נגידישע שיך...

— נו, טאַקע, לאָזן זיי פריער פּרוּוון האָבן א בת־יחידה, אזוי ווי איך, און אזא געראָטענע בת־יחידה, ווי מיין רייזל איז — מיר זאָל זיין פאר איר פּנים — וועלן זיי נאָכדעם רעדן פון שיך און פון צוקערקעלעך. האָסטו געזען אביסל!...

אזוי האָט זיך אויסגעטענהט מיט זיך אַליין לאה די חזנטע און איז געפאַלן אויף אן עצה (וואָס טוט נישט א מאַמע צוליב א קינד?): אזוי ווי ביי איר מאַן לערנט דעם נגידס זונדל, לייבל, און אזוי ווי די גאַנצע התונה איז ביי בעני ראַפּאַלאָוויטשן אין הויף — איז דאָך עס, ווי מע זאָגט, א כשרער טאָפּ מיט א כשרן לעפל, האָט זי זיך פריער געפּרוּווט שיסן דורכן מאַן, אז ישראלי זאָל זאָגן לייבלען, אז לייבל זאָל זאָגן דער מאַמען, אז די מאַמע זאָל זאָגן דעם טאַטן, אז מע זאָל הייסן, מע זאָל איר טאָכטער אריינלאָזן אומזיסט אין טעאַטער אריין.

איז אָבער דער פּלאַן נישט אָפּגעראָטן. ישראלי דער חזן, געגוג, וואָס ער איז אַן אָרעמאַן, איז ער נאָך צו די צרות א גדלן אויך. סע שטייט אים נישט אָן, זאָגט ער, זיין א בעטלער און בעטלען ביי זיינע תלמידים. האָט לאה אָפּגעווישט די ליפּן און האָט דערטאַפּט בעני ראַפּאַלאָוויטשעס זונדל אין א ווינקעלע און מאַכט צו אים אזוי:

— לייבל, איך האָב צו דיר א בקשה.

א בקשה?... לייבל איז געבליבן שטיין: צו אים? צו לייבלען? א בקשה?... אויסגעהערט פון לאהן די בקשה, זענען לייבלס שטענדיק רויטע בעקלעך נאָך

מער רוים געוואָרן און ער האָט איר צוגעזאָגט, אז ער וועט געווים רעדן מיט דער מאַמען, אז די מאַמע זאָל רעדן מיטן טאַטן, אז דער טאַטע זאָל רעדן מיט דער מאַמען, אז די מאַמע זאָל רעדן מיטן טאַטן — טפו! לייבל האָט זיך פארפּלאָנ־טעט. בקיצור, עס וועט שוין זיין רעכט.

אין לייבלס גרויסע, שיינע, ווייכע, מילדע אויגן בעת־מעשה האָבן זיך באַ־געגנט מיט רייזלס שווארצע ציגיינער־אויגן, וואָס האָבן געגלימ, געקוקט אויף אים פונדערווייטן מיט דאַנק און מיט פרייד. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אז אירע אויגן רעדן. זיי זאָגן אים: „דו ביסט א ווילער בחור. דו, אז דו וועסט נאָר וועלן, איך זאָל זיין אין טעאַטער, וועל איך שוין זיין. איך וויים עס"...

האָט ער אראָפּגעלאָזט די אויגן.

און דעם זעלבן טאָג, נאָכן ווארעמס, האָט לייבל געבראַכט אין הדר אריין די גוטע ידיעה, אז ער האָט שוין גערעדט מיט דער מאַמען, און די מאַמע האָט שוין גערעדט מיטן טאַטן, און דער טאַטע האָט געזאָגט, אז לאָז זי קומען (רייזל הייסט עס) היינט פארנאַכט צו זיי אהיים, וועט זי מיט זיי אלעמען אריינגיין אין טעאַטער אריין.

דערהערט די דאָזיקע ווערטער, האָט זיך רייזלס שוואַרצהנעוודיק ציגיינער־פּנים פאררויטלט און אירע מאַט־שווארצע ציגיינער־אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן. זי האָט ארומגעכאַפּט די מאַמע קושן. נאָכדעם האָט זי אָנגעהויבן זינגען און טאַנצן און דרייען זיך און געוואָלט כאַפּן די מאַמע אויך טאַנצן און דרייען. האָט איר לאה געזאָגט מיט א געלעכטער:

— ביסט משוגע געוואָרן, מיינע שונאים? נעם בעסער, צוואָג דיך אוים, טו זיך אָן, וועל איך דיר פארפלעכטן די האָר, דו קומסט דאָך צווישן מענטשן, האָסטו געזען אביסל!...

פארנאַכט האָט זי לאה אליין אָפּגעפירט צו די ראַפּאַלאָוויטשעס אין שטוב אריין, איבערגעגעבן אויף בײלקע ראַפּאַלאָוויטשעס הענט און געבעטן, זי זאָל אויף איר אַכטונג געבן.

— איר דאַרפט וויסן, אז זי איז ביי מיר א בת־יחידה, איינאונאיינציקע הייסט עס.

ביילקע האָט באַטראַכט דעם חזנס מיידל מיט די שווארצע ציגיינערישע אויגן. ווייזט אוים, זי איז איר געפעלן געוואָרן.

— האָט קיין יסורים נישט, — האָט זי געזאָגט צו דער חזנטע, — זייט זיכער, אזוי ווי אן אייגן קינד.

און די חזנטע איז אוועקגעגאַנגען אהיים.

נישט גוט האָט זיך דעם חזנס מיידל געפילט ביי בעני ראַפּאַלאָוויטשן אין דעם רייכן הויז צווישן דער „כאַליאַסטרע". נישט גוט דערפאַר, וואָס אלע האָבן זי „געגעסן מיט די אויגן". דאָס הויז אליין איז איר אפילו זייער געפעלן. די

מענטשן אויך. נאָר אָט דאָס קוקן, וואָס עס קוקן אויף איר אַזויפיל אויגן! יעדן באַזונדער גיי ענטפער: „וויאַזוי רופט מען זי?“ „וויפל איז זי אַלט?“ „קאָן זי שוין דאַווענען, לייענען, שרייבן?“...

רייזל האָט זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט אַזאַ שטוב, אַזאַ גרויסע שטוב און אַזאַ שיינע שטוב, מיט אַזויפיל חדרים, בעטלעך, טישלעך, בענקלעך, שפיגלען און צאַצקעס. הייַנט דער טיש מיט אַזויפיל גלעזער און גלעזלעך און שעלעכלעך און לעפעלעך און אויבסן אַלערליי און אייַנגעמאַכטס, אָן אַ שיעור אייַנגעמאַכטס! און דער געפילדער, וואָס דאָ איז אַרום טיש, מיט די געשרייען, מיט דער פרייַלעכקייט, מיט די געלעכטערן — אָט דאָס הייסט אַ נגידישע, אַ גבירישע שטוב?!...

רייזל האָט געוווסט, אַז לייבל, וואָס לערנט ביי איר טאַטער אין חדר, איז אַ נגידס אַ ייִנגל, אַז זייַנע טאַטע-מאַמע זענען גבירים, די גרעסטע גבירים אין שטאָט. נאָר וואָס הייסט דאָס, אייגנטלעך, „נגיד“? וואָס איז דער פשט „גביר“? — דאָס האָט זי נאָך נישט רעכט פאַרשטאַנען. אַז אַ נגיד איז אַ גוטע זאַך און אַ קבצן איז אַ שלעכטע זאַך — דאָס האָט זי געהערט פון איר מאַמען טויזנטער-טויזנטער מאָל. „דעם דלות פאַרזעצן און אַ נגיד זאָל מען זיין“... „דער נגיד האָט מזל“... „דעם נגיד איז גוט אפילו אויף יענער וועלט“... אָט דאָס הערט זי פון דער מאַמען פון קינדהוייז אָן כמעט אַלע טאָג. נאָר דעם טעם דערפון האָט זי ערשטע דערפילט, זיצנדיק אָט דאָ הייַנט ביי דעם דאָזיקן גרויסן, רייַכן, געדעקטן, פרייַלעכן טיש. און עס האָט זיך איר נאָך קיינמאָל נישט אַזוי שטאַרק געוואָלט זיין רייַך, ווי אין דער מינוט, און אַ געפיל פון קנאה — אַ ניי געפיל — האָט זיך אַרייַנגעגנבעט צו איר צום ערשטן מאָל אין האַרצן אַריין. און אירע שוואַרצע גליענדיקע ציגייַנער-אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט נאָך אַ פּאָר אויגן, באַקאַנטע, גרויסע, שיינע, ווייכע, מילדע אויגן, וואָס האָבן געקוקט אויף איר שעמעוודיק, נאָר וואַרעם און פריינדלעך. און עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז די אויגן רעדן צו איר. זיי זאָגן איר: „עס געפעלט דיר ביי אונדז? מיר טוט הנאה, וואָס סע געפעלט דיר. מיר טוט הנאה, אַז דיר איז גוט“... עס האָט זיך איר אַ ריר געטאָן דאָס האַרץ, ס׳איז איר געוואָרן מיטאַמאָל וואַרעם, הייס, און זי האָט דערפילט, אַז עס ברענט איר דאָס פּנים.

האָט זי אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

## קאַפּיטל אַכט

# עס הייבט זיך אויף דער פאָרהאַנג

פרי האָט זיך דאָס האַלבנעשטער פּובליקום צונויפגעקליבן צו דער ערשטער פאָרשטעלונג און אָנגעפילט דאָס טעאַטער. מע האָט מורא געהאַט, אַ קשיא אויף אַ מעשה, טאָמער וועט מען חלילה פאַרשפּעטיקן. קאָפּ אויף קאָפּ איז מען גע-

שטאַנען. און די, וואָס זענען געזעסן, זענען געזעסן איינס ביים אַנדערן אויפן שויס. גליקלעך זענען געווען נאָר די, וואָס זענען געקומען צום אַלעם ערשטן: זיי האָבן פאַרכאַפּט די בעסטע ערטער, דעם רעכטן אויבנאָן. האָט דאָס, נאַטירלעך, פאַרדראָסן די, וועלכע זענען געקומען א ביסל שפּעטער. זיי האָבן באַצאָלט געלט, מזומן געלט, פאַר פּלעצער — און קיין פּלעצער איז נישטאָ! איז געוואָרן א „ויצעקו" מיט א טומל — מע האָט שיר נישט צעטראָגן דאָס טעאַטער. א גליק, וואָס שלום-מאיר (אומעטום שלום-מאיר) האָט א ווונק געטאָן צו יחיאל דעם קלעזמער, ער זאָל „געבן" א פריילעכס. דערהערט קלעזמער, האָט דער עולם פאַרשטאַנען, אַז דאָ הייבט זיך שוין אָן דאָס שפּיל. האָט מען זיך שוין ווי ס'נישט איז אויסגעזעצט און ס'איז געוואָרן שטיל.

דער עולם האָט אָבער געהאַט א גרויסן טעות. די מוזיק האָט שוין לאַנג אויפגעהערט שפּילן און דער פאָרהאַנג איז נאָך אַלץ פעסט אַראָפּגעלאָזט, און עס לאָזן זיך הערן פון יענער זייט פאָרהאַנג קולות, געשרייען, קללות, א קלאַפּ פון העק און פון האַמערס. עפּעס טוט זיך דאָרטן, נאָר וואָס — ווייסט מען נישט. דער עולם זיצט אויף שפּילקעס. און ווער שמועסט, יונגוואַרג — איז גאָר אויסער זיך. מע וואָלט שוין וועלן דערלעבן זען — וואָס וועט זיין, אַז ס'וועט זיך אויפהייבן דער פאָרהאַנג?

צווישן יונגוואַרג, וואָס האָבן אַזוי גייציק אַרויסגעקוקט, ס'זאָל זיך אויפהייבן דער פאָרהאַנג, איז געווען א יונג פּאָרל, צוויי זעלטן שיינע קינדער, א בר-מצווה-בחורל מיט גרויסע שיינע מילדע אויגן און א שוואַרץ מיידל פון א יאָר פערצן-פופצן מיט מאַט-שוואַרצע ציגיינער-אויגן און מיט חן-גריבעלעך אין די בעקלעך. זיי זענען געזעסן האַרט איינס נעבן דאָס אַנדערע, כאָטש זיי זענען פון פאַרשיידענעם שטאַנד. ער — דעם נגיד ראַפּאַלאָוויטשעס זונדל. זי — דעם אָרעמען חזנס מיידל.

ווער האָט דאָס דאָזיקע פּאָרל באַזעצט אַזוי נאָענט? אָדער אפשר האָבן זיי זיך אַליין באַזעצט?... אין אַזאַ טומל ווער האָט זיך אויף זיי אומגעקוקט? ווער האָט זיי איצט אין זינען, אַז אַלע אויגן זענען געווענדט אַהין, אויפן פאָרהאַנג, אויפן פאָרהאַנג, אויפן פאָרהאַנג! און אָט זיצט זיך דאָס דאָזיקע גליקלעכע פּאָרל, לייבל און רייזל, זייט ביי זייט דעם ערשטן מאָל אויף זייער לעבן אַזוי נאָענט. מע קאָן זאָגן, דעם ערשטן מאָל אויף זייער לעבן זעען זיי זיך ווי עס געהער צו זיין. דאָס הייסט, זען זעט מען זיך אַלע טאָג ביי רייזלס טאַטן, ביי ישראלי דעם חזן אין הדר, נאָר וואָס פאַר א זען איז דאָס? קומט לייבל אין חדר אַריין, איז אָדער געלערנט, אָדער געשריבן, נישטאָ קיין צייט און נישטאָ קיין אָרט אויף צו פירן שמועסן מיט א מיידל, ובפרט נאָך מיטן רבינס א מיידל, וואָס האָט א מאַמע זאָל לעבן, און אַ מאַמע גיט אַכטונג אויף אַ קינד. אַ מאַמע קאָן אַכטונג

געבן. זי הוט איר די פּרוט, לאָזט נישט איר מאַלמער אַריינשמעקן אין די דלית אמות פון די חדר־יינגלעך און נישט אַריינקוקן אין זייער ווינקל אפילו:

— אַ מיידל האָט נישט וואָס צו טאָן צווישן יינגלעך, וואָרעם אַ מיידל איז אַ מיידל, און יינגלעך זענען יינגלעך — האָסטו געזען אַביסל!...

אַזוי זאָגט די חזנטע לאה, און אַז לאה זאָגט — איז געזאָגט. אפילו אויפ־הייבן אַ קול, זינגען אַ לידל, לאָזט איר נישט לאה, כל־זמן די יינגלעך זענען אין חדר. און רייזל האָט הווקא אַ זיס קול און האָט דווקא ליב זינגען לידלעך. און אַז רייזל צעזינגט זיך אַמאָל, האַרכן זיך איין די עלטערע יינגלעך מיט פאַר־שטאַרבענע הערצלעך. און אַז זיי קומען נאָכדעם אַהיים, דערמאָנען זיי זיך, ליגנ־דיק אין בעט, רייזלס קול, זיפצן זיי אָפּ שטילערהייט און ווערן אַנטשלאָפן און עס חלומט זיך זיי נאָכדעם „דעם רבינס מיידל“...

אויב נישט מיט אַלע עלטערע יינגלעך איז געווען דער פאַל, וואָס רייזל זאָל זיי קומען צו חלום, איז מיט בעני ראַפּאַלאָוויטשעס זונדל, לייבל, דער דאָזיקער פאַל געווען נישט איין מאָל. לייבל האָט נישט איין מאָל פאַרטראַכט זיך בעתן לערנען, און געקלערט האָט ער גאָר וועגן רייזלען. לייבל האָט נישט איין מאָל געהאַלטן פאַר זיך די גמרא, און געזען האָט ער גאָר רייזלען...

און איצט איז זי אַזוי נאָענט נעבן אים, אַז נישט נאָר ער זעט זי, נישט נאָר ער הערט זי — ער פילט זי, ער פילט זי... ער הערט אַ קלאַפּן פון אַ האַרץ: טיק—טאַק! און ער ווייסט נישט, וועמענס האַרץ קלאַפּט דאָס — זיין אייגן האַרץ, אָדער אירס, אָדער זייערע ביידנס הערצער צוזאַמען קלאַפּן? גיכער זייערע ביידנס; וואָרעם זיי ביידע קוקן איינס אויף דאָס אַנדערע, און באַגעגענען זיי זיך מיט זייער קוק, לאָזן זיי אַראָפּ די אויגן ביידע, און ביידע וואָלטן וועלן עפּעס רעדן, עפּעס זאָגן, און רעדן קאָנען זיי נישט, נישט ער, נישט זי. נישטאָ קיין ווערטער!...

און לייבל דערמאָנט זיך, וויפל מאָל ער האָט געזוכט אַן אויסרייד אויף צו שטיין נאָענט נעבן רייזלען, הערן איר קול, רעדן מיט איר כאָטש דריי ווערטער. וואַקסט אויס די מאַמע אירע אויך מיט אַן אויסרייד — און נישטאָ רייזל... אויך רייזל דערמאָנט זיך, וויפל מאָל זי האָט געוואָרפן אויגן אויפן טאַטנס תלמידים, אַלעמאָל געזוכט צווישן זיי דעם נגידס יינגל, נישט אַזוי דערפאַר, ווייל ער איז אַ נגידס אַ יינגל, נאָר דערפאַר, וואָס דער טאַטע אירער האַלט פון אים מער ווי פון אַלע תלמידים. ער זאָגט אויף אים נביאות, — און ישראלי דער חזן איז אַ מבין אויף מענטשן — אַז „דאָס וואַקסט אַ כּלי“... דערהערט דאָס לאה די חזנטע און טייטשט דאָס אויס אויף איר שטייגער:

—וואָס דען? אַ נגיד האָט מזל צו אַלצדינג, אפילו צו קינדער, האָסטו געזען אַביסל!..

און זיצנדיק אזוי נאָענט אויצט מיט רייזלען, פאַרדריסט דאָס לייבלען, וואָס גראָד איצט האָט ער פאַר איר קיין ווערטער. און אויך רייזל ווייסט נישט, צי זאָל זי מיט אים רעדן? און וואָס און וויאזוי זאָל זי מיט אים רעדן?... און ביידע טראַכטן זיי איינס פון דאָס אנדערע, און ביידע שווייגן זיי... פלוצים הייבן אָן איינגעלאָשן ווערן די לאָמפּן און אין טעאַטער ווערט פינצטער. א סימן, אז אָט באַלד וועט זיך עס אָנהייבן... און עס לאָזן זיך הערן פאַרשידענע קולות פון פובליקום:

— אָ=אָ=אָ=אָ!

— אקוראַט ווי אין מצרים!

— איי=איי=איי, מיין פוס!

— א מצווה, ווער איז אייך שולדיק? איר האָט אן איבעריקן פוס? לאָזט מען אים אין דער היים!

— שטיל זאָל זיין, א רוח אין אייער טאַטנס טאַטן אריין!

דאָס פובליקום ווערט לעבעדיק, פריילעך. לייבל פאַרשטייט נישט, וויאזוי און ווען דאָס האָט זיך געטראָפן, נאָר רייזלס הענטל — א ווייך גלאַט ווארעם הענטל — איז אויסגעוואָקסן אין זיין האַנט. ער האלט א ווילע איר הענטל אין זיין האַנט. נאָכדעם טוט ער איר א קוועטש דאָס הענטל, גלייך ווי ער וואָלט איר וועלן זאָגן: „צ ו פ ר י ד ן?“... זי ענטפערט אים אָפּ צוריק מיט א קוועטש אין האַנט, וואָס דאַרף באַדייטן: „ז יי ע ר!“...

עם הייבט זיך אויף דער פאָרהאַנג.

## קאַפּיטל ניין

# אין גן־עדן

אויב דאָס יידיש=דייטשישע טעאַטער איז געווען פאַר האָלענעשטער יידן גלאַט א פארגעניגן, וואָס איז זיי אראָפּגעפאלן פונעם הימל, איז דאָס פאַר אונדזער יונג פּאָרל, דעם נגידס יינגל און חזנס מיידל, געווען א גן=עדן. א גן=עדן פון גאָט, וועלכן נישט יעדער האָט די זכיה אזוי גרינג אריינצוטרעטן. זיי, דעם נגידס זונדל און דעם חזנס מיידל, איז דאָס אָפּגעגאָלטן מער ווי אלעמען. אלע נאַכט, אלע נאַכט גייען זיי אין טעאַטער אריין, פאַרנעמען די בעסטער ערטער, זעען זיך אָן און הערן זיך אָן אַזעלכע חידושים, וואָס האָט זיך זיי נאָך קיינמאָל נישט געחלומט.

א גאַנצע וועלט, א נייע וועלט האָבן זיי דאָ פאַר זיך דערזען. א וועלט, ווו מענטשן טוען זיך איבער, פאַרשטעלן זיך, דרייען זיך ארום, רעדן מאָדנע וואר=

טער, האַלב אויף יידיש, האַלב אויף דײַטש, זינגען און טאַנצן, מאַכן אזעלכע אָנשטעלן, וואָס מע דאַרף אָדער צעגאָסן ווערן פאַר געלעכטער, אָדער צעגאַנגען ווערן פאַר געוויין.

און דאָס אַלעם טוען מענטשן? געוויינלעכע מענטשן?

ניין, דאָס זענען נישט קיין געוויינלעכע מענטשן, ווי, למשל, איך און איר. דאָס זענען אָדער לצים, רוחות, שדים, אָדער מלאכים פון הימל. זייער שטעלן זיך, זייער ארויסטרעטן, זייער גיין, זייער רעדן — יעדער ריר זייערער איז פול מיט חן, פול מיט כישוף. און אַלץ ארום און ארום איז כישוף. און זיי אַליין, לייבל דעם נגידס און רייזל דעם חזנס, זענען פון דער ערשטער מינוט, וואָס דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף, גאַנץ פארכישופט, אריבערגעטראָגן אין אן אנדער וועלט, אין א וועלט פון לצים, רוחות, שדים און מלאכים... און לאָזט זיך אראָפּ דער פאָר־האַנג — איז אוים כישוף, אוים לצים, אוים רוחות, שדים, מלאכים. ווידער מענטשן ווי אַלע, געוויינלעכע מענטשן. ווידער די פריערדיקע, די אַלטע וועלט, און זיי פילן זיך גלייך, ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס געווען אויפן זיבעטן הימל און פלוצים האָט מען זיי אראָפּגעלאָזט צוריק אויף דער ערד. און עס טוט זיי האַר־צעדיק באַנג, וואָס מע האָט זיי אראָפּגעלאָזט אזוי גיך צוריק אויף דער ערד. און זיי טרייסטן זיך דערמיט, וואָס אָט הייבט זיך אויף דער פאָרהאַנג, וועלן זיי ווידער זיין דאָרטן, אויפן הימל, אין גן־עדן. און אזוי מאָרגן, און אזוי איבער־מאָרגן, און אזוי אַלע טאָג.

גליקלעכע קינדער!

וויפל יינגלעך זענען פאַראַן אין האָלענעשטי, וואָס זענען מקנא לייבלען, וואָס ביי זיין טאַטן אין הויף איז די גאַנצע שמחה! וויפל מיידלעך זענען פאַראַן אין האָלענעשטי, וואָס זענען מקנא רייזלען, וואָס אַדאַנק איר מאַמען האָט זי זיך אריינגעכאַפּט אין די הויכע פענצטער, צו די ראַפּאַלאָוויטשעס. און וואָס פאַר א ווערט האָט דאָס ביי אזעלכע גבירים, אז עס גייט מיט זיי נאָך א מענטש אין טעאַטער?

— מיין קינד האָט אַזוי גושא חן געווען ביי די נגידים, קיין עין־הרע, אַז עס מעג איר נאָר נישט פאַרשטערט ווערן...

אַזוי באַרימט זיך די חזנטע פאַר אירע שכנטעס, און בכדי מע זאָל נישט מיינען חלילה, אַז דאָס האָט זי אויסגעבעטלט א טובה פאַר איר טאָכטער, פאַר־כאַפּט זי גאַנץ דיפּלאָמאַטיש:

— ווי קומט, אַשטייגער, מיין רייזל צו די נגידים? וועט איר האָרכן. איך גיי אַזוי אין מאַרק באַגעגנט מיך בײַלקע, די ראַפּאַלאָוויטשקע הייסט עס. „גוט מאָרגן“. „גוט יאָר“. „וואָס הערט זיך?“ „וואָס הערט זיך ביי אייך?“ „פרעגט נישט, א טאַראַראַם ביי מיר אין הויף, א טעיאַטער. א גדולה, א יום טוב פאַר מיין חברה. ביי זיי איז דאָס א גאַנצער אַנטיק. יאָ, און וואָס מאַכט אייערע?“

„אַ דאַנק אייך. זאָל זי מאַכן?“ „מע זאָגט, עפּעס זייער אַ געראָטענע ביי אייך?“ „אַדאַנק, נישט צו פאַרזינדיקן.“ „פאַרוואָס זאָלט איר זי נישט צושיקן צו מיר?“ „אַדאַנק, וואָס וועט זי טאָן ביי אייך?“ „זי וועט זיך באַקענען מיט מיינע מיידלעך און אַגב גיין מיט זיי אין טעאַטער, וואָס וועט אייך אַרן?“ „אַדאַנק, אויב זי וועט נאָר וועלן, וועל איך זי געוויס שיקן“...

אַזוי קונציק האָט זיך פאַרענטפערט לאה די חזנטע, בעדיי אויסגעטראַכט אַ גרויסן ליגן, אַבי פאַרלייגט אַ קלאָץ, וואָרעם וואָס טוט נישט אַ מאַמע צוליב אַ קינד?...

נישט מחמת מיר ווילן נעמען די חזנטע אונטער אונדזערע פליגל, נאָר ווייל מיר דאַרשטן נאָכן אמת, מוזן מיר זאָגן, ווי די מעשה איז געווען, אַז מיט אַביוועמען וואָלט אפשר די חזנטע נישט געשיקט איר קינד אין טעאַטער אַריין; נאָר מיט די ראַפּאַלאָוויטשעס — מהכתיתי, פאַרוואָס נישט? מיטן גרעסטן כבוד. אַדרבא, לאָז טאַקע די וועלט זען, מיט וועמען איר קינד קומט זיך צונויף... און אויף מאָרגן נאָך דער פאָרשטעלונג האָט לאה די חזנטע געטשאַטעוועט פאַר פרעמדע אין די אויגן איבערפרעגן ביי איר טאָכטער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל:

— מיט וואָס זשע האָט מען דיך, הייסט עס, נעכטן מכבד געווען ביי די נגידים?

אָדער:

— רייזל! וויפל אַזייגער גייסטו היינט צו די נגידים ?

אָדער:

— אַז מע וועט דיך בעטן, טאָכטער, נאָכאַמאָל ביי די נגידים עסן וועטשערע, זאָלסטו זיך מער נישט אָפּזאָגן. וואָס דאַרף מען זיך שעמען, האָסטו געזען אַביסל?...

נאַרישקייטן! די טאָכטער האָט אַפילו נישט אין זינען געהאַט אָפּזאָגן זיך. רייזל האָט זיך אין דער דאָזיקער רייכער שטוב וואָס ווייטער געפילט אַלץ היימישער און היימישער. אַלע מאָל, ווען זי איז אַהין געגאַנגען, איז זי געגאַנגען יום־טובדיק געשטימט, מיט אַ פול וואַרעם האַרץ, ווי מע גייט צו אַ נאָענטן גוטן פריינד אויף אַן אָנגעלייגטער שמחה.

און ס'איז גאָר קיין חידוש נישט. אַלע מאָל, ווען רייזל איז אַהין געקומען, איז זי געווען אַ גאַסט. דאָס גרויסע ליכטיקע רייכע הויז פון די ראַפּאַלאָוויטשעס האָט אויפגענומען דעם חזנס מיידל אַלע מאָל מיט דער אייגענער פריינדשאַפט, פרייעלעכקייט, געלעכטער, טומל און געפילדער. און אַלע מאָל איז מען מיט דער גאַנצער כאַליאַסטרע געגאַנגען אין טעאַטער אַריין, פאַרנומען דעם אויבנאָן, און אַלע מאָל איז איר אויסגעקומען זיצן זייט ביי זייט מיט ראַפּאַלאָוויטשעס זונדל, מיט לייבלען... און אַלע מאָל, ווען עס האָט זיך אויפגעהויבן דער פאָרהאַנג און אין טעאַטער איז געוואָרן פינצטער, איז איר האַנט געווען אין זיין האַנט. און אַלע

מאָל האָבן זיי דאָ ביידע אויפגעהויבן זיך פון דער ערד, דערפילט, אַז עס זענען אויסגעוואַקסן ביי זיי פליגלען און עס טראָגט זיי ארויף אהין, אהין, גאַנץ הויך... אין זיבעטן הימל אַריין, אין גן־עדן.

קאַפיטל צען

# אַהיים פון טעאַטער

אַהיים פון טעאַטער קומט דעם חזנס מיידל אַ צעהיצטע, מיט אַ פאַררויטלט פנים, מיט אַ באַזונדערן גלאַנץ אין די אויגן און אַ פול, איבערגעפולט האַרץ, און עס דאַכט זיך איר, אַז נאָך קלינגט איר אין די אויערן דאָס רעדן פון די מענטשן־מלאכים, אויסגעמישט מיטן שפילן פון די קלעזמער און מיט די הילכיקע געלעכטערן פון די ראַפּאַלאָוויטשעס. און זי דערמאָנט זיך, וואָס דעם נגידס זונדל, לייבל, האָט איר אַ זאָג געטאָן שטילערהייט, כמעט אויפן אויער, און אַ קוועטש געגעבן איר בעת־מעשה די האַנט:

— קומסטו דאָך מאָרגן נאָכאַמאָל?...

— אַ שאלה אַביסל?

אַזוי האָט זי אים געענטפערט. נישט מיט ווערטער, נאָר מיט אַ קוועטש די האַנט, ווי אַלע מאָל.

דאָס איז געווען ביים אַרויסגיין פון טעאַטער. דער עולם האָט זיך געשטופּט מיט סכנת נפשות אויף דערשטיקט צו ווערן, ווי אלע מאָל. יידן האָבן ליב זיין די ע ר ש ט ע ביים אַריינגאַנג. זיי האָבן ליב זיין די ע ר ש ט ע אויך ביים ארויסגאַנג. מע האָט זיך אַזוי צונויפגעקוועטשט, אַז לייבל מיט רייזלען האָבן זיך אַ מינוט געפילט ווי איין מענטש און מע האָט זיי כמעט ווי אַרויסגעטראָגן פון טעאַטער.

אין דרויסן איז אַ נאַכט אַן אויסגעשטערנטע, אַ מחיהדיקע נאַכט. פון יענע וואַרעמע ליכטיקע זומערדיקע נעכט אין בעסאַראַביע, וואָס עס ווילט זיך גאָרנישט גיין אַהיים שלאָפן. און אַזאַ נאַכט צו שלאָפן איז באמת אַן עבירה פאַר גאָט. די אויגן קוקן ארויף, צום הימל. צו דער לבנה. צו די שטערן. די נשמה רייסט זיך — מע ווייסט נישט וואוהין. דאָס האַרץ ציט — מע ווייסט נישט צו וואָס. עס פילט זיך אַ מאָדנע בענקעניש — מע ווייסט נישט נאָך וועמען... שטיל איז אין האָלענעשטי און רואיק. אָפּגעקילט האָט זיך די ערד נאָכן אונטערגאַנג פון דער בעסאַראַבער זון. אָפּגעלייגט האָט זיך דער שטויב, וואָס איז געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג, ווי אַ זייל, און מע קאָן שוין כאַפּן דעם אָטעם. און אַ גרינג ווינטעלע פאַרבלאָזט פון ערגעץ, ברענגט צו טראָגן אַ גרוס פון די בעסאַראַבער גערטנער און פעלדער, וואָס שמעקן נישט מיט בשמים, נאָר מיט ברויט, מיט פּאַפּעשויעס, מיט עפּל

אין מיט באַרן. און אַ פּייפל לאָזט זיך הערן פון אַ פּאַסטעך, וואָס טרייבט די שאָף ערגעץ דאָרטן אויף דער פּאַשע. דאָס פּייפל קוים=קוים וואָס מע הערט, אַלעמאָל שטילער, ביז סע ווערט פאַרשטאָרבן.

און יידן גייען פון טעאַטער. פון יידישן טעאַטער. און אַז יידן גייען פון טעאַטער, גייען דאָס יידן, נישט קיין גויים. רעדט מען, שרייט מען און מע מאַכט מיט די הענט. איינער גיט איבער דעם אַנדערן, וואָס ער האָט געזען אין טעאַטער און וואָס ער האָט געהערט. און איטלעכן דאַכט זיך אויס, אַז דאָס, וואָס ער האָט געזען, האָט נאָר ע ר געזען, און דאָס, וואָס ע ר האָט געהערט, האָט נאָר ע ר געהערט. און מע זינגט איבער נאָכאַמאָל די לידלעך פון טעאַטער. און העכער פאַר אַלע רעדן יונגוואַרג. און פריער פאַר אַלע לויפן קליינוואַרג. און האָלענעשטי כאַפּט זיך אויף, עס ווערט געשטערט די שטילע נאַכט, די שיינע, די וואַרעמע ליכטיקע זומער=נאַכט, אָבער נישט אויף לאַנג. יידן קומט אַהיים, לייענען אָפּ קריאת=שמע, לעשן אויס די לעמפּלעך און לייגן זיך שלאָפן — אַ גוטע נאַכט!

אין אַ קליין שטיבעלע אויף „גאָטס גאַס" (דאָרט וווינט ישראלי דער חזן) לייכט זיך נאָך. דער חזן מיט דער חזנטע קלייבן זיך שוין אויך שלאָפן לייגן. נאָר זיי וואַרטן נאָך אויף דער טאָכטער, זי זאָל שוין קימען פון טעאַטער, וועט מען „מאַכן נאַכט"...

ישראלי דער חזן, נאָך אַ גאַנץ שיינער יונגערמאַן מיט שוואַרצע זיידענע האָר, אין אַ ווייסן טלית=קטן, זיצט האַלב אויסגעטאָן, פּאָכט זיך מיט דער יאַרמעלקע און לייענט קריאת=שמע. לאה די חזנטע איז שוין אויך העכער האַלב אויסגעטאָן. דער שאָטן פון איר ווייסן שלייער, וואָס פּאַסט זיך אַזוי צו איר שוואַרץ שטרענג פּנים מיט אירע שוואַרצע בייזע אויגן, שפּילט זיך אָפּ אויף דער ווייסער געל=אונטערגעפּאַרבטער וואַנט. דערוואַרט זיך ביז די טאָכטער קומט אַהיים בשלום פון טעאַטער, טרעט לאה נישט אָפּ פון איר, זי זאָל איר דערציילן — וואָס פאַר „קאָמעדיעס" מע האָט דאָרט היינט געשפּילט? ווער איז געווען פון באַקאַנטע? וואָס האָט מען געגעבן ביי די נגידים צום טיש?...

און נאָך עפּעס רעדט די חזנטע איבער איר און לאָזט אויס מיט די ווערטער:

— אַיאָ? וואָס זשע, איך פאַרשטיי נישט, וווּ יאָ און ווו ניין? אַמאָל דאַרף זיין יאָ, און אַמאָל דאַרף זיין ניין, האָסטו געזען אַביסל!...

נאָר רייזל הערט נישט. רייזל הערט נאָר, אַז דער מאַמעס קול קלינגט איר אין די אויערן, און עס גיסן זיך, גיסן זיך רייד, און דער טאַטע לייענט קריאת=שמע און פּאָכט זיך פון היץ. — אַך! וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט! דאָ, און דאָרט... וואָס פאַר אַ חילוק דאָ איז קעגן דער ליכטיקייט, פרייַלעכקייט און פריינדלעכקייט, וואָס דאָרטן!... און בכלל, ווי ענג און ווי פינצטער און ווי אומעטיק דאָ איז נאָכן אָוונט, וואָס זי האָט היינט פאַרבראַכט, פריער ביי די ראַפּאַלאָוויטשעס, און דער גרויסער שיינער ליכטיקער פרייַלעכער שטוב, און דערנאָך אין טעאַטער, אין גן=עדן,

אין דערנאָך גייענדיק פון טעאַטער אַהיים אין דער דאָזיקער וואַרעמער שיינער ליכטיקער אויסגעשטערנטער זומער־נאַכט!...

און לאה די חזנטע שיט נאָך אַלץ מיט רייד, זי קוקט זיך אָבער אַרום, אַז זי רעדט שוין, דאַכט זיך, אַ ביסל צו לאַנג, און ס'איז שוין טאַקע נישט פרי אויך, האַקט זי זיך אָפּ אַליין איבער די ווערטער:

— אַ דונער אין מיר! גיין מאָס רייד... צייט שלאָפן, און איך דול איר אַ ספּאָדיק, האָסטו געזען אַבי־לו!... אָט פאַרלעש איך, טאָכטער, דאָס לעמפּל. אַ גוטע נאַכט. שלאָף געזונט.

— אַ גוטע נאַכט! — ענטפערט איר רייזל און נאָרעט זיך איין אין בעט, דעקט זיך איבער, מאַכט צו די אויגן, און די מחשבות כאַפּן זי אויף און טראָגן זי אַריבער פון „גאָטס גאָס" צוריק אַהין, אַהין, אין גן־עדן אַריין.

## קאַפּיטל עלף

# געהויבענע געסט

די ערשטע איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון גן־עדן דעם חזנס טאָכטער, רייזל. אָט וואָס מיט איר האָט זיך געטראָפן.

איינמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן, אַז דער חזן איז געווען אין שול, די חזנטע — אין מאַרק, און פון די תלמידים איז נאָך אין חדר נישט געווען קיינער, איז זיך רייזל געזעסן ביים אָפענעם פענצטער, וואָס איבער איר בעט, אַ האַלב־נאַקעטע נאָך, מיט נישט פאַרפלאָכטענע האָר, מיט אַ גאָרל־פאָדעם פאַרנייט אַ צעטרענטע נאָט פון אַ קאַפּטל און געזונגען פון „שולמית" דאָס שיינע לידל מיטן שיינעם מאָטיוו, וואָס זי האָט געהערט אין טעאַטער:

דאָס ציגעלע איז געפאָרן האַנדלען —
דאָס וועט זיין דיין באַרוף:
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען —
שלאָף זשע, יידעלע, שלאָף!...

— בראַוואָ, קעצעלע, בראַוואָ! האָט זיך אָנגערופן אַ הייזעריקלעכע שטימע אונטער רייזלס פלייצעס גלייך צו איר אין פענצטער אַריין.

דאָס איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי אונדזער גוטער באַקאַנטער שלום־מאיר מוראַווטשיק, די „פאַרשלעפּטע קרענק" פונעם יידיש־דייטשישן טעאַטער.

שלום־מאיר מוראַווטשיק, וואָס האָט אויך זיך, ווי מיר ווייסן שוין, טויזנט־ערליי אַרבעט אין טעאַטער, טראָגט אויף זיך אויך באַלעבאַטישקייט. גאַנץ פרי, אַז דער גאַנצער טעאַטער שלאָפט נאָך, גייט שלום־מאיר מיט אַ קויש אין האַנט

אין מאַרק אַריין איינקויפן עפּעס צו פּיקן פאַר די „קינדער“ (אַזוי הייסן ביי אים די אַקטיאָרן פון טעאַטער). דערווייל, אַזוי ווי ער גייט פאַרביי „גאָטס גאַס“, דערהערט ער — עמעצער זינגט אַ באַקאַנט לידל פון זייער טעאַטער, און אַזוי געשמאַק, אַזוי זיס, אַזוי האַרצעדיק, אַז ער איז געבליבן אַ „צוגעקאָוועטער“. איז ער אַ בעלן געווען אַ קוק טאָן, ווער זינגט דאָס אַזוי שיין? איז ער צוגעגאַנגען צום פענצטער און דערזען אַ שוואַרץ מיידל, נאָך גאָר אַ קינד, בלוט און מילך, איז פאַרטיפט אין דער אַרבעט. האָט דאָס אים געגעבן אַ „מאָרדעווע“ און ער האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און גענומען אַפּלאָדירן דער יונגער זינגערין: „בראַוואָ! בראַוואָ!“.

די יונגע זינגערין האָט זיך, ווייזט אויס, פאַר דעם בראַוואָ־פּאַטשן נישט אויף קאַטאָוועס דערשראָקן. דאָס קליינע רויטע שאַלעכל, וואָס האָט פאַרדעקט אירע שיינע קינדערשע פּלייצעס, האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אַביסל אַראָפּ און אַנטפּלעקט אויף אַ ווײַלע פאַר אַ פרעמד אויג איר נאַקעט לייב, וואָס האָט שוין אויסגעזען מער מיידלש אַלס קינדעריש, און דאָס האָט אונדזער גוטן שלום־מאירן נאָך מער צוגעגעבן חשק אויף צו שטיין אָט דאָ אונטערן פענצטער און דרשענען ווייטער ווי זיין שטייגער איז:

— פייגעלע, וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן? אַ שטימע האָסטו, דאַרף איך דיר זאָגן, צוקער־זיס. דריי פּרימאַדאָנעס מעגן זיין פאַר דיר די כּפּרה, גאָט זאָל מיר אַזוי געבן גליק און הצלחה. און אַ ציפּערבלעטל איז ביי דיר — אויף מיר שוין אַזאַ יאָר... שאַ! אויב איך בין נישט עובר־בטל, וואָלט איך געזאָגט, אַז דו ביסט מיר קענטלעך. איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז איך האָב דיך געזען מיט ראַפּאַלאָוויטשעס פּעמפּיק אויף איין בענקל אין טעאַטער. אַ נישט — זאָלן מיר אַרויס די אויגן. אַהאַ! איאָ, דו ביסט רויט געוואָרן? נאָך רויטער פונעם שאַלעכל... לאַך, לאַך, מיידעלע, אַז דו לאַכסט, ביסטו נאָך שענער ווי אַזוי. די חן־גריבעלעך ווערן דעמלט ביי דיר נאָך גרעסער און די ווייסע ציינדלעך פאַסן אויסגעצייכנט צו דיינע שוואַרצע האָר און צו דיינע ציגיינערישע אייגלעך, גאָט זאָל מיר אַזוי געבן גליק און הצלחה...

נישט אַזוי דער שמאַלץ־נוסח און נישט אַזוי די בלאַזנע שפּראַך פונעם דאָזיקן נפש, וועלכע רייזל האָט נאָך זייער ווייניק פאַרשטאַנען, האָבן זי אָנגעשראָקן, ווי דאָס, וואָס זי איז נאָך גאָר כמעט אַ האַלב־נאַקעטע, און דאָ שטייט אַ פרעמדער, אַ מאַנצפּאַרשוין, אונטער איר פענצטער. „וואָס וועט זאָגן די מאַמע, טאָמער קומט זי אָן?“... און רייזל האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ אויף און צוגעמאַכט דאָס פענצטער.

* * *

יענעם אויפֿדערנאַכט, אַז רייזל איז געקומען מיט די ראַפּאַלאָוויטשעס אין טעאַטער, האָט זי שלום־מאיר טוראָוטשיק באַגריסט מיט זיינע ממזרישע אויגן אָן ווערטער, און רייזל איז רויט געוואָרן, אַזוי ווי די פֿאַרגייענדיקע זון אין בעסאַראַביע... נאָכדעם, צום ערשטן אַנטראַקט, בעת יחיאל דער קלעזמער שפּילט אַ יידישן ניגון, באַווייזט וואָס ער קאָן, און דער עולם קנאַקט ניסלעך, עסט באַרלעך און רעדט אין לאַכט און חזרט איבער, וואָס מע האָט געשפּילט אויף דער בינע איטלעכס וואָרט, האָט רייזל באַמערקט, ווי אָט דער זעלבער נפש האָט פֿונדערווייטן אָנגעוויזן אויף איר מיטן פֿינגער דעם דירעקטאָר פֿון טעאַטער, און דער דירעקטאָר פֿון טעאַטער, אַ הויכער פּאַרשוין אין אַ הויכן צילינדער מיט מוראדיק גרויסע בריליאַנטן כמעט אויף אַלע פֿינגער, שטייט פֿונדערווייטן און וואַרפֿט אויף איר מיט אויגן — קליינע, רויטע, אָנברעמענדיקע אויגן. און אין רייזלס פּנים האָט זיך ווידער אָנגעצונדן אַ העליש פֿייער...

אויף מאָרגן, בעת ישראלי דער חזן האָט צעלאָזט דעם חדר אויף וואַרמעס און אַליין האָט ער זיך אויך נאָר וואָס געוואַשן און געזעצט מיט לאהן און מיט רייזלען צום טיש, עפֿנט זיך די טיר און עס קומען אַריין צוויי פּאַרשוינען: שלום־מאיר, די „פֿאַרשלעפּטע קרענק“, און דער דירעקטאָר פֿונעם יידישן טעאַטער. ביידע זענען זיי געווען פֿריש געראַזירט און שטאַרק אָנגעפּאַרפֿומירט מיט פּאַטשולי־זייף און מיט אָדעקאָלאָן וועראַ־ווידאָלעט. דער דירעקטאָר האָט געטראָגן אַ גרויסאַרטיקן שניפּס, אין וועלכן עס האָט געשטעקט אַ בריליאַנט־נאָדל. כמעט אַלע פֿינגער האָבן ביי אים געפֿינקלט מיט בריליאַנטן, און אויף דער גרויסער גאָלדענער קייט פֿונעם זייגער איז אַראָפּגעהאָנגען אַ שווערער מאַסיווער מעדאַליאָן. אויפֿן מעדאַליאָן איז געווען קונציק אויסגעליגט פֿון ווייסע בריליאַנטן, בלויע סאַפּפֿירן, רויטע רובינען און גרינע שמאַראַגדן אַ קרוין פֿון צוויי גרויסע צונויפֿגעפֿלאָכטענע בוכשטאַבן: A און S . דאָס האָבן די טייערע שטיינער באַצירט דעם שיינעם באַרימטן נאָמען:

„אַ ל ב ע ר ט ס ט ש ו פּ אַ ק“.

די דאָזיקע אַלע טייערע שטיינער פֿון די גאָלדענע רינגען מיטן מאַסיוון מעדאַליאָן, וואָס הענגען אויפֿן דירעקטאָר, האָבן צו דערציילן און צו דערציילן!... נאָר אַזוי ווי מיר גייען ראַשיק איבער צו אונדזער געשיכטע, וועלן מיר זיך דאָ נישט אָפּשטעלן. מיר וועלן מסתמא האָבן די געלעגנהייט נישט איין מאָל צו באַגעגענען זיך אין אונדזער ראָמאַן מיטן דאָזיקן פּאַרשוין. אין קירצן מוז מען אייך אָבער זאָגן, — און צווישן אונדז זאָל עס בלייבן, — אַז אומזיסט שטעלט ער אַרויס די אַלע טייערע זאַכן, מע זאָל מיינען, אַז דאָס זענען געשענקטע מתנות פֿון פּובליקום, „אַרטיסטישע טראָפּעען“ פֿון טעאַטער. ניין, דאָס האָט ער זיך אַליין בים־

לעבווייז דערלאַנגט, אײַנגעקוועטשט פֿאַוואָלינקע פֿאַר זײַן אייגן געלט, „בשר" פֿאַררינט דורך דער האָרעוואַניע פֿון אַ פּאָר צעגרליק אָרעמע, שטענדיק הונגעריקע, נאָר תּמיד פֿריילעכע נפֿשות... אַלבערט שטשופּאַק גייט מיט דעם גאַנג, אַז גלייבן מאָר מען נישט קיינעם, אַפֿילו אַן אייגן ווײַב. דעריבער טראָגט ער אויף זיך זײַן גאַנץ פֿאַרמעגן אין בריליאַנטן. ס'איז, פֿאַרשטייט איר מיך, זיכער פֿאַר זיך און שיין פֿאַר לײַטן...

דערזען אַזעלכע געהויבענע געסט, האָט זיך ישׂראלי דער חזן געגעבן אַ הייב אויף פֿון אָרט. לאה די חזנטע האָט זיי אונטערגעטראָגן צוויי שטולן און געבעטן זיצן. און רייזל? — לאָמיר זי בעסער לאָזן צורו: נאָך אַ מינוט — און זי ווערט פֿאַרברענט!...

— בחורים ברוכים אַ רוח אים... ווי זאָגט מען דאָס בײַ אונדז? — האָט זיך אָנגערופֿן דער דירעקטאָר, אַלבערט שטשופּאַק, און האָט זיך אַרויפֿגעהאַקט ווי אויף אַ שטיין, נישט אַהין, נישט אַהער. אַ גליק, וואָס שלום-מאיר זיצט בײַ דער זײַט (פֿון אַלע צרות דאַרף ער אים אַרויסשלעפּן!). שלום-מאיר איז אַרויסגעקראָכן מיט זײַן הייזעריקלעכער שטימע אויף זײַן בלומען-שפּראַך:

— ברוכים היושבים, קומט עסן, עסט געזונט, קײַט און שלינגט און שטערט אײַך נישט. מיר זענען פּראָסטע חי-וקימס, פּשוטע ייִדן, אַזוי ווי איר. דאָס איז מײַן פּרינציפּאַל, דער דירעקטאָר פֿונעם היגן ייִדיש-דײַטשישן טעאַטער, און איך בין בײַ זיי דאָס אייבערשטע פֿונעם שטייסל, דאָס מיטלסטע פֿונעם כריין און דאָס אונטערשטע פֿונעם בענטשן. זייער נאָמען איז אַלבערט שטשופּאַק און מיך רופֿט מען שלום-מאיר מוראַווטשיק. איצט, אַז מיר האָבן זיך שוין באַקענט, הייסט דאָס, פֿון דער נאָענט, קאָנען מיר נעמען מיט אײַך צו ביסלעך בראָנפֿן, אויב ס'איז פֿאַראַן בײַ אײַך אין שטוב, און אויב נישט — שיקט, וועט מען ברענגען. און פֿאַרבײַסן וועלן מיר פֿאַרבײַסן טאַקע מיט דעם, וואָס איר. איך זע, איר רײַבט בערעפּשקעס מיט פֿלאָמען, אַ מין מאכל, וואָס איך האָב אים נישט געגעסן, איך זאָל אײַך נישט זאָגן קיין ליגן, אַוודאי אַ יאָר הונדערט, גאָט זאָל מיר אַזוי געבן גליק און הצלחה!...

## קאַפּיטל צוועלף

# ישׂראלי דער חזן קאַטשעט זיך אויפֿן האַלדז

אין דער גאַנצער צײַט, וואָס שלום-מאיר האָט גערעדט, און דער חזן מיט דער חזנטע מיט דער טאָכטער האָבן אים אויסגעהערט, איז דער דירעקטאָר פֿונעם ייִדיש-דײַטשישן טעאַטער, אַלבערט שטשופּאַק, געזעסן בײַם חזנס טיש מיט געשלאָסענע ליפּן, געשפּילט זיך מיטן מעדאַליאָן, געפֿינקלט מיט אַלע דימאַנטן און

בריליאַנטן, וואָס אויף די פינגער, און האָט נישט אַראָפּגעלאָזט זיינע קליינע, רויטע, אָנגעברעמטענדיקע אויגן פונעם חזנס מיידל.

נאָכן עסן, אַז שלום־מאיר האָט זיך שוין אָנגערעדט ווי אַ פויק, די חזנטע האָט צוגענומען פונעם טיש, און דער חזן האָט אָפּגעבענטשט, האָט דער דירעקטאָר געפונען, אַז ער מעג שוין איך עפּעס רעדן אַ וואָרט, און אַז ס'איז שוין צייט מאַקע צוטרעטן צום עסק, צוליב וועלכן זיי זענען געקומען. האָט ער געגעבן פריער אַ הייב אויף דעם צילינדער פונעם קאָפּ, באַוויזן אַ גרויסן פליך, אויסגעגלעט אַרום און אַרום מיט גלאַטע פעט אָנגעשמירטע האָר, אָפּגעווישט דעם שווייס פונעם שטערן און איז אַרויס מיט דער שפּראַך.

בטבע איז אָט דער נפש אַ ייד אַ שווייגער. נאָר אַז ער צערעדט זיך שוין, איז אים שווער אָפּצושטעלן זיך. די צונג הייבט אים אָן אין מויל פּלאָנטען זיך, פאַרטראָגט אים דער שוואַרציאָר ווייסט וווהין, און עס קומט אים אויס אָפטמאָל צו זאָגן נישט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט. שלום־מאיר מוראַוומשיק, זיין רעכטע האַנט און פליגל־אַדיוטאַנט, ווייסט שוין זיין חולאת, שלאָגט ער אים איבער פונעם אָנהייב אָן און דערדערט שוין נאָך דעם אַליין פאַר אים דאָס איבעריקע אויף זיין לשון.

— פאַרשטייט איר מיך, ליבער חזן, — אַזוי האָט שטשופּאַק אָנגעהויבן זיין געשפּרעך, ס'איז אַזוי די מעשה, הערט זשע, איך אַליין בין אויך געווען אַמאָל בסך־הכל אַ משוררל ביי אַ חזן, הייסט עס, געטראָגן די פּאָמעניצע, מיין איך געזונגען, הערט זשע, אַ קול, אַ שטימע הייסט עס, אַ סאָפּראַנע־שטימע אַן אמת־דיקע, און געכאַפּט פעטש, מיין איך געהאָלפן ביים עמוד, ביז איך בין געוואָרן אַליין אַ דאָס, אַ מענטש פאַר זיך הייסט עס, אויף חתונות און אויף בריתן און אויף פדיון־הבנם מיר געזונגען, הערט־זשע, אַ כל־מקדשל, מיין אייגענע פאַרפאַסונג מאַקע, וואָס איך האָב אַליין פאַרפאַסט, איר זאָלט זען אַ בוך אַ גאַנצן אָפּגעדרוקטן, מיינע לידער הייסט עס, מיט מיין פאַמרעט פון פאָרנט, איז דאָרטן דאָ ביי מיר אַ „כל־מקדש“, הערט זשע, הייב איך אָן אַזוי (זינגט און ציקלט זיך):

כל מקדש — ציפּקעלע מיין ווייב,

שביעי — דער שלאַק זאָל דיך טרעפן,

כראוי לו — היינטיקע נאַכט!...

אַלבערט שטשופּאַק, ווי עס זעט אויס, איז אַריין אין זיין ראָל. ער האָט זיך פאַרקאַטשעט צו זינגען כל־מקדש גאָר אויף אַן אַנדער אופן, האָט אים אָבער שלום־מאיר באַצייטנס דערלאַנגט אַ סיגנאַל מיטן פוס אונטערן טיש, אַז ער זאָל בעסער אויפהערן, וועט זיין גלייכער פאַר אים, און האָט גענומען מיט זיין פה־קדוש געבן צו פאַרשטיין דעם חזן, צוליב וואָס, אייגנטלעך, זיי זענען אַהער אַריינגעקומען:

אַזוי ווי זיי האָבן געהאָרכט פון ישראלי דעם חזן נאָך פריער, איידער זיי האָבן נאָך גאָר געקלערט פאָרן קיין בעסאַראַביע, אַז ער איז אַ באַרימטער זינגער, און

אַזוי ווי מוזיק איז זייער פּרנסה, דאָס הייסט, זייער פּרנסה, אייגנטלעך, איז טעאַטער, און טעאַטער מיט מוזיק איז דאָך ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער, אָדער ווי אַ מאַן מיט אַ ווייב, על־כּן וואָלט אפשר געווען אַ יושר, אַז דער חזן זאָל זיי עפּעס „זאָגן“?...

— עפּעס אַזעלכעס הערט זשע עפּעס אַ דאָסיקס, אַ יידיש, אַ פּעפּעריקס!...

— האָט צוגעלייגט אַלבערט שטישפּאַק, באַוויזן מיט די פינגער און געשמייכלט מיט די צונויפגעשנורעוועטע ליפּן, און דאָס מגושמדיק געקנייטשטע פּנים האָט זיך אים נאָך מער צונויפגעקנייטשט.

ישר[illegible] ווען האָט באַלד פאַרשטאַנען, וואָס מע פאַרלאַנגט פון אים. האָט ער תחילת אַפילו ווי געבערעקלט זיך, געלאָזט בעטן, געמאַכט אָנשטעלן: „ווייס איך וואָס! ס'איז גאָרנישט אַזוי די מעשה! די וועלט האָט ליב מגזם זיין“... און אליין האָט ער זיך שוין גענומען אָנשטעלן די כּלי (ווו האָט איר געזען, אַז אַ חזן אָדער אַן אַרטיסט זאָל זיך אָפּזאָגן, ווען מע בעט אים שוין זייער שטאַרק?). נאָך דעם איז ער אויפגעשטאַנען פון טיש, אָפּגעווישט די ליפּן, אויסגעהוסט זיך, צוגערעכט געמאַכט די כּלי, אַ פרעג געטאָן אַזוי פון יוצא וועגן:

— איז וואָס זשע זאָל איך אייך, למשל, זאָגן?...

און נישט געוואַרט אויף אַן ענטפער, הייבט ער אָן „זאָגן“ אַ זאַך, געוויינלעך פון ימים־נוראים, קאַטשעט זיך אויפן האַלדז, כאַפּט זיך אַרויף גאַנץ הויך און לאָזט זיך אַראָפּ ביז דער נידעריקסטער „אָקטאַבע“, און ווידעראַמאָל אַרויף, און ווידער אַראָפּ, געדרייט און געקאַטשעט זיך, און געקאַטשעט זיך...

די געסט האָבן געקוקט איינס אויף דאָס אַנדערע אָן ווערטער, נאָר געווונקען מיט די אויגן, געמאַכט מיט די ליפּן, געקוויקט זיך, ווי פון אַ געשמאַקן מאכל אָדער פון אַ גוט גלעזל וויין, און דערמיט האָבן זיי אים אונטערגעגעבן היץ אַ סך מער, ווי זיי וואָלטן אים אָפּגעשאָטן מיט די גרעסטע קאָמפּלימענטן. דעם חזן נעבעך האָט זיך אַזש דער קאָפּ פאַרדרייט. אַז ס'איז יאָ אַזוי, דאַרף מען זיי ערשט ווייזן, וואָס ער קאָן! און ער האָט גענומען זינגען נאָך אַ שטיקל און נאָך אַ שטיקל, אין צום לעצט געוואָלט זאָגן זיי גאָר אַ נייע זאַך, טאַקע זיין אייגענע „קאָמפּאָזיציע“, האָט אים שלום־מאיר אָנגענומען פאַר אַן אָרבל:

— האָט קיין פאַראיבל נישט, מיין ליבער חזן, איר זינגט אַזוי זיס, אַז אַלע קאָר־חזנים פון דער גאַנצער וועלט מיט זייערע משוררים און זינגערלעך מעגן זיין די כּפּרה פאַר אייער מינדסטן נאָגל. גלייבט מיר, ווען מיר זאָלן נישט האָבן אויף זיך קיין טעאַטער מיט פּראָבן מיט אַקטיאָרן מיט שלעק און מיט צרות, וואָלטן מיר נישט אַרויסגעטראָטן פון אייער שטיבל ביז נאָך שמיני־עצרת, עס וואָלט אונדז גאָר קיינמאָל נישט נמאס געוואָרן זיצן אָט אַ דאָ ביי אייך און הערן אייערע „זאַכן“, גאָט זאָל מיר אַזוי געבן גליק און הצלחה. איז אָבער דער חסרון —

פרנסה! נישטאָ קיין צייט, פאַרשטייט איר מיך, מיר פירן אויף מאָרגן אַ שפּאָגל־נייע פּיעסע: „קוני לעמעל“... אפשר וואָלט געווען אַ סברה, אַז פאַרן אַוועקגאַנג זאָלט איר אונדז מכבד זיין מיט אַ פּאַרבייסעכצל?...

דער חזן איז געבליבן עפּעס ווי צעמישט:

— דהיינו, מיט וואָס פאַר אַ פּאַרבייסעכצל זאָל מען אייך, למשל, מכבד זיין?

— אָט מיט וואָס פאַר אַ פּאַרבייסעכצל!...

און שלום־מאיר מוראַווטשיק האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער אויפן חזנס טאָכ־טער, וואָס האָט פון איר די גאַנצע צייט קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט. דערהערט אַזעלכע דיבורים, איז געבליבן רייזל שטיין, און דער חזן מיט דער חזנטע האָבן אויפגעשמעלט מויל און אויערן. דאָ האָט דער דירעקטאָר געוואָלט אַרויס מיט זיין שפּראַך, האָט אים שלום־מאיר מוראַווטשיק דערלאַנגט דעם סיגנאַל אונ־טערן טיש און האָט זיך גענומען בעסער אַליין געבן צו פאַרשטיין, וואָס מע מיינט:

— מיר מיינען, פאַרשטייט איר מיך, אַז זי, אייער טעכטערל הייסט עס, זאָל אונדז עפּעס „זאָגן“. זי האָט, שמועסט מען, אַ שטימעלע און זינגט, זאָגט מען, לידלעך — אַ כפּרה דרייצן פּאַטטים מיט זיבעצן נעלסאָנס...

— פון וואַנען ווייסט איר דאָס, אַז מיין טאָכטער זינגט לידלעך? — האָט זיך די חזנטע שוין מער נישט געקאָנט איינהאַלטן, און רייזל האָט געבער פאַרכאַפּט דעם אָטעם. זי האָט געוואַרט — אָט־אָט וועט ער דערציילן די מעשה, וואָזוי ער האָט מיט איר ערשט נעכטן געשמועסט אונטערן פענצטער, און פאַר דער מא־מען האָט זי דאָס גאַרנישט דערמאָנט אפילו!... „זי וועט שוין דאָ כאַפּן פון דער מאַמען אַ רעכטן פּסק!“... שלום־מאיר האָט מיט זיינע ממזרישע אויגן דער־זען, ווי רייזל ווערט אַלערליי פאַרבן, האָט ער זיך אויסגעדרייט ווי אויף אַ טעלער:

— אַ שיינע מעשה, נאָר אַ קורצע! פון וואַנען ווייסט מען אומעטום, אַז אייער מאַן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר האָט אַ „האַלדז“ מיט אַ „קאָלאָראַטור“, וואָס מע מעג דאָס גיין הערן אויף חידושים? פּונקט יאָר, אַז מיר פאָרן אַרום איבער דער וועלט מיט אַ יידיש־דייטשעס טעאַטער און נישט געהערט קיינמאָל, צי ס'איז נאָר פאַראַן ערגעץ אַ שטאָט, וואָס הייסט האָלענעשטי. און פונדעסט־וועגן זעט איר דאָך! אַ קליינינקייט — „ישראלי האָלענעשטער“? עס קלינגט דאָך מיט אים די וועלט! נו, וואָס וועט איר דערויף זאָגן, מיין ליבע חזנטע?

די „ליבע חזנטע“ האָט דערויף נישט וואָס צו זאָגן גאַרנישט. ביי איר איז דאָס נאָר קיין חידוש נישט, וואָס איר מאַנס נאָמען קלינגט אויף דער וועלט. נאָר אַז איר טאָכטער זאָל נעמען איצט פּלוצים אין מיטן דרינען און אַוועקזעצן זיך אָט אָ דאָ זינגען פאַר צוויי ווילד־פרעמדע מאַנצפּאַרשוינען — איר מעגט אייך זאָגן וואָס איר ווילט — נאָך נאָך איר וויבערשן שכל קומט דאָס אויס, זי ווייסט אליין נישט, וויאַזוי זי זאָל דאָס אָנרופן:

עפּעס גלאַט אַט אַזוי אַ געמיט אַ מיידל און זינגט, גאַרנישט, מיצקעדרינעו, מיץ טאַבי דורען, הפקר ציבעלעס? אַ מיידל איז דאָך נישט קיין יינגל. אַ יינגל איז אַ יינגל און אַ מיידל איז אַ מיידל — האָסטו געזען אַביסל...

## קאַפּיטל דרייצן

# דעם חזנס טאָכטער זינגט „רבונו־של־עולם“

נישט אַזוי האָט דערויף געקוקט ישראלי דער חזן. ער האָט אָנגענומען די זאַך גאַנץ פּשוט. אמת, לאה די חזנטע איז אפשר גערעכט, וואָס זי טענהט אַליין, אַז „אַ יינגל איז אַ יינגל און אַ מיידל איז אַ מיידל“... פונדעסטוועגן, איין מאָל אין אַ יובל, צוליב אַזעלכע געסט, וואָס וואָלט דאָס געשאַדט, למשל, ווען זי זאָל אײנ־איינעם מיטן טאַטן עפּעס טאַקע זאָגן?... און אגב האָט זיך אים טאַקע אַליין אויך געוואָלט נאָך אַ ביסל זינגען. אַ חזן, אַז ער צעזינגט זיך, איז ווי אַ רעגן. אַז ער הייבט אָן גיין, גייט ער....

און ישראלי דער חזן טוט אַ קוק אויף לאה זיין ווייב מיט אַ לשון בקשה, ווי איינער רעדט: „וואָס וועט דיך אַרן, למשל, אַז דאָס קינד וועט עפּעס „זאָגן?“... די חזנטע פאַרשטייט דעם חזנס קוק. וויבאַלד דער יצר־הרע פון זינגען האָט אים שוין אָנגעשבאַרט, איז דאָך פאַרפאַלן!... האָט זי אים אָפּגעענטפערט אויך מיט אַ קוק, פון וועלכן ער האָט פאַרשטאַנען גלייך, ווי זי וואָלט אים זאָגן: „עס האָט זיך דיר שטאַרק פאַרוואָלט? מילא, אַז דיר איז ליב, איז מיר ניחא, האָסטו געזען אַביסל!“...

און ישראלי דער חזן ווערט פרייליך. ער הוסט זיך אויס, שטעלט אַ טאָן און רופט זיך אָן צו דער טאָכטער:

— אַז יענער בעט, מע זאָל אים עפּעס זאָגן, קאָן מען נישט זיין אַזוי גראָב און מע מוז זיי עפּעס זאָגן. די קשיא — וואָס זאָלן מיר זיי, למשל, זאָגן? אפשר וואָלטן מיר זיי גאָר געזונגען דעם „רבונו־של־עולם“? האַ? לאָמיר זיי זינגען דעם „רבונו־של־עולם“... דו וועסט זאָגן, און איך וועל דיר צוהאַלטן אויף דער נידערי־קער „אָקטאַבע“... נו, רייזל, הייב אָן: לאַ־לאַ־לאַ־לאַ!

רייזל, וועלכע איז געווען צופרידן, וואָס דער געבטויקער אינצידענט איז אַרי־בער בשלום, איז אויס דאַנקבאַרקייט אַליין גרייט געווען צו זינגען. ובפרט, אַז זינגען האָט זי פון קינדהייט אָן ליב געהאַט. און האָט דאָס ליב נאָך איצט אויך. גאַנצע טעג וואָלט איר נישט נמאס ווערן זינגען, ווען די מאַמע זאָל דאָס איר נישט פאַרווערן. אַלע מאָל, ווען רייזל הייבט אויף אַ קול, צעשרייט זיך אויף איר לאה:

— לאָז זיין שטיל, רייזל, האָב איך דיר געזאָגט וויפל מאָל! דו מיינסט, אפּנים, אַז דו ביסט אַ ברעקעלע מיידעלע? אַ מויד, קיין עין־הרע, האָסטו געזען אַביסל!...

— אַ מויד? — צעלאַכט זיך רייזל, און לאַה אַליין לאַכט אויך, נאָר זינגען לאָזט זי איר נישט, סיידן אַמאָל מיטן טאַטן אינאיינעם, אי דאָס — ווען קיינער הערט נישט...

און רייזל האָט זיך אָוועקגעשטעלט נעבן ישראלי דעם חזן, די הענט פאַר־לייגט אַהינטער, די אויגן אויפגעהויבן צו דער סטעליע, און מיט אַ גלאַטע זיסע רייגע מעטאַלקלינגענדיקע שטימע, ווי אַ פידל, האָט זי אויסגעצויגן אַ טרויעריקן עכט־יידישן ניגון מיט אַ תפילה־נוסח, און ווערכן עס האָבן זיך געלאָזט הערן אי אַ קלאָג, אי אַ פאַרדראָס, אי אַ געבעט, אי טרערן:

„רבונו של עולם!
רבונו של עולם!
אתיתי — בין געקומען צו דיר זיך
באַקלאָ־אָ־אָגן.
אוי, גאָמעניו דעם אמת
דיר זאָ־אָ־אָגן:
עד מתי — אין גלות
זיך פּלאָ־אָ־אָגן?
ביז וואַנען דאָס טרייבן,
דאָס יאָ־אָ־אָגן?
גענוג שוין, גענוג שוין, גענוג שוין
געשלאָ־אָ־אָגן —
מיר קאָנען דאָס שוין מער נישט
פאַרטראָ־אָ־אָגן!
גענוג שוין, גענוג שוין, גענוג שוין
געשלאָ־אָ־אָגן —
מיר קאָנען דאָס שוין מער נישט
פאַרטראָ־אָ־אָגן!"...

ביידע געסט, דער דירעקטאָר מיט זיין פּליגל־אַדיוטאַנט, זענען געזעסן פאַר־כישופט. ביידע האָבן זיי געקוקט איינער אויף דאָס אַנדערע מיט אָפענע מיילער און זענען געווען אויסער זיך, וואָס דאָס זינגען האָט זיך אַזוי גיך געענדיקט. זיי האָבן גאָרנישט געהאַט קיין ווערטער. שלום־מאיר האָט אַפילו אויסגעשריגן מיט זיין הייזעריקלעכער שטימע: „בראַוואָ! בראַוואָ! ביס!" — ער האָט אָבער אַליין באַלד פאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיקער „בראַוואָ, בראַוואָ, ביס" האָט דאָ אַ פּנים

פון הויז. צו טרויעריק איז דער מאָטיוו. צו הייליק זענען די ווערטער. צו זיס איז די דאָזיקע יונגע פידלשטימע און צו שיין און צו געטלעך איז די יונגע זינגערין, וועלכע איז, אייגנטלעך, נאָך גאָר אַ קינד...

און אַלבערט שטשופּאַק, דער דירעקטאָר פונעם יידיש־דייטשישן טעאַטער?

עס איז שווער צו וויסן, וואָס ביי דעם דאָזיקן יידן האָט זיך געטאָן אויף דער נשמה... ער האָט אַרויסבאַקומען פון דער אונטערשטער קעשענע אַ זיידענע שטאַרק אָנגעפּאַרפומירטע פאַטשיילע און האָט אויסגעווישט די טרערן, וואָס האָבן זיך אים געשטעלט אויף זיינע קליינע רויטע אָנגעבלעמעלדיקע אויגן...

אפנים, אַז אינעם דאָזיקן שוין לאַנג אויסגעטריקנטן איינגעשרומפּענעם נפש קלאַפּט נאָך אַ יידיש האַרץ, און וועלכן עס פליסט נאָך וואַרעם בלוט און עס שלאָגט נאָך אַן אָדער. דאָס געפיל פון רחמנות איז ביי אים, ווייזט אויס, נאָך נישט אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן, ווען זיין אייג האָט נאָך אַ טרער פאַר יידישע צרות, וואָס האָבן זיך אויסגעגאָסן ביי אַ פאָלק פון גלות אין אַזעלכע פשוטע וואַרעמע ווערטער און אין אַזאַ פּראָסטע רירנדיקע מעלאָדיע, וואָס קאָן נעמען אַפילו אַ שטיין...

אָדער אפשר איז גאָר שולדיק אין דעם אָט דאָס געטלעך־שיינע שוואַרצע מיידל מיטן די חן־גריבעלעך אין די בעקלעך און מיט די שיינע שוואַרצע ציגיינער־אייגלעך און מיט איר צוקער־זיסע פידלשטימע, וואָס גיסט זיך פון דער נשמה גלייך אין האַרצן אַריין און ווערט, ווי אַ גוטער בוימל, צעגאַנגען אין אַלע אברים?... ווער קאָן דאָס זאָגן? ווער קאָן דאָס וויסן?...

דער לעזער, וואָס איז שוין באַקאַנט מיט אונדזער דירעקטאָר פונעם יידיש־דייטשישן טעאַטער פון די פריערדיקע קאַפּיטלעך, ווייסט, וואָס פאַר אַ בעל־דבֿרן אָט דער נפש איז. איצט, נאָך דעם דאָזיקן „רבונו־של־עולם“, איז ער אויפגע־שפּרונגען, צוגעגאַנגען צום חזן, אים אָנגענומען מיט ביידע הענט ביי דער האַנט, און מיט טרערן אויף די אויגן האָט ער געקאָנט אַרויסרעדן נאָר די דאָזיקע גע־ציילטע עטלעכע ווערטער:

— זאָל מיין נאָמען נישט הייסן אַ ל ב ר ע ט!... (עס איז גאַנץ נייטיק צו באַמערקן, אַז ער אַליין קאָן זיין אייגענעם נאָמען — עס זאָל אייך צו קיין חרפּה נישט זיין — קיינמאָל נישט אַרויסרעדן ריכטיק, און „אַלבערט“ קומט ביי אים תמיד אויס „אַ ל ב ר ע ט“).

— הערט זשע, זאָל מיין נאָמען נישט הייסן אַלברעט!

דאָס איז דער גרעסטער קאָמפּלימענט, וואָס עמעצער האָט ווען געהערט פון אַלבערט שטשופּאַק, דעם דירעקטאָר פונעם יידיש־דייטשישן טעאַטער.

## קאַפּיטל פערצן

# אַלבערט שטשופּאַק גייט אַרויס פון די כּלים

וואָלט דער דירעקטאָר פונעם יידיש־דייטשישן טעאַטער, אַלבערט שטשופּאַק, זיך באַגנוגנט נאָר מיט דעם קאָמפּלימענט אַליין („זאָל מיין נאָמען נישט הייסן אַ ל ב ר ע ט“), וואָלט געווען אַלצדינג שיין און פיין, און אַלע וואָלטן געבליבן צופרידן, יעדער אויף זיין שטייגער: די געסט וואָלטן געווען צופרידן, וואָס זיי האָבן געהערט זינגען אַזאַ „רבונו־של־עולם“, וואָס נישט יעדער און נישט אַלע מאָל קאָן מען אויסהערן. רייזל, דעם חזנס מיידל, וואָלט געווען צופרידן מיט איר ערשטן „ארויסטריט“ פאַר פרעמדע מענטשן. דער חזן וואָלט געווען גליקלעך, וואָס זיין טאָכטער האָט אַזוי אויסגענומען ביי די געסט (וועלכער פאָטער פילט זיך דאָס נישט גליקלעך ביים ערשטן דערפאָלג פון זיין קינד?). וואָס דאַרפט איר מער? אַפילו לאה די חזנטע, וואָס האָט נישט געקאָנט איבערטראָגן, אַז איר טאָכטער זאָל אויפהייבן איר קול פאַר פרעמדע מאַנצבילן, איז איצטיקס מאָל געווען אַזוי גערירט, אַז נישט ווילנדיק האָט זיך ביי איר אַרויסגעכאַפּט אַ שטילער זיפץ:

— אַ קינד, מיר זאָל זיין פאַר אירע ביינער!...

איז אָבער באַשערט געווען, אַז אויף דעם דאָזיקן לויטערן הימל זאָל זיך אָנרוקן אַ וואָלקן און די גאַנצע שמחה זאָל פאַרשטערט ווערן. און איבער וועמען? טאַקע איבערן דירעקטאָר פונעם יידיש־דייטשישן טעאַטער און איבער זיין צונג, משטיינס־געזאָגט, וואָס איז ביי אים אין גלות. אַ מענטש, אַז ער גייט אַרויס פון די כּלים, איז קיין קאַטאָוועס נישט.

צי פאַר גרויס התפּעלות, צי דאָס געשעפט האָט פון אים געפאָדערט, נאָר אַלבערט שטשופּאַק איז ווידעראַמאָל אַרויס מיט דער שפּראַך, שפּילנדיק בעת־מעשה מיט די דימאַנטן און בריליאַנטן, וואָס אויף זיינע פינגער:

— איי, אַ קולכל! איי, אַ העלדיזעלע! איי, אַ פּיסקעלע! נו־נו! הערט זשע, ליבער חזן, איר זיצט אָט דאָ אין דעם האָלענעשטי, הערט זשע, אַ העק, אַ גריב, וואָס? ווער? פּאָליאָסקעט זיך אין דער בלאָטע און וויסט נאָר פּאַפּעשויעט, מאַמעליגע, כּל מקדש, כע־כע... אַ רחמנות, הערט זשע, אַזאַ באַרליאַנט, וואָס ווערט פון איר אָט דאָ, נעבעך, אייער קינד הייסט עס, איך וויים? דאַכט זיך מיר, זאָל מיין נאָמען נישט הייסן אַלבערט!...

פון די דאָזיקע דיבורים האָט די חזנטע פאַרשטאַנען, אַז מע רעדט פון איר קינדס תכלית, האָט זי באַלד אָפּגעהאַקט, ווי מיט אַ שאַרף מעסער:

— ביי יענעם אין מויל דאַרף מען די ציין נישט ציילן... מיין קינד האָט, דאַנקען גאָט, ביז הונדערט צוואַנציק יאָר, וועמען דער קאָפּ זאָל פאַר איר וויי טאָן...

אַלבערט שטשופּאַק האָט, ווייזט אויס, נישט פאַרשטאַנען דעם וויץ, אָדער ער

האָט זיך געמאַכט, ווי ער פֿאַרשטייט נישט, און איז געגאַנגען ווייטער צו זיין זאַך, זיך געווענדט נאָר צום חזן, גאָר נישט געקוקט אַפֿילו אויף דער חזנטע:

— איז וואָס זשע האָב איך אייך, הערט זשע, געוואָלט זאָגן, מיין ליבער חזן? יאָ. וועגן דעם, וואָס איר זענט בלינדע מענטשן, פֿאַרפֿירטע אָט דאָ אָ. פֿאַנאַטיזמע, איך ווייס וואָס? אַ וועלט! אַזאַ וועלט! דאַכט זיך, ביי מיר, איר זאָלט זען, הערט זשע, קינדער — גאָלד! מיידעלער — אַזאַ יאָר אויף מיר; ליאַלקעס! אַגערקעלער! אַ פּרימאַדאָנע — אויך אַ טאַטנס אַ קינד. נישט אַזאַ פּנימל, ווי ביי אייערע, דער־פֿאַר אָבער אַ שטימעלע, הערט זשע, אין דער גרעסטער אָפּערע! ווען זי טרעט אַריין צו מיר, אייערע הייסט עס, איז איך ווייס? אין דריי־פֿיר יאָר אַרום, הערט זשע, מיט אַזאַ היטל אָ!...

דערביי האָט שטשופּאַק אַ גוויז געטאָן מיטביידע הענט, וואָס פֿאַר אַ היטל מיט גאָלד זי וואָלט זיי אַריינגעבראַכט, ווען זייער טאָכטער טרעט אַריין צו אים אין טעאַטער.

צי האָט דאָס די חזנטע פֿאַרשטאַנען ווי עס געהער צו זיין — איז שווער צו זאָגן. אַרויסגעזען האָט זי, אַז דער דאָזיקער פֿאַרשוין מיטן הויכן קוימען, מיט דער מגושמדיקער געגאָלטער מאָרדע, רעדט איר עפּעס אַ מאָדנעם שידוך פֿאַר איר טאָכטער און ליינט איר פֿאָר אַזעלכע זאַכן, וואָס סע שלאָגט צו דער גאַל הערנדיק... און עס האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אין איר די „מאַמע“, די מאַמע, וואָס איז באַשאַפֿן געוואָרן „אויף צו באַשיצן און צו באַשירמען איר קינד, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פֿונעם אויג“. די מאַמע, וואָס האָט קוים דערלעבט זי צו זען אויף די פֿיס. די מאַמע, וואָס ציטערט איבער איר, ווי איבער אַן איידעלע, שיינע, טייערע גלעזערנע כּלי, — און זי האָט נישט געוואָלט אַריינלאָזן זיך אין ווייטערע חקירות און האָט אָפּגעהאַקט נאָר שאַרפֿער, ווי פֿריער:

— נישט דערהאַרן וועלן דאָס מיינע שונאים! וואָס מיינט איר דאָס עפּעס, מיר זענען פֿון שניידערס, צי פֿון שוסטערס, וואָס מיר וועלן דערלאָזן אונדזער בלוט צווישן פּורים־שפּילערס, אַקטיאָרשטשיקעס, קאָמעדיאַנטן, שלעפּערס?... האָסטו געזען אַביסל!...

די דאָזיקע עטלעכע וואַרעמע ווערטער, וואָס לאה האָט אַרויסגערעדט אין איין אָטעם, האָבן דעם דירעקטאָר פֿונעם יידיש־דייטשישן טעאַטער, ווי עס ווייזט אויס, גאָר נישט געשמעקט און, אפֿנים, טאַקע רעכט פֿאַרדראָסן. דאָס מגושמדיקע געקנייטשטע פּנים איז אים געוואָרן מיטאַמאָל געל און גרין, און אַ שווייס האָט אים באַשלאָגן. די פֿאַרשגורעוועטע ליפּן האָבן זיך ביי אים מאָדנע צונויפֿגעלייגט, און די קליינע אָנגעמענדיקע אייגעלעך האָבן ביי אים אָנגעגאָסן זיך מיט בלוט. אַלבערט שטשופּאַק איז גרייט געווען אַוועקצוגעבן דער חזנטע אַ פֿאַרציע, ווי איר קומט. אַ העזה אַביסל פֿון אַ יידענע אַזוי צו רעדן מיט אים, מיטן דירעקטאָר פֿון יידיש־דייטשישן טעאַטער.

גאָט ווייסט, צו וואָס פאַר אַ סקאַנדאַל דאָ וואָלט געקאָנט קומען... אַלבערט שטש־פּאַק האָט פּיינט מאַכן לאַנגע „ספּראַוועס“. ביי אים איז איינס פון די צוויי: „אָ ד ע ר ג ע ב ן פ ע ט ש. אָ ד ע ר כ אַ פּ ן פ ע ט ש“... אַ גליק, וואָס דאָ איז געווען שלום־מאיר. שלום־מאיר קען זיין פּרינציפּאַל, וואָס פאַר אַ פויגל דאָס איז. ווי ווייט מעגלעך, דערלאָזט ער אים נישט צו קיין סקאַנדאַלן. ער גייט מיט דעם גאַנג, אַז מע דאַרף נישט געבן קיין פעטש און מע דאַרף נישט כאַפּן קיין פעטש. ער האַלט, אַז מיט גוטן מאַכט מען אַלע מאָל בעסער... האָט ער אַ צי געטאָן דעם פּרינציפּאַל פאַרן אַרבל, ממזריש אַ ווונק געטאָן צו אים מיט אַן אויג, אַ פּאָר מיטן קאַפּעליושל אַרויף און אַראָפּ און אַ זאָג געטאָן צום חזן:

— אייער זוגתי איז גאַנץ גערעכט, לאָמיר האָבן אַזאַ יאָר, וואָס פאַר אַ חזנטע איר האָט, אַחוץ שוואַרצקייט... נאָר וואָס דען? איין חסרון: זיי זענען אַביסל צו אַ הייסע יידענע. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער דירעקטאָר האָבן דאָ גע־זאָגט. זיי האָבן געמיינט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, אַז ס'זענען פאַראַן אַלער־ליי פּרנסות אויף דער וועלט. יעדער לויבט זיך זיין פּרנסה, ווי זאָגט איר: יע־דער הונט איז זיך ביי זיין טיר באַלעבאָס, און יעדער חזיר מיינט, אַז זיין בלאָטע איז טיפער... און ווייטער האָבן זיי חלילה נישט געמיינט גאָרנישט, נישט קעגן אייך, נישט קעגן אייער מאַן, נישט קעגן אייער טאָכטער. אַריינגעקומען זענען מיר אַהער, זאָג איך אייך נאָכאַמאָל, נאָר צוליבן חזן, אים הערן זינגען, גאָט זאָל אונדז אַלעמען אַזוי געבן גליק און הצלחה. מיר וואָלטן נאָך געזעסן און געזעסן, ווילן מיר אייך מער נישט שטערן. אַגב זע איך, עס קלייבן זיך שוין די ממזרים צו אייך אין חדר אַריין. איר דאַרפט זיך זעצן צו דער אַרבעט, ווי זאָגט איר: תורה איז די בעסטע סחורה, ראָזשינקעס מיט מאַנדלען... זייט געזונט און האָט אַ גוטן שלים־ווענס.

— מיטן קאָפּ אין דער ערד און מיט די פיס צו דער טיר! — האָט זיי די חזנטע מכבד געווען מיט אַ ברכה דערמיט, ווען די געסט זענען שוין געווען אויף יענער זייט שוועל. און צו דער טאָכטער האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— מעגסט זיך שוין, טאָכטער, געזעגענען מיטן יידישן מעאַטער. דו וועסט דאָס ביי מיר נישט אָנקוקן מער, כל־זמן איך ליג נאָך נישט אויפן בית־עולם!...

דעם גרעסטן חלק וואָלט געכאַפּט פון איר דער מאַן (לאה די חזנטע, אַז זי ווערט אין כעס, איז געפערלעך!). איז אָבער דעם חזנס גליק געווען, וואָס די תלמידים זענען שוין געזעסן אַרום טיש ביי די אָפענע ספרים. ישראלי ד״ר חזן האָט, אייגנטלעך, אַליין אויך געפילט זיך עפּעס נישט אַזוי פויגלדיק נאָך דעם דאָזיקן געשפּרעך פון די נישט־געבעטענע געסט. נאָר ער האָט זיך אָנגענומען מיט האַרץ, געמאַכט כלומרשט אַ פריילעך פּנים, געריבן אַ האַנט אָן אַ האַנט און אויס־געצויגן מיט אַ ניגון פון דער גמרא:

— געדענקט זשע, קינדערלעך, נאָכאַמאָל, למשל, ווו האַלטן מיר? יאָ־אָ־אָ...

## קאַפּיטל פֿופֿצן

# אַ נייער פּאַרשוין — האָצמאַך

ביי בעני ראַפּאַלאָוויטשן אין גרויסן ברייטן הויף איז פֿריילעך. די סטאָדאָלע, וואָס מע שפּילט דאָרט יידיש טעאַטער, איז קיינמאָל נישט געשלאָסן, נישט ביי־טאָג, נישט ביינאַכט. קומט דער פֿרימאָרגן — הייבט זיך אָן דאָרט אַ לעבן. מענטשן — אויף און אָפּ. דער אַריין, דער אַרויס. סטאָליערס מאַכן צורעכט די בענק. פֿאַרבערהס מאָלן דעקאָראַציעס. טרעגערס טראָגן קאָסטיומען, ברענגען האָלץ, שלעפּן ברעטער. מע הערט נישט אויף צו קלאַפּן מיט האַמערס, שלאָגן טשוועקעס, דרייען שטריק, און שטענדיק איז דאָרטן קולות, געשרייען, געפּילדערן.

אָפּטער און העכער פֿון אַלע אַנדערע קולות און פֿון אַלע געשרייען הערט זיך איין קול, איין געשריי: „האָצמאַך!“

— האָצמאַך, דער רוח זאָל דיך נעמען!

— האָצמאַך, די אויגן זענען דיר אַרויס?

— האָצמאַך, ריר זיך!

—האָצמאַך, האַלט! האָצמאַך, שטיי! האָצמאַך, לויף! האָצמאַך! האָצמאַך! האָצמאַך!

„ווער איז אָט דער האָצמאַך?“ — טראַכט זיך בעני ראַפּאַלאָוויטשעס זונדל, לייבל, און איידער ער דאַרף גיין אין חדר אַריין, כאַפּט ער פֿריער אַ קוק אַריין אין דער סטאָדאָלע. לייבל ווייסט שוין, ווער דער האָצמאַך איז.

אַ הויכער, אַ דאַרער, אַ קרענקלעכער, אַ הוסטנדיקער, מיט אַ קורצן אָטעם, מיט אַ ווייס געשטופּלט פּנים, מיט אַ שפּיצעדיקער נאָז, מיט אַ שפּיציקן קאָפּ, מיט שפּיציקע אויערן, און אויגן אויך שפּיציקע, הונגעריקע, שטעכנדיקע, שאַרפֿע אויגן — אָט דאָס איז דער פּאַרשוין...

זיין נאָמען, אייגנטלעך, איז ה אָ ל צ מ אַ ן. נאָר דער דירעקטאָר פֿונעם טע־אַטער, אַלבערט שטשופּאַק, האָט אים פֿונעם ערשטן טאָג געקרוינט מיטן נאָמען „האָצמאַך“ — און אַזוי איז ער פֿאַרבליבן, עד היום הזה.

לייבלען איז אָט דער האָצמאַך געפֿעלן געוואָרן פֿון דער ערשטער מינוט, וואָס זיי האָבן זיך באַקענט, און באַקענט האָבן זיי זיך דווקא אָן פֿאָרשטעלונגען, אָן צערעמאָניעס און אָן חכמות. אַזוי איז געווען די מעשה.

האָצמאַך האָט דערזען לייבלען איינמאָל שטיין ביי דער טיר פֿון דער סטאָ־דאָלע, האָט ער פֿונדערווייטן געמאַכט מיט אים אַ שמועס:

— יאָלד! וואָס טוסטו דאָ?

— גאָרנישט.

— וועמען דאַרפסטו?

— קיינעם נישט.

— ווער ביסטו?

— בעני ראַפּאַלאָוויטשעס זון.

— וואָס זשע שטייסטו, ווי אַ קבצנס אַ יינגל, ביי דער טיר? קום אַהערצו, בחורל! פּאַפּיראָסן רייכערסטו שוין? צי נאָך נישט?

— נאָך נישט.

— אָבער דיין טאַטע רייכערט? דיינע ברידער רייכערן, אַ רוח אין זייער טאַטן אַריין? נו, קאָנסטו דאָך מיר ברענגען פּאַפּיראָסן.

אויפן אַנדערן טאָג האָט אים לייבל, אַ פּאַרשוויצטער, אַ הייטער, געבראַכט צו טראָגן אַ פולע קעשענע מיט פּאַפּיראָסן, ארומגעקוקט זיך בעת־מעשה אויף אַלע זייטן. האָצמאַך האָט די אויסגעשאָטענע פּאַפּיראָסן גיך מיט זיינע דינע שפּיציקע פינגער צונויפגעשאַרט און אַריינגעלייגט צו זיך אין קעשענע, נישט חלילה ווי אַ גנבה, נאָר ווי אַ מתנה פון אַ גוטן באַקאַנטן, זיך נישט פאַר־קרימט און אפילו נישט געזאָגט קיין דאַנק, פאַררייכערט, פאַרצויגן זיך, אַרויסגע־לאָזט דורך דער שפּיציקער נאָז אַ דין רויכל, פאַרהוסט זיך און אַ זאָג געטאָן:

— ווער רייכערט ביי אייך אַזעלכע יום־טובדיקע פּאַפּיראָסן?

— מיין עלטערער ברודער, — ענטפערט אים לייבל שטיל, קוים וואָס מע הערט.

— אַ רוח אין דיין עלטערן ברודערס טאַטן אַריין, ער ווייסט, וואָס מע דאַרף רייכערן! — ענטפערט אים האָצמאַך דווקא הויך אויף אַ קול. — זאָג נאָר, מיין טייער שפּילפויגל, וואָס עסט מען ביי אייך, אַשטייגער, אַז עס קומט אין דער פרי, צו דער קאַווע?

— וואָס מען עסט? ווי אַמאָל. אַמאָל עסט מען פּוטער, קעז, אַמאָל אייער, קיכלעך, פּוטערגעבעקס...

— אָט־אָט־אָט, שלאָגט אים איבער האָצמאַך, — דאָס מיינט דער פּסוק! ברענג, חכם, אַ פּאָר פּוטערגעבעקסלעך, נאָר פרישע. הרו הערסט, וואָס כ'וועל רעדט צו דיר? פרישע!

דאָס וואָרט „פרישע“ שרייט אוים האָצמאַך אַזוי הויך, אַז לייבל ווערט אַ פאַרציטערטער. ער האָט מורא, מע זאָל נישט דערהערן.

פונדעסטוועגן האָט ער אים געפאָלגט און דעם צווייטן פרימאָרגן געבראַכט צו טראָגן אין קעשענע אַ פּאָר פרישע פּוטערגעבעקסלעך, געציטערט, מע זאָל נישט חלילה דערשמעקן... און איידער ער האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט זיי דער

הינגעריקער האָצמאַך שוין דורכגעלאָזט דורכן דינעם האַלדז און גיך איינגעשלונגען.

— פּילן! — האָט אים האָצמאַך אַ זאָג געטאָן און באַלעקט זיך, ווי אַ קאַץ נאָך אָנבייסן, פאַררויכערנדיק אַ פּאַפּיראָס פון לייבלס ברודערס פּאַפּיראָסן, וואָס זענען אים אַזוי געפעלן, אַז ער האָט זיך געהייסן ברענגען נאָך.

און לייבל ברענגט אים נאָך און נאָך, און האָט דערפאַר אַ פרייען צוטריט אין טעאַטער נישט נאָר ביינאַכט, בשעת שפּילן, נאָר אויך בייטאָג, בעת פּראָבן, רעפּעטיציעס מאַכן, און אַפילו אַהינצו, אויף יענער זייט פאָרהאַנג, הינטער די קוליסן, וווהין לייבלס נשמה האָט זיך געריסן די גאַנצע צייט, געוואָלט זען, וואָס טוט זיך דאָרטן?

און — אַך וואָס לייבל האָט דאָרטן דערזען! גאָר־גאָר אַ באַזונדערע וועלט. אַ וועלט, ווי מענטשן טוען זיך איבער, פאַרשטעלן זיך, שמירן זיך אָן און פאַרבן זיך צו און גייען ארויס פון דאָרטן לצים, שדים, רוחות און מלאכים. און א לעבן איז דאָרטן ווי אין גן־עדן, שטענדיק לעבעדיק, פריילעך. דער זינגט, דער טאַנצט, דער שטופּט אָן פולע באַקן, דער טרינקט פון אַ פלעשל — בול־בול־בול, און דער רויכערט אַ פּאַפּיראָס שטילערהייט, זיצנדיק אויף אַלע פיר אין אַ ווינקעלע, דער דירעקטאָר זאָל נישט דערזען און באַגראָבן אין דער ערד... אַ בייזער דירעקטאָר! אַלע ציטערן פאַר אים, ווי פאַר אַ מלאך־המות, און אַלע לאַכן פון אים, מאַכן פון אים חוזק, שטעלן אים אַרויס אַ צונג אונטער די פּלייצעס און קרימען אים איבער, ווי ער גייט און ווי ער שטייט, און ווי ער זיצט, און ווי ער רעדט, און ווי ער בלישטשעט מיט די בריליאַנטן — מזיקים!

בעסער פון אַלעמען מאַכט אים נאָך האָצמאַך. ער מאַכט נאָך יעדן איינציקן אַזוי קונציק, אַז מע קאָן בלייבן פון אים אָן אַ בויך לאַכנדיק. אַ פריילעכע בריאה אָט דער האָצמאַך! לייבל פאַרשטייט נישט, פון וואַנען נעמט זיך צו אָט דעם מענטשן אַזויפיל פריילעכקייט? דאַכט זיך, אַז קיינער האָט נישט אַזויפיל, קיינער ווערט נישט אַזוי אויסגעריסן, קיינער הונגערט נישט אַזויפיל, קיינער הוסט נישט אַזויפיל און קיינער כאַפּט נישט אַזויפיל פּעטש, קלעפּ און סטוסאַקעס פון יעדן באַזונדער, ווי האָצמאַך, און קיינער איז נישט אַזוי אויפגעלייגט שטענדיק אויף צו לאַכן, ווי אָט דער האָצמאַך. אָט ערשט האָט אים, דאַכט זיך, דער דירעקטאָר אָנגעכאַפּט פאַרן קאָלנער און אַרויסגעוואָרפן פון גאַרדעראָב: „האָצמאַך, דער רוח זאָל דיך נעמען!“ און אָט שטייט ער שוין אונטערן דירעקטאָרס פּלייצעס אַ ביסעלע איינגעבויגן, דאָס קעפּעלע אויף אַ זייט, די ליפּעלעך צונויפגענומען, און אַ קוק טאָן אויף אים פון פאָרנט, ווערט איר דערזען אַ מגושמדיק פּנים מיט קליינע אייגעלעך — אַ ל ב ע ר ט ש ט ש ו פּ אַ ק מ י ט ד י ב י י נ ע ר !

נו, וויאַזוי האָט מען פיינט אַזאַ מענטשן?

## קאַפּיטל זעכצן

# האָצמאַך שרייבט אַ בריוו

— האַר נאַר ,דו, פּאַנסקיצאַפּ! דו לערנסט דאָך אין חדר, קערסטו דאָך אוודאי קאָנען גוט שרייבן? ברענג נאָר אריין אהערצו א טינט און פעדער, א בייגעלע פּאַפּיר מיט אַ קאָנווערט... און אַ מאַרקע פאַר זיבן קאָפּיקעס!

אַזוי האָט זיך אָנגערופן האָצמאַך צו זיין יונגן גוטן פריינד לייבל איינמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן, פוצנדיק די שטיוול פאַר אַלע אַקטיאָרן אין טעאַטער.

אין עטלעכע מינוט אַרום זענען די אַלע אויסגערעכנטע זאַכן געווען אין דער סמאָדאָלע, דאָס הייסט אין טעאַטער, אויף יענער זייט פאָרהאַנג, הינטער די קולים.

אויף אַן איבערגעקערטן קאַסטן ביי אַ דרייפיסיק טישל איז געזעסן ראַפּאַלאָוויטשעס הינדל, לייבל, און געשריבן אַ בריוו. אַקעגן אים, אויף דער ערד, האָט זיך צעלייגט האָצמאַך מיט אַ פּאַפּיראָס אין די ציין, אָפּגעלייגט די שטיוול פוצן אויף א זייט,, אונטערגעהוסט און בריטלעך דיקטירט:

— שרייב אַזוי, נשמה מיינע:

„צו מיין ליבע טייערע מוטער שרה־ברכה לעב וואָל! און צו מיין ליבן טייערן פעטער זלמן לעב וואָל! און צו מיין ליבע טייערע שוועסטער זלאַטקע לעב וואָל! און צו אַלע מיינע ליבע און געטרייע פריינד לעבט וואָל!“

— פאַרטיק, ליובעניו? פאָר ווייטער:

„ערשטן קום איך דיר צו מעלדן פון מיין וואָל באַפינדן, אַז איך בין, ברוך־השם, פאָלקאָם געזונט, ווי איך ווינטש אייך פון טיפן האַרצן אימער און שטענדיק, צו יעדער צייט פון אייך צו הערן — אמן“.

— האָסטו געשטעלט, קאָטעקל, דאָס וואָרט אמן? האָב איך דיך ליב. רייב ווייטער:

„און צווייטנס, קום איך דיר צו מעלדן, מיין ליבע טייערע מוטער, אַז מיר געפינען זיך אין באסעראביע, אַ לאַנד פון פּאַפּעשויעס, מאַמעליגע און גראָבע ווייבער. און מיר שפּילן אַלע נאַכט טעאַטער, און איך קום דיר צו מעלדן, אַז איך שפּיל שוין די ערשטע ראָלן און פון נאָך יום־טוב הייבן מיר אָן צו אַרבעטן אויף מאַרקעס, חלקים הייסט עס, דערווייל אַרבעט איך אויף גאַזש, דאָס הייסט, איך באַקום אויף דער וואָך, דאָס הייסט, אַלע וואָך קריג איך באַצאָלט. נישט אַזויפיל, אַז דער קאָפּ זאָל האַרט ווערן, נאָר, דאַנקען גאָט, אַבי נישט געאַרבעט אומזיסט. איך וויים, אַז לויט מיין אַרבעט בין איך ווערט אַ סך מער, און וואָלט אפשר באַקומען מער, איז פאַראַן ביי אונדז איינער אַ ממזר, שלום־מאיר רופט מען אים, אַ שלום־מאיר פון גאָט, ער

וואָלט דיר געמעגט זיין די כפּרה פֿאַר דיר און פֿאַר מיר און פֿאַר זלאַטקען. דאָס איז אַ הונט, וואָס עסט אַליין מכּות און לאָזט דעם אַנדערן אויך נישט. און איך שיק דיר אַ דרייערל, און איך בעט דיך, מיין ליבע מוטער, זאָלסט קיין פֿאַריבל נישט האָבן, וואָס נישט קיין דריי הונדערט. דאָס איז אינגאַנצן, וואָס איך פֿאַרמאָג, און מאַך דיר עפּעס אויף יום־טוב, וואָס דו דאַרפֿסט, און זלאַטקען שיך זאָלסטו קויפֿן למען השם, גאָר אָן אַ שום תּירוץ, און זאָלסט זאָגן דעם פֿעטער זלמן, לאָז ער מיר נישט דרייען אַ מוח וועגן פּריזיוו, איך האָב אים אין דער ערד! איך בין שוין מיטן פּריזיוו באַוואָרנט פֿון לאַנג. דאָס האָב איך אים צו פֿאַרדאַנקען, דעם פֿעטער זלמענען טאַקע... און איך בעט דיך, מיין ליבע מוטער, אַז דו וועסט שרייבן אַ בריוו, זאָל מיר אלי דער מלמד פֿאַר איינוועגס שרייבן, ווען האָב איך יאָרצייט. פֿאַראַיאָרן איז אויסגעקומען אַקוראַט דעם דריטן טאָג חול־המועד סוכּות. און שרייב מיר, צי ביסטו נאָך אויף דער אַלטער שטעלע, אין למען השם זלאַטקען שיך, און מער קיין נייעס האָב איך דיר נישט וואָס צו שרייבן, און זיי געזונט, מיין ליבע מוטער. פֿון מיר דיין זון, וואָס ווינטשט דיר פֿיל גוטס און גליק אויף אימער און שטענדיק צו יעדער צייט פֿון דיר צו הערן — אמן".

— איצט, פּעמפּיק, לאָז מיך, גיב אַהער די פֿעדער, וועל איך לייגן דעם טאַטן.

און האָצמאַך האָט פֿאַרקאַטשעט אַן אַרבל פֿון דער רעכטער האַנט ביזן עלנבויגן און האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט, און האָט אָוועקגעשטעלט עטלעכע קאָטשערעס מיט עטלעכע לאָפּעטעס, און האָט אַ פּרעג געטאָן ביי זיין קאָרעספּאָנדענט, ביי לייבלען:

— מאַכט דאָס נישט הערש בער האָלצמאַן?

לייבל האָט זיך שטאַרק איינגעקוקט אין די דאָזיקע העראָגליפֿן און האָט לאַנג געזוכט און האָט נישט געקאָנט געפֿינען נישט קיין הערש, נישט קיין בער און נישט קיין שום אַנדער חיה.

— מיין טייערער פּיפּערנאָטער! וואָס קוקסטו זיך אַזוי צו? — האָט זיך אָנגערופֿן האָצמאַך צו זיין יונגן פֿריינד, צו לייבלען, און גענומען זיך צוריק צו דער פֿריערדיקער אַרבעט — די שטיוול פּוצן. — ווי איך זע, איז, אַפּנים, דיר געפֿעלן מיין האַנטשריפֿט? דאָס האָב איך מיך אַליין אויסגעלערנט, נאַרעלע. אַליין פֿון מיין קאָפּ. אַלצדינג, וואָס איך קאָן, איז אַליין פֿון זיך. מיר זאָגן אַלע, אַז איך וואָלט געהאַט זייער אַ שיינע האַנט צום שרייבן, ווען מע זאָל נאָר מיך געוועזן לערנען. נאָר ווו? אַז איך בין אַזוי יונג געבליבן אַ יתום, און מיין מאַמע האָט זיך געשטעלט דינען, און מיך האָט צוגענומען דער פֿעטער זלמן צו זיך צו דער אַרבעט. ער איז אַ שניידער, אַ לאַטוטניק, אַ ווּיסטע קאַליקע, נאָר שלאָגן שלאָגט ער זיך דווקא ווי אַ גוטער באַלמעלאָכע. האָט ער מיר איינמאָל, ביים טיש זיצנדיק, געגעבן אָנצוהערעניש מיט אַ פּרעסל גלייך אין האַרצן אַריין. הוסט איך

דאָס פון העמלט אָן... האָט מיך די מאַמע אָפּגענומען פונעם פעטער דעם רוצח און אוועקגעגעבן מיך צו אן אנדער קאַליקע. האָב איך אָבער נישט געקאָנט זיצן ביי דער ארבעט איבערן פרעסל, וואָס דער פעטער האָט מיך מכבד געווען. איז זיך מיישב די מאַמע און באַשטעלט מיך גאָר פאַר א באַהעלפער ביי א דרדקי־מלמד, וואַשן קליינע קינדערלעך, זאָגן מיט זיי מודה־אני, טראָגן זיי דעם אָנבייסן אין חדר אריין. מילא, טראָגן אָנבייסנס איז דווקא נישקשה פון א שטיקל ארבעט: מע קאָן כאַפּן א נאַש, א לעק, א שמעק. איז אָבער דער חסרון, וואָס מע דאַרף זיך מטריח זיין טראָגן די קינדער אויף די פּלייצעס, אַז ס'א אַ בלאָטע, ווי זשע גענעמט מען דערצו כוח? העלפט גאָט, עס פאָרט אַראָפּ אין אונדזער שטאָט אַ יידיש טעאַטער. יידיש טעאַטער — סטייטש? די גאַנצע וועלט לויפט אין טעאַטער, און איך וועל זיצן אין דער היים? כאַפּ איך מיך אריין אהינצו מסתמא אזוי, אָן א בילעט. דאַרף זיך טרעפן אויף מיין גליק, אז דעם דירעקטאָר, שטשופּאַק טאַקע, פאַרגלוסט זיך דורכגיין דורך די בענק, הייסט עס, קאָנטראָלירן די בילעטן. כאַפּט ער מיך מסתמא און דרייט מיר אָן גאַנץ גוט אן אויער און וואַרפט מיך ארויס אין דרויסן. וואָלט דאָס אפשר נאָך נישט געווען אזא געוואַלד, ווען ער זאָל נישט אראָפּרייסן ביי מיר דאָס היטל. וויאַזוי קאָן איך קומען אהיים אָן א היטל? די מאַמע וועט דערציילן דעם פעטער, וועט מיך דער גזלן טויטן! האָב איך אָפּגעוואַרט גאַנץ פיין אין דרויסן אויפן פראָסט, ביז דער עולם איז זיך צעגאַנגען אהיים, בין איך צוגעפאַלן צום דירעקטאָר, צו שטשופּאַקן הייסט עס, געוויינט, געחלשט, געקושט אים די הענט, ער זאָל מיר אָפּגעבן דאָס היטל, דערציילט אים דעם גאַנצן אמת, אז איך בין סך־הכל א יינגל א יתום און האָב א פעטער א רוצח... הערט ער מיך אויס, שטשופּאַק הייסט עס, באַטראַכט מיך פון קאָפּ ביז די פיס מיט זיינע קליינע אייגעלעך, זיי זאָלן אים ארויס אויף יענער זייט, און מאַכט צו מיר: „ביסט א יתום, זאָגט ער, און האָסט נישט וווּ צו זיין? אפשר וואָלסטו, זאָגט ער, אריינגעטראָטן צו מיר אין טעאַטער? איך וועל דיך מאַכן, זאָגט ער, פאַר אן אַקטיאָר“...

## קאַפּיטל זיבעצן

# חידושים, ווי מע ווערט א קאָמיקער

האָצמאַך האָט זיך פאַרהוסט. ער רייסט איבער אויף א ווײַלע דאָס שטיוול־פּוצן, פאַררויכערט א פּאַפּיראָס, פאַרציט זיך עטלעכע מאָל און נעמט זיך דער־ציילן ווייטער פאַר זיין יונגן פריינד חידושים, וויאַזוי ער איז געוואָרן אַן אַקטיאָר.

— מיינסט אוודאי, חכם בלילה, אז די מאַמע איז געווען צופרידן, וואָס איך

האָב באַקומען אזא שטעלע? עס הייבט זיך גאָר נישט אָן, און נישט אזוי די מאַמע, ווי דער פעטער זלמן. „פאָרט ער אוועק מיט די אקטיאָרן, אזוי הערט ער אויף צו זאָגן קדיש, אָט דער גנב!"... אזוי האָט דער פעטער געוואָלט איינרעדן דער מאַמע. נאָר ווער מיר פעטער? וואָס מיר קדיש? אַז איך בין פּלוצים אַזוי געהויכט געוואָרן? מאָל דיר, קיין האָניק האָב איך די ערשטע צייט נישט גע-לעקט. שטשופּאַק האָט גענומען לערנען מיט מיר בלק גאָר אויף אַן אַנדער מין אופן. קודם האָט ער מיך מכבד געווען מיט עטלעכע כפל-שמונהדיקע פּעטש פאר די שטיוול פּוצן. „אָט אזוי, זאָגט ער, פּוצט מען שטיוול?" און גענומט אוועק ביי מיר דאָס בערשטל פון די הענט און וויזט מיר, וויאַזוי אַ שטיוול האָט ליב, מע זאָל אים פּוצן. נאָכדעם האָט ער גענומען מיך טרייבן, ווי אַ גוטן הונט, שאַפן מיט מיר אַזעלכע געגנ, וואָס מע באַדאַרף האָבן אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער, מע זאָל אומעטום קאָנען זיין און אַלצדינג קאָנען טאָן. און טאָמער עפּעס נישט אזוי, איז באַלד געפּאַטשט. אָט אזא טבע האָט דער דאָזיקער ייד, די הענטלעך זאָלן אים אָפּדאַרן! עס גייט אוועק אַ חודש און צוויי און דריי און פיר — איך קוק נישט אָן די בינע. געוואלד, וואָס וועט זיין דער תכלית? דערויף האָב איך מיך מפקיר געווען?... פרעגן אים, ווען וועל איך מיך זען מיט דער בינע — האָב איך מורא פאר פּעטש. קלאָגן זיך פאר די אַקטיאָרן, איז דאָ אַ ממזר שלום-מאיר, וואָס טראָגט אים אָפּ אַלצדינג אין די אויערן אריין, אַ כאָליערע זאָל קומען אויף זיי ביידע! בקיצור, עס העלפט נישט, מע מוז אַ ביסל צודאַרן, איינגעדאַרט זאָל ער ווערן, שטשופּאַקן מיין איך דאָס! איך וואַרט אַ יאָר, איך וואַרט צוויי — איך האָב מיך אָבער דערוואַרט. עס האָט זיך געטראָפן אַ מעשה. ס'איז געשען אַ נס מן השמים.

און האָצמאַך פאַרהוסט זיך אויף לאַנג און שילט דעם הוסט מיט טויטע קללות: „אַ כאָליערע זאָל קומען אויף מיין הוסט! אַ מיתה-משונה! אַ פּאָהיבעל!"...

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיטן הוסט און מיט די קללות, אָטעמט ער אָפּ, פאַרציט זיך נאָך עטלעכע מאָל מיטן פּאַפּיראָס, נעמט זיך צו די בערשטלעך און דער-ציילט ווייטער.

— געווען ביי אונדז איינער אַן אקטיאָר, אַ ליובאָוויק, אוכוואַטעווקער האָט מען אים גערופן, אַ טייערער, אַ זעלטענער ליובאָוויק, געשפּילט די שטאַרקסטע ראָלן און אַ שאַרלאַטאַן — הגדול הגבור והנורא! אַ יונגאַטש געווען אַ שיינער, אַ געזונטער, מיט פּלייצעס, מיט ביינער. אַ געמבע האָט ער געהאַט אַן אייזער-נע, אַן אמתע גאָרגל-שטימע. און אַ ציינגל האָט דאָס געהאַט, און דייטש האָט דאָס גערעדט — שוין איינמאָל אַ ליובאָוויק! וואָס טוט גאָט? נעמט מסתמא אָט דער אוכוואַטעווער און לייגט זיך אוועק אויף קאַטאָוועס קראַנק און כאַפּט

א שטאַרב אוועק שוין דווקא אויף דעם רעכטן אמת. מילא געשטאָרבן — געשטאָרבן. ברוך דיין אמת. וואָס זשע טוט מען אָבער אָן אַ ליובאָווניק? אַפּישן זעען שוין אויסגעקלעפּט, די קאַסע לייזט געלד, מע רייסט בילעטן טאַקע גאָר ווי אויף צולהכעיס. מיין שטשופּאַק — אָט־אָט נעמט ער איין א מיתה־משונה. „האָצמאַך, — מאַכט ער צו מיר, — וועסט קאָנען שפּילן א ליובאָווניק?" — „אַד, זאָג איך, פאַרוואָס נישט?" און האָב גענומען איינשטודירן מיין ראָל. געשפּילט האָט מען זייער אן ערנסטע שטיק: „דאָראַ, אָדער דער רייכער בעטלער פון שעקספּיר, אויסגעבעסערט און אויפגעפירט פון מיר אַלבערט שטשופּאַק". אַזוי טאַקע איז געשטאַנען אויף די אַפּישן! אז ס'איז געקומען צו שפּילן, האָט מען מיך גאַנץ פיין פאַרגראַמירט און ארויסגעלאָזט אויף דער בינע אַלס ליובאָווניק, אַן אויסגעציואָגענעם, אן אויסגעפּוצטן „רודאָלף", מיט אָנגעפארבטע בעקלעך און מיט שווארצע וואָנסעלעך, און א פּידזשאַק האָט מען מיר אָנגעטאָן א נייעם, און הויזן נייע, שטיוול א פּאָר, גאַנצע שטיוול, — איך זאָג דיר א „רודאָלף", אויף מיר אזא יאָר! און וואָס זאָל איך דיר לאַנג ברייען, מיין טייער שפּילפויגל? ווייס דער רוח דאָס פּובליקום! פון דער ערשטער מינוט, וואָס איך האָב מיך באַוויזן אויף דער סצענע, איך האָב נאָך קיין מויל נישט אויפגעעפנט, — אז מע האָט אָנגעהויבן צו לאַכן, לאַכט מען נאָך! און ווער שמועסט, אז איך בין צוגעגאַנגען צו דער פּרימאַדאָנע, צו דאָרען הייסט עס, און האָב אָנגעהויבן ווארפן א קאַנטשיק, דאָס הייסט שפּילן מיין ראָל, אָנגענומען זי פאר א האַנט און א זאָג געטאָן צו איר אויף טיף־דייטש, פּונקט ווי אוכוואַטעווקער עליו־השאַלעכץ: „אָ! ליעבעס קינד! מיר מוזען הייראַטען, דען נאָך דער האָכצייט איז די ליעבע פיעל שטאַרקער אלס פאר דער האָכצייט!".. איז געוואָרן אן איינלייגעניש אפשר אויף א האַלבע שעה, איך האָב געמיינט, מע וועט צעטראָגן דאָס טעאַטער! וואָס שטאַרקער איך האָב געשפּילט מיין ראָל, אַלץ גרעסער איז געווען דאָס געלעכטער. טאַקע נאָר דער שלאַק האָט זיך אין זיי אריינגעכאַפּט!... בקיצור, קוים דערלעבט, דער פאָרהאַנג האָט געגעבן אַ פאַל אַרונטער, האָב איך מיך, אַ פאַרשוויצטער, געלאָזט גיין ווו די אויגן טראָגן, קוים געפלאָנטעט מיט די פיס, נישט געזען פאר זיך די וועלט, נאָר דערפילט האָב איך, אז איך בין ביי שטשופּאַקן אין די הענט, און דערהערט, אז עס פליען פּעטש, ווי האָלץ: „ממזר! פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געזאָגט פריער, אז דו ביסט א קאָמיקער?!"... זאָל איך אזוי וויסן פון אים, און ער זאָל אזוי וויסן פון זיינע דריטהאַלבן ווייבער, רבונו־של־עולם, אויב איך האָב אפילו גאָר אָנגעהויבן צו וויסן, וואָס דאָס הייסט — א קאָמיקער! און אָט אזוי איז ביי מיר פון דעמלט אָן אוועק א גאַנג, און איך האָב אָנגעהויבן צו ווארפן קאַנטשיקעס, דאָס הייסט, איך האָב אָנגעהויבן צו שפּילן די גרעסטע קאָמישע

ראָלן, פריער „שמענדריק“, דערנאָך „ציגגימאַנג“, דערנאָך „קוני לעמל“, דערנאָך נח דער שיכור און „הורס פידעלע“, און אפילו „פפוס“ און „בר כוכבא“ אויך. און אפילו דעם מעם פון „זעליקל מגנך“ אין לאַפיינערס בלימעלע האָב איך אויך שוין אמאָל פארזוכט. איך, אז איך גיב מיך נאָר א שטעל אוועק מיט א מזל־טוב: „חתן־כלה, מזל־טוב! אָט וועל איך אייך מאַכן אן איבערראַשעכץ, אן אינקוויזיציע, אַ קאָמפּערדריצע, דאָלעלע־לעמאָלע! סילעלע־לעמאָלע!“ — פאַלט מען אויף די ביי־בער און מע שטאַרבט אוועק!... און ווער שמועסט, אז איך מרעט ארויס אין א צעריסענער קאַפּאָטע און טאַנץ א „חסידל“:

יאך בין מיר א חסידל,
א לוסטיקע בריאה,
יאך בין מיר א חסידל,
גאָר אָן אַ פּניה;
יאך בין מיר א חסידל,
א חסידאק —
און איך זינג מיר:
האָפּ־טשיק־טשאַק! —

דעמלט ווערט דאָס גאַנצע מעאַטער פאר מיר די כפרה. איך באַדאַרף מיך פאר אזא וועוריק, ווי דו, נישט ארויסשטעלן. נאָר איך מעג מיך באַרימען, אז האָצמאַך האָט, דאַנקען גאָט, א נאָמען. דער חסרון נאָר, וואָס מע לאָזט מיך נישט אלע נאַכט אויף דער בינע. און ווער מיינסטו? שמשיפּאַק! א בימערער יונג, פאר־כאַפּט זאָל ער ווערן! ער גיט נישט קיין ראָלן, געבן זאָל אים גאָט קרענק אויף א גאַנצן ווינטער! די בעסטע ראָלן נעמט ער זיך, וואָרעם טאָמער פּאַטשט מען בראַוואָ חלילה עמעצן אַנדערש, נישט אים, באַקומט ער די נכפּה. אָט אזא פּרא־אדם איז דאָס... אזוי לאַנג קרענקט ער, ווי לאַנג איך וואָלט אים געפוצט שטיוול! נאָר האָב קיין מורא נישט — ס'איז אלצדינג ביז א צייט. אם ירצה־שם נאָך יום־טוב מאַכן מיר אלע אַקטיאָרן יד־אחת — ארבעטן אויף מאַרקעס, הלקים הייסט עס. אלא נישט — שלאָגן מיר מיט אים כפּרות און מאַכן אליין אַ באַ־זונדערע קאָמפּאַניע. מיר וואָלטן שוין לאַנג דאָס געטאָן, ווען נישט אָט דער ממזר שלום־מאיר, א כאָליערע — טפו!...

אזוי לאָזט אוים האָצמאַך זיין ביאָגראַפיע מיט א שפּיי אויפן בערשטל און נעמט זיך רייבן די שטיוול מיט אלע כוחות.

## קאַפּיטל אַכצן

# לייבל באַווייזט, וואָס ער קען

לייבלען איז האָצמאַכס ביאָגראַפיע אָן אַן ערך געפעלן. און נישט נאָר האָצמאַכס ביאָגראַפיע אַליין, נאָר אַלצדינג, וואָס ער האָט דאָ דורך דער גאַנצער צייט געזען און געהערט, און אַלץ, וואָס האָט א שייכות צום טעאַטער, איז ביי אונדזער יונגן העלד געווען טייער און הייליק.

געזען זיך מיט האָצמאַכן האָט אונדזער יונגער העלד גאַנץ אָפטלער, עטלעכע מאָל א טאָג. געקומען פון חדר אהיים עסן, איז לייבלס ארבעט געווען קודם געבן א קוק אריין אין דער סטאָדאָלע, וואָס הערט זיך דאָרטן. אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי — אריינגעכאַפּט זיך אין דער סטאָדאָלע און געבראַכט צו טראָגן האָצמאַכן עפּעס אויף צו קייען. און האָצמאַך געפינט זיך דאָך אין דער סטאָדאָלע שטענדיק. דאָרט לעבט ער, דאָרט שלאָפט ער.

— א טעאַטער טאָר מען נישט לאָזן אַליין. אין א טעאַטער באַדאַרף זיך תמיד עמעצער געפינען. א קלייניקייט — דעקאָראַציעס, קאָסטיומען, פּאַריקן! און אויסער מיר וועט דאָך שטשופּאַק זיין פּארמעגן נישט געטרויען קיינעם.

אזוי באַרימט זיך האָצמאַך פאר זיין יונגן פריינד, פאר לייבלען, און וואָס ווייטער ווערט די גוטפריינדשאַפט פון די צוויי אַלץ נענטער און שטאַרקער. האָצמאַך האָט געפונען פאר וועמען א ביסל אויסצורעדן זיך, אויסצוגיסן זיין ביטער האַרץ. אים איז געפעלן אָט דער דאָזיקער „פּעמפּיק“ (לייבל) מיט זיינע שיינע, מילדע, גוטע, ערנסטע אויגן. אויסער דעם, וואָס ער טראָגט אים אונטער אלעמאָל גוטע זאַכן פונעם טיש און האַלט אים אויס מיט פּאַפּיראָסן.

— שווער און ביטער, מיין טייער שפּילפויגל, — אזוי באַקלאָגט זיך האָצמאַך פאַר זיין יונגן פריינד, — קומט אָן דאָס שטיקל ברויט, אַז מע באַדאַרף זיין אַן אַקטיאָר א קאָמיקער ביי אָט אזעלכע לייט, ווי שטשופּאַק, מע זאָל זיי געדיכט זייען און שיטער אויפגיין. אָפּגעשניטענע יאָר האָבן מיר פון אָט דעם פּעזעווענק מיט די גרויסע באַרליאַנטן, פארשטערט זאָלן זיי אים, רבונו־של־עולם, ווערן!

האָצמאַך פארהוסט זיך און רעדט ווייטער:

— מאָל דיר, ער האָט פון אונדז אויך קאַלט און ווארעמס, אלע מאָנטיק און דאָנערשטיק וואַרפן מיר אים דעם גט פאַר די פיס און סטראַשען אים, אַז מיר וואַרפן אים אוועק און מאַכן אליין א טעאַטער. און ווען נישט זיין פליגל־אַדיוטאַנט, אָט דער שלום־מאיר, ס'זאָל אויף אים קומען א שטילע קרענק, וואָלטן מיר

דאָס שוין לאַנג אויסגעפירט. נאָר כאַפּט זיי ביידן דער וואַנטמאַכער! אבי איך ווייס מיר מיינס, אז איך בין מיט גאָט׳ס הילף א יידישער אַקטיאָר, כאָטש אפילו א קאָמיקער.

האָצמאַך מאַכט זייער אַן ערנסטע מינע און זעט אויס נאָך מער „קאָמיקער“, ווי ער איז. לייבל קוקט אויף אים מיט גרויס רעספּעקט, און האָצמאַך דער קאָמיקער רעדט ווייטער:

— אז עס קומט, הערסטו, דער אויפדערנאַכט און מע טרעט נאָר אויף אויף דער בינע, אזוי ווערן פארשוווּנדן אלע צרות מיט אלע יסורים, ווי מיטן רויך. אויף דער בינע בין איך גאָר אַן אנדער מענטש. וואָס מיר שטשופּאַק? ווער מיר שלום־מאיר? איך האָב זיי אין דער ערד מיט די ביינער! בין איך אויף דער בינע, זע איך קיינעם נישט פאר מיינע אויגן. איך זע נאָר לעמפּלעך זע איך, און מענטשישע קעפּ זע איך, ליסענעס, קאַפּעליושן, הימעלעך, הימלען, און ווייטער גאָרנישט. ווער איז צו מיר דעמלט גלייך? דיין טאַטע מיטן גרויסן טרעלבויך! אַנו, לאָז ער מיר, כּדומה למשל נאַפּרימער, אַוועקגעבן אָט די סטאַדאָלע מיט דעם גאַנצן הויף מיט זיין גאַנץ עשירות אַרום און אַרום, און לאָז ער מיר זאָגן, אשטייגער, איך זאָל אים אָפּטרעטן די בינע אויף איין נאַכט — פּשעפּראַשאַם פּאַנאַ!

אָט אזוי באַרימט זיך האָצמאַך פאר זיין יונגן פריינד, פאר לייבלען, און זיין יונגער פריינד לייבל קוקט אים אין די אויגן אריין און שלינגט איטלעכס וואָרט.

און האָצמאַך הערט נישט אויף צו באַרימען זיך:

— אָדער, אשטייגער כּדומה נאַפּשיקלאַד, לאָז מען מיר אָנשיטן אָט די שטאַל מיט גאָלד און צוגעבן מיר נאָך די בת־מלכּה פאר א ווייב, איך זאָל אַוועקוואַרפן דאָס קאָמיקעריי און גיין דינען ערגעץ אין א קלייט, אָדער באשטעלן זיך פאר א באַלמעלאָכע, וועל איך יענעם אָנכראַקען א פולן פּנים! הערסטו, קטנער, ביסט נאָך גאָר א נעוויקל, מיין טייער שפּילפויגל, און דו ווייסט גאָרנישט, וואָס פאר א יצר־הרע דאָס טעאַטער איז, ווי עס ציט, ציט, ווי א מאַגניט, צו אַלדי שוואַרצע יאָר!

— פּונקט דאָס אייגענע, וואָס מיט מיר! — כאַפּט זיך ארויס לייבל דעמלט, ווען האָצמאַך פאַרדרייכערט א פּאַפּיראָס, און ער איז זיך מודה פאַר זיין פריינד האָצמאַך, אז אים ציט אויך דאָס טעאַטער, שוין פון לאַנג ציט דאָס אים, פון זינט ער איז צו זיין שׂכל געקומען. נאָך דעמלט, ווען ער האָט נאָך גאָר נישט געוווּסט אפילו, צי ס׳איז פאראן ערגעץ א טעאַטער אויף דער וועלט, האָט ער שוין מיט זיינע חברים געשפּילט „מכירת יוסף“, „יציאת־מצרים“, „אויפן באַרג סיני“, וכדומה אזעלכע זאכן פון חומש, וואָס זיי אליין טאקע אין חדר האָבן צוגעטראַכט. און לייבל גיט אים איבער, וויאזוי מע שפּילט ביי זיי אין חדר:

— איך קום אריין, אשטייגער, צו פּרעה מלך מצרים אין פּאַלאַץ אריין, שטעל מיך אוועק פאַר אים אָט אַזוי און רוף מיך אָן צו אים (לייבל לייגט צונויף די הענט אויפן האַרצן און רעדט פריער שטיל, דערנאָך העכער און העכער, מיט אַלץ מער פייער): „מיין נאָמען איז משה בן עמרם... איך בין געשיקט געוואָרן צו דיר, אדוני קעניג, פונעם יידישן גאָט, דער גאָט פון אברהם, יצחק, ויעקב, וואָס זיין נאָמען איז א ה י ה א ש ר א ה יה, אַז דו זאָלסט אַרויסלאָזן זיינע יידעלעך פון דיין לאַנד, פון מצרים. ביז וואַנעט איז דער שיעור? וואָס האָסטו צו זיי? וואָס פּייניקסטו זייערע לייבער?! וואָס קוילעסטו זייערע קינדער און באָדסט זיך אין זייער בלוט, דו רשע מרושע! דו רוצח!! דו גזלן!!?? ווייסטו, מיט וועמען דו שפּילסט זיך? (לייבל הייבט אויף די האַנט). אָט הייב איך אויף מיין רעכטע האַנט צום הימל און באַווייז דיר, וואָס איך קאָן!“...

לייבלס אויגן צינדן זיך אָן מיט פייער, די בעקלעך פלאַמען, דאָס פּנים שיינט, און האָצמאַך ווערט נתפּעל און שלאָגט אים איבער אינמיטן:

— אַ שטאַרקע ראָל! — שרייט אויס האָצמאַך און כאַפּט זיין יונגן פריינד פאַר די אַקסלען און הייבט אים אָן צו טרייסלען. — א שטאַרקע ראָל! זאָל איך איינעמען א מיתה-משונה, ווען עמעצער וועט זאָגן אויף דיר, אַז דו ביסט נישט קיין אַקטיאָר! אַן אמתער אַקטיאָר, ווי איך בין א ייד, א געבוירענער אַקטיאָר פון דער בינע! ווייסטו, וואָס איך וועל דיר זאָגן, פּעמפּיק?...

האָצמאַך קאָן נישט רעדן ווייטער. עס שטיקט אים דער הוסט. אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט פאַר א קלאַץ, האָט ער זיך פריער גאַנץ גוט אויסגעהוסט און אויסגעשאָלטן זיך אויף אַלע זייטן:

— א פּאַהיבל זאָל קומען אויף מיין הוסט, רבונו-של-עולם! ער זאָל אריבער-גיין צוזאַמען מיט מיין קורצן אָטעם אויף שלום-מאירן, און דאָס שטעכן, וואָס סע שטעכט מיך אין א זייט, שענק איך אוועק שמשופּאַקן אויף יום-טוב...

אָפּגעאָטעמט און אָפּגערוט זיך פונעם הוסטן, ווערט האָצמאַך ווידער לעבע-דיק און פאַלט אריין אין פריערדיקן טאָן אריין:

— ווייסטו, יאַטל, וואָס איך וועל דיר זאָגן?

לייבל קוקט אים אין די אויגן, וואָס וועט אים האָצמאַך זאָגן?

— אָט וואָס איך וועל דיר זאָגן, מיין טייערער שפּילפויגל. איך אויף דיין אָרט וואָלט גאָר א שפּיי געטאָן אויף אַלצדינג. דעם טאַטן מיט די גראָבע פּיסקעס וואָלט איך אָפּגעשיקט אין הדר אריין, לאָז ער בעסער דאַרטן קוועטשן די באַנק. דער בייכיקער גמרא וואָלט איך געבן דעם וועג. דעם רבין דעם חזן וואָלט איך געהייסן זינגען „ומפּני חטאינו“, און אַליין וואָלט איך...

דאָ קומען אָן חברה אַקטיאָרן, מאַכן פראָבן און מע שלאָגט זיי איבער דעם שמועס אין דער רעכטער מיט.

## קאַפּיטל נײַנצן

# אַן אויג, וואָס קוקט

קיינמאָל וואָלט מען בײַ די ראַפּאַלאָוויטשעס אין שטוב נישט אַרומגעקוקט זיך, אַז עס פֿאַנגט אָן די פּאַפּיראָסן, און אַז עמעצער טראָגט אַרויס פֿון שטוב גאַנצע שטיקער פֿונעם־געבעקס און אַז ס׳ע סמייעט נישט אַלעמאָל קיין צוקער פֿון דער פּושקע, ווען נישט די אַלטע מאַמע, וואָס שאָקלט מיטן קאָפּ „ניין־ניין“, מיט איר שאַרף אויג, וואָס קוקט און זעט פֿאַר א מייל. די דאָזיקע אַלטע האָט באַמערקט שוין פֿון אַ צײַט, אַז אין שטוב זיצט ערגעץ אַ גנב, האָט זי גענומען נאָכקוקן, נאָכשפּירן, נאָכזוכן, און ס׳איז איר, דאַנקען גאָט, אָפּגעגאַנגען. זי ווייסט שוין, ווער עס אַרבעט עס איז. „דאָס איז דער קליינער ימח־שמויניק לייבל!“...

איין זאַך איז איר נאָר קשה: „אויף וואָס דאַרף עס א ייִנגעלע פֿונעם־געבעקס, צוקער און פּאַפּיראָסן? און וווּהין טראָגט ער עס? שוין זשע אין חדר אַרײַן? ווער? די חברים? אָדער אפֿשר טאַקע דעם רבין אַליין?“... און די אַלטע האָט גענומען נאָכשפּירן און האָט באַמערקט, אַז גאַנץ פֿרי, ווען אַלע שלאָפֿן נאָך, כאַפּט ער זיך אויף, דער כל־בוניק, פֿאַרקנייטשט דאָס דאַווענען און ווערט פֿאַרשוווּנדן... „וווּהין? וואָס האָט א בחור׳ל צו טאָן אַזוי פֿרי אין חדר, אַז דער רבי אַליין שלאָפֿט נאָך?“...

און די אַלטע מאַכט זיך בלא, זיצט מכלומרשט איבער אַ גראָבן קרבן־מנחה, דאַווענט שטילערהייט און שאָקלט מיטן קאָפּ „ניין־ניין“, און דאָס אויג קוקט און זעט אַלצדינג... און ווײַבאַלד לייבל כאַפּט זיך נאָר אַרויס פֿון שטוב, אַזוי איז די אַלטע באַבע אים שוין פֿון הינטן, און זי קוקט אים נאָך פֿונעם גאַניק און זי זעט, ווי ער האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין דער סטאַדאָלע. „וואָס האָט ער, אַשטייגער, צו טאָן, אַזאַ יונגער צוציק, אין דער סטאַדאָלע?“...

אויף מאָרגן די אייגענע געשיכטע. די אַלטע רוט נישט. דאָס אויג קוקט, דאָס האַרץ קאָכט, דער קאָפּ שאָקלט „ניין־ניין“, און דער מוח אַרבעט. געלויבט איז גאָט — זי ווייסט שוין אַלעס: „דער כל־בוניק האָט זיך צונויפֿגעחברט מיט איינעם פֿון די „פּורים־שפּילער“, וואָס געכטיקט אין דער סטאַדאָלע, — א שיינע קאָמפּאַניע, נאַקעטע, באָרוועסע און הונגעריקע הינטשלעגערס, גאָט זאָל נישט שטראָפֿן פֿאַר די רייד!“...

איצט בלײַבט איבער מער נישט איין זאַך: „וואָס טוט מען ווײַטער? זאָגן דעם עבֿבראַש — למאי טראָגסטו? וווּהין קריכסטו? — וועט ער זי מסתּמא באַלד האָרכן! הײַנטיקע קינדער — נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן! — זיי ווייסן דען, אַז מע באַדאַרף אָפּגעבן כּבֿוד אַן אַלטע מאַמע, וואָס איז שוין קרובֿ צו אַכציק? וואָס זשע דען טוט מען? זאָגן דער שנור? משטיינס־געזאָגט, ביילקע, אויך מיר

א מאַמע! כלומרשט א גוטע זעל, א וווייכינקע נשמהלע... נאָר וואָס טויג מיר איר ווייכקייט, וואָס נוצט מיר איר גוטסקייט, אז די קינדער קריכן איר אויפן קאָפּ, טוען וואָס זיי ווילן, וואַקסן אין שטויבער אריין! נייןנייןן. אויב זאָגן, דאַרף מען שוין זאָגן דעם זון, בעניון... בעני איז א טאַטע ביז הונדערט צוואַנציק יאָר, און אַ טאַטע איז נישט קיין מאַמע. אַ טאַטע שרייט אָן אויף אַ קינד, בייזערט זיך אויס, שענקט אַמאָל אַ פּאַטש, אָדער לייגט גאָר אַוועק און פּיצקעט אַריין, אַ ייִנגעלע זאָל וויסן דאָס אַנדערע מאָל"...

אָט אזוי האָט די אַלטע אָפּגעקלערט ביי זיך און אָט אזוי האָט זי טאַקע געטאָן. און נאָך מיט א יתר־שאת. פּאַרמסרן, צושטעלן א בענקעלע — דאָס אליין איז נאָך ווינציק. מע דאַרף אים כאַפּן, דעם גנב, ביי דער האַנט, און, פּאַרקערט, לאָזן אלע זען, וויאזוי א מאמע א גוטע זעל באַלעוועט קינדער, צעפּטרט זיי, מאַכט פון זיי א תל!...

## קאַפּיטל צוואַנציק

# אַריינגעלאָזט אַ וואָרעם

שטיל און קונציק האָט די אַלטע אָפּגעאַרבעט איר זאַך. אַזוי קונציק, אַז קיין פויגל האָט נישט געוווסט. בסוד־סודות, אויף די שפּיץ פינגער, האָט זי אָפּגעטראָגן דעם זון, בעניון, שטיל אויפן אויער, וואָס זיין מיזיניקל טוט, וווהין ער גייט און וואָס ער טראָגט און מיט וועמען ער באַגעגנט זיך... בעני האָט זי אויסגעהערט, אויסגעדרייט צו איר דאָס באַוואַקסענע פּנים, אַ קוק געטאָן אויף דער אַלטער מאַמע מיט קעלבערנע אויגן און אַ זאָג געטאָן אויף זיין לשון, קורץ און שאַרף:

— אַ קו איז געפלויגן איבערן דאַך און געלייגט אַן איי...

דאָס האָט באַדאַרפט באַדייטן, אַז ער גלייבט נישט. בעני קאָן אַזאַ זאַך אויף זיין מיזיניק נישט גלייבן. לייבל איז דער בעסטער, דער שטילסטער, דער געראָטנסטער פון אַלע זיינע „בנים". בעני איז נישט קיין גרויסער למדן, אָדער ווי ער אַליין זאָגט אויף זיך: נישט קיין גרויסער „יודע־נגן", נאָר ער הערט, וואָס די וועלט זאָגט. און די וועלט זאָגט, אַז זיין לייבל וואַקסט אַ לייט. ערשט אַנומלט האָט ער זיך באַגעגנט מיט ישראלי דעם חזן, לייבלס רבין, און האָט אים אַ פרעג געטאָן: „ווי האַלט דאָרטן מיין פּידרווניק אויפן פּאָפּאַס?"... האָט אים ישראלי דער חזן אַוועקגעלייגט אַ צעטל, אַז דער קאָפּ האָט זיך אים אַזש אָנגעהויבן דרייען. דער חזן האָט אים געזאָגט, אַז אָט דאָס ייִנגל איז נישט קיין געוויינטלעך ייִנגל, אַז

עס מוז פון אים עפעס אַרויס, עפעס אַזעלכעס, עפעס, עפעס.. דאָס איבעריקע דערמאַכט שוין דער חזן מיט די הענט, און בעני ענדיקט שוין אַליין פאַר אים:

— אַ קליאַמקע צו אַ טיר, אָדער אַ פלעקל צו=נאַ וואָגן, אָדער גאָר אַ נעכטיקער טאָג?...

און בײַ זיך אין האַרצן וואַקסט בעני, ווערט ברייטער ווי לענגער. גאָט האָט אים געבענטשט מיט אַזאַ ווײַלן זון, אַזאַ געראָטענעם, אויף דער עלטער!... און ער קוקט אויף אים און קוועלט און טראַכט זיך: „וואָס קאָן פון אים זײַן? אפשר אַ רב? און אפשר נאָך גרעסער פון אַ רב? ווער ווייסט, אפשר איז אים דורך אָט דעם זון גאָר באַשערט צו באַקומען אַ נאָמען אויף דער וועלט? ביז אַהער האָט מען געוווסט נאָר דאָ, אין האָלענעשטי, אַז ס'איז פאַראַן אַ ייד אַ באַלעבאָס, בעני, און שפעטער וועט ווייסן פון אים די גאַנצע וועלט. פון אַלדי גוטע יאָר וועט מען צו אים קומען אַהער, קיין האָלענעשטי: „דאָס זענט איר אָט דעם באַרימטן לייב ראַפאַלאָוויטשעס אַ פאָטער?" וועט ער זיי ענטפערן: „דער באַרימטער לייב ראַפאַלאָוויטש — דאָס איז מײַנער אַ זון"...

אָט אַזעלכע גאָלדענע חלומות חלומט בעני אויף דער וואָר — קומט צו גיין די אַלטע און „לאָזט אים אַרײַן אַ וואָרעם", אַז אָט דער תכשיט, אָט דער אַנטיק, איז גאָר סך=הכל אַ דער רוח ווייסט וואָס, אַ גנב, אַ פראָסטער גנב! און בעני ווערט אויפגעבראַכט, צערייצט, ווי אַ בער, און גייט אַרום אַ גאַנצן טאָג אָנגעברוגזט, לאָזט אויס דעם כעס אָדער אויף די „מענטשן", אָדער אויפן ווײַב, אויף ביילקען.

ביילקע קען שוין איר בענין דורך און דורך. טוט זי אַ פרעג פאַרבײַגייענדיק:

— וואָס איז שוין?

ענטפערט ער איר נישט.

— דער באַלעבאָס האָט אײַנגעשלונגען אַ קאַץ, — זאָגן אויף אים די „מענטשן".

— דער טאַטע איז אויפגעשטאַנען אויף דער לינקער זײַט, — זאָגן די קינדער, און אין שטוב גייען אַלע אַרום אויף די שפיץ פינגער. מע ווייסט נישט, פון וואָס און פון וואַנען — נאָר עס שמעקט מיט פולווער.

בײַנאַכט, אויפן געלעגער, קאַטשעט זיך בעני פון איין זײַט אויף דער אַנדערער, זיפצט און קרעכצט, ווי אַ געפענטעטער אָקס, קאָן קיין אויג נישט צומאַכן.

— אוי, אַ וואָרעם! נו, אַ וואָרעם! מע האָט גענומען און מע האָט מיר „צעשטאָכעט" די גאַנצע „ראַכובע"!...

אַ מינוט טראָגט עס אים פון בעט. עס גלוסט זיך אים עפעס צעקלאַפן, צעברעכן, צענעמען אויף שטיקלעך, צעוואַרפן אויף אַלע זײַטן — מאַכן פון אַלץ אַ באַרג!... ביסלעכווײַז באַרויִקט ער זיך. „אפשר איז דאָס נאָך

גאָר איינגאַנצן אַ „כּימענע קאָורע?“... אפשר האָט זיך דער אַלטער אויסגעוויזן אַ סימע ציג פֿאַר אַ באַרנביים?“...

און בעני ווערט אַנטשלאָפֿן, שלאָפֿט געשמאַק און כראָפּעט מיט סכּנת־נפֿשות.

## קאַפּיטל איין און צוואַנציק

# געפּאַקט אַ גנב

אַז גאָט אַליין שלאָפֿט נאָך, איז שוין בעני ראַפּאַלאָוויטש אויף די פֿיס.

בעני איז זיך נוהג אין דער פֿרי, אַז ער שטייט אויף, נעמט ער אויף זיך אַ כאַלאַט און אַ פּאָר שווערע שטעק־שיך אויף טשוועקעס און גייט אַרויס אַביסל אין הויף צו דער „כּודאָבע“ און כאַפּט אַ קוק, צי ס׳איז אַלצדינג אויף אָן אָרט. בעני האָט פֿיינט, אַז „מע קנייטשט אים די יאַרמעלקע“ און מע „פֿייפֿט אים אויף די פּאַסטאַראַמקעס“. אויף זיין לשון זאָל דאָס הייסן, אַז ער האָט פֿיינט, אַז ס׳איז נישט אַקוראַט און אַז מע פֿאַלגט אים נישט. דאָס געהילץ דאַרף ליגן אויסגע־ציילט. דער הויף — אויסגעקערט. דאָס מיסט — צונויפֿגעשאַרט. און אַפֿילו די בהמות דאַרפֿן זיין יעדע אויף איר אָרט.

— גראָבע קאַצאַפּקע! דו ביסט שוין ווידער ביי דער מורע רביצין צו גאַסט? אַ גוט יום־טוב אייך ביידן!

אַזוי טענהט זיך אויס בעני מיט די בהמות, פֿון וועלכע איינע איז טאַקע אַ גראָבע, אַ בייכיקע, אַ פֿאַרשייטע קו, און די אַנדערע איז אַ שטיליקע, אַ גלאַ־טינקע, מיט אַן אומשולדיק פֿרום פּנים, ווי ביי אַ רביצן. און ער כאַפּט אַ שמעקן און איז זיי מכבד ביידן, נאָך מער קלעפּ באַקומט די קאַצאַפּקע, און בעני גיט איר צו פֿאַרשטיין מיט אַ שכל פֿאַרוואָס:

— מע האָט דיר אַוועקגעשטעלט אַ שיסל? — רייב! וואָס קריכסטו צו אַ פֿרעמדער באַלעבאָסטע אין טעפּל אַריין?...

פֿון די בהמות גייט ער זיך דורך צו די פֿערה און שמועסט זיך אויס מיט זיי אויך בלשון סגי־נהור:

— הער נאָר, דו, חכם פֿון דער מה־נשתּנה! אַז דו וועסט זיך מיר זאַטשע־פּען מיט די בחורים, וועל איך דיך דערציילן, וואָס רש״י מאַכט אויפֿן פּסוק יבֿבֿה!...

און די פֿערד הייבן נישט אָן צו פֿאַרשטיין דעם באַלעבאָס לשון (פֿערדישע קעפּ!), דרייען זיי אויס צו אים זייערע חנעוודיקע מאָרדעס און קוקן אויף אים ביטערע־תּמעוואַטע, ווי איינער רעדט:

— וואָס זאָגט איר עפּעס האָבער?...

דער באַלעבאָס דערלאַנגט איינעם מיטן עלנבויגן אין זייט אריין, דעם אַנדערן א קיצל איבערן האַלדז, דעם דריטן א גלעט איבער דער גריווע און לאָזט זיך גיין צו די ארבעטער, זיך אויסשילטן א ביסל אויף מאָלדאַוואַניש: „אַלאַ דראַקאָ!“ — פּלוצים טראָגט אָן דער גומער יאָר די אַלטע, וואָס שאָקלט מיטן קאָפּ „ניין־ניין“. זי ווינקט צו אים מיטן שאַרפן אויג: „אָט איז ער, דער תכשיט, מיט פולע קעשענעס“ — און ווערט פארשוווּנדן.

בעני דערמאָנט זיך, וואָס מע האָט אים דערציילט אויף זיין זון, און עס טוט אים א טיאָכקע דאָס האַרץ. ער וואָלט א בעלן געווען, אז ס'זאָל זיין א ליגן די גאַנצע „כאַלעבורדע“. א מינוט ווילט זיך אים גלאַט א מאַך טאָן מיט דער האַנט אויף דער גאַנצער מעשה: „ווייס איך וואָס? פּוסטע ווערטער, ווייבערשע מאַניפּאַרגעם, באָבסקע פּליאָטקעס!“... נאָר דערזען דעם זונדל גיין מיט גיכע טריט צו דער סטאָדאָלע צו, ציגדט זיך שוין אָן אין דעם פאָטערס האַרץ א פייער אויפן זון — וואָס האָט ער צו גיין, אזא יונגער פידסווינק, אזוי פרי צו די קאָמעדיאַנטן? און ער טוט אים א רוף מיט זיין שטאַרקער דונערדיקער שטימע צו זיך.

לייבל, וואָס איז געגאַנגען פארטראַכט אין זיינע אייגענע געשעפטן, דערהערט דעם טאַטנס קול, בלייבט ער שטיין אין א פארלעגנהייט, צי זאָל ער גיין, צי ניין? נאָר אז דער טאַטע רופט, גייט מען.

— וווהין איז אזוי פרי? — פרעגט אים דער פאָטער.

לייבל האָט זיך נישט גערעכנט אויף אזא באַגעגעניש, פרעגט ער איבער ביים פאָטער:

— פרי?

— וואָס זשע? שפּעט איז איצט? וווהין גייסטו דאָס, אשטייגער?

— וווהין זאָל איך גיין?

— איך ווייס, ווו דו זאָלסט גיין? אָט דאָס טאַקע וויל איך וויסן ביי דיר.

לייבל האָט נעבעך קיין צייט נישט געהאַט אפילו צוטראַכטן עפּעס אזא מין אָרט, וואָס זאָל זיך קענען לייגן אויפן מוח. שטייט ער און קוקט, ווי א זינדיקער מענטש, דעם פאָטער אין די אויגן אריין.

— וואָס „זירקעסטו“ אויף מיר מיט די „גלאַזעניאַטעס“? האָסט מיך נישט דערקענט? צי וואָס? געדאַווענט האָסטו שוין? צי נאָך נישט?

— יאָ... ניין... מיין איך, יאָ.

לייבל האָט זיך פארפּלאָנטערט, און דער פאָטער ווערט אלע מאָל מער אין כעס:

— געדאַוונט, צי נישט געדאַוונט? לאָמיך שוין וויסן, ווו האַלט איך מיט דיר?

ליבלען באַשלאָגט אַ קאַלטער שווייס:

— יאָ, נאָך נישט, דאָס הייסט, איך האָב נאָך נישט געהאַוונט. דאָס האָב איך טאַקע געוואָלט גיין, דאָס גיי איך טאַקע אין שול אַריין דאַוונען.

דעם פּאָטער ווערט אַ ביסל גרינגער אויף דער נשמה; ער וואָלט אַ בעלן געווען, ס'זאָל זיין אַן אמת. זעט ער אָבער נאָכן זונס אויגן, אַז ס'איז אַ ליגן, אַ ליגן! און עס קאָכט אים אויפן זון. דאָס בעסטע פון אַלע קינדער!... ער גייט צו נאָך נענטער צו אים, קוקט, ווי ער האַלט זיך ביי ביידע קעשענעס. איז, אפשר, טאַקע אַן אמת, וואָס די אַלטע דערציילט, אַז ער טראָגט איבער די גאַנצע שטוב אַהין?... און דער פאָטער טוט אים אַ זאָג:

— אַנו ווייז נאָר, וואָס טעלעבענדעט זיך דאָרט ביי דיר? עפּעס ביסטו מיר זייער אָנגעדראָלן?...

אויף אַזאַ שלאַק האָט זיך ליבל בשום אופן נישט געריכט. ער בלייבט שטיין צוגעשרויפט צום אָרט און קאָן נישט רירן מיט קיין אבר.

— ווילסטו נישט באַווייזן? וועל איך אַליין מוזן אַריינפאָרן צו דיר מיט מיינע צען פינגער גלייך אין די טאַרבעס אַריין. — אַזוי זאָגט דער פאָטער און פאָרט אים אַריין מיט די הענט טאַקע גלייך אין די קעשענעס, און נעמט אים באַזוכן, און טרייסלט אויס ביי אים אַ גאַנצן אוצר פון אַלע גוטע זאַכן: פרישע פוטערגעבעקסלעך, שטיקלעך קוילעטש, טיי און צוקער, און פאַפּיראָסן אַ גוזמא, און אַ האַלבן פּופּיק פון אַ געבראָטענער גאַנדז אויך בתוכם.

### קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

## אַ מיאוסער פּסק

זאָגן אויף בעני ראַפּאַלאָוויטשען, אַז ער איז אַ שטרענגער פּאָטער — קאָן מען נישט. בעני מישט זיך איבערהויפּט ווייניק וואָס צו זיינע קינדער. די שטוב פירט דאָס ווייב, ביילקע. ער, בעני, ווייסט נאָר איין זאַך: „מע דאַרף שיטן האָבער“. אויף זיין לשון הייסט עס, אַז מע דאַרף געבן אויף דער הוצאה. און בעני גיט וויפל מע דאַרף. ער דינגט זיך נישט, פרעגט קיינמאָל נישט אויף וואָס — ס'איז נישט זיין עסק. אויך די קינדער קאָנען זיך טאָן, וואָס זיי ווילן, אפּבייסן איינס דאָס אַנדערע די נעז אפילו — איז נישט זיין עסק. סיידן עס מאַכט זיך אַמאָל, אַ קינד טוט אָפּ אַ זאַך, וואָס דער פאָטער מוז זיך שוין אַריינמישן, דעמאָלט איז הימל עפן זיך! עס רוקט זיך אָן אַ כמאַרע אויף דער גאַנצער שטוב. עס דונערט און עס בליצט און עס האָגלט. אַלע גייען אַרום אָן קעפּ, באַהאַלטן

זיך אין די ווינקעלעך — און מער פון אלעמען קומט געבער אָפּ בענים ווייב, די קליינטשקע, די שוואַכענקע, די שטילינקע ביילקע.

בעני האָט זיך גישט באַגנוגנט דערמיט אליין, וואָס ער האָט אויפגעוואָרפן דעם גערעַטענעם מיזיניק באַלד אויף דער הייסער מינוט צווישן פלאַמפייערדיקע פּעטש אין ביידע בעקלעך, אַז פּונקטן זענען געפלויגן פון די אויגן. ער האָט אים גענומען פאַר א האַנט, אריינגעפירט אים אין שטוב אריין, צונויפגערופן די גאַנצע כאַליאַסטרע און געצוואונגען דעם שיינעם תכשיט, ער זאָל דערציילן פאַר דער גאַנצער שטוב, וואָס ער האָט געטאָן און צוליב וועמען ער איז געוואָרן א גנב... דאָס אליין איז אָבער אויך געווען קאַרג. בעני האָט ארויסגעגעבן א פּסק, אַז מע דאַרף דעם בחור „אריינצימבלען אין חד־גדיא אריין“...

וויפל די שוואַכע ביילקע געבער האָט זיך ביי אים גישט געבעטן, ער זאָל בעסער איר פליישו שניידן אויף שטיקלעך, איידער אָנטאָן דעם קינד אזא בזיון; וויפל די גאַנצע שטוב האָט זיך גישט אָנגענומען פאַר לייבלען, געוואָלט אים פאַרענטפערן, אַז ער האָט דאָ גאָרנישט געטאָן אזא גרויסע עוולה; וויפל לייבל אליין האָט גישט געבעטן, געשווירן, געקושט דעם פאָטער די הענט, — עס האָט גישט געהאָלפן קיין זאַך: האָט בעני געזאָגט „אריינצימבלען אין חד־גדיא“ — איז פאַרפאַלן!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

### קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

## נאָך דער „עקזעקוציע“

איבערגעאַכט, אַז בעניז איז אָפּגעגאַנגען דער כעס און דאָס האַרץ איז אים געוואָרן ווייך (תמיד אזוי: א פאָטער, אַז ער שמייסט אָפּ א קינד, ווערט ביי אים דאָס האַרץ ווייך), האָט ער ארויסגעגעבן א באַפעל דער כאַליאַסטרע, מע זאָל גיין אין טעאַטער אריין. און כאָטש ביי בעני ראַפּאַלאָוויטשען אין שטוב איז נאָך דער „עקזעקוציע“, וואָס מע האָט אזוי מיאוס באַשטראָפט לייבלען, קיינעם גישט געווען צום האַרצן גיין אין טעאַטער, נאָר אַז דער טאַטע זאָגט, מע זאָל גיין — גייט מען.

דאָס טעאַטער (די סטאָדאָלע הייסט עס) איז געווען געפּאַקט, ווי אלעמאָל. די קלעזמער האָבן געשפּילט. די ארטיסטן האָבן געזונגען. דאָס פּובליקום האָט געקנאַקט ניסלעך, געקרעכט, זיך משמח געווען, ווי אלעמאָל. נאָר איין לייבל געבער איז געזעסן ווי א פרעמדער, מיט אויסגעטריקנטע בלאָנדזשענדע־קוקנדיקע אויגן. דער קאָפּ איז אים געווען שווער, ווי מיט בליי אָנגעגאָסן, און אין האַרצן האָט געברענט א גיהנום. קיינמאָל האָט זיך לייבל גישט פאַרגעשטעלט אזא בזיון, אַז

א ייִנגל ווי ער, שוין א בר־מצווה־בחור, דער בעסטער תלמיד אין חדר און דאָס ליבסטע קינד אין דער היים, זאָל אזוי מיאוס באַהאַנדלט ווערן פונעם פאָטער — און פאר אלעמען אין די אויגן!... אזוי אומגעריכט איז דאָס אלץ פאָרגעקומען, אז ער האָט גאָר קיין צייט געהאַט אפילו זיך ארומצוקוקן. און ערשט דערנאָך, ווען די זאך איז שוין געווען אָפּגעטאָן, האָט זיך ביי אונדזער יונגן העלד אויפגעכאַפּט א מוראדיקער פּראָטעסט, א גאַנצער שטורעם. דאָס איז אָבער געווען א פּראָטעסט פון א שוואַכן ווערעמל קעגן א שטאַרקן ריז, א פּראָטעסט, וואָס קאָן ארויסבאַווייזן זיך נאָר אין טרערן. און לייבל האָט געוויינט, ביטער געוויינט און א סך געוויינט.

לייבל האָט געוויינט נישט אליין. אים האָט מיטגעהאָלפן וויינען די מאמע. ביילקע געבעד האָט נישט געהאַט קיין ווערטער אויף צו טרייסטן איר ליבסטן זון דעם מיזיניק, האָט זי אים נאָר געקושט, געגלעט און געשלונגען אירע אייגענע טרערן, נישט אָפּגעטראָטן פון אים דעם גאַנצן טאָג. אין חדר איז שוין יענעם טאָג לייבל נישט געגאַנגען. ביים טיש איז ער אפילו געזעסן, נאָר צום עסן זיך נישט צוגערירט. יענעם טאָג איז ביי ראפּאלאָוויטשעס טיש געווען מאָדנע שטיל. אלע האָבן געהאַלטן די אויגן אראָפּ, יעדער צו זיך אין זיין טעלער אריין. נאָר די איינע „אַלטע“ האָט געקוקט אויף דער גאַנצער שטוב מיט איר שאַרף אויג, ווי זי וואָלט וועלן זאָגן: „אויף הרעטשקע באַדאַרף מען זיי אלעמען טרייבן איינציקווייז“...

— בונע דעמעניאצע! (א גוט מאָרגן הייסט דאָס) — האָט זיך אָנגערופן בעני ראפּאלאָוויטש צו דער גאַנצער כאַליאַסטרע, דערזען, אז כמעט ער איינער ביים טיש עסט און טרינקט. וואָס זענט איר געבליבן שטיין מיט די אָקסן אין דער בלאָטע? שמירט דעם וואָגן און פאָרט ווייטער!

איצטיקס מאָל האָט אָבער בענים סגי־נהור־שפּראך נישט געהאַט דעם עפעקט, וואָס תמיד. שטיל האָט מען אָפּגעגעסן, שטיל איז מען זיך צעגאַנגען פונעם טיש. איטלעכער צו זיך אין זיין ווינקעלע. אלע האָבן געפילט, וואָס דער קליינער לייבל דאַרף אַצינד טראָגן ביי זיך אין האַרצן, און אלע האָבן זיך געוווּנדערט, אז זיי האָבן דערזען, אז לייבל גייט מיט זיי אין טעאַטער.

אין תוך אריין האָט אָבער קיינער נישט געוווּסט, וואָס ביי לייבלען אין האַרצן טוט זיך. אין דער צייט, ווען אלע האָבן געקוקט אויף דער סצענע, ווי מע שפּילט (און לייבל אויך בתוכם), זענען אָבער זיינע מחשבות געווען ווייט פון דאַנען. דער יונגער גייסט האָט נישט גערוט, דער יונגער קאָפּ האָט געאַרבעט און אויסגעאַרבעט א פּלאַן, וויאַזוי מע רעכנט זיך אָפּ מיט א טאַטן פאַר דעם אונערהערטן בזיון, וויאזוי מען איז זיך נוקם פאַר די שמיץ. „נישקשה, די שמיץ וועלן זיך פאַרהיילן, — טראַכט זיך לייבל, — אָבער דעם טאַטן וועט דאָס קאָסטן טייער“... אָ! ער ווייסט שוין וואָס צו טאָן!... נישט אומזיסט האָט ער זיך פאַרבונדן מיט

אזא מענטשן, ווי האָצמאַך. נעכטן האָט ער געהאַט מיט אים אַן ערנסטן שמועס. האָט אים האָצמאַך געזאָגט גאַנץ אָפן, ווי זיין שטייגער איז (האָצמאַך האָט פיינט רעדן פארשטעלט):

— שוטה בן פיקהאָלץ! טו א טרייבער דעם טאַטנס קעשענעס, קריג ארויס א רעכטע מטבע און זעץ דיך אויף מיט אונדז, מיר פאָרן שוין שבתצונאכטס פון דאַנען אוועק, וועסטו ווערן אַן אַקטיאָר, און נאָך וואָס פאר אַן אקטיאָר, — אַניִשט זאָל איך איינגעמען א מיתה־משונה אָט דאָ, וו איך שטיי!...

דאָס, וואָס האָצמאַך האָט ארויסגעזאָגט אזוי הויך, האָט געטראַכט שטולערהייט ביי זיך אין האַרצן אונדזער לייבל. נאָר פונעם געדאַנק „אַ טרייבער טאָן דעם טאַטנס קעשענעס“ הייבט ער אָן צו פיבערן. „סטייטש, דאָס הייסט דאָך שוין פשוט גנבענען! ווערן א גנב!“... אזוי טראַכט זיך לייבל. נו, און דאָס, וואָס ער טראָגט די גאַנצע צייט פאר האָצמאַכן אָנבייסנס מיט מיטיקס מיט פאַפיראָסן אויף צו רייכערן — איז דען נישט געגנבעט?... „ניין, — פארענטפערט זיך אליין לייבל, — דאָס הייסט נישט געגנבעט. יענער וויל עסן, טיילט ער זיך מיט אים אויף דער האַלב. יענער וויל רייכערן, ברענגט ער אים פאַפיראָסן, — וואָס קומט אים דערפאַר?... אָבער געלט? גנבענען ביים טאַטן געלט?“... אַזוי טראַכט זיך לייבל. נאָר זאָגן פאר האָצמאַכן, אז ער האָט מורא גנבענען — שעמט ער זיך. געפינט ער אַן אַנדער תירוץ: וואָס וועט זאָגן דער טאַטע?

— דער טאַטע וועט דען שווייגן? — זאָגט לייבל און די ציין קלאַפן אים אין מויל.

— פון וואַנען וועט ער וויסן, בהמה? — מאַכט צו אים האָצמאַך.

— ער וועט זיך כאַפן, אז איך בין נישטאָ, וועט ער מיר נאָכפאָרן.

— וועט ער דיר אָנזאַלצן אויפן עק! ווייסטו, אז מיר פאָרן אַזש קיין בוקארעשט, בהמהלע? ווייסטו, וו בוקארעשט שפּאַנט אָן, גאָטס פערדעלע? צי די ווייסט מער פון א טויטן?

— איך ווייס, וו בוקארעשט איז. אין רומעניע. איך ווייס אפילו, אז ס'אי נישט ווייט פון דאַנען, — ענטפערט אים לייבל.

— הייגט וואָס זשע רעדסטו, חכם עתיק? פאָרסטו נאָך אריבער די גרענעץ, אזוי האָט אויף דיר דיין טאַטע מער קיין שליטה נישט. נישט דער טאַטע, נישט די מאַמע, נישט קיינער, דער האָסט זיי אלעמען אין דער ערד! דו גייסט דיר ארום איבער בוקארעשט, די הענט אין די קעשענעס, און שטעלסט ארויס א פייג דער גאַנצער וועלט. ביסט א פרייַ פייגעלע. פארשטייסט, וואָס מע רעדט צו דיר, צי ווער — וואָס?

לייבל פארשטייט זייער גוט. פאַרוואָס זאָל ער נישט פאַרשטיין? נאָר ווייל האָצמאַך האָט אים דערמאָנט די מאַמע, כאַפּט ער זיך אָן אינעם דאָזיקן געדאַנק:

— און די מאַמע?... מיין מאַמע? וויאַזוי וועט זי דאָס איבערטראָגן?...

— נו, ווייבאַלד אַזוי, טאָ גיי זשע צו דער מאַמען דיינער, באַהאַלט זיך אונטער איר פאַרטעך, ברעקעלע, און לאָז זי דיר געבן אַ לעקעכל...

לייבל דרייט זיך און זוכט תירוצים. ער וויל, ער גייט אויס, ער חלשט פאַרן מיט די אַקטיאָרן. וואָס קאָן זיין בעסער דערפון?... נאָר ער קווענקלט זיך, שלאָגט זיך נאָך מיט דער דעה...

דאָס איז אָבער אַלצדינג געווען פריער, פאַר דער עקזעקוציע, פאַר דעם מיאוסן פּסק. איצט, נאָך אַזעלכע בזיונות, וואָס דער טאַטע האָט אים אָנגעטאָן, — פונעם ווייטיק רעדט מען נישט, דער עיקר איז דער בזיון! דער בזיון! — איצט איז שוין אַנדערע ווערטער. איצט וועט שוין לייבל זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קיין זאַך. עס אַרט אים שוין אפילו נישט דער מאַמעס טרערן. לאָז זי וויינען. אויף איר קוקנדיק, וועט די גאַנצע שטוב וויינען און קלאָגן. און אפילו דער טאַטע אַליין וועט אויך בעסער ווערן. נישקשה, די ערשטע צייט וועט ער זיך טאַקע שמיצן און וואַרפן, נאָכדעם וועט ער חרטה האָבן. איי, חרטה האָבן! ער וועט זיך שלאָגן צל־חטא! און אַז קיינער וועט נישט זען, וועט ער וויינען שטילערהייט און וועט אים זוכן, און וועט אים רופן: „ווּ ביסטו ערגעץ, לייבעלע, מיין טייערער, טייערער?"... ער וועט זיך נישט וועלן טרייסטן, אַזוי ווי יעקב אָבינו, בעת מע האָט אים געבראַכט דאָס פאַרבלוטיקטע העמדל און געזאָגט, אַז יוסף זיין זון איז פאַרצוקט געוואָרן פון אַ חיה אין פעלד... אָדער אַזוי ווי דוד המלך, בעת מע האָט אים געזאָגט די גוטע בשורה, אַז זיין געליבטער זון אבשלום איז געשטאָרבן.

— געשטאָרבן?... שאַ! אפשר וואָלט גאָר געווען אַ פּלאַן אוועקשטאַרבן?... שטאַרבן! שטאַרבן! מע דאַרף זיך אוועקלייגן און שטאַרבן.

## קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

# לייבל אויף זיין אייגענער לויה

דער פּלאַן פון שטאַרבן געפעלט אונדזער יונגן העלד אין דער מינוט אַמבעסטן. ער שטעלט זיך פאָר אפילו, אַז שוין. ער איז שוין געשטאָרבן. וויאַזוי און פון וואָס איז ער געשטאָרבן — ווייסט ער אַליין נישט, אַבי געשטאָרבן. און אָט ליגט ער, בעני ראַפּאַלאָוויטשעס זונדל, אַ טויטער, אַ קאַלטער, אויף דער הוילער ערד, איבערגעדעקט מיט שוואַרץ. צוקאָפּנס ברענען ליכט. די גאַנצע

שטוב שטייט ארום אים און ברעכט די הענט און באַוויינט אים. די מאַמע ליגט א פארחלשטע און דאָקטוירים מונטערן זי. אַט מינטערט מען זי אָפּ און אַט חלשט זי ווידעראַמאָל... און דער טאַטע? אָ! דער טאַטע שלאָגט זיך מיטביידע הענט אין קאָפּ און שרייט: גוואלד, יידן, דאָס האָט ער, ער, בעני ראפאלאָוויטש אליין, מיט זיינע הענט געהרגעט א קינד, דאָס שענסטע, דאָס בעסטע, דאָס ליבסטע קינד!... און אפילו די באָבע, די אלטע־אַלטע באָבע, וואָס שאָקלט מיטן קאָפּ, וויינט און טענהט זיך אויס מיטן רבונו־של־עולם, פארוואָס האָט ער בעסער זי נישט צוגענומען אויפן אָרט פון אַט דעם יונגן ביימעלע, אומשולדיק שעפעלע וואָס על־פי־יושר וואָלט ער, דאַכט זיך, באַדאַרפט ערשט לעבן און לעבן?!... אויך די אַם, וואָס ביי זיי אין שטוב, שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט פאר געוויין... און גלאַט ווייבער, ווילד־פרעמדע גאָר, וואָס ער קען זיי נישט און ווייסט זיי נישט, שטייען איבער אים און גיסן, גיסן מיט טרערן.

נאָר אָט הייבט זיך אָן די לוויה. א שיינע, א רייכע לוויה! גאַנץ האָלעגעשט האָט זיך צונויפגעקליבן אויף לייבל ראַפאַלאָוויטשעס לוויה. און ס׳איז אַ געוויין א יאָמער, א קלאָג ביזן הימל. איבערהויפט די ווייבער. פון זייער יאָמערן מיט זייער קוויטשען קאָן מען טויב ווערן.

— שאַט, ווייבער, שטיל זאָל זיין! מאַכט א וואַרע! לאָזט דורך די שמשים!.. און עס שפאַרן זיך דורך די שמשים מיט די כלים מיט דער גאנצער חברה־קדישא, און מע לייגט אים אַרויף, לייבלען, אויף דער מטה, און מע טראָגט ארויס דעם יונגן בר־מינן פון שטוב, און די מאמע חלשט, און דער טאַטע שלאָגט זיך מיט די הענט אין קאָפּ, און די פושקע קלינגט מיטן שווערהאַפטן נוסח:
צדקה תציל ממות! צדקה תציל ממות!...

שטיל, מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, גייט נאָך דער עולם נאָך לייבלס לוויה און לייבל אליין אויך. מערקווירדיק! עס זאָל דאָס אים אפילו אָנהייבן אַרן אדרבא, ער איז זיך מחיה, וואָס ער איז געשטאָרבן, און עס טוט אים הנאה, וואָס ער האָט אזא שיינע לוויה. אלע באַקאַנטע זענען דאָ. אלע. דער גאנצער חדר, אלע זיינע חברים, מיטן רבין, ישראלי דעם חזן, און לאה די חזנטע, און זייער טעכטערל רייזל...

— רייזל!... ווו איז רייזל? וואָס איז די מעשה מיט רייזלען? פארוואָס איז זי היינט נישט געקומען? גראָד היינט!... אלע פארנאַכט קומט זי צו זיי אהיים און גייט מיט זיי אין טעאַטער. היינט נישט... פארוואָס איז דאָס? פארוואָס?...

אויס טויט, אויס לוויה, אויס „צדקה תציל ממות“ — רייזל איז ארויסגע־קומען אים איבן זינען און ארויסגעיאָגט פון קאָפּ אלע אַנדערע מחשבות און געדאַנקען.

## קאַפּיטל פינף און צוואָנציק

# טרערן

נאָכן וויזיט פונעם דירעקטאָר מיט זיין פליגל־אַדיוטאַנט האָט לאה די חזנטע גאָר נישט געוואָלט זיך דערהגרונטעווען צום תוד, וואָס דער דאָזיקער ייד מיט הוילן קאָפּ און מיט די בריליאַנטן וויל און ווהין ער שיסט. זי האָט אים געבענטשט נאָך זיין אוועקגיין, ער זאָל ברעכן דעם קאָפּ, און האָט זיך ארויסגעזאָגט גאַנץ קלאָר און שאַרף:

— מער גייט נישט איר טאָכטער אין יידישן טעאַטער, עס זאָל זיך אפילו איבערקערן די וועלט, סיידן זי, לאה, וועט נישט לעבן אויף דער וועלט!...

— וואָס איז דער שכל? — האָט דער חזן עפּעס ווי נישט ווילנדיק זיך ארויסגעכאַפּט מיט א וואָרט. האָט אים די חזנטע אָפּגעשניטן:

— דעם שכל ווילסטו וויסן? דער שכל איז א פּראָסטער שכל. א מענטש באַדאַרף האָבן א זיבעטע קלעפּקע און באַדאַרף פארשטיין, ווו יאָ און ווו ניין! אַמאָל באַדאַרף זיין יאָ און אַמאָל ניין — האָסטו געזען אַבּיסל!

וואָס, אייגנטלעך, דאָ איז פאָרגעקומען — האָט רייזל נישט רעכט פארשטאַנען. נאָר ארויסגעזען האָט זי פון דער מאַמעס רייד, אז אן עק — מיט טעאַטער מעג זי זיך שוין אָפּגעזעגענען. זי קען שוין איר מאַמע גוט, ביי לאהן א וואָרט איז א וואָרט. עס איז נאָר שווער, ביז מע ברענגט זי דערצו. נאָר קוים האָט זי דאָס וואָרט געגעבן, און נאָך צוגעשווירן אויך, מעגן שוין דעמלט קומען כל מלכי מזרח ומערב — איז פארפאַלן! אַלצדינג אויף דער וועלט קאָן מען ביי איר מאַמע פועלן, נאָר נישט ברעכן דאָס וואָרט... און רייזלען איז מיטאַמאָל געוואָרן אויפן האַרצן אזוי וויסט, גלייך ווי די זון וואָלט פאר איר פלוצים אין מיטן העלן טאָג פארגאַנגען און ס'איז געוואָרן פינצטער. עפּעס האָט מען צוגענומען ביי איר, מיט געוואַלט פון די הענט ארויסגעריסן, און עס האָט זי געשטיקט אויף צו וויינען. האָט זי זיך אָבער דעם גאַנצן טאָג געשטאַרקט, געמאַכט זיך א האַרץ: „וועט זי נישט גיין אין טעאַטער, ווו שטייט דאָס געשריבן, אז מע דאַרף זיין אלע נאַכט אין טעאַטער?“... נאָר אז ס'איז געקומען אויפדערנאַכט, דער חזן האָט צעלאָזט דאָס הדר, די חזנטע האָט אָנגעצונדן דאָס רויִקע לעמפּל און „גאָטס גאַס“ האָט זיך איינגעהילט אין א טונקעלן שלייער, האָט זיך רייזל קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען פאר בענקעניש. עס האָט איר גענאָגט די נשמה און געצויגן דאָס האַרץ אהין, אין טעאַטער אריין. און נישט אזוי נאָך אין טעאַטער אריין, ווי צו די ראַפּאַלאָוויטשעס אין זייער רייכער, ליכטיקער, פריילעכער שטוב,

מיט די פריילעכע, גוטע, ליבע מענטשן... און זי דערמאָנט זיך אין יענע זיסע ווערטער, וואָס לייבל האָט איר געזאָגט דעמלט, ארויסגייענדיק פון טעאַטער: „מאָרגן קומסטו נאָכאַמאָל?“... און זי דערמאָנט זיך, ווי נאָכדעם, אין דער פרי, אַז לייבל איז געקומען אין חדר אריין, א פרישער, א געזונטער, א שיינער, א ריינער, ווי אַלעמאָל, האָט זי איבערגעלייענט פונדערווייטן אין זיינע גוטע, שיינע, מילדע אויגן די אייגענע ווערטער: „היינט קומסטו נאָכאַמאָל?“... האָט זי געענטפערט פונדערווייטן מיט א קוק: „אוודאי קום איך היינט נאָכאַמאָל — א שאלה א ביסל?“ — און אראָפּגעלאָזט די אויגן, די מאַמע זאָל נישט דערזען, אַז זי קוקט אהין, צום טאַטנס תלמידים. די מאַמע האָט פיינט, אַז מע קוקט אהין, ווי יינגלעך לערנען... אך, מאַמע! זי מיינט טאַקע אַן אמת, אַז רייזלען אינטערעסירן די יינגלעך... עס הייבט זיך גאָר נישט אָן!... נאָר צווישן די יינגלעך איז דאָ איינער, דעם נגידס יינגל — לייבל הייסט ער — אוי, איז דאָס א יינגל!... נישט ווייל ער איז דעם נגידס א יינגל, נאָר ווייל ער איז גוט ווי א מלאך, א מלאך פון גאָט! אַך, וואָס ווייסט די מאַמע, וואָס דאָס איז פאַר א יינגל, וואָס דאָס איז ביי אים פאַר אַ שטוב, וואָס פאַראַ מענטשן דאָס זענען!?...

אזוי פלעגט דעמלט רייזל טראַכטן ביי זיך אין האַרצן און ארויסקוקן דער טאָג זאָל שוין אוועקגיין, און עס זאָל שוין קומען די נאַכט, דער טאַטע זאָל צעלאָזן דאָס חדר, וועט זי אָנטאָן איר איינציק שבתדיק קליידעלע, ארויפוואַרפן אויף זיך דאָס רויטע שאַלעכל, נעמען דאָס סיצענע זאַנטיקל מיט די קוטעסלעך, וואָס די מאַמע האָט איר געקויפט, און (ווען זי זאָל נאָר האָבן נייע גאַנצע שיך!) גיין אהין, אין יענער גרויסער, רייכער, ליכטיקער, פריילעכער שטוב, צווישן יענע גוטע, ליבע, פריילעכע מענטשן, און מיט זיי אינייַנעם אויף א גאַנצע נאַכט אין טעאַטער — אין גן־עדן אריין. און פּלוצים גאָר — נאָט אייך אַן איבערקערעניש! דער גוטער יאָר האָט זיי געבראַכט צו טראָגן און דער גוטער יאָר האָט זי געשטיסן, זי זאָל זיך שטעלן זינגען פאַר פרעמדע מענטשן און דורך דעם ארויסגעטריבן ווערן פון איר גן־עדן!...

און רייזל פאַלט צו מיטן פּנים צום בעט און הייבט אָן צו וויינען. לאַנג און געשמאַק וויינט רייזל אויף אירע יאָר און טעג, אויף איר וויסטן מזל און אויפן גרויסן, גרויסן אומגליק, וואָס איר איז געשען. און וויינענדיק, הערט זי, ווי פון יענער זייט פאָרהאַנג שעפּטשעט זיך דער טאַטע מיט דער מאַמען, קריגן זיך שטילערהייט. אפּנים, איבער איר... זי הערט דער מאַמעס קול: „אַז מע זאָגט ניין — איז ניין, האָסטו געזען אביסל!“... און רייזל הייבט אָן וויינען נאָך שטאַרקער. גייט צו צו איר בעטל, אונטערן פאָרהאַנג, דער טאַטע, ישראלי דער חזן, מיט שטילע טריט, בייגט זיך אָן איבער איר, גלעט איר די האָר, רעדט צו איר שטיל, לאה זאָל נישט הערן, רופט זי אָן מיט אלע זיסע נעמען: „רייזל און רייזעלע און רייזעניו“, בעט זי, אַז זי זאָל אויפהערן וויינען, און זאָגט איר צו אלע

גוטע זאַכן: די מאַמע וועט איר מאָרגן אָננעמען סיץ אויף א קליידל, וואָלגס אויף א קאַפּטל, מע וועט איר קויפן שיך... רייזל ווייגט נאָך שטאַרקער, אַזוי לאַנג, ביז לאה, וואָס האָט געהערט אַלצדינג, כאַפּט זיך ביים קאָפּ און הייבט אָן שרייען: „אָט הענגט זי זיך! אָט שטעכט זי זיך!"... בעט זיך ביי איר ישראלי דער חזן, ס'זאָל זיין שטיל, מע וועט זיך צונויפלויפן!... דערהערט מען ביי די שכנים, אַז ביי דער חזנטע איז א געשריי, לויפן זיך טאַקע צונויף עטלעכע שכנטעס און עס ווערט אויף א מינוט א האַרמידער: „גאָט איז מיט אייך, לאהניו, וואָס איז?" — „גאַרנישט, גאָרנישט". — „ווער האָט דאָס ביי אייך אַזוי געשריגן?" — „געשריגן? חלילה! ס'האָט זיך אייך אויסגעוויזן. דאָס האָבן מיר אַזוי געלאַכט". — „געלאַכט? אַ שיינער געלעכטער!" — „געפעלט אייך נישט? וואָס זשע זענט איר געקומען?" — „פאַר גוטפריינדשאַפט, לאהניו, פאַר גוטפריינדשאַפט. מיר האָבן דערהערט, מע שרייט, האָבן מיר געמיינט, מע קוילעט זיך ביי אייך". — „מע קוילעט זיך ביי מיר? לאָזן שוין מיינע שונאים געקוילעט ווערן פון גאָט!"... עס הערט זיך אַ קלאַפּ פון דער טיר אַזוי שטאַרק, אַז די פענצטער ציטערן. „מיטן קאָפּ אין וואַנט", — זאָגט זיי נאָך לאה מיט א לאַנגער תפילה און לאָזט אויס: „גוטע פריינד, האָסטו געזען אַביסל!"

דאָס אַלצדינג הערט רייזל, ליגנדיק ביי זיך אויפן בעטל, הינטערן פאָרהאַנג, און ווייגט שטילערהייט אויף אירע יאָרן און טעג, אויף איר פינצטערן מזל, וואָס זי איז געבוירן געוואָרן ביי אָרעמע עלטערן, וואָס קאָנען איר אַפילו קיין פּאָר שיך נישט קויפן, און דאַרף פאַרברענגען דאָ איר וועלט אין דער פינצטער ביי אַ לעמפּל, וואָס טשאַדעט, און הערן די זידלערייען פון דער מאַמע מיט די שכנטעס, וואָס קריגן זיך אַלע טאָג און בעטן זיך איבער, און מאָרגן וועט מען מסתמא ווידעראַמאָל צעקריגן זיך און איבערבעטן — און אַזוי אַלע טאָג... און דאָרטן? אָ! דאָרט איז ליכטיק. דאָרט איז פריילעך. דאָרט לאַכט מען. דאָרט לעבט מען. איי, לעבט מען!... איצט איז מען אין טעאַטער. ווו האַלט מען? סאַמע אין מיטן. און אפשר שוין ביים סוף. אָט באַלד לאָזט זיך אַראָפּ מסתמא דער פאָרהאַנג און דער עולם פּאַטשט בראַוואָ און שרייט: „האָצמאַך! האָצמאַך! א חסידיל! האָצמאַך!"... דער עולם שרייט אַזוי לאַנג, ביז עס באַווייזט זיך האָצמאַך, אַן אויסגעמוטשעטער, א פארשוויצטער, אַן אָנגעשמירטער מיט קרייד, און טאַנצט דעם דריטן מאָל אַ „חסידל". די קלעזמער שפּילן, דער עולם פּליעסקעט צו און האָצמאַך זינגט:

„יאַך בין מיר אַ חסידל,
אַ לוסטיקע בריאה..."

מיטן דאָזיקן פריילעכן לידל ווערט רייזל אַנטשלאָפן.

## קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

# אַ שׂרפה אויף „גאָטס גאַס“

עס איז געווען שוין ווייט נאָך האַלבע נאַכט, אַז עס האָט זיך געלאָזט הערן פון אַלע ביידע קלויסטערס:

בום! בום! בום!...

בום! בום! בום!...

אין האָלענעשטי, אַז מע דערהערט דריי מאָל „בום“, איז דאָס אַ סימן, אַז ס'איז אַ שׂרפה. און ווײַבאַלד אַ שׂרפה אין האָלענעשטי, אַזוי לויפט זיך צונויף די גאַנצע שטאָט. מע העלפט אַרויסטראָגן זיך. מע ראַטעוועט די נפשות. און דווקא אַליין. וואָרעם קיין פייערלעשערס איז אין האָלענעשטי נישט פאַראַן. עס ווערט דעריבער אַזאַ אָנגעלויף מיט אַזאַ געדרענג, אַז כמעט צוליב דעם אַליין איז אין האָלענעשטי כדאַי צו זיין אויף אַ שׂרפה. מע זעט זיך מיט אַ וועלט. מע הערט נייעס. ס'איז פריילעך.

ביי ישׂראלי דעם חזן אין שטוב האָט פריער פון אַלעמען דערהערט דאָס קלינגען די חזנטע לאה. דער מאַכטערס טרערן האָבן איר נישט געלאָזט אַנטשלאָפן ווערן. און כאָטש רייזל אַליין איז שוין לאַנג געשלאָפן מיט יענעם זיסן שלאָף, וואָס נאָר אומשולדיקע קינדער ווייסן פון אים, האָט לאה דאָך נישט געקאָנט צומאַכן קיין אויג. זי האָט חרטה געהאַט, אַזוי ווי הינט עסן זי, לְמאַי האָט זי באַדאַרפט געבן דאָס וואָרט און שווערן זיך?!... פינצטערע מחשבות און שוואַרצע געדאַנקען זענען צו איר, ווי אייַנגעגעסענע פליגן, געקראָכן און האָבן זי געוואָרפן אין היץ און אין קעלט. אַלע מאָל, ווען זי האָט צוגעמאַכט אַן אויג, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז אָט—אָט שפּרינגט רייזל אַרויס דורכן פענצטער און לויפט צום טייך — שונאי ציון — זיך טרינקען... און די אָרעמע מוטער נעבעך זעצט זיך אויף, הערט זיך איין אין דער שטילער פינצטערניש פון דער נאַכט: „דאָס קינד שלאָפט“... שפּייט זי אויס דריי מאָל, לייגט זיך אַוועק צוריק, און קרעכצנדיק, מוטשעט זי זיך, טאָמער וועט זי פאָרט אַנטשלאָפן ווערן. פּלוצים דערהערט זי דריי מאָל „בום“, כאַפּט זי אַ קוק אין פענצטער און דערזעט אַ שטיק רויטן הימל, שפּרינגט זי אַראָפּ פון בעט, וועקט אויף פּאַוואָליענקע דעם מאַן, ער זאָל זיך נישט דערשרעקן:

— ישׂראלי! ישׂראלי? שטיי אויף, גאָט איז מיט דיר; ס'איז גאָרנישט. סע נעצט.

— סע נעצט? ווו נעצט?

ישׂראלי כאַפּט זיך אויף אַ דערשראָקענער. לאה באַרואיקט אים:

— שרעק דיך נישט, ס'איז טאַקע אויף אונדזער גאַס, אויף „גאָטס גאַס“,

נאָר ס'איז ווייט, ווייט פון דאַנען. איך האָב מורא, אויב ס'איז נישט די דריטע דירה פון בנציון דעם שוחט, — זאָגט לאה און קוקט אין פענצטער. — אוי, אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן! קום נאָר אַהער, ישראלי, וואָס זאָגסטו? די דריטע דירה פון בנציונען, נישט ווייט פון שול. איאָ?

ישראלי קוקט זיך איין דורכן פענצטער:

— די דריטע דירה, זאָגסטו? איך האָב מורא, אויב נישט די צווייטע.

— פאַרפינצטערט בין איך געוואָרן! ישראלי, גיכער, טו זיך אָן. פאַרפאַלן די שול חלילה! וואָס וועלן מיר טאָן?... גיכער, ישראלי, גיכער. נאָר נעם אויף זיך מיין פאַטשיילע, זאָלסט נישט פאַרקילן דעם האַלדז. גיכער, גיכער!

אומזיסט יאָגט אים לאה אַזוי האַלדז און נאַקן. ישראלי איז שוין אַליין באַלד פאַרטיק. ישראלי האָט שוין אָפּגעגאָסן נעגלוואַסער, געכאַפּט אויף זיך די קאַפּאָטע (פון לאהס פאַטשיילע האָט ער זיך אָפּגעזאָגט, ס'איז וואַרעם אין דרויסן) און ער לויפט פייל אויסן בויגן ראַטעווען בנציון דעם שוחט, ראַטעווען די שול.

אויף ראַטעווען ביי אַ שׂריפֿה איז ישראלי דער חזן איינער פון די ערשטע אין האָלענעשטי. אַבי ער האָט נאָר פון עמעצן הילף, אַז עמער וואַסער, אַ לייטער, אַ האַק, אַ שטריק, אָדער וואָס נישט איז, שפּרינגט ער אין פייער אריין ממש מיט מסירת-נפש. אַזוי איז ישראלי הווקא אַן איידעלע זאַך, אַ רוחניות, אַ פליג. נאָר קומט צו אַ שׂריפֿה, ווערט ער אַ גבר, אַ העלד, אַ גבור שבגבורים. אויסשלאָגן צען שויבן און יצעבלוטיקן זיך די הענט — איז ביי אים בלאָטע. אַרויפקלעטערן אויפן דאַך אויף דערהרגעט צו ווערן — איז ביי אים אַ גאָרנישט. לאה ווייסט דאָס. לאָזט זי אים נישט אַליין. גייט זי אים נאָך. ובפרט איצט, אַז ס'איז אַזוי נאָענט צו דער שול!... „וואָס זשע טוט מען אָבער מיטן קינד?" — זאָגט לאה צו זיך אַליין, גייט צו צו ריוולען, קוקט זיך איין, ווי זי ליגט צעוואָרפן, און הערט זיך איין, ווי געשמאַק זי שלאָפט, דעקט זי זי איבער מיט דער קאָלדרע, זאָגט שטילערהייט: „אַנטשלאָפן געוואָרן נעבעך אין אָנטאָן, מיר זאָל זיין פאַר אירע ביינער"...

— און לאָזט זיך גיין צו דער שׂריפֿה נישט מער אַז אַ קוק טאָן, איין קוק, אַ האַלבן קוק — און באַלד צוריק.

באַלד צוריק?—עס רעדט זיך נאָר אַזוי. ווי קאָן מען אַוועקגיין פון אַ שׂריפֿה, אַז דאָס פייער קנאַקט און וואַרפט פון איין דאַך איבערן אַנדערן? אמת, צו בנציון דעם שוחטס דירה איז נאָך גענוג ווייט, און צו דער שול אַוודאַי. ברענען ברענט דערווייל אשר דער בעקער (וווּ איז אָשר און ווו איז די שול!). נו, אם-כן? אָשר דער בעקער איז קיין ייד נישט? אמת, אָשר איז אַליין שולדיק. מע האָט אים געזאָגט וויפל מאָל, ער זאָל זיין געהיט מיט די לעזשניעס און זאָל טרייסלען אַ ביסל אָפּטער דעם קוימען, וואָרעם ס'וועט אַמאָל זיין דורך אים אַן אומגליק. וואָס הערט אַ בעקער? האָט ער זיך דערשפּילט! כאַפּט דער גוטער יאָר דעם בעקער, זיין דירה איז שוין פאַרפאַלן. זי ברענט פון אַלע זייטן, ברענט ווי אַ ליכט. וואָס

טוט מען אָבער מיט די שכנים? אַרום און אַרום ייִדישע הייזער, מיט שטרוי און מיט שינדלען, און צונויפֿגערוקט אינייגעם. איין ווינטעלע א קליינס — אַהאַ, פֿאַרטיק די גאַנצע גאַס, „גאָטס גאַס“.

און דער עולם האָט זיך אַ נעם געטאָן צו די הייזער, וואָס אַרום אָשר דעם בעקער. געלאָפֿן נאָך עמערס, געבראַכט העק, געטראָגן שטריק, געשלעפּט לייטערס. און ישׂראלי דער חזן איז אַרויף צו משה־בער דעם קצב אויפֿן דאַך, און פֿון דאָרטן געקאָמאַנדעוועט, ווי אַ געניטער בראַנדמאַיאָר, מע זאָל אים געבן הילף, וואָרעם אַט נעמט זיך אָן דעם קצבס דירה, און נאָכן קצב גייט רב שמואל דער רב, און נאָך רב שמואל דעם רב גייט נח דער דיין, און נאָך נח דעם דיין גייט בנציון דער שוחט, און נאָך בנציון דעם שוחט גייט די שול — נישט אומזיסט הייסט די דאָזיקע גאַס „גאָטס גאַס“...

צו גרויס איז אָבער געווען דער צונויפֿלויף מיטן געשריי מיטן געפּילדער, מע זאָל הערן ישׂראלי דעם חזנס קול פֿון משה־בער דעם קצבס דאַך אַראָפּ.

— ווײ איז מיר! — האָט געשריגן צו אים די חזנטע לאה פֿונדערווייטנס און געמאַכט צו אים מיט די הענט. — וואָס טוסטו, גזלן? דו ווערסט זיך חלילה אָפּקוילן דעם האַלדז אָן אַ מעסער, עס גייט צו ימים־נוראים!...

און ישׂראלי דער חזן — אַזוי ווי ער האָט געטראָפֿן. מע האָט נאָך נישט צייט געהאַט דאָס גאַנצע ביסל אָרעמקייט אַרויסצוטראָגן פֿונעם קצבס שכנים, האָט דאָס פֿייער זיך שוין געגעבן אַ וואָרף אַריבער פֿון אָשר דעם בעקערס שטוב גלייך אויף משה־בער דעם קצבס דירה, און ס'איז געוואָרן אַ געוואַלד צווישן עולם:

— דער חזן! דער חזן!...

## קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

# שלום־מאיר רעדט פֿאַרשטעלט

וואָס האָט מען, אַשטייגער, געהאַט צום חזנס טאָכטער, צו רייזלען? גענומען אַ מיידל און אַוועקגעלייגט זי ביי בעני ראַפּאַלאָוויטשן אין הויף, אויף די קלעצער. און ווייבער דרייען זיך אום הין און הער, אָן אַ שיעור ווייבער. די ווייבער גייען צו אַלעמאָל צום האָלץ, וווּ רייזל ליגט אַ געבונדענע, בייגן זיך אָן, קוקן זיך איין און פֿרעגן איינע ביי דער אַנדערער: „עס ברענט?“.. — „עס ברענט, עס ברענט“...

וואָס זאָל דאָס באַדייטן? שוין זשע קלייבט מען זיך זי צו פֿאַרברענען? פֿאַרוואָס?... זי וויל אויפֿשטיין, קאָן זי נישט. זי איז געבונדן הענט און פֿיס. זי הערט, ווי עס קנאַקט אונטער איר דאָס האָלץ. אין די אויגן שלאָגט אַ רויטע ליכ־

טיקייט. נעמט זי זיך אָן מיט אַלע כוחות, צערייסט די שטריק און... זי כאַפּט זיך אויף — זי איז ביי זיך, אינעם גאַנצן אָנטאָן, אויפן בעט. זי הערט זיך איין — א לויפעריי מיט א געדרעדריי: „עס ברענט... עס ברענט“... זי כאַפּט א קוק אין פענצטער — די גאַנצע גאַס איז באַגאָסן מיט רויטן. דער הימל איז באַלייכט מיט א העליש פייער, און עס לויפן מענטשן. רייזל רופט די מאַמע, רופט דעם טאַטן — נישטאָ קיינער. וואָס הייסט דאָס?... נאָך א מינוט — און רייזל איז שוין אין דרויסן.

אַ פאַרכישופטע בלייבט שטיין רייזל ביי דער טיר. מיט אַ נאַקעט הענטל פאַרשטעלט זי די האַלב=פאַרשלאָפענע אויגן. דאָס רויטע שאַלעכל האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון די נישט פאַרפלאָכטענע האָר אַראָפּ. פון אונטערן ווייסן קליידעלע קוקן ארויס א פּאָר אויסגעטראָטענע שיכעלעך. פון אויבן ביז אַראָפּ ווערט זי באַגאָסן מיט דעם ליכט פונעם העליש=רויטן הימל, און דאָס מיידל הייבט אָן שיינען מיט אַ נייער פייערדיקער שיינקייט... נאָר ווער ווערט זיך אונטערנעמען, ווער וועט זיך וואַגן אַראָפּכאַפּן אָט דאָס זעלטענע געמילד, אָט דאָס שוואַרצע פייערשיינענדיקע מיידל מיט די צעוואָרפענע שיינע האָר, מיט די שוואַרצהנעוודיקע בעקלעך אירע, וואָס האָבן זיך באַפאַרבט פונעם העליש=רויטן הימל, און מיט די שוואַרצע גליענדיקע ציגיינערישע האַלב=פאַרשלאָפענע אייגלעך, וואָס האָבן זיך איר אָנגעצונדן און לייכטן אַרויס פון איר שיין, טונקל, מיט פייער באַגאָסן פּנים, ווי צוויי שטערן פונעם טונקעלן נאַכט=הימל? און ווו נעמט מען פאַרבן אויף אָפּצומאָלן „גאָטס גאַס“ אין דער דאָזיקער וואַרעמער שטילער זומער=נאַכט, איבערגעצויגן מיט א העליש=רויטן הימל, וואָס באַלייכט די שטאָט מיט די הייזלעך מיט די פּנימער פון די מענטשן, וואָס לויפן און קלייבן זיך צונויף איינעם, שרייען און פּילדערן, מאַכן מיט די הענט, זעען אויס פונדערווייטן, ווי טאַנצנדיקע שדים?...

— אַ גוטן אָוונט, קעצעלע! איינע אַליין גאָר? אַ מכה דער מאַמע! אַוועק צו דער שׂרפה ומן=הסתם? די גאַנצע שטאָט איז דאָרטן. דערהערט אַ שׂרפה אויף „גאָטס גאַס“, האָב איך מיר באַלד געזאָגט, מע דאַרף גיין א קוק טאָן, וואָס הערט זיך עפּעס ביים חזן? גאָט זאָל מיר אַזוי געבן גליק און הצלחה!

נאָכן לשון איז נישט שווער צו דערקענען, אַז דאָס איז אַלבערט שטשופּאַקס רעכטע האַנט און פליגל=אַדיוטאַנט, אונדזער גוטער באַקאַנטער שלום=מאיר מוראַווטשיק.

איצטיקס מאָל האָט זיך רייזל פאַר אים דווקא נישט איבערגעשראָקן. אַדרבא, זי האָט זיך דערפרייט, וואָס זי האָט דערזען אַ באַקאַנטן מענטשן: אפשר ווייסט ער, ווער עס ברענט?

שלום=מאיר קאָן איר נישט זאָגן, ווער עס ברענט.

— זאָל מיך אַזוי ווייסן בייז און גימל און דלות. א גרויסע נפקא=מינה ווער:

צי בערל, צי שמערל? צי יאָקל, צי טודרוס? איך זע, מע לויפט — לויף איך אויך. זאָג מיר בעסער, מיידעלע, וואָס איז די מעשה, וואָס ביסט נישט געווען ביי אונדז היינט אין טעאַטער? איך האָב דיך געזוכט, פייגעלע, מיט די אויגן געבן יענעם פעמפיק, וואָס זיצט מיט דיר תמיד, און נישט געקאָנט געפינען. איך האָב שוין געמיינט, ביסט חלילה חרוב, אָדער אַזוי עפּעס אַן אומגליק?

ערשט דאָ דערמאָנט זיך רייזל, וואָס פאַר אַ טאָג זי האָט איבערגעלעבט מיט וואָס פאַר אַ נאַכט פון צרות, פאַרדראָס און טרערן... און זי ווייסט אַליין נישט, וואָס זי טוט, נאָר זי פאַרטרויעט זיך אָט דעם מענטשן. זי דערציילט אים דעם גאַנצן אמת אין קורצע ווערטער, אַז דאָס האָט זי די מאַמע אָנגעלערנט, זי ווייסט נישט פאַרוואָס. אפשר דערפאַר, וואָס זי האָט פאַר זיי געזונגען איינעם מיטן טאַטן דעם „רבונו־של־עולם“?...

— אָט דאָס איז גאָר? יידישע זאַבאַבאָנעס — כאַ־כאַ־כאַ! — צעלאַכט זיך מאיר מוראַווטשיק מיט אַ דריבנע הייזעריק געלעכטערל, פאַלט אַריין באַלד אין אַן ערנסטן טאָן אַריין און באַדויערנד שאָקלט ער מיטן קאָפּ, צווייפלדיק דערביי:
— אַז אָך און ווי איז די יאָר, אַז אַזאַ בריליאַנט דאַרף זיך וואַלגערן אָט דאָ, אין דער האָלענעשטער בלאָטע, צווישן חיות, וואָס פאַרשטייען נישט, ווי אים צו שעצן, און ביי פאַנאַטישע עלטערן, וואָס ווייסן אַליין נישט, ווו זייער קינדס גליק געפינט זיך...

רייזל הייבט אויף די אויגן אויף אים: וואָס, אייגנטלעך, מיינט דערמיט אָט דער מענטש?...

שלום־מאיר רעדט ווייטער, און אַלץ פאַרשטעלט:

— פון דער ערשטער מינוט, וואָס איך האָב דיך געהערט זינגען אָט דאָ, — געדענקסטו אַנומלט אין דער פרי? — דו האָסט געזונגען „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען“ האָסטו געזונגען, — האָב איך באַלד געזאָגט: „אָט דאָס איז זי, די אמתע פרימאַדאָנע פון פרימאַדאָנעלאַנד“, — גאָט זאָל מיר אַזוי געבן גליק און הצלחה.

רייזל פאַרשטייט אים נאָך נישט אַקוראַט. ער רעדט ווייטער:

— און ווער שמועסט, אַז דו האָסט דיך אַוועקגעשטעלט זינגען מיטן טאַטן דעם „רבונו־של־עולם“, האָב איך געזאָגט: „דאָס מיידל איז באַשאַפן געוואָרן פון גאָט פאַר אונדזער טעאַטער!“.

— איך?...

מער קאָן רייזל נישט אַרויסרעדן אין דער מינוט, און זי פילט, אַז דאָס גאַנ־צע בלוט איז איר אַריין אין פּנים.

— איך האָב עס באַלד געזאָגט אונדזער דירעקטאָר. מע טאָר נישט, זאָג איך אים, לאָזן פאַרלוירן גיין אַזאַ גאָלדענע פרימאַדאָנעכין. מע דאַרף זי, זאָג איך, אַרויסשלעפּן פון דאַנען מיט געוואַלט.

— מיט געוואַלט?...

רייזל ווערט שוין גאָר איבעררשט. און שלום־מאיר מוראַוושיק מוט זיין זאַך, רעדט אָן אַן אָפּשטעל:

— וואָס רעדן? וויאַזוי לאָזט מען אַזאַ שטיק גאָלד זיך וואַלגערן אין דער בלאָטע? וויאַזוי לאָזט מען פאַרלוירן גיין אַזאַ טאַלאַנט? איך שטעל מיר פאָר דיין ערשטן אויפטריט ביי אונדז אויף דער בינע אין דער ראָל פון „בלימעלע“, אָדער „שולמית“, אָדער „שבת־קודש“, אין קורצע קליידעלעך מיט קליינע שיכע־לעך, און דו טוסט אַ זינג מיט דיין זיס שטימעכין די שיינע לידער פון גאָלדפאַדען, פון פיינמאַן אָדער פון לאַטיינער — ואיז ראַך, הערסטו, אַ כפּרה פאַר דיר דאָס גאַנצע טעאַטער מיט די ביינער! אָדער, לאָמיר זאָגן, דו האָסט זיך גאָר פאַר־שטעלט פאַר אַ ייִנגל מיט שוואַרצע געקרייזלטע האָר און טוסט אַ קוק ארויף מיט דיינע פייערדיקע ציגיינערישע אייגלעך און אַ זינג אָפּ „הייסע באַבקעלאַך“, אָט אַזוי, למשל (שלום־מאיר זינגט שטיל אויף זיין האַלב־הייזעריקער שטימע „הייסע באַבקעלאַך“ און קוקט אויף רייזלען, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס מאַכט אויף איר):

דאָרט זע איך אַ שאַלטיק אין מיטן גאַס,
מען מוט ער גאָרנישט,
ער גייט ארום פוסט און פאַס,
מוט אַלעס, וואָס מע טאָר נישט.
קראַנק איז ער אַזוווי איך אויך
צו האָרעווען מיט בלוטיקן שווייס
און צו שרייען אין דער הויך:
הייסע באַבקעלאַך, יידעלאַך, הייס!

— ס'פאַרשטייט זיך, אַז דו מיט דיין קולכל און מיט דיין פּיסקעלע, אַז דו טוסט אַ לייג אַוועק די דאָזיקע באַבקעלאַך, נעמט דאַך דאָס גאַנצע פּובליקום איין א מיתה־משונה אויפן אָרט. זאָג אפשר, אַז ניין, נשמה מיינע?

שלום־מאיר מוראַוושיק זעט, אַז זיינע רייד זענען נישט אַרויסגעוואָרפן אויפן ווינט, גייט ער צו צו איר גאַנץ נאָענט, מוט איר אַ גלעט פון דער גריוו איבערן הענטל און מאַכט צו איר אויף זיין הייזעריקלעכער שטימע:

— הערסטו, פייגעלע מיינס, מעגסט גאָט דאַנקען, וואָס דו האָסט זיך מיט מיר באַגעגנט. אונדזער איצטיקע פּרימאַדאָנע איז אויך אַ טאַטנס אַ קינד, און אויך פון אָרעמע גראַד, אַזוי ווי דו. פון אַ קליין שטעטל איז זי, פון פּוילן. דאָס האָט זי מיר צו פאַרדאַנקען, וואָס זי איז אַן אַקטריסע ביי אונדז אין טעאַטער. דאָס האָב איך איר געהאָלפן אַנטלויפן. ס'איז אַ שיינע געשיכטע. נישקשה, מעגסט דאָס הערן. דער טאַטע אירער אַליין איז סך־הכל אַ — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ שאָד. שלום־מאיר מוראַווטשיק מוז איבעררייסן די געשיכטע פון דער פרימאַדאָנע. ער דערזעט פונדערווייטן, באַלויכטן פון דעם פייערדיקן הימל, שניידט זיך פון דער צווייטער גאַס אַרויס אַ פיגור גלייך אַהער, צום חזנס שטיבל. פאַסט אים נישט מער צו שטיין אָט דאָ מיטן חזנס מיידל. דאָס קאָן אים שאַדן צו זיין גאַנצן פּלאַן, וואָס איז שוין אויסגעאַרבעט געוואָרן ביי אים אין קאָפּ, שטייענדיק אָט דאָ אין דרויסן. געזעגנט ער זיך אָפּ מיט רייזלען פאַר דער האַנט, וואַרפט איר אוייִן אַ פּאָר ווערטער מיט אַ ניגון, צום גראַם, נאָר פאַרשטעלט:

— ועסטו זיין אַ קלוג מיידעלע,
וועסטו האָבן אַ קליידעלע...

* * *

די פיגור, וואָס האָט זיך געשניטן פון דער צווייטער גאַס אַרויס, איז געווען נישט קיין אַנדערער, נאָר טאַקע אונדזער יונגער העלד פונעם ראָמאַן, דעם גביר ראַפאַלאָוויטשעס זונדל, לייבל.

## קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

# פופצן מינוט אַנטראַקט

מיר האָבן איבערגעלאָזט אונדזער יונגן העלד, לייבלען, גיין נאָך זיין אייגענער לוויה. דאָס הייסט, ווי ער זיצט אין טעאַטער און טראַכט פון דעם, וויאַזוי ער איז געשטאָרבן, און וויאַזוי אַלע באַדויערן זיין פריצייטיקן טויט, באַוויינען אים און באַגלייטן אים צו זיין אייביקער רו. דאָס בילד שטעלט זיך אים פאָר אַזוי בולט־לעבעדיק און אַזוי טרויעריק־רירנד, אַז עס פאַרקלעמט אים ביים האַרצן, און ער פילט אויף זיינע ליפּן הייסע געזאַלצענע טראָפּן — זיינע אייגענע טרערן. לייבל באַוויינט לייבלען, און, זיצנדיק אין טעאַטער, הערט ער נישט און זעט נישט, וואָס אויף דער סצענע טוט זיך, און נאָר דעמלט כאַפּט ער זיך אויף, אַז עס ווערט אַ מוראַדיקער רעש, אַ געלעכטער און אַ געשריי: „האַצמאַך! האַצמאַך!"...

דער האַזיקער רעש וועקט אויף אונדזער יונגן העלד פון זיינע טרויעריק־הלומות און ברענגט אים צוריק אין דער לעבעדיקער וועלט אַריין, וווּ יידן פרייען זיך מיטן יידישן טעאַטער, האָבן הנאה, לאַכן, שרייען און פּילדערן, לייגן איין די וועלט.

„פופצן מינוט אַנטראַקט". אַזוי שטייט בפירוש געדרוקט אויף די אַפישן פון טעאַטער. נאָר דאָס גאַנצע פובליקום ווייסט שוין (אַ יידן נאַרט מען נישט), וואָס פאַר אַ פופצן מינוט דאָס איז.

— די מכּות זאָל זיך זיי זעצן, וואָס מער פון דרייסיק! — אַזוי זאָגט דאָס האָלענעשטער פּובליקום. און דער עולם פאַרלאָזט די פּאַרכאַפּטע ערטער און גייט אַרויס אין דרויסן, ווער אַ ביסל רעדן, ווער כאַפּן פרישע לופט, און ווער אַרייַנשלעפּן אין טעאַטער אַריין אַ קרוב אָדער אַ באַקאַנטן אָן אַ בילעט, און ווער עס כאַפּט זיך אַריין נאָר הינטער די קוליסן.

פאַראַן אין האָלענעשטי אַזעלכע, וואָס בעת אַנטראַקט גנבענען זיי זיך אַריין אַהין, אויף יענער זייט קוליסן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס טוט נישט קיין לייטישער מענטש, קיין באַלעבאָס. אַהין טרעט אַריין אָדער אַ קלעזמער, אָדער אַ באַלמעלאָכע, אָדער אַזוי אַ הפקר־יונג, וואָס האָט נישט וואָס אָנצוווערן אין האָלענעשטי. אַהין כאַפּט זיך אַריין גאַנץ אָפטלעך, ווי מיר ווייסן שוין, דעם באַלעבאָס זונדל, דורך גאָר אַ באַזונדער טירל, וואָס נאָר פאַר אים איז דאָס אָפן.

און אַלע מאָל, ווען אונדזער לייבל טרעט אַריין אַהער, פילט ער זיך אין אַן אַנדער וועלט. שפּאַנענדיק איבער די שאָקלענדיקע ברעטער פון דער בינע, ווייזט זיך אים אויס, אַז נישט ער גייט, נאָר ער שווימט, ער שוועבט, עס טראָגט אים אין דער לופטן. און זעענדיק פאַר זיך די איבערגעטאָענע, מיט קרייד אָנגעשמירטע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, ווי זיי לויפן, ווי זיי שפּרינגען, ווי זיי כאַפּן טאַנצנדיק אַן עס, אַ טרונק, אַ זינג, שטעלט זיך אים פאָר, אַז ער איז איינער פון זיי, און נישט ווילניק נעמט ער איבער זייערע גענג, זייער שפּראַך מיט אַלע זייערע תּנועות און פּאָסטעמקעס, און אַז ער קומט אויף מאָרגן אין חדר אַריין, באַווייזט ער פאַר זיינע חבֿרים אַזעלכע מאָדנע קונצן, אַז זיי זענען אים דערויף נאָך מער מקנא, ווי אויף דעם, וואָס ער איז דעם גבֿירס אַ ייִנגל.

איצטיקס מאָל, יאָ לייבל איז אַרייַנגעקומען הינטער די קוליסן, איז אים נישט געלעגן אין זינען נישט קיין בינע, נישט קיין אַקטיאָרן, נישט קיין קונצן. ער האָט דורכגעלאָזט פאַרביי די פּרימאַדאָנע מיט די גרויסע בלויע, שטאַרק אונטערגעשמירטע אויגן און מיט די גרויסע מעשענע רייפלעך, וואָס באָמבלען זיך אויף אירע אויערן. ער איז דורכגעלאָפן פאַרביי די איבעריקע אַקטיאָרן, וואָס האָבן געביסן אַלע צו שטיקלעך פון אַן עפּל און פאַרגאַנגען זיך בעת מעשה פאַר געלעכטער. לייבלען איז איצט נישט געלעגן אין זינען קיין זאַך. ער האָט געזוכט אין אַלע ווינקעלעך האָצמאַכן.

האָצמאַכן איז געווען שווער צו דערקענען אינעם קאָסטיום פון קבצנזאָן (יענעם אויפגעראַכט איז געגאַנגען דאָס באַרימטע שטיק: „קבצנזאָן עט הונגערמאַן״).

האָצמאַכס קאָסטיום איז באַשטאַנען פון אַ צעריסענעם, אַ צעפּליכטן פראַק, אַן אַלטן צעקנייטשטן אָפּגעבאַרעטן צילינדער, שטאַרק צעריסענע קאַמאַשן אויף די פיס מיט אַרויסגעשטעקטע פינגער, אַ פּאָר הויזן פון סאַמע לאַטעס, אין צווישן די לאַטעס — אַ קאָרט, די טויז שערל.

די דראַזיקע טויז שערל האָט אַרויסגערופֿן אין האַלענעשטי ביים פּובליקום אַזוי פֿיל געלעכטער, אַז פֿון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס קבצנזאָן (האָצמאַך) האָט זיך באַוויזן אויף דער סצענע, ביזן סוף אַקט, איז דער עולם שיר ניט צעשטאָרבן. נעמען און פּאַרלאַטען, איך בעט איבער אייער כבוד, אַ פּאָר אַלטע תחתונים מיט דער טויז שערל — דאָס איז עפּעס אַזאַ המצאה, וואָס אין האַלענעשטי וואָלט דאָס ניט איינגעפֿאַלן קיינעם אפֿילו אין טויזנט יאָר אַרום! דער עולם איז געווען זיכער, אַז דאָס איז האָצמאַכס אויפֿטו (נאַיווע מענטשן!). האָבן זיי אַיצטיקס מאָל געמאַכט דעם ליבלינג האָצמאַך אַזאַ אָוואַציע, אַז דער דירעקטאָר פֿונעם יידיש־דייטשישן טעאַטער, אַלבערט שטשופּאַק, וואָס האָט געשפּילט די ראָל פֿון הונגערמאַן, איז שיר ניט צעפּיקט געוואָרן פֿאַר קנאה.

דערפֿאַר איז אָבער האָצמאַך געווען אויפֿן זיבעטן הימל. ער האָט געפֿילט, אַז היינטיקן איבערנאַכט שפּילט ער געטלעך, אַז היינטיקן איבערנאַכט זענען „אַלע נאָר אים די כּפּרה“.

דערזעען לייבלען אַרומדרייען זיך הינטער די קוליסן, האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס זוכט ער אים, האָצמאַכן, מסתּמא אָפּדאַנקען אים פֿאַר זיין היינטיקן שפּילן, און אפֿשר טראָגט ער אים עפּעס גוטע זאַכן, האָט אים האָצמאַך פֿריילעך אַ רוף געטאָן:

— ע, פּעמפּיק! וועמען זוכסטו? דעם נעכטיקן טאָג? פֿאַרוואָס זעט מען דיך עפּעס ניט, נשמה מיינע?

לייבל גייט צו צו זיין פֿריינד, בעט אים, ער זאָל זיך אָנבייגן צו אים, ער דאַרף אים עפּעס זאָגן אַ נייטיקע זאַך אויפֿן אויער.

— אַ סוד פֿאַר גאַנץ בראָד? — זאָגט האָצמאַך, בייגט זיך אָן ווי לאַנג ער איז צו לייבלען, ווערט שיר ניט איבערגעבראָכן אויף דער האַלב.

אויסגעהערט דעם סוד, גלייכט זיך האָצמאַך אויס. אין זיינע שאַרפֿע שפּיציקע אויגן צינדט זיך אָן אַ פֿייערל, און ער טוט אַ פּאַטש לייבלען אין פּלייצע:

— אָט אַזוי האָב איך דיך ליב! אָט אַזוי ביסטו פֿון מיינע מענטשן! וואָס דען? מיינע ווערטער! איך האָב דיר לאַנג געזאָגט, אַז דיין פּלאַץ איז אָט דאָ אָ. אַניט זאָל איך איינגעמען אַ מיתה־משונה!...

אין דער מינוט וואַקסט אויס הינטער האָצמאַכס פּלייצעס הונגערמאַן (אַלבערט שטשופּאַק).

— וואָסער פּלאַץ? ווער פּלאַצט? ווער צעפּלאַצט, האָצמאַך!

דערהערט דעם דירעקטאָרס קול, דרייט זיך אויס צו אים האָצמאַך אַ פֿאַרציטערטער. ער געפֿינט זיך אָבער באַלד און ווייזט אָן מיטן פֿינגער אויף לייבלען:

— ער זאָגט, אָט דער פּעמפּיק, אַז איינער האָט פֿאַרנומען דאָרט אַ פּלאַץ אין טעאַטער אָן אַ בילעט!...

דערהערט די ווערטער „אָן א בילעט“, ווערט דער דירעקטאָר מלא כעס וחמה. אַלבערט שטשופּאַק קאָן נישט הערן די דאָזיקע ווערטער, ווי א גערטנער קאָן נישט הערן, אז מע זאָגט אים: „א חזיר אין גאָרטן“...

— שלום־מאיר! ווו איז ערגעץ שלום־מאיר? א כאָליערע! — צעשרייט זיך שטשופּאַק און זוכט מיט די אויגן לייבלען. נאָר לייבל איז שוין נישטאָ.

## קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

# נקמה! נקמה! נקמה!

יענע נאַכט איז אונדזער העלד געשלאָפן, מע קאָן זאָגן, ווי נאָך א באָד, און אַנטשלאָפן געוואָרן איז ער מיט א פאַרטיקן אויסגעאַרבעטן פּלאַן פון נקמה, נקמה, נקמה! נוקם זיין זיך דאַרף מען, נוקם זיין זיך! אָנלערנען דעם טאַטן, אָפּרעכענען זיך פאַר די שמיץ, און פאַרן בזיון, און פאַר אַלעם, פאַר אַלעם!...

לאַנג האָט לייבל נישט באַדאַרפט טראַכטן. וואָס איז דאָ פאַראַן צו טראַכטן? עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז דאָס איז אַזוי איינפאַך, על־פּי דרך הטבע און אַזוי פּראָסט, וואָס פּראָסטער קאָן שוין, דאַכט זיך, גאָר נישט זיין.

אָט האָט איר דעם גאַנצן פּלאַן, ווי מע זאָגט, אויף דער האַנט:

ביינאַכט, אז אַלע וועלן אַנטשלאָפן ווערן, וועט ער זיך פּאַוואָליענקע אויפשטיין און צוגיין אויף די שפּיץ פינגער צום קאַסירס בעט. לייבל שלאָפט מיטן קאַסיר אין איין חדר. און דער קאַסיר, „ששון ושמחה“, איז א בחור, וואָס האָט ליב שלאָפן. „ששון ושמחה“ באַרימט זיך אַפילו, אז ער האָט אַזא גרינגן שלאָף, אז ער קאָן דערהערן א פליג, נאָר אַלע ווייסן, אז „ששון ושמחה“ ווערט אַנטשלאָפן, מעג מען אים אַרויסטראָגן מיטן בעט, וועט ער נישט הערן, סיידן אָפּגיסן אים מיט אַן עמער וואַסער.

פונדעסטוועגן קאָן מען זיך מיט דער קאַסע אויף „ששון ושמחהן“ פאַרלאָזן. ערשטנס, איז ער אַן אייגענער מענטש. טאַקע בעני ראַפאַלאָוויטשעס א פריינדל. א פּלימעניק אָדער א שוועסטערקינד. און צווייטנס, איז ער גלאַט אַן ערלעכער בחור, א געטרייער, און היט די קאַסע, דאָס הייסט דעם טיש, ווו דאָס געלט ליגט, ווי א גוטער הונט. די שליסעלעך פון די טישקעסטלעך טראָגט ער תמיד ביי זיך אין די הויזנקעשענעס, און אז ער לייגט זיך שלאָפן, לייגט ער זיך נישט אַנדערש, ביז ער קוקט נישט אַרום גוט אַלע פענצטער מיט אַלע לאָדן, צי זיי זענען גוט פאַרמאַכט, כאַפּט א קוק אויך אונטער די בעטן, צי ס'האָט זיך נישט אַריינגע־גנבעט באַצייטנס א גנב, און אז ער טוט זיך אויס, לייגט ער אַוועק די הויזן ביי

זיך צוקאָפּנס. און דעם באַלעבאָס זונדל, לייבלען, האָט מען אויך אַוועקגעלייגט אַקעגן אויף אַ בעטל — נו, באַדאַרף ער עפּעס מורא האָבן?

אָט דעם דאָזיקן קאַסיר האָט גאָט אַליין צוגעשיקט אונדזער לייבלען, ער זאָל קאָנען אַרויסבאַקומען די מטבע, ווי זיין פֿריינד האָצמאַך האָט אים אויסגעלערנט. האָצמאַך האָט אים איינגערוימט אַ סוד, אַז „מע דאַרף האָבן קלינגערס, קלינגערס! און וואָס מער קלינגערס, וועט אַלץ זיין בעסער!“... און לייבל, אויסאַרבעטנדיק זיין באַרימטן פּלאַן, האָט זיך שוין פֿאָרגעשטעלט, וויאַזוי ער באַקומט אַרויס ביים קאַסיר די „קלינגערס“ פֿון דער קאַסע. ששון ושמחה שלאָפֿט ווי אַ געהרגעטער, כראָפּעט ווי אַ געקוילעטער אָקס, און ער, לייבל, שטייט אין דער פֿינצטערער נאַכט איבער זיין בעט און טראַכט, וויאַזוי באַקומט מען אַרויס דעם קאַסירס הויזן פֿון צוקאָפּנס? פּאַמעלעך־פּאַמעלעך פֿאַרלייגט ער אַ האַנט אונטער דעם קישן, שלעפּט אַרויס פֿריער איין הויז, דערנאָך נאָך אַ הויז און באַקומט אַרויס דעם בינטל שליסעלעך. שטיל, אויף די שפּיץ פֿינגער, גייט ער צו צום טיש. רוט זיך אָפּ נאָך יעדן טראָט, מע זאָל נישט דערהערן, און דאָס האַרץ קלאַפּט אים מיט סכּנת־נפֿשות. מער ווי פֿאַר אַלעמען האָט לייבל מורא פֿאַר דער אַלטער באָבע, וואָס שלאָפֿט אין צווייטן חדר. די „אַלטע“ האָט שוין דווקא יאָ אַ גרינגן שלאָף און אַ שאַרף אויג, וואָס קאָן זען דורך אַ וואַנט, ווי אַן אַנדערער דורך ברילן. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און מיט ציטערנדיקע הענט עפֿנט ער אויף דאָס טישקעסטל... לייגט אַריין פּאַוואָליִנקע די האַנט און נעמט אָן אַ פֿולע זשמעניע פּאַפּיר־געלט („וואָס מער פּאַפּיר־געלט“ — זאָגט האָצמאַך), און פּאַוואָליִנקע לייגט ער אַוועק די שליסעלעך מיטן קאַסירס הויזן צוריק אויף זייער אָרט, און אַליין גליטשט ער זיך אַרויס אין דרויסן אַרויס... דאָרטן וואַרט שוין אויף אים זיין פֿריינד האָצמאַך מיט אַ צוגעגרייטער פֿור אויף אַוועקצופֿאָרן צו דער באַן... און בכדי מע זאָל זיי אויף דער הייסער שעה נישט נאָכיאָגן, האָט לייבל צוגעקלערט נאָך אַ שענערע זאַך, ער וועט זיך איבערטאָן געוויינלעך אין פֿרעמדע מלבושים, און זיינע קליידער וועט ער אַוועקלייגן ביים ברעג טייך — לאָז מען מיינען, אַז ער האָט זיך דערטרונקען... וועט מען אים מסתּמא זוכן אין וואַסער, זוכן און זוכן און אַ פֿייג וועט מען אים געפֿינען... וועט מען זיצן נאָך אים שבֿעה... מע וועט וויינען און קלאָגן אַזוי לאַנג, ביז מע וועט אים מסתּמא פֿאַרגעסן... און אַז ס'וועט אַוועקגיין אַ צייט, למשל, אַ יאָר צען אָדער צוואַנציק, וועט לייבל דעמאָלט זיין שוין אַ באַוווּסטער, אַ באַרימטער אַרטיסט, האָבן אַן אייגענע טרופּע און פֿאָרן אויף אַ משעקאַוועס קיין האָלענעשטי אויך שפּילן טעאַטער, און אָפּדינגען דורך אַ מענטשן טאַקע ביי זיין טאַטן אָט די סטאַדאָלע, אַריינלאָזן די גאַנצע שטאָט אָן בילעטן אין טעאַטער אַריין — אדרבה, לאָז מען זען, וואָס הייסט געשפּילט! און אַז עס וועט זיך אויפֿהייבן דער פֿאָרהאַנג, וועט ער אויפֿטרעטן אויף דער בינע מיט דער גאַנצער טרופּע. אַלע וועלן זיין גרויסאַרטיק אָנגעטאָן,

און ער, דער דירעקטאָר הייסט עס, וועט שטיין אינמיטן איינגעטונקט אין די־מאַנטן און בריליאַנטן, כמעט אַזוי ווי שמשופאָק... און ווי נאָר ער וועט זיך באַווייזן אויף דער בינע, אַזוי וועט מען אים מסתמא באַלד דערקענען, אַז דאָס איז ער, לייבל. וועט די מוטער געווים פאַלן חלשות, און דער פאָטער וועט געבן אַ געשריי אַרויס מיט זיין הונגעריקער שטימע: „לייבל!" און פון אַלע זייטן וועט ווערן אַ גדולה: „לייבל!"

— לייבל! לייבל! לייבל!

---

לייבל עפנט אויף די אויגן, דערזעט ער ביי זיך צוקאָפּנס שטיין דעם קאַסיר.

— ששון ושמחה! וואָס איז?

— וואָס וואָס איז? האָסט געזען, אַ מענטש זאָל האָבן אַזאַ האַרטן שלאָף! מע וועקט אים און מע וועקט און מע קאָן אים גאָר נישט דערוועקן. שטיי אויף, עס ברענט.

— ווער ברענט? וווּ ברענט?...

— אויף „גאָטס גאַס". אַלע זענען אַוועק אויף דער שרפה. טו דיך אָן. שוין פון אַ שעה, אַז מע קלינגט אין אַלע גלעקער. מיר דאַכט, עס קאָן אויפוועקן אַ טויטן.

אַזוי האָט זיך אויסגעטענהט מיט לייבלען ששון ושמחה דער קאַסיר, וועלכן מע האָט נאָר וואָס אַליין קוים אויפגעוועקט און אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל נישט דערוועגן זיך אַוועקגיין פון שטוב.

עס איז אָבער נאָר גרינג אַזוי צו זאָגן — „נישט אַוועקגיין פון שטוב". ווי קאָן מען דאָס איינזיצן אין שטוב, אַז אין דרויסן איז אַ שרפה? און דער געטרייער קאַסיר, ששון ושמחה, איז איניינעם מיט לייבלען אַרויסגעגאַנגען מער נישט אויף אַ מינוטקעלע נאָר אַ קוק טאָן, ווי עס ברענט. און אַז ער איז אַרויסגע־גאַנגען אין דרויסן און דערזען דעם מיט פייער באַגאָסענעם הימל און דערהערט דעם „בום" פון די גלעקער, האָט דאָס אים נישט ווילדיק געגעבן אַ טראָג אַוועק אַהין, ווו עס האָט אַוועקגעטראָגן אַלעמען און יענער נאַכט, אַחוץ איין לייבלען.

לייבלען האָט דאָס אַוועקגעטראָגן אין אַן אַנדער אָרט. ער האָט זיך גענומען רעכטס, אַ קוק טאָן פריער אין חדר אַריין, צו ישראלי דעם חזן, אַנקלאַפּן אין פענצטער, אויפוועקן זיי, טאָמער שלאָפן זיי נאָך און ווייסן נישט, אַז ס'איז אַ שרפה אויף „גאָטס גאַס".

נאָך איידער לייבל איז נאָך צוגעגאַנגען צום חזנס שטוב, האָט ער שוין דער־זען פונדערווייטנס, באַלויכטן פונעם העליש־פייערדיקן הימל, שטיין ביי דער טיר דעם רבינס טאָכטער רייזל, און נעבן איר — עפּעס אַ פּאַרשוין, וואָס האָט זיך אָפּגעטיילט פון איר, זיך אַ נעם געטאָן לינקס און מאַכט פיס. האָט זיך לייבל אויך גענומען מאַכן פיס, צוגיין נענטער צו ישראלי דעם חזנס שטוב.

## קאַפּיטל דרייסיק

# אַ נאַכט פון כּישוף

און אַז אונדזער העלד וועט לעבן הונדערט יאָר אַפילו, וועט ער דען פאַרגעסן יענע נאַכט פון דער שׂרפה אויף „גאָטס גאַס“?

אין די סאַמע בעסטע, ווי אויך אין די סאַמע ערגסטע צייטן פון זיינע שפּעטערדיקע יאָרן. און נאָך עד היום הזה, אַז ער בלייבט מיט זיך איינער אַליין, איז אים אָנגענעם צו ליגן מיט צוגעמאַכטע אויגן און איבערלעבן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל יענע גליקלעכע, שיינע, אומפאַרגעסלעך־כּישופדיקע נאַכט, ווען ער איז אַ האַלב־פאַרשלאָפענער געלאָפן זען, ווער ברענט אויף „גאָטס גאַס“.

דער גאַנצער הימל, אויף וויפל דאָס אויג קאָן כאַפּן, האָט זיך באַפאַרבט מיט רויטן, אַזוי ווי מיט בלוט. וווּ זענען אַהינגעקומען די שטערן? איבער דער דאָזיקער רויטקייט האָבן זיי זיך ערגעץ באַהאַלטן און זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן. פון דעם צווייטן עק גאַס האָט זיך געטראָגן אַ ווייטער הילך. עס האָט זיך געהערט אַ הו־האַ פון מענטשן, אַ בילן פון הינט און אַ קנאַקן פון ברענענדיקע דעכער. אויף דער רויטער ליכטיקייט האָבן זיך אָפּגעשפּילט פונדערווייטן אַ סך שוואַרצע פיגורן. אין אַ רויטן וואָלקן איינגעהילט איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגן דעם רבינס טאָכטער, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ שיינע פאַרכּישופטע נאַכט־פּרינצעסין. קיינמאָל האָבן אירע שוואַרצע האָר נישט אַזוי געגלאַנצט. קיינמאָל האָבן אירע טונקל־רויטע בעקלעך נישט אַזוי געפלאַמט. קיינמאָל האָבן אירע גרויסע ציגיינער־אויגן נישט אַזוי געגליט, ווי אין דער דאָזיקער נאַכט. און עס האָט זיך אים אויסגעמאָלט, אַז זי איז אַליין פון פייער, אַז אָט הייבט זי זיך אויף און ווערט פאַרשוווּנדן אינאיינעם מיט די שטערן ערגעץ אין דער רויטער ליכטיקייט פון דער דאָזיקער כּישופדיקער נאַכט. און ער פילט, ווי עס ציט אים צו איר נענטער און נענטער.

און רייזל האָט אים דערקענט נאָך פונדערווייטן. זי קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן, צי ס'איז נישטאָ קיין פרעמדער מענטש, וואָס זאָל זי זען. ניין. ס'איז נישטאָ קיין פרעמדער מענטש, וואָס זאָל זי זען. ס'איז נישטאָ קיינער. אַלע זענען ביי דער שׂרפה. די גאַנצע שטאָט איז ביי דער שׂרפה.

זי גייט אים צוויי טריט אַקעגן. אין קורצע ווערטער גיט זי אים איבער, וויאַזוי זי האָט זיך אויפגעכאַפּט... איינע אַליין אין שטוב... אַלע זענען ביי דער שׂרפה... „ווער ברענט!“

— ווער ברענט? איך ווייס אויך נישט, ווער סע ברענט. מיך האָט מען אויפגעוועקט און געזאָגט, אַז ס'איז אַ שׂרפה אויף „גאָטס גאַס“, בין איך געלאָפן גלייך אַהער.

רייזל קוקט אים אין די אויגן אַריין.

— גלייך אהער? וואָס עפּעס גלייך אהער?

— איך ווייס אליין נישט, פאַרוואָס גלייך אהער, ווארעם ווען אפילו די שׂרפה זאָל נישט זיין אויף „גאָטס גאַס“, וואָלט איך אויך פריער געלאָפן גלייך אהער...

ער בלייבט שטיין. ער פילט, אז ער האָט זיך ארויסגעכאַפּט מיט אן איבער־ריקן וואָרט, און ער ווערט רויט... רייזל לאָזט נישט אראָפּ פון אים קיין אויג. אָך, ווי שיין ער זעט אויס אין דער מינוט אָט דאָ אויפן פייער! ווי חנעוודיק עס פלאַמען אים די בעקלעך! און די גרויסע און מילדע אויגן זיינע קוקן אויף איר אזוי היימיש, ליבלעך, גלייך ווי ער וואָלט איר זיין אן אייגענער, אן אייגענער ברודער.

לייבל פאַרכאַפּט זיך און גיט איר צו פאַרשטיין, פאַרוואָס ער וואָלט לויפן פריער אַהער: „אין אַזאַ נאַכט!“... „און גלאַט וואָס האָט ער צו טאָן דאָרטן, ביי דער שׂרפה? וואָס האָט ער נישט געזען? וויאזוי הייזער אויף „גאָטס גאַס“ ברע־נען? לאָז זיי ברענען. לאָז ברענען די גאַנצע גאַס, די גאַנצע שטאָט אפילו, וואָס גייט עס אים אָן? איצט קער ער זיך שוין מיט האַלעניעשטי נישט אָן גאָרנישט. גאָרנישט. ער איז שוין מער נישט קיין האַלעניעשטער. נאָך אַ טאָג, נאָך צוויי טאָג“...

ער נעמט זי אָן ביי דער האַנט:

— וועסט מיר געבן די האַנט תקיעת־כּף, אז צווישן אונדז וועט דאָס בלייבן? וועל איך דיר עפּעס זאָגן.

און לייבל דריקט איר הענטל אין זיין גרויסער ווארעמער האַנט, אזוי ווי דעמלט אין טעאַטער, און ער זאָגט צו איר שטיל און ערנסט, און בענקעניש הערט זיך פון זיין קול:

— איך פאָר אוועק פון דאַנען.

זי שטעלט אוועק אויף אים אירע גליענדיקע ציגיינער־אויגן.

— וווהין?

וווהין? ער ווייסט נאָך אליין אויך נישט — וווהין. נאָר אז ער פאָרט אוועק

— דאָס איז זיכער, אזוי ווי ס'איז איצט נאַכט אויף דער גאַנצער וועלט. אזוי ווי דאָס איז אַ הימל פון גאָט.

ביידע הייבן אויף די אויגן ארויף צום הימל, און רייזל דערפילט, אז פון דער בשורה ווערט איר קאַלט. זי רוקט זיך צו צו אים נעענטער, קוקט זיך איין און הערט זיך צו צו אים, ווי ער רעדט דאָס אזוי ערנסט. וויפל זי קען אים, האָט זי נאָך קיינמאָל נישט געזען אים אזוי ערנסט. עס מאַלט זיך איר אויס, אז ער איז מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ גרויסער. זי פרעגט אים, און עס הערט זיך, ווי איר קול ציטערט:

— אויף לאַנג?

— אויף לאַנג? וואָס הייסט, אויף לאַנג? אויף שטענדיק. אויף אייביק.

— אויף אייביק? וועלן מיר, הייסט עס, שוין מער נישט זען זיך קיינמאָל נישט?

— קיינמאָל נישט.

לייבל זעט אין דעם אָפּשיין פון דער רויטער ליכטיקייט, אַז רייזלס שיין טונקל פּנים ווערט בלאַס, און ער נעמט זי אָן נאָכאַמאָל ביי דער האַנט און עס דאַכט זיך אים, אַז אירע פינגער זענען מיטאַמאָל ווי קאַלט געוואָרן. און עס טוט אים באַנג, וואָס ער פאָרט אַוועק. ער קאָן אָבער דערצו גאָרנישט העלפן. שוין אַן אָפּגעמאַכטע זאַך — פאַרפאַלן. און ער אַנטשליסט זיך צו פאַרטרויען איר זיין סוד, זיין הייליקן סוד, וווהין ער פאָרט און צוליב וואָס ער פאָרט און איבער וועמען ער פאָרט... און רייזל קוקט אים אין די אויגן אַריין און הערט אים אויס און לאָזט אַרויס אַ גרינגן זיפץ.

לייבל קוקט אויף איר, ווי ער וואָלט איר וועלן זאָגן: „דו ווילסט נישט? דו וועסט בענקען? זאָג: דו וועסט בענקען?“...

רייזל ווערט רויט: „ניין, נישט דאָס, נישט דאָס! זי איז אים נאָר מקנא. אָט, למשל, וויל ער אַוועקפאָרן פון דער היים, נעמט ער און פאָרט אַוועק. אַנו, לאָז זי, אשטייגער, פּרוון וועלן זיך אויפהייבן און אַוועקפאָרן — ווי קאָן זי? און אַוועקפאָרן פון דאַנען וואָלט זי אפשר אויך געוואָלט. זייער געוואָלט. ער מיינט, אַז נאָר ער האָט צרות פון דער היים, פון די עלטערן? אָהאָ! מע זאָל זיך אויסרעכענען, קאָן זיין, אַז זי האָט די אייגענע צרות, וואָס ער, און אפשר נאָך מער“...

און זי גיט אים איבער אַלעס. און זי דערציילט פאַר אים אַלצדינג, וואָס זי האָט איבערגעלעבט אין דעם דאָזיקן טאָג מיט דער דאָזיקער נאַכט. און דעם שמועס, וואָס זי האָט געהאַט נאָר וואָס מיט דעם הייזעריקן פאַרשוין, וואָס מע רופט אים אין האַלענעשטי „די פאַרשלעפּטע קרענק“. און די ווערטער פּונעם דירעקטאָר גיט זי אים איבער. אַלצדינג דערציילט זי אים. אַלצדינג.

און לייבל ווייסט אַליין נישט, וויאַזוי דאָס איז געוואָרן. נאָר ער געדענקט, אַז זיי זענען ביידע געזעסן אויף דער שוועל פון ישראלי דעם חזנס דירה. און איר קליין קינדערש הענטל איז געווען אין זיין האַנט. און ער האָט געגלעט איר קליין קינדערש הענטל מיט זיינע הענט. און ער האָט דאָס צוגעטראָגן איין מאָל צו זיינע הייסע ליפּן, און ער האָט איר געקושט, געקושט די שפּיץ פינגער. און זי האָט נישט צוגענומען פון אים איר הענטל, נאָר געקוקט אויף אים דערשראָקן, מיט גרויסע־גרויסע אויגן. און אירע גרויסע שוואַרצע ציגיינער־אויגן האָבן געגליט און אָפּגעפינקלט זיך אויף דעם רויטן שיין פון דער דאָזיקער זעלטענער שיינער כישופדיקער נאַכט.

וואָס פֿאַר אַ כּוח האָט זיי דאָ אַוועקגעזעצט אַזוי נאָענט, אַזוי האַרט איינס נעבן דאָס אַנדערע, אָט די דאָזיקע צוויי יונגע אומשולדיק־קינדערשע נשמות? וואָס פֿאַר אַ כּוח האָט זיי געצוואונגען ביידן, זיי זאָלן אויסגיסן איינס פֿאַר דאָס אַנדערע אַלץ, וואָס ביי זיי טוט זיך? וואָס פֿאַר אַ כּוח האָט זיי געמאַכט מיטאַמאָל אַזוי נאָענט, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען באַפֿריינדעט, גאָט ווייסט, פֿון ווען אָן?

נישט קיין אַנדער כּוח, אויסער דעם וווּנדערלעכן פֿאַרבאָרגענעם כּוח פֿון יענער געטלעך־וווּנדערלעכער נאַכט.

דאָס איז געווען אַ נאַכט פֿון כּישוף.

## קאַפּיטל איין און דרייסיק

# שטערן פֿאַלן נישט — שטערן בלאָנדזשען

דאָס, וואָס רייזל האָט דערציילט לייבלען אין יענער כּישופֿדיקער נאַכט, זיצנדיק אין צווייען ביי ישׂראלי דעם חזן אויף דער שוועל, איז ביי אים געווען אַ נייעס. אַ פֿריילעכע, אַ מאָדנע אָנגעלייגטע נייעס. אירע ווערטער האָבן זיך אַריינגעגאָסן ווי בוימל צו אים גלייך אין האַרצן אַריין. איר קול האָט אים געקלונגען אין די אויערן, ווי די שענסטע מוזיק, אין דער דאָזיקער אויסטערליש־וווּנדערלעכער, געטלעך־כּישופֿדיקער נאַכט. „אַך! עס טוט אים באַנג, וואָס ער האָט נישט געוווּסט פֿריער פֿון דעם. גוט, וואָס זי האָט אים דערציילט. גוט, וואָס ער ווייסט. איצט זעט ער אַרויס, אַז ס'איז פֿון גאָט. איצט זעט מען, אַז ס'איז אַ באַשערטע זאַך. זיי איז, אַפֿנים, באַשערט, זיי זאָלן ביידע אויניינעם גלייך האָבן צרות, גלייך טראָגן דעם גלות האַלעכעשטי, אָבער גלייך אויסגעלייזט ווערן פֿונעם דאָזיקן גלות. ביידע גלייך זאָלן זיי זיך אַרויסרייסן פֿון דאַנען, פֿון אָט דעם ענגן, וויסטן, פֿינצטערן האָלענעשטי. און ביידע גלייך אַוועקלאָזן זיך אַהין, אַהין, אין אַ נייער וועלט אַריין. אין אַ גרויסער ליכטיקער וועלט. אָ! דאָרט וועט זיך אָנהייבן פֿאַר זיי ביידן גאָר אַ ניי מין לעבן. אַ ניי ליכטיק שיינענדיק לעבן. זיי וועלן ביידע גיין אין איין וועג. זיי וועלן ביידע לערנען איין זאַך. ער — שפּילן, און זי — זינגען. און ביידע וועלן זיי ווערן באַרימט אויף דער וועלט — ער מיט זיין שפּילן, זי מיט איר זינגען".

און לייבל גיט איר זיין האַנט און רופֿט די נאַכט, דעם הימל פֿאַר אַן עדות: „אָט די דאָזיקע נאַכט, אָט דער רויטער, מיט פֿייער באַדעקטער הימל לאָז זיין אַן עדות, אַז קיינמאָל, קיינמאָל זאָלן זיי זיך נישט אָפּשיידן איינס פֿון דאָס אַנ=

דערע. אויף דערויף געבן זיי זיך ביידע די האַנט תּקיעת=כּף, און גאָט איז זייער עדות, אַז תּמיד, תּמיד זאָלן זיי זיין איינינעם, שטענדיק, אייביק און אייביק! וואָס ס'זאָל זיך מיט זיי נישט טרעפן און ווו זיי זאָלן נישט מגולגל ווערן — איז איינינעם. תּמיד און אומעטום איינינעם. און אפילו דעמלט, אַז זיי וועלן שוין ביידע אויסוואַקסן, ווערן גרויסע, זאָל מען אויך איינס אָן דאָס אַנדערע נישט פון דאַנען אַהין. קיינמאָל נישט. קיינמאָל נישט! ביידע וועלן זיי זיך האַלטן שטענדיק ביי איין טעאַטער. ביידע וועלן זיי נאָכדעם אַרומרייזן די גאַנצע וועלט. און אַז זיי וועלן שוין האַלטן דערביי, וועלן זיי מסתּמא נאָך קומען אַהער, קיין האָלענעשטי. געוויס וועלן זיי קומען אַהער. גאָר אָן אַ שום תּירוץ. צוגאַסט וועלן זיי קומען צו זייערע טאַטע=מאַמע... וועט געוואָר ווערן די שטאָט, וועט מען זיך צונויפלויפן אויף חידושים אָנקוקן בעני ראַפּאַלאָוויטשעס זון און ישׂראלי דעם חזנס טאָכטער... אַך, ווי גוט עס וועט זיי דעמלט זיין! אַלע וועלן זיי מקנא זיין. מע וועט זיי נאָכלויפן. מע וועט אויף זיי טייטן מיט די פינגער: „אָט איז דאָס גליקלעכע, גליקלעכע פּאָר!"... און זיי וועלן דאָך שוין דעמלט אַוודאי זיין חתן=כּלה... וואָס עפּעס חתן=כּלה? ניין, נישט חתן=כּלה, נאָר מאַן און ווייב, כּאַ=כאַ... וואָרעם חתן=כּלה זענען זיי דאָך שוין פון לאַנג... נאָך פון יענעם ערשטן אויפדערנאַכט, וואָס מע האָט זיי באַזעצט דאָס ערשטע מאָל אין טעאַטער".

— געדענקסטו דעמלט, ווען מע האָט אונדז דאָס ערשטע מאָל באַזעצט אין טעאַטער, כּאַ=כאַ?

„א שאלה אביסל, אויב זי געדענקט?... זי וואָלט וועלן אייביק אַזוי זיצן, וואָרעם וואָס קאָן זיין בעסער און ליבער און זיסער, ווי טעאַטער. ווי יידיש טעאַטער?"...

„אַך, רבונו=של=עולם! גלייך ווי זיי האָבן זיך ביידע אָנגערעדט! נו, איז דאָס נישט קיין גאָטס זאַך? זעט מען דען נישט אַרויס פון דעם, אַז גאָט אַליין האָט אויף זיי רחמנות געהאַט, אַז גאָט אַליין האָט אַראָפּגעקוקט צו זיי פון אויבן און האָט זיי צוגעשיקט יעדן באַזונדער אַן אַנדער שליח, אַן אַנדער אויסלייזער: איר אָט דעם שלימזל שלום=מאיר, און אים האָצמאַכן"...

און לייבל דערציילט איר אַ שיינע געשיכטע, די גאַנצע געשיכטע, וויאַזוי ער האָט זיך באַקענט מיט דעם דאָזיקן פּאַרשוין האָצמאַך. וויאַזוי ער האָט זיך מיט אים באַפריינדעט, געוואָרן נפש=אחת, און וויאַזוי דער פאָטער האָט אים געפּאַקט און מיאוס באַשטראָפט, און וויאַזוי ער האָט זיך דאָס וואָרט געגעבן צו נעמען נקמה, אָפּצאָלן, אָפּרעכענען זיך פאַרן בזיון...

און דעם גאַנצן פּלאַן פון נקמה, וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט, און אפילו וויאַזוי ער וועט אַרויסבאַקומען די „קלינגערס", — אַלעס גיט ער איר איבער מיט

אַלע ברעקעלעך. ער האָט קיין מורא נישט פאַר איר. וואָס זאָל ער מורא האָבן? ער ווייסט, ער פילט, אַז ער און זי זענען פון היינטיקער נאַכט אָן איינס, וואָרעם זיי האָבן זיך געגעבן אַ תּקיעת־כּף. איר האַנט איז אין זיין האַנט. און גאָט איז זייער עדות. גאָט איז אויבן. דאָרט, אין הימל. אָבער ער הערט, גאָט הערט אַלצדינג...

און זייערע ביידנס אויגן קוקן ארויף, אין הימל אַריין. און דער הימל איז שוין נישט מער רויט אַזוי ווי פריער. די שׂרפֿה ווערט אַלע מינוט קלענער. דער הו־האַ מיטן טומל — שטילער. און אָט האָבן זיך שוין ווידער באַוויזן שטערן אויפֿן טיפֿן הימל אין דער דאָזיקער געטלעך־שיינער וואַרעמער סוף־זומערדיקער נאַכט. פריער איין שטערן. נאָכדעם — נאָך איינער און נאָך איינער. און נאָכדעם — גאָר אַ סך, אַ סך, אָן אַ שיעור שטערן. און זיי בייטן זיך, די שטערן, איין שטערן אַהער, דער אַנדערער אַהין. איינער אַראָפּ, דער אַנדערער אַרויף. זיי פאַלן, פאַלן.

— זע נאָר, ווי די שטערן פאַלן... — זאָגט רייזל צו לייבלען, און דאָס קול ציטערט, און דאָס האַרץ קלאַפּט איר.

לייבל צעלאַכט זיך. „שוין זשע האָט זי מורא? מע דאַרף נישט מורא האָבן", זאָגט ער צו איר און באַרואיקט זי, ווי אַן עלטערער, כאָטש, אייגנטלעך, איז זי עלטער פון אים מיט אַ יאָר. „וואָס דאַרף מען מורא האָבן? שטערן פאַלן נישט, שטערן בלאָנדזשען, שטערן בלאָנדזשען"...

און ער גיט איר צו פאַרשטיין, ווי אַ גרויסער, ווי אַן עלטערער ברודער, ווי־אַזוי שטערן בלאָנדזשען. ער ווייסט. ער לערנט דאָך אין חדר, דעריבער ווייסט ער. דער שׂכל פון די שטערן איז אַזוי: „יעדער שטערן איז אַ נשמה פון אַ מענטשן. וווהין די נשמה גייט, אַהין גייט דער מענטש. דעריבער מאָלט זיך אונדז אויס, אַז די שטערן פאַלן".

— שטערן פאַלן נישט, שטערן בלאָנדזשען, — זאָגט איר לייבל, קוקנדיק ארויף, אין טיפֿן הימל, וואָס ווערט אַלעמאָל מער אָפּגעריי־ניקט פון דער פריערדיקער רויטקייט. נאָר איין עק הימל, אַהין אַראָפּ, איז נאָך אַביסל באַדעקט מיט אַ העל־רויטער פאַרב, וועלכע ווערט אַלעמאָל העלער און שיטערער און צעגייט זיך ביסלעכווייז, ביסלעכווייז. און די שוואַרצע פיגורן, וואָס זענען פריער געווען אַזוי צונויפגעשפּאַרט, צונויפגעשטויסן אַלע אין איין אָרט, הייבן אָן ביסלעכווייז זיך פאַנאַנדערשפּרייטן אין אַלע זייטן. און עס לאָזן זיך שוין הערן נאָענטע קולות. אָט באַלד, אָקאָרשט ווי מע זעט נישט, וועט מען קומען און מע וועט זיי דערזען זיצן אָט אָ דאָ, ביי דער טיר... דאַרף מען אויפשטיין, דאַרף מען גיין... כאָטש עס גלוסט זיך נישט...

— אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט.

און לייבל הייבט זיך אויף פון דער שוועל און לאָזט זיך גיין אַהין, צו דער שרפה, און בלייבט שטיין, דרייט זיך אויס צוריק מיטן פנים צו רייזלען נאָכאַמאָל, נאָד איין מאָל:

— אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט.

נאָך אַ ביסל — און ער ווערט פאַרשווונדן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט.

### קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

## אַ גוטע וואָך

שבתצונאַכטס.

עס זענען אַוועק אַלע גוטע סמנים פונעם גוטן ליבן שבת־קודש אין האָלענעשטי.

מע זעט שוין נישט מער אויף דער „פּריצישער גאַס" די פיינע משעקאַווע בחורים מיט די שיין־אויסגעפּוצטע מיידלעך, וואָס האָבן שפּאַצירט אַ גאַנצן טאָג שבת ביז שפּעט פאַרנאַכט און גערעדט אויף רוסיש (אַ שלעכט געהרגעט רוסיש, אָן העגט און אָן פיס, אַבי רוסיש).

מע זעט שוין נישט מער אויף „גאָטס גאַס" קיין יידן און ווייבער. די יידן — אָנגעטאָן אין שבתדיקע קאַפּאָטעס, און די ווייבער טראָגן בריליאַנטלעך אין די אויערן (משוועקעס — אַבי בריליאַנטלעך).

אויך יידישע קינדער זעט מען נישט מער אין דרויסן זיך שפּילן אין אַ גייער שפּיל, אין „יידיש טעאַטער". שוין לאַנג האָט מען זיי אַריינגעטריבן אין די שטי־בער אַריין. שוין לאַנג האָט זיך געזעצט די זון מיט איר גאַנצן פּראַכט און גלאַנץ. אויסגעלאָשן געוואָרן איז דער לעצטער פונק פונעם שיינעם ווארעמען בעסאראבער זומערטאָג און אָפּגעטראָגן דאָס אָרט פאַרן שיינעם ווארעמען שטילן בעסאראבער זומער־אָוונט. ווו־נישט־וו באַווייזט זיך אַ שטערן, לייכט און בלישטשעט און שמייכלט אַראָפּ צו דער טונקעלער, שטויביקער ערד.

פרומע ווייבער האָבן שוין לאַנג אָפּגעזאָגט שטילערהייט אין דער פינצטער „גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב", און אַ שטילע מאָדנע בענקעניש האָט זיך געלאָזט הערן, אַ בענקעניש נאָכן „ליבן שבת־קודש, וואָס גייט אַהין"... און געלע פייערלעך האָבן זיך באַוויזן פון אַלע פענצטער אַרויס.

ערלעכע יידן האָבן שוין לאַנג אָפּגעמאַכט הבדלה. אַנדערע האָבן אַפילו אָפּ־געזאָגט דעם „המבדיל" מיט די „אליהום" און מיט די איבעריקע „זמירות למוצאי

שבת“. און אַנדערע האַלטן נאָך אין מיטן זאָגן, אין רעכטן זינגען און אין רעכטן באַמקען „אַל תירא עבדי יעקב“... און עס הערט זיך אַ בענקעניש אויך אינעם דאַזיקן זאָגן. און עס גנבעט זיך אַריין אַ טרויעריקער טאָן אויך אינעם דאָזיקן פריילעכן זינגען...

שווער, שווער זיך צו שיידן מיט דער נשמה יתירה! שווער, שווער זיך צו געזעגענען מיט דער שיינער ליבער בת־מלכה שבת!...

— אַ גוטע וואָך! אַ גוטע וואָך! — זאָגט ישראלי דער חזן מיט אַ טיפן זיפץ באַלד נאָך דער הבדלה צו דער חזנטע און צו דער טאָכטער, און נעמט זיך זאָגן „ויתן לך“ שיין, אויף אַ קול, און אויסנווייניק, קנאַקט צו מיטן פינגער. ער קוקט אויף לאהן און טראַכט זיך: „אָט וועט זי באַלד מאַכן אַ שמועס פון געלט, פון שיך און פון אַנדערע וואָכעדיקע זאַכן“...

— אַ גוטע וואָך און אַ מזלדיקע וואָך! — ענטפערט אים לאה די חזנטע אויך מיט אַ זיפץ און האָט אים נישט אין זינען אַפילו. זי קוקט נאָר אויף דער טאָכטער, אויף רייזלען, וואָס זיצט עפּעס מאָדנע פאַרטראַכט איינע אַליין אין אַ ווינקעלע.

— פון וואָס טראַכט אַצינד דאָס קינד. מיר זאָל זיין פאַר איר קאָפּ? — אַזוי קלערט זיך לאה און עס טוט איר וויי דאָס האַרץ אויף איר קינד.

לאה האָט שוין לאַנג חרטה דערויף, וואָס זי האָט זיך באַגאַנגען מיט דער טאָכטער אַביסל צו ירגזנדיק, צו שטרענג... „מיט אַ בת־יחידה, מיט אַ ציטערדיקער, איינאונאיינציקער, טאָר מען נישט אַזוי... זי ווייסט דאָס גאַנץ גוט, אַז מע טאָר נישט... עס איז שוין אָבער אַ פאַרפאַלענע זאַך. זי קאָן שוין צוריק נישט כאַפּן... און ווער שמועסט, איצט — אַוודאַי נישט. אויס טעאַטער. זיי פאָרן שוין, זאָגט מען, היינט ביינאַכט אַוועק „צו אַלדי גוטע יאָר“... (מיינען מיינט זי, אייגנטלעך, „צו אַלדי שוואַרצע יאָר“. נאָר למאַי זאָל זי שעלטן יידן אויף אַ פולע וואָך?...).

אַביסל טוט לאהן באַנג, וואָס דאָס יידישע טעאַטער פאָרט אַוועק פון האַלענעשטי, און אַביסל איז זי צופרידן: „ווינציקער מיט אַ טאַראַראַם אין שטאָט, — טרייסט זי זיך אַליין. — האַלענעשטי איז זיך באַגאַנגען ביז אהער אָן אַ יידיש טעאַטער, וועט מען זיך באַגיין מסתמא ווייטער אויך, האָסטו געזען אַ ביסל!... און דאָס קינד וועט מסתמא פאַרגעסן, אַז ס'איז גאָר געווען אַמאָל אַ טעאַטער אויף דער וועלט... אַ קינד בלייבט אַ קינד. זי וועט איר קויפן אַ פאָר נייע שיכלעך, וועלן זיך פאַרהיילן אַלע וווּנדן... און ווער שמועסט נאָך דערצו צוקערקעס, „מאַרמעלאַדן“ און כדומה אַזעלכע גוטע זאַכן, ווען זי ברענגט איר צו טראָגן מאָרגן, אם־ירצה־השם, פונעם מאַרק... אוי, אַ דונער איז איר! מאָרגן איז זונטיק, אַ מאַרקטאָג, כמעט אַ יאַריד. און זי האָט נאָך נישט, איר זאָלט זאָגן, און אויסגעריבענעם

גילדן אפילו! מע באַדאַרף זיך אַ נעם טאָן צו ישראלין, עס גייט אזא וואָך, האָסטו געזען אַביסל!"...

די דאָזיקע געדאַנקען פאַרטראָגן אונדזער חזנטע אין אַזעלכע וואָכעדיקע ירכים אַריין, אַז זי פאַרגעסט אויף א ווײַלע אָן רייזלס קרוודע.

און רייזל? — לאָזט זי צורו. רייזל איז נישטאָ. רייזל איז ווײַט, ווײַט פון דאַנען...

דאָס הייסט, דערווײַל איז זי נאָך דאָ. וווּ וועט זי אָבער מאָרגן זײַן? מ אָ ר ג ן? מ אָ ר ג ן?... אָ, דאָס ווייסט קיינער נישט, קיינער נישט. נאָר זיי אין צווייען. דאָס הייסט, זי און לייבל... און נאָך צוויי מענטשן ווייסן פון דעם סוד: דער דירעקטאָר פונעם יידישן טעאַטער און זײַן מענטש, שלום־מאיר... אָט דער שלום־מאיר האָט אָפּגערעדט מיט איר ערשט הײַנט אין דער פרי, בעת אַלע זענען געווען אין שול, אַז נאָך האַלבע נאַכט, ווי דער זייגער וועט נאָר אויסשלאָגן צוועלף, אַזוי זאָל זי... אַך, זי ווייסט שוין, זי ווייסט שוין וואָס!... און נאָר זי און ער, און ווײַטער קיינער נישט, קיינער נישט!...

און עס טוט איר הנאה, וואָס זי ווייסט אַזא זאַך, פון וועלכער די מאַמע הייבט נישט אָן צו וויסן... אַ מציאה אויף איר! אַ מציאה! שלום־מאיר איז גערעכט. ער זאָגט: „האָט זי נישט געזאָלט נעמען א מיידל און פאַרשליסן זי אין שטוב, אײַנע אַליין, האַלטן זי, ווי מע האַלט אַ פייגעלע פאַרשלאָסן אין אַ שטייגעלע". קיין פרײַע מינוט. קיין קאָפּ נישט אויפצוהייבן! פאַר פרעמדע זינג נישט! אין טעאַטער גיי נישט! אַהין קוק נישט! דאָרט שטיי נישט!... „וואָס איז מען עפּעס, פאַרקויפטע צו טאַטע־מאַמע? קנעכט איז מען בײַ זיי? אָדער וואָס?"... אַזוי זאָגט שלום־מאיר און איז גערעכט. זייער גערעכט!... אם־ירצה־השם, מאָרגן אין דער פרי, אַז די מאַמע וועט אויפשטיין און דערזען, אַז „דאָס פייגעלע איז אַרויס־געפלויגן פונעם שטייגעלע" — אוי, וועט זי חרטה האָבן! אוי, וועט זי וויינען!... עס וועט שוין אָבער דעמאָלט זײַן צו שפּעט. עס וועט איר שוין דעמאָלט זײַן אַ גוטע וואָך. א ג ו ט ע וו אָ ך א ו ן אַ מ ז ל ד י ק ע וו אָ ך !...

ווי טוט איר דאָס האַרץ נאָר אויף איינעם, אויפן טאַטן. „דער טאַטע נעבעך — אויף אים איז יאָ אַ רחמנות... ער האָט זי אַזוי ליב געהאַט. מיט אים איז זי תמיד געווען אַזוי נאָענט. נישט ווי א קינד מיט א פאָטער, נאָר כמעט ווי א שוועסטער מיט אַ ברודער. ווער וועט מיט אים שפּילן חנוכה אין „דריידל"? ווער וועט אַרויס־גנבענען בײַ אים פּסח דעם אַפּיקומן פון אונטער דער קישן? ווער וועט אים אָנ־רייסן גרינס אויף שבועות? ווער וועט גיין מיט אים שמחת־תורה אין שול אַרײַן? און ווער וועט זינגען מיט אים זמירות?...

און רייזל דערמאָנט זיך, ווי ערשט נישט לאַנג פלעגט זי נאָך שבתצונאַכטס זינגען מיטן טאַטן אינאיינעם די „אליהוס" און גלאַט יידישע זאַכן און שטיקלעך,

וואָס דער טאַטע האָט זי אויסגעלערנט. און די מאַמע בעת־מעשה פלעגט צוּ־בלאָזן דאָס סאַמאָוואַרל און מאַכן טיי.

איין ליד, געדענקט רייזל, פלעגן זיי זינגען כמעט אַלע שבתצוּנאַכטס, אַז דעם חזן איז געווען אויפגעלייגט אויפן האַרצן. דאָס ליד הייסט „משיח“ און זינ־גען דאַרף מען דאָס האַלב אויף יידיש, האַלב אויף גוייש. דער חזן צו איר אויף יידיש, און רייזל צו אים אויף גוייש:

ער: „וואָס וועט דעמולט זיין?“

זי: „קאַניעץ למר גלותינו“.

ער: „וווהין וועלן יידן גיין?“

זי: „מי פאַידיאַם לאַרצנו“.

ער: „וואָס וועט דאָרטן זיין?“

זי: „שם נאַידיאַם גואלנו“.

ער: „ווער זשע וועט דאָס זיין?“

זי: „נאַש משיח צדקנו“.

ער: „ווען זשע וועט דאָס זיין?“

זי: „סקאָראָ במהרה בימינו“.

ביידע (גיך) „יום גילה, יום רינה,

יום דיצה, יום חדוה.

גילה, רינה, דיצה, חדווה,

אהבה ואחוה!“

און נאָך אַ מאָל: יום גילה, יום רינה!...

— טאַטער וואָלט שוין געווען אַמאָל גענוג „געלע־גרינע“? — מישט זיך אַריין די מאַמע מיטן סאַמאָוואַרל. — לאָמיר בעסער טרינקען צו גלעזלעך טיי, האָסטו געזען אַבי־סל!...

אַך, ווי גוט, ווי ליכטיק, ווי פריילעך! און דאַכט זיך, אָט ערשט איז דאָס געווען, און דאָך — אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג, גאָט ווייסט ווען!... און עס נעמט זי אַרום אַ מוראַדיקער, אַ שוואַרצער אומעט. און עס איז איר שווער דאָס האַרץ עס איז איר ענג אין האַלדז. זי ווייסט אַליין נישט, וואָס איר איז. אָט־אָט וועט זיך צעוויינען... דערזעט דער פאָטער, ווי זי זיצט איינע אַליין עפּעס פאַרזאָרגט אין אַ ווינקעלע, גייט ער צו צו איר זינגענדיק, גלעט איר די שיינע שוואַרצע גלאַנ־צנדיקע האָר און בייגט זיך אָן צו איר:

— וואָס איז דיר, טאָכטער?

— גאָרנישט... אַ גוטע וואָך!

און זי פאַלט צו מיט איר הייסן קאָפּ צום חזנס ברוסט, טוליעט זיך צו צו אים און קושט אים און האַלדזט אים.

## קאַפּיטל דריי און דרייסיק

# דער יצר־הרע פֿון געלט

בעני ראַפּאַלאָוויטש האָט אויך אָפּגעמאַכט הבדלה.

ביי בענין גייט די הבדלה מיטן גאַנצן „פּאַראַד“. אַז בעני מאַכט הבדלה, דאַרף זיין די גאַנצע כאַליאַסטרע אַרום אים און אַלע דאַרפֿן אים ענטפֿערן „ברוך־הוא וברוך־שמו — אָמן“. דאָס ווייב, און די קינדער, און די אַלטע מאַמע, און דער בחיר דער קאַסיר, און די אַם, און די קעכין — אַלע, אַלע.

און די הבדלה, וואָס בעני מאַכט, איז שוין איינמאָל אַ הבדלה. הייבן הייבט ער אָן דווקא הויך, אויף אַ קול, גרויסאַרטיק, מיט אַ טרויעריקן ניגון. נאָר אַז עס קומט צו „עזי וזמרת יה“ און אַביסל ווייטער, פֿאַרפּלאָנטערט ער זיך אין דער עברי און מאָרקעט אָפּ אַ גאַנץ שטיק אונטער דער נאָז, ביז ער שלאָגט זיך אַרויף צוריק אויף אַ שטיקל דרך, שרייט ווידער הויך, אויף אַ קול: „בין תהיה לנו!“ און דווקא מיט אַ „בית“, און נאָכדעם נעמט ער ווידער מיט עטלעכע טענער נידעריקער, ביז ער לאָזט אויס צעצויגן: „בין קודש ל־חו־ל“. ענטפֿערן אים אַלע מיטן זעלבן ניגון: אָ־מן! פֿאַרלעשט ער די הבדלה, שטופּט אָן אַלע קעשענעס אויף אַ פֿולער וואָך און זאָגט מיט זיין ברומענדער לייבנשטימע: „אַ גוטע וואָך!“ ענטפֿערן אים אַלע אין איין קול: „אַ גוטע וואָך, אַ גוט יאָר!“.

אָט אַזוי מאַכט בעני הבדלה.

אָפּגעמאַכט הבדלה, טוט ער אַ ווונק צום קאַסיר, ער זאָל געבן אַ צייל איבער דעם פּדיון פֿון דער וואָך און אַ שרייב אַריין אין בוך די „ראַכונקעס“. און דער קאַסיר ששון־ושמחה פֿאַרקאַטשעט די אַרבל, ציט אַרויס די שליסלעך פֿון די הויזנקעשענעס, עפֿנט אויף דאָס מיטלסטע שופֿלאָדל און זעצט זיך אַוועק ציילן דאָס געלט מיט אַן ערנסט, מיט כוונה און מיט אַ ברען.

צום אַלעמען ערשטן באַווייזט זיך אויפֿן טיש דאָס פּאַפּיר־געלט, אַ פּעקל נאָך אַ פּעקל. דער קאַסיר ששון־ושמחה איז אַ בעריאַק אויף ציילן געלט. אַלע מינוט טוט ער אַ שפּיי אָן אויפֿן גראָבן פֿינגער, און די אַסיגנאַציעס ביים אים אין די הענט קנאַקן, פֿליען, שטערירן אין די אויגן. קודם גייען ביי אים די מיוחסים, די שווערע הונדערטער, אָדער, ווי בעני רופֿט זיי, די „לײַלעכער“. נאָכדעם גייען די ווייסע „דעליקאַטנע“ פֿינפֿאונצוואַנציקער. נאָכדעם — די רויטע פֿייערדיקע צענערלעך מיט די בלויע פֿינפֿערלעך. און נאָך זיי גייט שוין „קליינוואַרג:“ גרינע אָפּגעבליאַקעוועטע דרייערלעך און געלע צעדריפּעטע איינערלעך, גאָר אָן אַ שיעור.

די גאַנצע צייט, וואָס דער קאַסיר ציילט דאָס מזומנים, זיצט אונדזער לייבל פונדערווייטן איבער אַ סידורל, זאָגט שטילערהייט בלומרשט דעם „ויתן לך“, שאָקלט זיך און מישט אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל, און העלפט ציילן דאָס געלט. ער ציילט און ציילט — און קאָן נישט איבערציילן. כּל־זמן עס האָט געהאַלטן בײַ די גרויסע פּעקלעך, האָט ער נאָך געקאָנט כאַפּן דעם גאַנג. נאָר אַז ס'איז געקומען צום „קליינוואַרג“, האָט ער פאַרלוירן דעם חשבון און גענומען אַרײַנקוקן צוריק אין סידורל און זאָגן דעם „ויתן לך“ מיטן אייגענעם שטילן ניגון, וואָס פריער. נאָר די פּעקלעך מיט געלט שטייען אים פאַר די אויגן און לאָזן אים נישט צורו. און ער פרעגט בײַ זיך אַליין: „ווו וועלן זיי זיין, אָט די אַלע שיינע פּעקלעך מיט געלט, היינט אַרום האַלבער נאַכט? — ווו? בײַ אים, בײַ אים, בײַ אים!“ — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און עס כאַפּט אים אָן אַ ציטער, און ער צעשאָקלט זיך נאָך שטאַרקער און הייבט אָן צו זאָגן דעם „ויתן לך“ ווייטער און ווייטער, נאָך מיט מער פרישקייט.

די צוויי, בעני און דער קאַסיר, זענען אַזוי פאַרטיפט אין דער אַרבעט, אַז זיי זעען גאָרנישט לייבלען און הערן נישט זיין זאָגן, וואָס ער זאָגט. דערפאַר אָבער די מאַמע (ביילקע), וואָס זיצט בײַ דער זייט, — זי זעט און הערט, ווי לייבל זאָגט, ווי לייבל דאַוונט, קוועלט זי אָן און ווינטשט זיך, „אַזאַ מזל, אַזאַ שטיק גאָלד, וואָס פאַר אַ קינד דאָס איז“.

דער גרויסער ווייטיק, וואָס זי האָט געטראָגן ביז אַהער טיף אין האַרצן, האָט זיך שוין אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו פאַרהיילן. און זי טראַכט זיך: „וואָס האָט דאָס קינד, אייגנטלעך, אַזעלכעס פאַרזינדיקט? דערפאַר, וואָס ער האָט אַוועקגעגעבן אַן אָרעמען קראַנקן אַקטיאָר זיין אָנבייסן, דאַרף מען אַזוי באַשטראָפן אַ קינד — אָנטאָן אים אַזעלכע בזיונות?... בעני זאָל וועלן אַ קוק טאָן אויף אים מיט אירע אויגן... איר זאָל זיין פאַר זיין ליכטיק פּנים“!...

נאָר בעני, ווי אויף צולהכעיס, וויל נישט קוקן און וויל נישט הערן. ער איז פאַרטיפט אינעם געלט ציילן. אָפּגעפאַרטיקט זיך מיטן פּאַפּיר־געלט, נעמט מען זיך צום זילבער. אויף זילבער ציילן איז שמחה נאָך מער מזיק, ווי אויף פּאַפּיר. ער ציילט אויס דאָס זילבער־געלט אין קופּקעלעך, און די קופּקעלעך בײַ אים וואַקסן און וואַקסן. אָט איז איינס, אָט איז צוויי, דריי, פינף, צען און נאָך, און נאָך, און נאָך. געפּטרט דאָס זילבער־געלט, נעמט מען זיך צום ביסל מינץ. און דאָס מינץ פליט בײַם קאַסיר אין די הענט מיט סכנת־נפשות. קלינגט און ווערט פאַרפאַלן בײַ אים צווישן די פינגער, ווי בײַ אַ פאָקוסניק. „אייך באַדאַרף מען אויף כּפּרות“ — טראַכט זיך לייבל. — ער דאַרף נישט קיין מינץ, ער דאַרף נישט קיין זילבער. ווּהין וועט ער זיך מיט זיי אַהינטאָן? פאַר אים וועט זיין גענוג אָט איינע פאַפּירענע פּעקלעך אַליין, וואָס דער טאַטע האַלט אין די הענט... און לייבל

קוקט מיט איין אויג און זעט, ווי דער טאַטע זייגער שפּיגלט זיך אינעם געלט. בענ׳י האַלט איבער איטלעכס פּעקל באַזונדער, טאַפּט דאָס, גלעט דאָס און גיט דאָס איבער דעם קאַסיר מיט אַ צאָל, און יענער באַלייגט דאָס צוריק אין טיש־קעסטל, איטלעכס פּעקל אויף זיין אָרט. געווייגלעך פריער די מיוחסים די הונ־דערטער, און נאָכדעם דאָס קליינוואַרג, און נאָכהעם שוין דאָס זילבער מיטן מינץ.

און לייבל קוקט מיט איין אויג אין סידור אריין און מיטן אנדערן אויג — אהין, אַהין, אין טישקעסטל אַריין, אין שופלעדל, צו די פּעקלעך מיט געלט. דאָרטן זע־נען איצט אַלע זיינע מחשבות און געדאַנקען. דאָרט איז ער איצט מיט אַלע זיינע האַפּענונגען און מיט זיין גאַנצן וועזן און מיט זיין גאַנצער נשמה.

אַז געלט איז אַ יצר־הרע — דאָס האָט לייבל געהערט וויפל מאָל פונעם רבין אין חדר און גלאַט פון עלטערע יידן. און אַז דער יצר־הרע פון געלט איז אומגעהויער גרויס — דאָס האָט ער אויך געהערט. נאָר דעם טעם דערפון האָט ער דערפילט ערשט אָט דאָ אין דער מינוט. ער האָט דערפילט, אַז דער יצר־הרע פון געלט האָט אים אריינגענומען צו זיך אין די לאַפּקעס אריין און האַלט אים שטאַרק־שטאַרק! און לייבל ווייסט, אַז ס׳איז אומזיסט זיין מי. ער וועט שוין פונעם יצר־הרעס הענט נישט ארויס. און ער פּרוווט זיך גאָר אפילו נישט. אַדרבא, ער בעט גאָט, די עבירה זאָל אים געראָטן. וואָרעם טאָמער חלילה ניין... טאָמער חלילה פאַקט מען אים—ווי־ווי!—די שעה זאָל גאָר נישט זיין!... דעמלט איז ער דאָך אַ פאַרפאַלענער. אַ פאַרפאַלענער פון ביידע וועלטן! האָצמאַך פאָרט אַוועק. דאָס טעאטער פאָרט אוועק. און ער?... און רייזל?... וואָס וועט זיין מיט אים?... אוים טעאַטער!... אוים רייזל!... אַ סוף צו אַלע גאָלדענע חלומות!... אַ סוף...

— טפּררו, מזל־טוב! געקומען צו פאָרן די „מחותנים“ אָפּרייניקן די סטאַ־דאָלע פון דער יידישער „פּאַסקודסטווע“.

אַזוי רופט זיך אָן בענ׳י אויף זיין סגי־נהור־לשון און הייבט זיך אויף פונעם אָרט.

דער לעזער, וואָס איז שוין באַקאַנט מיט אונדזער בענ׳י ראַפּאַלאָוויטשעס שפּראַך, דאַרף אַליין פאַרשטיין, אַז די „מחותנים“ מיינט ער דאָס די באַלעגאָלעס, און די „יידישע פּאַסקודסטווע“ מיינט מען עס — „דאָס יידישע טעאַטער“.

## קאַפּיטל פיר און דרייסיק

# ברוך הבא, שמעון־דוד באַלעגאָלע

בענ׳י זאָל קאָנען, וואָלט ער זיך אַליין אויסגעפּאַטשט. אַזוי איז ער אין כעס אויף זיך דערפאַר, וואָס ער האָט זיך „געקוואַפּעט“ אויף די עטלעכע „פּאַרעס“ און אַוועקגעגעבן אַזאַ ריינע, אַזאַ ציכטיקע סטאַדאָלע אויף אַ יידיש טעאַטער.

„ווען מע טרייבט צונויף א פולע שטאַל מיט חזירים, וואָלטן זיי אים, נאָך זיין מיינונג, נישט באַדאַרפט אַזוי פאַרפּאַסקודיקן דעם הויף, ווי מע האָט אים פאַרפּאַסקודיעט אין די עטלעכע וואָכן. בעני ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס, נאָר ווי אַ כשרער ייד האָט פיינט חזיר, אַזוי האָט ער פיינט אָט די הונגעריקע „לאַפּעטוטניקעס“ (דאָס מיינט ער דאָך די אַקטיאָרן). און מער פון אַלעמען קאָן ער נישט אָנקוקן אָט דעם „אויסגעסטראָצלטן מונדערפּערצער“ מיט דעם „אָפּגעשאָבענעם לאָקשנברעט“ (דאָס מיינט ער דעם דירעקטאָר אַלבערט שטשופּאַק).

מע קאָן זאָגן, אַז די צוויי, בעני ראַפּאַלאָוויטש און אַלבערט שטשופּאַק, האָבן זיך פיינט געקראָגן פון דער ערשטער מינוט, וואָס זיי האָבן זיך דערקע׳ט. זיי האָבן ביידע געקוקט איינס אויף דאָס אַנדערע נישט אַנדערש ווי פון אויבן אַראָפּ. ביי בענין האָט שטשופּאַק קיין אַנדערן נאָמען נישט געהאַט, אויסער „שמאַרדאָווידליק“. און ביי שטשופּאַקן האָט בעני קיין אַנדער נאָמען נישט געהאַט, אויסער „בעסאַראַבער פופיק“. דעריבער איז גרינג צו פאַרשטיין, ווי בעני איז געווען צופרידן, אַז ער איז אַרויסגעקומען אין הויף און דערזען שמעון־דוד דעם באַלעגאָלע צופאָרן צום טויער מיט א גרויסער ביידאַרע, און נאָך אים נאָך א וואָגן און נאָך אַ ביידאַרע, און פון הינטן נאָך אַ גרויסן הויכן וואָגן, וואָס מע רופט אָן אין בעסאַראַביע „האַרבאַ“. און בעני האָט זיך גענומען אויסשמועסן מיט שמעון־דוד באַלעגאָלע אויף זיין שפּראַך:

— ברוך־הבא, סקאָצל קומט, אַ גאַסט, שמעון־דוד! זאָג מיר נאָר, סערדצע, וויפל נעמסטו, אַשטייגער, ביי אָט די „האָלעדראַנצעס“ דערפאַר, וואָס דו פירסט זיי אַרויס דעם „פגר“?

— אַשרי האיש — אַז אָך און וויי איז צום באַלעגאָלע! — ענטפערט אים אָפּ שמעון־דוד מיט אַ פּסוק פון תהילים און באַקלאָגט זיך פאַר בענין, וואָס פאַר א ווילדע פּרנסה דאָס איז. און ער רעכנט אים אוים אויף די פינגער, א פינגער נאָך אַ פינגער:

— אַ סקאַטינע דאַרף עסן, און מענטשן דאַרף מען האַלטן, און האָבער איז טייער, און אַ וואָגן דאַרף מען שמירן, און אַ גוי מוז מען האַלטן, און אַ גוי איז אַ גנב...

דערזען, אַז אָט־אָט וועט נישט כאַפּן קיין פינגער, האָט שמעון־דוד א מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אויסגעלאָזט מיט אַ פּסוק פון תהילים:

— בימינך נצח — מיטן קאָפּ אין דער ערד!

שמעון־דוד באַלעגאָלע איז מער באַלעבאָס ווי באַלעגאָלע. ער האָט אַן אייגענע שטוב, דריי פּאָר פערד, די קינדער לערנען ביי אים אין חדר, און אַליין איז ער אויך א שטיקל יודע־ספר, קלאָר דעם גאַנצן תהילים אויף אויסנווייניק, און האַקט מיט פּסוקים, עקספּלאָאַטירט דעם תהילים נעבעך אויף יעדן טריט און שריט.

מיט שטשופּאַקן האָט זיך שמעון־דוד באַדונגען מעשה פּאָדריאַטשיק. דאָס הייסט, אַז ס'איז נישט זיין עסק: ער דאַרף אים אַריבערפּעקלען קיין פּאַטשעשטי צו דער באַן שבתצונאַכטס תיכף נאָך הבדלה דאָס גאַנצע יידישע טעאַטער מיט די אַרטיסטן, מיט די דעקאָראַציעס, מיט „הכל בכל מכל פּעקל“, און אַז גאַנץ פּרי כלחוך השור ברענגט ער אים אויף דער באַן קיין פּאַלעשטי גאָר אָן א שום תירוץ, עס מעגן פאַלן שטיינער פונעם הימל, און פון דאָרטן איז — „ברכי נפשי הללויה — קאָן ער שוין פאָרן אַפילו מיט אַ שליטן קיין ארץ־ישראל“...

אַזוי האָט געזאָגט שמעון־דוד אַליין. און שמעון־דוד, אַז ער זאָגט איז געזאָגט.

געקומען שבתצונאַכטס — נישטאָ שמעון־דוד. עס האָבן זיך שוין לאַנג באַוויזן שטערן אויפן הימל און פייערלעך אין די פענצטער, און קיין פור זעט מען נאָך אַלץ נישט. האָט שטשופּאַק געשיקט צו אים האָצמאַכן אויף אַ זאַקוציע. האָט האָצמאַך געטראָפן שמעון־דודן איבער אַ גרויסן סידור זאָגן „ויתן לך“ אויף אַ קול.

— רב שמעון־דוד, נו?

האָט אים שמעון־דוד אָנגעוויזן מיט איין האַנט אויפן מויל און מיט דער אַנדערער האַנט אויפן סידור און אַ זאָג געטאָן:

— נו־נו.

דאָס האָט באַדאַרפט באַדייטן, אַז ביז שמעון־דוד וועט נישט פאַרטיק ווערן מיטן „ויתן לך“, איז גאָר נישטאָ וואָס צו רעדן. האָט זיך דערוויייל האָצמאַך אַוועקגעזעצט רייכערן אַ פּאַפּיראָס, און שטשופּאַק איז דאָרטן פון דער הויט געשפּרונגען. קיינמאָל איז אַלבערט שטשופּאַק נישט געווען אַזוי נערוועז, ווי אָט דעם שבתצונאַכטס. ער האָט זיך געבייזערט און געשושקעט מיט שלום־מאירן. זיך געשמיצט און געוואָרפן, איבערגעקריגט זיך מיט אַלע אַקטיאָרן און אַקטריסעס און מער פון אַלעמען האָט געלייזט, געוויינלער, דאָס כפּרה־הינדל — האָצמאַך. ער האָט אים אָנגעזאָגט, און גוט אָנגעשאָלטן בעת־מעשה, ער זאָל אים די רגע ברענגען די באַלעגאָלעס מיט די פורן, אַנישט זאָל זיין נאָמען נישט הייסן „אַלברעט“!

— וואָס איז דאָס מיט אונדזער „דירעקטאָר“? — האָבן די אַרטיסטן זיך איבערגעשמועסט צווישן זיך אין דער סטאַדאָלע הינטער די קוליסן.

— טשעפּעט אים נישט, ער איז משוגע. די „דירעקטריסע“ קומט צו פאָרן מאָרגן אין דער פרי.

— פון וואַנען ווייסטו?

— געווען אַ דעפּעש.

— וואָס הערט שטשופּאַק אַ ווייב?

— שטשופּאַק האָט רען אַ ווייב?

— מזל־טוב! ביסט אַ היגער?

— אַ סברא, אַז אַזאַ ייד ווי שטשופּאַק איז נישט קראַנק האָבן דריי ווייבער.

— און איך האָב געהערט, אַז די האָט ער געגט.
— עס הייבט זיך גאָר נישט אָן.
— וואָס זשע טאַנצט ער אַרום דער פּרימאַדאָנע?
— די פּרימאַדאָנע לאָזט צורו. די פּרימאַדאָנע האָט אייך אַלעמען אין דער ערד!
— ברײנדעלע קאָזאַק! וואָס זענט איר פאַר אַ מליץ־יושר?
— טאָמער וואָלט איר אײַנגענומען אַ לעפל שטומעניש?
— אָדער גאָר אַ מיתה־משונה?
— וווּ? דאָ אין בעסאַראַביע? צי דאָרט, אין רומעניע?
— געב אַ קוק אויף זיך אין שפּיגל, מאַלפּע!
— טאָמער וואָלט געווען געניג שלייפן די צינגלעך?
— הכלל, ווי זשע האַלטן מיר מיט שטשופּאַקס ווייבער?
— שאַט, קינדער, מיר דאַכט, אַז מע פאָרט.
— מע פאָרט! מע פאָרט!
— ראַם־טאַראַראַם! טעראַראַראַם!
— הערצאַם־פּערצאַם־פּערל־ווירל־ווערצאַם...
— רייב־זשי! פּוץ זשי!
פּוץ זשי, פּוץ זשי, פּוץ זשי,
פּוץ געטריי!...
און די גאַנצע חברה אַקטיאָרן און אַקטריסעס, דערהערט, אַז מע פאָרט, האָבן זיך אויפגעכאַפּט ווי איין מענטש און, זינגענדיק, אַרויסגעמאַרשירט איינס נאָך דאָס אַנדערע פון דער סטאַדאָלע אין הויף אַרויס — „מקבל פּנים זיין דעם חתן“.

### קאַפּיטל פינף און דרייסיק

## שמעון-דוד באַלעגאָלע קאָמאַנדעוועט

לכבוד דעם יידישן טעאַטער האָט שמעון־דוד באַלעגאָלע אַראָפּגעבראַכט אַ גאַנץ בינטל באַלעגאָלעס און שמייסערס, יונגע און אַלטע, אַלע מיט גרויסע גוט־אָנגעשמירטע שטיוול און אַלע מיט לאַנגע בייטשן אין די הענט — כמעט די גאַנצע האָלענעשטער ברזע. דאָ זענען געווען: נח ברימזע — אַ באַלעגאָלע מיט אַ צעריסענער נאַקידקע און מיט אַ פּליושענעם קאַרטוז. נחמן קאַקאָש — אַ בייזער ייד, וואָס זעט אויס ווי אַ האָן. יענקל מאַמעטליוגע — אַ פאַרשלאָפענער בחור

מיט רויטע ליפּן. געצי גאַלאַגאַן — אַ הויכער יונגאַטש, נאָר מיט איין אויג. הענגער־קיסטיי — אַ קליין באַלעגאָלכן, נאָר אַ קרעפּטיקס. און קאַרפּע מונדזיוק — אַ גוי אַ מאָלדאַוואַן מיט אַ שמויסן היטל איז אויך געווען בתוכם. קאַרפּע מאָלדאַוואַן האָט אָנגערוקט דאָס היטל, אונטערגעשטעקט די פּאָלעס פון דער סוויטקע און אָוועקגעשטעלט זיך שמירן די רעדער, און חבריה באַלעגאָלעס האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט געשמאַק, אויף אַלע כּלים: פּאַקן דעקאָראַציעס, טראָגן פון דער סטאַדאָלע קאַסטנס מיט קעסטלער, פּעק מיט פּעקלער, אַרויפלייגן אויף די פורן, נאָר נישט געהערט די אַקטיאָרן מיט אַקטריסעס, וואָס זענען נאָכגעגאַנגען פון הינטן און געבעטן, מע זאָל טראָגן „פּאַוואָליענקע", „פּאַמעלעכן".

ווי אַ גענעראַל איז געשטאַנען איבער די באַלעגאָלעס שמעון־דוד און גע־קאָמאַנדעוועט, געבייזערט זיך און געהאַקט מיט שטיקער תהילים, אויסגעמישט מיט מאָלדעוואַניש לשון:

— הער נאָר, דו „קאַלבון", די „בלאַסטאַמאַס" אייגער, על־כּן יאבדו דרך — האַלט איין דעם וואָגן, וואָרעם אָט כאַפּסטו אַ פּריקע אין פּיסק אַריין, כּי יבער כּמעט אפו — וועט דיר אַראָפּ די נאָז!...

חבריה באַלעגאָלעס און שמייסערס שרעקן זיך, אַפּנים, ווייניק וואָס איבער פאַר שמעון־דודס קאָמאַנדע און פאַר שמעון־דודס תהילים זאָגן. וואָרעם די שמיי־סערס, אין דער אייגענער צייט, וואָס מע אַרבעט און מע טראָגט די פּעקלעך, וואַרפט מען זיך דורך צווישן זיך מיט ווערטער און מיט ווערטלעך, און מע רעדט און מע לאַכט, און מע שמועסט זיך אויס וועגן אכילה אויף באַלעגאָלע־שפּראַך:

— זאָג נאָר, דו מאַמעטליווע בחור, ביסט עפּעס אַ בעלן איצט אויף אַ מאַ־לאַיע מיט געגרויבשמאַלץ אויף אַ פולער וואָך?

— אַוועק, דו בלינדער מיאָד, מיט דיין מאַלאַיע! איך בין „ליובאָפּיטנע" בעסער אויף אַ צימעסל מיט אַ „נאַכיט".

— און פּאַרטרינקען מסתּמא מיט אַ קווערטל „פּאָמניאַק", כאַ־כאַ?

— אָדער נאָר מיט אַ פרישער „בראַהע"?

דערהערט דאָס שמעון־דוד, צעשרייט ער זיך אויף אַ קול:

— למה רגשו גוים — וואָס האָט איר זיך צערעדט פון עסעניש, ממזרים? אָט וועל איך אייך געבן אַ פּאָמניאַק, וועט אייך זיין בצנה רצון תעטרנו — מיט אַ דישעל אין האַלדז אַריין!

די געוואַלדן און די געלעכטערן פון די שמייסערס און דאָס קאָמאַנדעווען מיט די קללות פון שמעון־דוד באַלעגאָלע גיסן זיך צונויף און מישן זיך אויס מיטן רעש און מיטן טומל פון די אַקטיאָרן מיט די אַקטריסעס, וואָס לויפן אַרום ווי די משוגעים, שרייען און פּילדערן איינס אויף דאָס אַנדערע און אַלע ייף האַצמאַכן:

— האַצמאַך! דער רוח זאָל דיך נעמען!

— האַצמאַך, גיי! האַצמאַך, שטיי! האַצמאַך, האַלט! האַצמאַך, אַהער! האַצמאַך, אַהין!

און דער אָרעמער האַצמאַך גיבער טראָגט אויף זיינע דאַרע שפּיציקע פּלייצעס דעם גאַנצן טעאַטער־גלות, שטייט אויס אַלעמענס קללות, וואַרפט זיך אויף אַלע זייטן, טראָגט און שלעפּט און הוסט, און עס פּאַלט אים פון די הענט, וואַרעם איבער זיין קאָפּ שטייט, איינגעטונקען אין ברילִיאַנטן, דער דירעקטאָר פונעם יידיש־דייטשישן טעאַטער, אַלבערט שמשופּאַק, און טרייבט אים האַלדז און נאַקן און שעלט אים און מאַכט אים מיט דער בלאָטע גלייך.

וואָס הערט אָבער איצט האַצמאַך דעם דירעקטאָר? „ער האָט אים אין דער ערד מיט די ביינער!" לאָז נאָר אָפּלויפן בלאָט אָט דאָס שטיקל אַרבעט, וואָס ער האָט פאַרטראַכט. לאָז נאָר אָט דער „יאַט" אַרויסבאַקומען היינט ביינאַכט די „פּותיקא", וועט שוין זיין גימל!...

דער „יאַט" — דאָס מיינט ער לייבלען, וואָס ער זוכט אים מיט די אויגן און קאָן אים נישט געפינען. אַלע זענען דאָ אין הויף. אַלע קינדער ראַפּאַלאָוויטשעס. די זין מיט די טעכטער, און די שניר מיט די איידעמס, און די אַם, און דער קאַסיר, וואָס לייבל האָט אים אַ נאָמען געגעבן „ששון־ושמחה", און אַפילו די „אַלטע" מאַמע איז אַרויס כאַפּן אַ קוק מיטן שאַרפן אויג, ווי דאָס טעאַטער פּאַקט זיך, און מניה וביה טאַקע אַכטונג געבן, מע זאָל חלילה צווישן יאָ און ניין עפּעס נישט אַריינהאַקן על־פּי־טעות אין וואָגן אַריין... נאָר איין לייבל איז דאָ נישטאָ. און האַצמאַך איז אויס מענטש, וואָס ער זעט נישט דעם „יאַט". „אַ קשיא אויף אַ מעשה, — טראַכט ער זיך, — אפשר האָט דער קלייגער וועוריק שוין חרטה געקריגן אויף דעם גאַנצן פּלאַן?... אַ שיין פּנים וועט ער, האַצמאַך, דעמלט האָבן ביי זיך אַליין. „אַ יאָלד צווישן יאָלדן" וועט ער דעמלט זיין. ביי שמשופּאַקן אַ שטיוול־פּוצער וועט ער בלייבן. און אפשר נאָך באַסלערע האָבן פּאַר אָט דער באַליערע עטל־דבורה, קומען זאָל אויף זיי אַלעמען אַ פּאַהיבעל, רבונו של עולם, היינטיקע נאַכט! זיי זאָלן גאָר נישט דערלעבן אַרויספאָרן פון דאַנען! און אַז זיי וועלן אַרויספאָרן, זאָלן זיי ברעכן רוק און לענד אויפן גלייכן וועג און נישט דערלעבן קומען אַהין, וווּ זיי פאָרן!"...

— האַצמאַך, וואָס בורטשעסטו דאָרטן, וועלכע שוואַרץ יאָר?

— איך בורטשע נישט, איך לערן מיין ראָל.

— געפונען אַ צייט אויף צו לערנען אַ ראָל, פאַרברענט זאָלסטו ווערן, אידיאָט! אַהערצו גיי!

— אָמן, גם אתם. איך גיי! איך גיי! — זאָגט האַצמאַך און הוסט און קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן, זוכט לייבלען.

# שלום־מאיר מוראַווטשיק האַלט אַ רעדע

אומזיסט האָט זיך יענעם שבת־צו־נאַכטס האָלענעשטי צונויפֿגעקליבן אַרום נגידים הויף אַרויסצובאַגלייטן דאָס יידישע טעאַטער מיט כּבֿוד, ווי עס געהער צו זיין. שלום־מאיר האָט זיי עטלעכע מאָל געזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, און אַפֿילו אין טאַטן אַריין שוין אויך געשאָלטן, אַז ס'איז אומזיסט זייער וואַרטן — זיי וועלן זיך נישט דערוואַרטן, וואָרעם מע דאַרף זיך נאָך פּאַקן און פּאַקן. די האָלענעשטער ליבהאָבער פֿון טעאַטער האָבן אָבער נישט געוואָלט נישט הערן, נישט זען. זיי וויסן על־פּי־שׂכל, אַז ס'איז דברים בטלים. אַלצדינג נעמט אַ סוף. דאָס פּאַקן מוז זיך אַמאָל ענדיקן. דאָס טעאַטער מוז אַרויספֿאָרן פֿון הויף גאָר אָן אַ שום תּירוץ. נאַרעשקייטן! ווי פּאָרט דאָס אָפּ אַ יידיש טעאַטער פֿון האָלענעשטי גלאַט אַזוי, מיר נישט, דיר נישט, און אַ האַלבע שטאָט זאָל דאָס נישט אַרויסבאַגלייטן?

דאָס האָט אונדזער דירעקטאָר פֿון יידיש־דייטשישן טעאַטער און זיין פּליגל־אַדיוטאַנט שלום־מאיר מוראַווטשיק גראָד נישט געשמעקט. צו דעם גרויסן פּלאַן, וואָס זיי האָבן אויסגעפּלאַנעוועט, האָט מען באַדאַרפֿט האָבן גראָד פֿאַרקערט, אַז קיין זייטיקער עולם זאָל ביי זייער אַרויספֿאָרן דווקא נישט זיין. וואָס זשע טוט מען? וואָס זאָגט מען זיי? שלום־מאיר האָט זיי שוין גענוג געזאָגט. איינרייסן זיך מיט אַ שטאָט קאָן מען נישט. עס קאָן נאָך אַרויס דערפֿון אַ סקאַנדאַל. און זיי דאַרפֿן האָבן, אַדרבא, ס'זאָל זיין שטיל, אַבסאָלוט שטיל... עס שטייט פֿאַר זיי אַן איידעלע אַרבעט אויף „גאָטס גאַס“, אַ פֿיין שטיקל אַרבעט!...

פֿאַלט שלום־מאיר אויף אַ המצאה (פּאָרט אַ דיפּלאָמאַט!). ער קלעטערט אַרויף אויף אַ היכל וואָגן און טרעט אַרויס פֿאַרן עולם גאָר מיט אַ רעדע, אָבער טאַקע מיט אַ גאַנצן ספּיטש:

— געערטער פּובליקום! מיינע הערן און דאַמען! אינעם נאָמען פֿונעם דירעקטאָר פֿונעם יידיש־דייטשישן טעאַטער און אינעם נאָמען פֿון דער גאַנצער טרופּע האָב איך די ערע איבערצוגעבן אייך, געערטער פּובליקום, אונדזער טיפֿסטן דאַנק פֿאַר אייער סימפּאַטיע, וואָס איר האָט אַרויסגעוויזן צו אונדזער טעאַטער. די גאַנצע צייט, וואָס מיר האָבן זיך געפֿונען אין אייער שטאָט, איז דאָס טעאַטער — איך מעג עס זאָגן מיט שטאָלץ — קיינמאָל נישט געווען ליידיק. און נישט נאָר פֿון אינעווייניק, נאָר אַפֿילו פֿון דרויסן איז דאָס תּמיד געווען באַלאַגערט. דאָס באַווייזט, אַז איר פֿאַרשטייט ווי צו שעצן קונסט, און יידיש טעאַטער האָט ביי אייך אַ ווערט. עס איז מיין חובֿ בעטן ביי אייך אום אַנטשולדיקונג פֿאַר מיין נישט העפֿלעכער באַנעמונג קעגן אייך, דאָס הייסט, אויף יידיש געזאָגט, בעט

איך בין אייך הונדערט מאָל מחילה דערפֿאַר, וואָס טאָמער האָב איך עמעצן פֿון אייך אַמאָל גראָב באַהאַנדלט, אויסגעשאָלטן אין מאַטן אַריין, אַרויסגעוואָרפֿן פֿון טעאַטער אָדער אָפּגעשפּריצט מיט קאַלט וואַסער. אַ מענטש איז נישט קיין מלאך... איך ווייס נישט, וויאַזוי איר — נאָר איך פֿאַרזיכער אייך, אַז אונדזער טעאַטער וועט אייער האָלענעשטי קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן. געערטעס פּובליקום! אונדזער טעאַטער האַלט ביי אָפּפֿאָרן פֿון דאַנען, און אפֿשר אויך אויף אַ גאַנץ לאַנגער צייט. עס וואָלט ביי אונדז געווען זייער אָנגעלייגט, ווען איר זאָלט אונדז קענען באַערן מיט אייער אַרויסבאַגלייטן פֿון שטאָט אַרויס. עס טוט מיר אָבער זייער לייד אייך צו זאָגן, אַז נישט אַלע וועלן דאָס קאָנען טאָן, וואָרעם ביז עס וועט נישט אָנהייבן צו שאַריען אויף טאָג, וועלן מיר נישט רירן פֿונעם אָרט. אויב איר ווילט אונדז ווירקלעך אָנטאָן אַ פֿאַרגעניגן, זאָלט איר איצטער גיין אַהיים שלאָפֿן און אם־ירצה־השם מאָרגן כאור וועט איר קומען אַהער, וועט איר זיין ווילקאָמען.

דער עפֿעקט פֿון שלום־מאירס רעדע און פֿון זיין דייטשישן „ווילקאָמען" איז געווען איבער אַלע מאָסן. „דאָס געערטע פּובליקום" האָט דעם רעדנער געמאַכט אַן אומגעהייערע אָוואַציע. אָן אַן עק „בראַוואָ" האָט מען אים געשריגן. „בראַוואָ" אַליין איז אָבער געווען ווייניק, האָט מען גענומען שרייען „הורראַ". מיט „הורראַ" אַליין האָט זיך דאָס פּובליקום אויך נישט באַגנוגנט, האָט מען אָנגעהויבן שרייען און אַרויסרופֿן האָצמאַכן: „האָצמאַך! אַ חסידל! האָצמאַך! האָצמאַך!"

איז שלום־מאיר מוראַווטשיק אַרויף נאָכאַמאָל אויפֿן וואָגן און אַנטשולדיקט זיך פֿאַרן „געערטן פּובליקום", אַז ס'איז אומזיסט זייער שרייען מיט זייער ליאַרמען: האָצמאַך וועט איצט נישט אויפֿטרעטן מער און קיין „חסידל" נישט זינגען. דאָס טעאַטער איז געשלאָסן.

דער געפֿילדער איז פֿון דער דערקלערונג נישט געוואָרן קלענער. אַדרבא, די געשרייען „האָצמאַך" און „חסידל" זענען געוואָרן מיט פֿופֿציק פּראָצענט גרעסער און שטאַרקער.

שלום־מאיר מוראַווטשיק האָט אַרויסגעזען, אַז מיט גוטן וועט מען מיט זיי גאָרנישט מאַכן. האָט ער געמוזט אָנווענדן זיין אַלטן מיטל, וואָס איז אים געשטאַנען אין אַלע זיינע נויטן, די סגולה פֿון „וזרקתי". דאָס הייסט, מע האָט געמוזט זיך מטריח זיין, אויפֿדעקן די דעקאָראַציעס און אַרויסציען פֿון דאָרטן דעם שפּריצער און לאָזן אַ קאַלטן שטראָם אויפֿן „געערטן פּובליקום". אַ טייערע סגולה! אין איינע צוויי מינוט איז דער פּלאַץ אָפּגערייניקט געוואָרן און ס'איז פֿונעם „געערטן פּובליקום" נישט געבליבן, איר זאָלט זאָגן, אַ נפֿש.

ערשט דעמאָלט האָט שלום־מאיר מוראַווטשיק אָפּגעוואַרט אַ קעגן אַ פּאָר שעה, און אַז אין שטאָט איז געוואָרן רעכט שטיל, האָט דער דירעקטאָר שטשופּאַק צונויפֿגענומען די גאַנצע טרופּע און האָט איינגעלאַדן אויך יחיאל דעם קלעזמער מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע און איז אַוועק מיט זיי אין אַ קעלער אַריין

געמען צו גלעזלעך וויין און פאַרבייסן מיט נאַהיט, געבן אַ לעב, ווי גאָט האָט געבאָטן.

די טריפּע האָט זיך גאָרנישט געקאָנט אָפּוואַרטן, וואָס איז דאָס זייער די־רעקטאָר פּלוצים געוואָרן אַזוי מילד? „עפּעס טאַקע נאָר אַ בער אין וואַלד גע־פּגרט"! ...אַלעמאָל האָט ער געהייסן געבן נאָך, אַליין געטרונקען און געבעטן דעם עולם טרינקען מיט זיין נישט־קלאָפּנדיקער שפּראַך:

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן איז דאָס אַ וויין הערט זשע קינדער טרינקט און גיסט!...

סאַמע אין רעכטן טרינקען האָט זיך אונדזער שלום־מאיר מוראַוואַטשיק אַרויסגעגלימשט פון דער קאָמפּאַניע, איבערגעלאָזט די גאַנצע חברה אין קעלער, און אַליין איז ער, ווי אַ שטילער שאָטן, אַוועק אויף „גאָטס גאַס".

## קאַפּיטל זיבן און דרייסיק

# אומזיסטע פּחדים

יצחק, בעת אברהם אבינו האָט אים געפירט צו דער עקדה, האָט געוויס נישט באַדאַרפט אַזוי ציטערן, ווי עס האָט געציטערט אונדזער יונגער העלד נעבעך, זיצנדיק יענעם שבתצונאַכטס אין וואָגן מיט זיין פריינד האָצמאַך און פאָרנדיק מיט אים צו דער באַן קיין פאַטשעשטי און פון דאָרט קיין אונגעני, צו דער רומעניִשער גרענעץ. און געציטערט האָט ער פּשוט דערפאַר, וואָס טאָמער, אַ קשיא אויף אַ מעשה, יאָגט מען אים נאָך און מע פּאַקט אים און מע ברענגט אים צוריק קיין האָלענעשטי און מע טרייסלט אויס ביי אים... אַך! לייבל האָט גאָר מורא דערפון צו טראַכטן. בעסער נישט דערלעבן. בעסער אַ לעבעדיקער אין טייך אַריין...

און לייבל הערט זיך איין אינעם לויפן פון די פערד, אינעם קאַטשען זיך פון די רעדער און אינעם טרייסלען פונעם וואָגן און עס דאַכט זיך אים, אַז עמע־צער לויפט אים נאָך. און ער פילט, ווי עס טרייסלען זיך אים אַלע גלידער פאַר שרעק. פאַר שרעק? אפשר איז דאָס גאָר פון דער שיינער „יאַזדע"? אַז אַך און ווי איז צו זיי ביידן, צו אים און צו האָצמאַכן! — זיי זיצן אין אַ שיינעם וואָגן, עס קאָן די נשמה אויך אַרויספרייסלען. דאָס איז שלום־מאירס קאָפּ געווען, מע זאָל באַזעצן האָצמאַכן גאַנץ אויבנאָן אויף דער „הארבא" מיטן באַגאַזש — ס'זאָל חלילה נישט זיין קיין שאָדן אין די דעקאָראַציעס.

איצטיקס מאָל האָט שוין אָבער האָצמאַך געהערט שלום־מאירן מיטן די־רעקטאָר מיט זייערע דעקאָראַציעס און מיט זייער גאַנצן טעאַטער ווי דעם פּאַראַ־

יאָריקן שניי. האָצמאַך איז שוין, זיצנדיק דאָ אין וואָגן, אַליין געווען א דירעקטאָר, אַליין געהאַט זיין אייגן טעאַטער מיט זיין אייגענער טרופּע מיט זיינע אייגענע דעקאָראַציעס. ביי האָצמאַכן, פאַרשטייט איר מיך, געפינט זיך אין בוזעם א פּעקל אַזעלכעס, וואָס וואַרעמט אים און בריט אים, צעטראָגט א באַלזאַם אין אַלע זיינע גלידער און פילט אָן זיין האַרץ מיט דער גרעסטער פרייד...

דאָס דאָזיקע גוטע פּעקל האָט אים איבערגעגעבן שטילערהייט, טאַקע דאָ אויפן וואָגן זיצנדיק, זיין יונגער פריינד לייבל, און די הענט זענען בעת מעשה געווען ביי לייבלען קאַלט און האָבן געציטערט, און די ציין אין מויל האָבן אים געקלאַפּט, און אַליין האָט דאָס אים געוואָרפן ווי אין א קדחת.

— וויפל איז דאָ, ליובעניו? — פרעגט אים האָצמאַך שטילערהייט, אָנגעבויגן זיך צו אים אויפן אויער, עס זאָל נישט דערהערן דער באַלעגאָלע, וואָס פאָרט מיט זיי אויפן וואָגן. נאָר ער איז זיך משער נאָכן פּעקל, אַז דאָ דאַרף זיין א היפּשע „פּותיקא“...

— איך ווייס אַליין נישט, — ענטפערט אים לייבל אויך אויפן אויער, און האָצמאַך דערפילט, ווי פון לייבלס מויל זעצט ארויס אַ היץ.

— וואָס ציטערסטו, קאָטיקל? — ס'איז דיר קאַלט? — פרעגט אים האָצמאַך מיט געטריישאַפט פון אן עלטערן ברודער.

— ס'איז מיר וואַ—וואַ—וואַרעם! — ענטפערט אים לייבל, קלאַפּנדיק א צאָן אין א צאָן.

— אַזוי? ס'איז דיר וואַ—וואַ—רעם? — קרימט אים איבער האָצמאַך. — א ביזע היץ אויף דיר. אָט וועל איך דיר אָנטאָן, ליובעניו, מיין טענדעווערענדע, וועסטו זיך מחיה זיין. מיין טענדעווערענדע וואַרעמט ווי א מאַמע.

און האָצמאַך טוט זיך אַ וואָרף און בינדט אויף אַ פּאַק מלבושים און שלעפּט ארויס פון דאָרטן אן אַלטן בגד, שמאַטע שבשמאַטע.

וואָס איז אים עפּעס געפעלן אָנצורופן אָט די שמאַטע מיט אזא געהויבענעם נאָמען? עס קאָן זיין, אַז אַמאָל, בעת עס האָט נאָך געהערט צו שטשופּאַקן, איז דאָס טאַקע געווען אזא מין מלבוש, וואָס מע דאַרף עס רופן „טענדעווערענדע“. האָב איך אָבער מורא, אַז דאָס האָט געמוזט זיין שוין לאַנג, זייער לאַנג. אוודאי אין יענע צייטן, ווען אונדזער דירעקטאָר, אַלבערט שטשופּאַק, איז נאָך גאָר קיין דירעקטאָר געווען, נאָר אַזוי אן אַקטיאָר. און אפשר איז דאָס געווען נאָך דעמאָלט, ווען אונדזער שטשופּאַק איז, נישט היינט געדאַכט, אַרומגעגאַנגען אויף התונות, אויף בריתן און אויף פּדיון־הבנים און געזונגען „כּל־מקדש“... יעדנפאַלס, בעת שטשופּאַק האָט אַוועקגעגעבן דעם דאָזיקן אַלטן בגד דעם קאָמיקער האָצמאַך, האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, אַז דאָס שענקט ער אים אַוועק אויף תמיד, א מתּנה הייסט עס. און ער האָט זיך דווקא נישט געפוילט צוצופּצורופן אַלע אַרטיסטן, באַווייזן זיי, „וואָס פאַר אַ מתּנה ער, שטשופּאַק, איז, כּע־כּע, אַ בעלן

אוועקשענקען“. און ער האָט גענומען דרייען דעם אָרעמען האָצמאַכן אויף אַלע זייטן, זיך געשפּיגלט און געקוועלט און באַרימט זיך אין איין אָטעם:

— געווען אַמאָל הערט זשע אַן אַנטיקל פון אַן אויבערמאַנטל מיט אַ טייערן קאָלנער פון עכטן סאַמעט און אַ פּעלערינע פון אויבן איז געווען הערט זשע, געקויפט הייסט עס אַ פּאַרטיקע מציאה פון אַ גנבֿ, אַ מחיה געווען צו קוקן אַן אַרבל, כע־כע, זאָל מיין נאָמען נישט הייסן אַ ל ב ע ר ט!...

אויף שטשופּאַקס רויטע אָנברעמענדיקע אויגן האָט זיך אויס באַוויזן אַ טרער. און האָצמאַך האָט אָנגעטאָן דאָס דאָזיקע טייערע מלבוש און האָט טאַקע דאָ אויפן אָרט, הינטער שטשופּאַקס פּלייצעס, גענומען נאָכמאַכן שטשופּאַקן מיט זיין מגושמדיק געקניימשט רחמנות־פּנים, מיט זיין צונויפגעשנורעוועט פּיסקל און מיט זיינע קליינע טרערנדיקע אייגעלעך, — אָבער אַזוי קונציק, אַז ס'איז געווען נישט צו דערקענען, ווער פון די צוויי איז שטשופּאַק, און ווער איז האָצמאַך?

פונדעסטוועגן האָט די דאָזיקע טענדעווערענדע געדינט האָצמאַכן טאַקע ווי אַ געטרייע מאַמע. זי איז אים געווען אַ רעגנמאַנטל, און אַן אונטערבעט, און אַן אויבערבעט, און אַ קאָלדרע, און אַ כאַלאַט, און וואָס איר ווילט. און אויך איצט איז זי אים צונויצגעקומען אויף איינצוהילן דעם דאָזיקן קליינעם „יאַט“, וואָס צי־טערט ווי אַ כשר לעמעלע. און האָצמאַך בייגט זיך אָן צום קליינעם „יאַט“ און שעפּטשעט אים אויפן אויער און טרייסט אים, ווי מע טרייסט אַ קליין קינד:

— וואָס האָסטו מורא, נאַרעלע? אקאָרשט ווי מע זעט נישט, זענען מיר דאָך אין פּאַטשעשטי. דאָרט זעצן מיר זיך אַוועק אויף דער באַן און מיטן טאָג זענען מיר שוין אויף דער גרענעץ, אין אונגעני. און פון אונגעני ביז יאַס איז נישט מער ווי אַ האַלבע שעה פאָרעכטס, אַזוי אַז ביז מע וועט זיך אין דער היים כאַפּן, וועלן מיר שוין זיין — טיו־טיו!...

פון דעם דאָזיקן פריילעכן געדאַנק צעלאַכט זיך האָצמאַך מיט אַ שטילן געלעכטער און פאַרהוסט זיך און שעלט דעם הוסט מיט טויטע קללות.

לייבל הערט אָבער נישט, וואָס האָצמאַך רעדט צו אים. לייבל ציטערט. ער וואָלט געמעגט שווערן, אַז ער הערט עמעצן לויפן נאָכן וואָגן און סאַפּען: „האַ־ע! האַ־ע! האַ־ע!“... און וויפל די שרעק איז נישט גרויס, שטעקט ער אַרויס דעם קאָפּ פון דער טענדעווערענדע, טוט אַ קוק צוריק און דערזעט — זייער אַלטן הונט טערקוש! ...„ווי קומט אַהער טערקוש? עס פאָרט אוודאי עמעצער פונעם הויף און טערקוש לויפט אויף צופּריער“... אַזוי טראַכט זיך לייבל און עס באַשלאָגט אים אַ קאַלטער שוויים. און איידער ער האָט נאָך צייט נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן צוריק, דערהערט ער — עמעצער פון הינטן יאָגט מיט אַ הוק און מיט אַ פייף און מיט אַ קנאַק פון דער בייטש. „פּאַרפּאַלן!“ — טראַכט זיך אונדזער יונגער העלד און איז שוין גרייט [illegible] אַלצדינג. נאָר עס לאָזט זיך אויס אַ נעב־

טיקער טאָג. דאָס איז אָנגעלאָפֿן פֿון הינטן שמעון־דוד דער באַלעגאָלע מיט זיין בויך און איז אַרויס צו זייער שמייסער מיט זיין שפּראַך, האַלב אויף מאָלדאַוואַ־ניש, האַלב אויף יידיש, און לשון־קודש אויך אינמיטן:

— והלקלקות — נאָך שלעפּסטו זיך, דו מאַגאַר איינער, די שלעפּעריקער מלאך? און איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט שוין העכער האַלב אין פּאַטשעשטי. ברע! געב אַ טו דעם טורבאַטן סוס אַנצוהערעניש אין זייט אַריין, אָדער מיט דער פּוזשעלע איבער די רגלים, וואָרעם ער גייט שלא כדראַקי.

און שמעון־דוד וואַרט נישט, ביז יענער וועט עס טאָן און דערלאַנגט בעסער אַליין מיט דער בייטש דעם טורבאַטן סוס איבער די רגלים און זאָגט צום שמיי־סער:

— ברע! און אַז דו וועסט קומען קיין פּאַטשעשטי, זאָלסטו זאָגן דער אי־בעריקער חבריא, אַז איך האָב געהייסן פּאַסן פֿערד און פֿאָרן צוריק אהיים, נישט וואַרטן אויף מיר. דו הערסט, וואָס מע דברט, צי דו שלאָפֿסט? וויאָ, קינדער, וויאָ־וויאָ!

אַזוי לאָזט אויס שמעון־דוד מיט אַ טשמאָק צו זיינע פֿערדעלעך און נעמט זיך פֿאַרקערעווען דעם וואָגן רעכטס, און אונדזער יונגער העלד ווישט זיך דעם שווייס און דאַנקט גאָט, וואָס דער שרעק איז אַריבער בשלום, און ער שטעקט אַרויס פּאַוואָליענקע דעם קאָפּ פֿון דער טענדעווערענדע און טוט אַ קוק מיט איין אויג צוריק, און עס טוט אים אַ בליאַסק פֿון שמעון־דודס בויך אַרויס אַ פּאָר גוט־באַקאַנטע שוואַרצע גליענדע ציגיינער־אויגן. לייבל טוט זיך אַ הייב אויף פֿו־נעם אָרט, אַ רייס אַרויס פֿון דער טענדעווערענדע און קען זיין אייגענעם ווילן כאַפּט זיך אַרויס ביי אים אַ געשריי: „רייזל!“... נאָר איידער דאָס וואָרט דער־גרייכט צו שמעון־דודס בויך, האָט יענער זיך שוין אויסגעקערעוועט און מיט אַ הוק און מיט אַ פֿייף און מיט אַ קנאַק פֿון דער בייטש נעמט ער זיך גאָר אויף אַן אַנדער וועג, עפּעס ווי ער וואָלט פֿאָרן צוריק. גיך ווערט די בויך פֿאַרשוווּנדן, לאָזט איבער נאָך זיך אַ געדיכטן שטויב מיט אַ גערוך פֿון פֿערד, אויסגעמישט מיט אַ ריח פֿון סמאָלע.

### קאַפּיטל אַכט און דרייסיק

## קשיות מיט קשיות מיט קשיות

„אַ מענטש, אַז ער איז אין שרעק, קאָנען זיך אים אויסווייזן אַ־ילכע זאַכן, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפֿלויגן“...

אַזוי טראַכט זיך אונדזער יונגער העלד, זיצנדיק מיט האַצמאַכן אויפֿן וואָגן, אויבן, אויף די דעקאָראַציעס. „פֿון וואַנען האָט זיך צו אים גענומען אַזאַ גע־

דאנק, אז בײַ שמעון־דוד דעם באַלעגאָלע אין בויד זיצט רייזל? ווען דאָס זאָל זײַן רייזל, פרעגט זיך א קשיא: וואָס האָט מען פאַרקערעוועט מיט איר אהין, גאָר אויף אן אנדער וועג? פאָרן דען נישט ביידע אין איין אָרט אריין?"...

אזעלכע קשיות פרעגט לייבל בײַ זיך אליין און ער דרייט אויס דעם קאָפּ צוריק און טוט נאָכאמאָל א קוק אהין, וווּ שמעון־דודס בויד איז נעלם געוואָרן, און ער באַגעגנט זיך מיט די אויגן פון זײַן פריינד טערקוש, וואָס לויפט אים אליין נאָך נאָכן וואָגן מיט אן ארויסגעשטעלטער צונג. „אָט א נאַרישער הונט!" — קלערט זיך לייבל, און עס פאַרקלעמט אים בײַם האַרצן, און ער האָט רחמנות אויף זײַן אלטן געטרייען הונט טערקוש, וואָס בלייבט נעבעך עלנט, איינער אליין. „און דער לאָקשעק נעבעך, — טראַכט ער זיך, — בלייבט דען נישט עלנט, איינער אליין?"...

— א כאָליערע זאָל קומען אויף זיי ביידן! — רופט זיך אָן האָצמאַך.

— אויף וועמען זאָל קומען א כאָליערע? — פרעגט אים לייבל פאַרוווּנדערט.

— אויף וועמען? טאַקע אויף מײַן שטשופּאַקן מיט אָט דעם ממזר שלום־מאיר, ווי זיי האָבן זיך דאָס א ביסל צעלייגט בײַ שמעון־דודן אין בויד, טאַקע גאָר ווי בײַ זייער טאַטן אין ווײַנגאָרטן!

לייבל קוקט אויף האָצמאַכן נאָך מער פאַרוווּנדערט: ער האָט נישט געזען בײַ שמעון־דודן אין בויד, דאַכט זיך, קיינעם, אחוץ רייזלען. וואָס טוט זיך דאָ?...

און האָצמאַך האָט זיך זיינס אין זינען. אים אינטערעסירט שטשופּאַק און זײַן פליגל־אַדיוטאַנט שלום־מאיר. ער רעדט ווי צו זיך אליין:

— איין זאַך פאַרשטיי איך נישט, כאָטש האַק מיר אראָפּ דעם קאָפּ: וועלכע שוואַרץ יאָר האָבן זיי פאַרקערעוועט צוריק? מע דאַרף א פרעג טאָן אָט דעם שלעפּערדיקן האָץ. הע, פעטער! שטייט אויף צו סליחות! — זאָגט האָצמאַך צום שמייסער. — האָט קיין פאַריבל נישט, וואָס מע האָט אײַך איבערגעשלאָגן סאַמע אין רעכטן שלאָף. קאָנט איר מיר נישט זאָגן, למשל, וווּהין גייט אָפּ איינער וועג, וואָס אײַער שמעון־דוד האָט זיך אהין גאָר וואָס א נעם געטאָן?

— הע? אָט איינער שליאַך? — ענטפערט אים דער שמייסער און דרייט אויס צו אים א פאַרשלאָפן פנים. — מיט אָט איינעם שליאַך פאָרט מען, אז מע וויל פאָרן קיין נאָוואָסעליץ.

— קיין נאָוואָסעליץ גאָר?

— הע? קיין נאָוואָסעליץ.

— ווי קומט אַהער נאָוואָסעליץ? מיר פאָרן דען קיין נאָוואָסעליץ? מיר פאָרן דאָך קיין אונגעני.

— הע? מיר פאָרן קיין פּאַטשעשטי פאָרן מיר.

— איך ווייס, — זאָגט האָצמאַך, — אז קיין פּאַטשעשטי. פּאַטשעשטי איז

די סטאַנציע, וואָס מע פֿאָרט פֿון דאָרט מיט דער באַן קיין אונגעני. אונגעני איז די רומעניִשע גרענעץ, און נאָוואָסעליץ איז דאָך גאָר אַן אַנדער גרענעץ.

דער שמייסער כאַפּט זיך אויף ווידער ווי פֿונעם שלאָף.

— העי? אַן אַנדער גרענעץ — זאָגט איר? יאָ, אַן אַנדער גרענעץ.

— וואָס זשע זאָגט איר, נאָוואָסעליץ? — פֿרעגט אים האָצמאַך שוין אין כּעס.

— העי? דער שליאַך, זאָג איך, איז קיין נאָוואָסעליץ. מיט איינעם שליאַך, זאָג איך, פֿאָרט מען, אַז מע וויל פֿאָרן, זאָג איך, קיין נאָוואָסעליץ.

— קיין נאָוואָסעליץ? ווי קומט אַהער נאָוואָסעליץ? מיר פֿאָרן דען קיין נאָוואָסעליץ? מיר פֿאָרן דאָך קיין אונגעני! — שרייט צו אים האָצמאַך מיט אַלע כּוחות.

— העי? מיר פֿאָרן קיין פּאַטשעשטי פֿאָרן מיר.

— אַ, געהרגעט זאָלסטו ווערן פֿון אַ שטיין! איך זאָג אים אונגעני, זאָגט ער מיר פּאַטשעשטי! היינט גיי שמועס זיך אויס מיט אַ באַלעגאָלע!

האָצמאַך טוט אַ שפּיי אויפֿן שמייסער און רופֿט זיך אָן צו לייבלען שטיל:

— אָט אַ יאָלד!

לייבל הערט אים אָבער נישט. לייבלס קאָפּ אַרבעט און פֿרעגט קשיות מיט קשיות, און דער הויפּט פֿון אַלע קשיות: „וואָס איז מיט רייזלען?"...

— ווייסטו, וואָס איך וועל דיר זאָגן, מיין מייערער שפּילפֿויגל? — מאַכט צו אים האָצמאַך. — איך האָב מורא, אַז מיין שטשופּאַק מיט אָט דעם ממזר שלום־מאיר האָבן עפּעס פֿאַרגעסן אויף דער סטאַנציע און האָבן זיך אומגעקערט צוריק קיין האַלענעשטי. פֿרעגט זיך אָבער אַ קשיא (דאָ פֿאַררוקט האָצמאַך דאָס קאַפּעליושל אַרויף און רעדט ווי צו זיך אַליין): וואָס האָט שמעון־דוד אָנגעזאָגט די איבעריקע באַלעגאָלעס, אַז מע זאָל אויף אים נישט וואַרטן? עפּעס נישט גלאַט דער פּסוק. (האָצמאַך גלעט זיך מיטן דער האַנט, גלייך ווי עס וואָלט ביי אים זיין אַ באָרד). על־כּן דאַרפֿן מיר לערנען דעם פּשט, אַז אָט דער ייִד איז געגעבט (ער ווייזט אויפֿן שמייסער), דאָס הייסט, אַז זיי זענען טאַקע אַוועקגעפֿאָרן צו אַלדי שוואַרצע יאָר ערגעץ מיטן שליאַך, וואָס מע פֿאָרט קיין נאָוואָסעליץ. איי, די קשיא, (דאָס זאָגט האָצמאַך מיט אַ ניגון פֿון דער גמרא און טוט אַ קוועטש מיטן גראָבן פֿינגער) — איי, די קשיא, וואָס? למאַי האָבן זיי אָפּגעשיקט די גאַנצע טרופּע מיט די דעקאָראַציעס צו דער רומענישער גרענעץ, און אַליין זענען זיי משוגע געוואָרן, ביי זיי בלייבט עס, און האָבן זיך אַוועקגעלאָזט דער רוח ווייסט וווהין?

האָצמאַך בלייבט זיצן מיטן גראָבן פֿינגער אַ ווײַלע אָן לשון, און נאָכדעם ענטפֿערט ער זיך אַליין מיטן זעלבן ניגון פֿון דער גמרא:

— תּיקו — בלייבט אַ קשיא!

## קאַפּיטל נײַן און דרײַסיק

# האַלענעשטי שלאָפט נישט

פון אַלע האַלענעשטער ייִדן, וואָס האָבן זיך אַזוי געקאָכט און פאַרלאָרן די קעפּ איבער דער אויסערגעוויינלעכער געשיכטע פון די צוויי אַנטרונענע, דעם גבֿירס זונדל און דעם חזנס מיידל, איז געווען נאָר איין מענטש, וואָס איז געבליבן רויִק, נישט געוויינט, נישט געקרעכצט, נישט געזיפצט און גענומען טאָן וואָס מע דאַרף.

דאָס איז געווען דער גבֿיר אַליין — בעני ראַפּאַלאָוויטש.

בעני ראַפּאַלאָוויטש, אַז ער איז פון דעם גאַנצן טומל און פון דער בהלה קוים געוואָר געוואָרן, וואָס דאָ טוט זיך, האָט ער קודם אַ זאָג געטאָן, ס'זאָל זײַן שטיל. איז געוואָרן שטיל. נאָכדעם האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, מע זאָל שפּאַנען פערד און אַראָפּברענגען דאָס „קנעפּל“. אויף בעניס סגי־נהור־לשון האָט דאָס געהייסן — דעם פּריסטאַוו, מיט וועלכן בעני איז געווען אויף „דו“.

— נעם וויפל דו ווילסט, — האָט אים בעני געזאָגט, — טו מיר אויס ביזן העמד און ברענג מיר אַראָפּ מײַן קינד...

עס איז כמעט נישט צו גלייבן, ווי אַ מענטש זאָל זיך אין איין טאָג אַזוי פאַרענדערן, ווי אָט דער בעני ראַפּאַלאָוויטש האָט זיך פאַרענדערט. די שטענדיק־רויטע באַקן זענען געוואָרן בלווילעד און מיטאמאָל ווי אָפּגעצויגן, אײַנגעפאַלן. די אויגן האָבן געבלאָנדזשעט אויף אַלע זײַטן, גלײַך ווי זיי וואָלטן עמעצן זוכן. אפילו דער בויך, תּמיד דיק און קײַלעכדיק ווי אַ פּויק, איז מיטאמאָל געוואָרן ווי אַראָפּגעהאָנגען אַראָפּ. ס'איז גאָרנישט דער בעני, וואָס אַלעמאָל. ער שרײַט נישט. ער וואַרפט זיך נישט. ער ברעכט נישט קיין בענקלעך. מיט שטילע טריט שפּאַנט ער אַרום הין און צוריק איבער דער שטוב, פינצטער ווי אַ שאָטן, ווײַל אפילו אין הויף נישט אַרויסגיין, ווײַל די ליכטיקע וועלט נישט זען. און דאָ ליגט ביילקע, דאָס ווײַב, געפּערלעך קראַנק. ביי איר איז אַ האַרץ־פעלער, זאָגט דער דאָקטאָר, מע דאַרף זי באַרויִקן... באַרויִקן? מיט וואָס קאָן זי בעני באַרויִקן, נאָכדעם ווי מע האָט אים דערהרגעט זײַן קאָפּ מיט אַ שייט האָלץ, צוגענומען ביי אים סאַמע דאָס שענסטע און דאָס בעסטע און דאָס ליבסטע און דאָס טײַערסטע?

—נעם וויפל דו ווילסט, — זאָגט ער נאָכאַמאָל צום „קנעפּל“, — טו מיך אויס ביזן העמד, אַבי ברענג מיר אַראָפּ מײַן קינד...

דאָס „קנעפּל“ קוקט אויף בענין. ער האָט אים נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזוי אויפגערעגט, ווי איצט. ער האָט אויף אים רחמנות און ער לייגט אַרויף די האַנט אויף זײַנע פּלייצעס און באַרויִקט אים:

— בודיעט כאראשאָ — ס'וועט זיין, הייסט עס, רעכט. פּריקאזשי, בעני, קידוש — היים געבן עפּעס טרינקען.

מיט גרוים ענערגיע האָט זיך נאָטשאַלסטוואָ אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט, חוקר ודורש זיין, אויסטאַפּן, אויספאָרשן די זאך אקוראט, דערגרונטעווען זיך ביזן שורש, ביז דעם ערשטן קוואל. זיי זענען זיך געגאנגען מיט זייער גאנג, אז שולדיק איז דאָ אינגאנצן אָט דער „שעלמא", דער חזן. ער ווייסט געוויס, ווי דאָס פּאָרל איז אהינגעקומען, נאָר ער מאכט זיך תמעוואטע. לאָז ער נאָר פריער אָפּזיצן עטלעכע שעה אין „קאמערע מיעשאָק", זיך באקענען א ביסל מיט די מייז, מיט די וואנצן און מיט די איבעריקע חיות, וועט ער אויפהערן זיך מאכן געפּגרט, אַז ער ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן... און עס איז אָפּגעגאַנגען אַ האָר, אַז מע זאָל צונעמען ישראלי דעם חזן און אָפּפירן אין גוטן אָרט אַריין, ווען נישט די חזנטע לאה מיט איר מאנצבילישן קאָפּ.

לאה די חזנטע, וויבאלד די ערשטע כוואליע איז אריבער איבער איר קאָפּ, האָבן זיך איר אויפגעעפנט די אויגן און זי האָט מיט איר אייגענעם שכל געכאַפּט, אז דאָס דארף זיין פארבונדן מיטן יידישן טעאטער. זי האָט דערצו טויזנטער, טויזנטער סימנים מיט ראיות. ווער קאָן נאָך אזוי וויסן, ווי א מאמע? א מאמע ווייסט, פארוויסט און פארפינצטערט איז זי געוואָרן! א מאמעס הארץ פילט. זי האָט דערפילט, א דונער האָט זי דערשלאָגן, פון דער ערשטער מינוט, ווען יענע צוויי שלימזלען (שטשופאק און שלום-מאיר) זענען אריבערגעטראָטן איר שוועל, אז זיי גייען אויף איר בלוט. געוואלד, געוואלד! ווו זענען געווען אירע אויגן? עפּעס טאקע נאָר א פארבלענדעניש, א גוט אויג, א גאָטס שטראָף פאר אירע גרויסע, גרויסע זינד!... איצט איז איר שוין אלץ קלאָר. קלאָר ווי דער טאָג. אין איר אומגליק האָבן א חלק א סך — א סך מענטשן. די ערשטע איז אָט די „וצדקתך", נעכע, די באלעבאָסטע פון דער אכסניא, מיט אירע צוויי אויסגע-לאָזענע שוועסטערלעך, וואָס מיט איטלעכן באזונדער איז כא-כא-כא און כא-כא-כא... די שלימזלען האָבן דאָרטן געהאלטן סטאנציע, געווען מיט זיי קוצעניו-מוצעניו. — זיי מוזן וויסן אַלצדינג, אַלצדינג... הייניט יחיאל דער קלעזמער? וואָס האָט דער שאַרלאַטאַן געשיכורט מיט זיי אַ גאַנצע נאַכט ביי הענעך ווייגשענקער אין קעלער? און הענעך ווייגשענקער אַליין — אויך אַ צדיק אין פעלץ! ביי אים איז נישט אנטלאָפן נאָך פאר דריי יאָרן די עלטערע טאָכטער מיט א סטא-נאָוואָי שרייבערל? זי וועט גיין שווערן ביי א ריינקייט, אז די אלע האָבן א חלק אין איר אומגליק! פארוואָס זאָל מען זיך נישט א נעם טאָן צו זיי בעסער, נישט טשעפּען זיך אומזיסט-אומגישט צו איר מאן, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיק, האָסטו געזען אביסל?!...

דערמיט האָט די חזנטע נישט נאָר אויסגעלייזט זיך און איר מאן פון א

נייעם אומגליק; זי האָט, מע קאָן זאָגן, געעפּנט נאַטשאַלסטווע דעם מוח, געגעבן געוואָר גלייך אין די הענט אַריין, געגעבן ליכט אויף צו זוכן דעם אמת.

פאַרשטייט זיך, אַז די אַלע אויסגערעכנטע פאַרשווינען האָט מען באַלד אויפגעכאַפּט, ווי דער רוח דעם מלמד. און מע האָט זיי אַ נעם געטאָן אויפן צימבל. דערשראָקן האָבן זיי זיך אַפילו זייער שטאַרק, מורא געהאַט, חלילה, פאַר אַ בלבול. זיי זענען אָבער אָפּגעקומען, דאַנקען גאָט, נאָר מיט דער שרעק אַליין. נאַטשאַלסטווע האָט מער נישט געפאָדערט פון זיי, נאָר אויסהערן, וואָס זיי האָבן צו דערציילן וועגן די אַקטיאָרן פון יידישן טעאַטער און וועגן דער אַנטלאָפענער פּאָר. און צום גליק האָבן זיי טאַקע געהאַט צו דערציילן און צו דערציילן.

## קאַפּיטל פערציק

# עדות מיט עדות

דער ערשטער האָט זיך באַוויזן אויף דער סצענע הענעך וויינשענקער, אַ ייד שוין אין די יאָרן, ווייס ווי אַ טויב, נאָר בעקלעך רויטע, פּעכקע, ווי ביי אַ יונג געמאַנטשיק, און אַ בייכל אויך אַ היפּש, אַ בעסאַראַבער בייכל. הענעך איז אַ מענטש נישט קיין איבערגעשפּיצטער, האָט ער אָבער אַ מעלה: ער איז אַן איש אמת, ער וועט אייך קיינמאָל נישט דערציילן דאָס, וואָס ער ווייסט נישט, און קיין פּזמונות פונעם קאָפּ נישט אויסטראַכטן. האָט ער גענומען דערציילן דעם ריינעם אמת, ווי פאַר גאָט אַליין. ס'איז אַזוי געווען די מעשה:

„שבתצונאַכטס — אַזוי איז זיך הענעך נוהג פון כמה וכמה יאָרן, פון זינט ער איז אַ וויינשענקער — נעמט ער אַ ליכט און לאָזט זיך אַראָפּ אין קעלער אַריין צום וויין, אַ קוק טאָן, וואָס טוט דער וויין? וועלכער וויין עס דאַרף נאָך שפּילן און וועלכן וויין מע דאַרף לאָזן אויפן פילטער? וועלכן וויין מע דאַרף צוגעבן אַ מתיקות און וועלכן וויין מע דאַרף צוזעצן, פאַרקערט, אַ שטאַרקייט, וואָרעם ער איז שוין געגנוג מתוק? הייגנט איז פאַראַן וויין, וואָס מע דאַרף צעגיסן אין פלעשער און אויסקאָרקעווען, ער זאָל נישט כאַפּן קיין שימל, און פאַראַן ווידער וויין, וואָס מע דאַרף אים לאָזן, ער זאָל זיך אויסשטיין, בכדי ער זאָל באַקומען זיין אייגענעם טעם מיט זיין מתיקות מיט זיין שטאַרקייט, וואָרעם וואָס איז דען אינגאַנצן דער שכל פון וויין?"...

אָט דאָ האָט מען געמוזט איבעררייסן דעם וויינשענקער, אַז נישט דעם שכל פון וויין וויל מען פון אים הערן, נאָר עפּעס אַנדערש. דער עולם שמועסט, אַז ביי אים האָבן אַ גאַנצע נאַכט געשיכורט די אַקטיאָרן פונעם יידישן טעאַטער...

דערהערט דאָס וואָרט „געשיכורט“, האָט זיך הענעך אזש צעלאַכט: „כאַ־כאַ, געשיכורט? אַלץ הייסט געשיכורט! גוט געשיכורט! א ייד שיכורט! ס'איז אזוי געווען די מעשה: ער שטייט אין קעלער ביי דער ארבעט, ביים וויין הייסט עס, קומט מען צוגיין און מע זאָגט אים, אז די אקטיאָרן פונעם יידישן טעאטער זענען געקומען טרינקען וויין. האָט ער אוועקגעוואָרפן אַלע ארבעט. ער האָט געמיינט, אז דאָ וועט מען דאָס געבן א שיינעם טרונק וויין, עס וועט זיך גיסן וויין. צום סוף לאָזט זיך אויס, אז פונעם גאַנצן וויין האָבן זיי אויסגעטרינקען בסך־הכל דריטהאַלבן אָקעס וויין פונעם רויטן וויין און אַן אָקע וויין פונעם ווייסן וויין. מע האָט נאָר גערעדט פון וויין. און הענעך האָט א כלל, אז דער, וואָס רעדט פון וויין, דער טרינקט נישט קיין וויין, און דער, וואָס טרינקט וויין, דער רעדט נישט פון וויין“...

— דאָס איז אַלצדינג אמת, — האָט מען אָפּגעשטעלט דעם וויינשענקער און געבעטן, ער זאָל בעסער דערציילן, וואָס ווייסט ער פונעם אַנטלאָפענעם פּאָרל?

לאָזט זיך אויס א מעשה, אז פונעם אַנטלאָפענעם פּאָרל ווייסט הענעך גלייך מיט זיי, דאָס הייסט, ס'איז געווען אזוי די מעשה: „אז ער איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי, איז ער קודם אראָפּגעגאַנגען אין קעלער צום וויין“...

— גענוג וויין — האָט מען אַ זאָג געטאָן צו הענעך וויינשענקער און מע האָט זיך אַ נעם געטאָן צו יחיאל דעם קלעזמער.

יחיאל דער קלעזמער איז א ייד מיט א שיינער פּאַטלע האָר, מיט א זילבערנעם סיגנעט אויפן פינגער, טראָגט א הויכן קאַפּעליוש מיט א טענדעווערענדע, נאָר ער איז א ביסל נישט קיין געזונטער; דאָס הייסט, אזוי איז ער אפילו נישקשה, נאָר ער גייט שטענדיק פאַרבונדן דעם האַלדז און רעדט הייזעריק מיט סכנת־נפשות. יחיאל וויל האָבן, אז דאָס דאָזיקע איז אים געקומען פון דער פידל. נאָר זיינע קאָלעגן זאָגן, אז סע הייבט זיך גאָר נישט אָן. ס'איז פון דעם, וואָס ער האָט נישט פיינט אָט דאָס, וואָס מע טאָר נישט. ער האָט „סאָטשיניעניעס“ מיט אַלע יונגע ווייבלעך פון שטאָט — א שאַרלאַטאַן, זאָגן זיי, זאָל גאָט היטן! זיין ווייב, מאָלט אייך, חנה־פּערל, קען אים מיט אַלע זיינע גענג און מיט אַלע זיינע אָפּשניצלעך און שמד־שטיקלעך. נאָר חנה־פּערל איז נישט אזא. זי האָט פיינט סקאַנדאַלן. פאַרשטייט זיך, אז נאָר ביז א צייט. א מענטש איז נישט קיין אייזן און יעדער האָט א גאַל. דעריבער מאַכט זיך (און גאַנץ אָפט), אז זי רעכנט זיך מיט אים אָפּ, געוויינלעך, אז קיינער זעט נישט. חנה־פּערל איז נישט אזא. זי האָט פיינט סקאַנדאַלן...

איצט איז שוין קיין חידוש נישט, וואָס יחיאל האָט זיך אזוי דערשראָקן, אז מע האָט אים א נעם געטאָן אויפן צימבל, ער זאָל דערציילן דעם גאַנצן אמת, וואָס ער ווייסט פונעם יידישן טעאטער. יחיאל האָט זיך אויסגעהוסט, צעקעמט די פּאַטלע און אוועקגעשטעלט זיך רעדן.

יחיאל, אז ער וויל רעדן, קאָן ער. דער רוח האָט אים נישט גענומען. נאָר איצטיקס מאָל איז אים נישט געגאַנגען. אפשר דערפֿאַר, וואָס חנה־פערל איז געשטאַנען בײַ דער זײַט? ער האָט געפּלאָנטעט מיט דער צונג: „פּראָבן מיט רעפּעטיציעס, רעפּעטיציעס מיט פּראָבן, אָרקעסטראָווקעס מיט פּאַרטיטורעס, פּאַרטיטורעס מיט אָרקעסטראָווקעס — און ווײַטער האָט ער זיך מיט קיינעם קיינמאָל נישט אָנגעקערט, אחוץ נאָטן, רעפּעטיציעס, אָרקעסטראָווקעס, אָרקעסטראָווקעס, רעפּעטיציעס, נאָטן. און מאָמער זאָגן אויף אים זײַנע חברים די קלעזמער, אז ער איז געווען א נאָענטער מחותן מיט דער פּרימאַדאָנע, זאָל מען זיי אָנשפּײַען א פולן פּנים, ס'איז שקר־וכזב, כזב ושקר, קיין וואָר וואָרט, גאָלע ליגן, נישט געשטויגן, נישט געפלויגן"...

— כאַראַשאָ, — האָט מען אים איבערגעריסן אינמיטן — אָטשען כאַראַשאָ! וועגן זײַן מחותנגעשאַפט מיט דער פּרימאַדאָנע וועט מען מיט אים נאָכדעם שמועסן. ס'איז דאָ צײַט. אפשר וואָלט ער געווען אזוי פרײַנדלעך און דערציילן, וואָס ווייסט ער פון דעם פּאָרל, וואָס זענען, ווי מע רעכנט, היינטיקע נאַכט אנטלאָפן געוואָרן מיט די אקטיאָרן פון יידישן טעאַטער?

דערויף האָט יחיאל דער קלעזמער געענטפערט און געשווירן, אז מע מעג גלייבן א משומד, אז ער ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן. „קיין זאַך נישט?" — קיין זאַך נישט. „לחלוטין נישט?" — לחלוטין נישט... „אפילו אויף אָט אזוי־פיל?" — אפילו אויף אָט אזוי־פיל. „אפשר ליגסטו?" — זאָל איך אײַננעמען א מיתה משונה! זאָל פון מיר ווערן א בארג! זאָל מיר ארויסשפּרינגען א... „שא גענוג! גענוג"...

יחיאל דער קלעזמער האָט געמיינט, אז ער איז שוין פּטור. צום סוף האָט מען געהייסן אים אַרײַנפירן אין א באַזונדער חדר, פאַרשליסן אײַנעם אליין און בעטן, ער זאָל דאָרטן זיצן, ביז מע וועט אים רופן נאָכאַמאָל, אַז מע וועט אים דאַרפן. און דערווײַל האָט מען זיך גענומען א נעם צו נעכע בעל־אכסניאַטע מיט אירע צוויי שוועסטערלעך, און דאָ איז ארויס א מוראדיקער סקאַנדאַל.

ווי אונדזערע לעזער געדענקען נאָך גאָר אין אָנהייב פון אונדזער ראָמאַן, איז נעכע, לויט שלום־מאיר מוראַוועשיקס אטעסטאַציע, „א באַלעבאָסטע א מזוזהלע"... עס איז שווער צו זאָגן, פאַרוואָס נעכע איז געווען אזוי אויפגעטראָגן, אז מע האָט זי א נעם געטאָן אויפן „דאָפּראָס"? צי ווײַל זי איז נעבעך אזא ריינע כשרע נשמה, וואָס קאָן נישט דערלאָזן, ס'זאָל אויף איר פאַלן, חלילה וחס, א שפּרענקעלע? צי איבער אן אנדער זאַך? — נאָר, אז מע האָט זי א פרעג געטאָן, וואָס ווייסט זי פון דעם אנטלאָפענעם פּאָרל, האָט זיך אויפגעעפנט בײַ איר א קוואַל פון קללות און זי האָט אויפגעהויבן אזא געוואַלד, אז ס'איז אוממעגלעך געווען זי אײַנצושטילן. פעד און שוועבל האָט זי געגאָסן אויף אירע שונאים, וואָס פאַרגינען איר נישט דאָס שטיקל ברויט, און אויף אַלע די, וואָס ווילן אין איר זעו

שלעכטס! „דאָס מויל זאָל זיך זיי, רבונו של עולם, שטעלן אויף א זייט! די צונג זאָל אָפּפאַלן! די אויגן זאָלן זיי ארויס! העגט און פיס זאָל זיי אָפּנעמען! אויף קוליעס זאָלן זיי גיין! טאַטע־מאַמע זאָלן זיי פארלירן! צו קבר־ישראל זאָלן זיי נישט קומען! איבער די הייזער זאָלן זיי זיך שלעפּן מיט קינדס־קינדער אויף דור־דורות, טאַטעניו, זיסער פאָטער, ליבער, הארציקער, געטרייער!"...

## קאַפּיטל איין און פערציק

# ווי בוימל אויפן וואַסער

נעבעם קללות האָבן אָבער נעבען גאָרנישט געהאָלפן. מע האָט איר געגעבן צו וויסן מיטן הארבן וואָרט אייגמאָל פאר אלעמאָל: וועט זי זאָגן, וואָס זי ווייסט, איז גוט. אלא נישט — וועט זי גיין אהין, ווו דער קלעזמער זיצט... האָט זיך נעבע דערשראָקן און האָט דערציילט, ווי ווייט זי האָט געקאָנט — אויף רוסיש, דאָס איבעריקע אויף יידיש, א גאנצע געשיכטע:

„זי אליין, נעבע הייסט עס, איז סך־הכל א יידענע אן אלמנה און האלט אן אכסניא. כאַ־כאַ, משטיינס געזאָגט, אויך מיר אן אכסניא! א סטאַראָלע, א שטאַל, א נעבטיקער טאָג. זי וואָלט שוין לאנג צוגעמאכט די דאָזיקע אכסניא, נאָר וואָס זאָל זי טאָן, אז איר מאַן, עליו השלום, האָט איר איבערגעלאָזט א באָמבע"...

נאטשאלסטווע האָט זיך ווי דערשראָקן:

— וואָסער באָמבע?

„זי מיינט — אַ דירה מיינט זי, אַ שטוב — אַ חורבה, וואָס קיינער וויל זי נישט קויפן, סיידן אפשר אומזיסט. יעדער, ווער עס קומט אָנקוקן די דירה, טענהט ער, אז די דירה וואָלט געווען נישקשה פון א דירה, ווען די דירה זאָל כאָטש שטיין אין מארק. זאָל איך נעמען, הייסט עס, די דירה אויפן קאָפּ און איבערטראָגן אין מארק אריין די דירה?"...

— ניין, נישט דאָס, די דירה לאָז איבער אויף אן אנדערש מאָל. דו דערצייל אונדז, טייערע, וואָס ווייסטו פון די יידישע אקטיאָרן, וואָס האָבן געהאלטן ביי דיר סטאַנציע?

נעבע האָט זיך נישט געפונען שטארק באליידיקט, וואָס מע האָט איר אי־בערגעריסן סאַמע אין אָנהייב, און האָט גענומען דערציילן פון די אקטיאָרן.

„היינטיקע שבתצונאכטס, זי האָט נאָר וואָס אָפּגעזאָגט „גאָט פון אברהם" און גענומען שטעלן דעם סאַמאָוואר פאר די שלימזלס וועגן, טאקע פאר די אק־טיאָרן. הייסט עס, קומט צו צו איר די „פארשלעפּטע קרענק", אָט איענער, וואָס מע רופט אים שלום־מאיר, און מאכט צו איר, צו נעבען הייסט עס: „וואָס ווילט

איר פאר אייער אלטן קעצענעם בורנעם און פאר אייער ווינטערדיקער שאל? קוקט זי אים אָן ווי א משוגענעם: „שלימזל, זאָגט זי, וואָס דארפט איר א ווייבערשע שאל מיט א קעצענעם בורנעם אויף זומער?“ מאכט ער צו איר: „וואָס איז אייער באָבעם דאגה? אז מע פרעגט, מסתמא דארף מען“. וואָס טויג אייך, ער איז צוגעשטאנען צו איר ווי א קלעק — וואָס ס'האָט זיך איר געחלומט יענע נאכט און היינטיקע נאכט — צו אירע שונאימס קעפ! און זי גייט און טראָגט אים ארויס איר אלטן קעצענעם בורנעם מיט דער ווינטערדיקער שאל. זאָגט ער צו איר: „וואָס וויל זי פאר די שמאטעס?“ מאכט זי צו אים: „ממה נפשך, ווייבאלד שמאטעס, היינט צו וואָס קויפט איר זיי?“ זאָגט ער: „וואָס איז אייער באָבעם דאגה?“ גייט זי מסתמא און זאָגט אים א פרייז, ווערט ער אין כעס: „איר זענט משוגע צי חסר־דעה?“ זאָגט זי צו אים: „ווערט איר משוגע און מעטייר פאר אלע יידן!“ הייבט מען זיך אָן דינגען און קריגן זיך. ער איר — „אלטע שמאטעס“, זי אים — „קויפט מען נישט“. ער איר — „מזוזהלע“, זי אים — „פארשלעפטע קרענק“. אזוי לאנג, אזוי ברייט, מע האָט זיך פארן מקח אויסגעגלייכט און ארויס מיט געלט. אָפּגענומען דאָס געלט, טראכט זי זיך: „רבונו־של־עולם! אויף וואָס קאָן אָט דער מענטש באדארפן אן אלטן ווייבערשן בורנעם מיט א ווינטערדיקער שאל? און פלוצים, גאָר אין מיטן דרינען, סאמע פארן אָוועקפאָרן?“ און זי האָט גענומען מסתמא נאָכקוקן, וואָס וועט דאָ זיין. דערווייל זענען די איבעריקע שלימזלען אויך געקומען פון טעאטער, אָפּגעטרונקען טיי און גענומען צעזאָלן זיך מיט איר פאר דער סטאנציע, אזויפיל מכות זיי, וויפל האלבע קערבלעך זיי האָבן איר אָפּגעריסן, און זענען אוועק צו הענגען אין קעלער אריין טרינקען וויין“.

„וואָס עפּעס פלוצים, אין מיטן דרינען, פארן אוועקפאָרן וויין? זאָל זי אזוי ויסן א בייזע וועטשערע. ס'איז איר עסק? לאָזן זיי טרינקען געזונטערהייט. ס'איז גישט פאר איר געלט. זי איז פארנומען גאָר מיט אן אנדער זאך: איר ברעכט דער קאָפּ אויפן בורנעם מיט דער שאל — צו וואָס האָט דער שלימזל געקויפט ביי איר פלוצים אום זומער א ווינטערדיקע שאל מיט א ווארעמען בורנעם און נאָך א ווייבערשן דערצו? נאָך שענער. וואָלט ער כאָטש נעמען דעם שאל מיטן בורנעם און איינגעפאקעוועט מיט די איבעריקע זאכן אין וועג אריין, וואָלט זי גערעכנט, ווייסט אים דער רוח, אפשר וויל ער ברענגען עמעצן א מתנה פון האָלענעשטי? ווייבאלד אזוי, טוט איר שוין באנג, וואָס זי האָט גענומען אזוי וואָלוול, א מכה אים! צום סוף, וואָס לאָזט זיך אויס? נעמט ער דעם שאל מיטן בורנעם און מאַכט צו איר: „לאָזן זיי הענגען דאָ ביי אייך אויף דער וואַנט ביז דער לעצטער מינוט“. איר הערט ווערטער? ערשט ווייס איך ווען, ארום האלבער נאכט, קומט ער צו גיין, דער שלימזל, נעמט דעם שאל מיטן בורנעם און לאָזט זיך גיין. פרעגט זי אים: „ווּהין איז?“ זאָגט ער: „וואָס איז אייער באָבעם דאגה?“ זאָגט

זי: „מיטן קאָפּ אין דער ערד!“ און ווײל זיך לייגן שלאָפן, קאָן זי נישט. ווי קאָן זי זיך לייגן שלאָפן, אז די שלימזלען זענען ערגעץ אין אלדי שווארצע יאָר ביי הענעכן אין קעלער, און דארפן נאָך קומען זיך געזעגענען. אורחים, אָפּגעשטאנענע אזא צייט... ווי פּאָרט מען דאָס אוועק אָן א זיי־געזונט? כּר־הוה, עס איז שוין געווען העט־העט נאָך האַלבער נאַכט, זי טוט אַ קוק — אַהאַ! איין בויד, די אַנדערע, די דריטע, ווער איז? טאַקע זיי, די שלימזלען. די גאַנצע קאָמפּאַניע! מע פּאָרט, הייסט עס. „זייט־געזונט“. — „פּאָרט געזונט“. זי קוקט זיך איין אין דער דריטער בויד, סאמע הינטן, ביי שמעון־דוד דעם באַלעגאָלע, אינעווייניק אויבנאָן, זיצט די אבעזיאנע, דער דירעקטאָר זייערער, און הארט נעבן אים — עפּעס איינע א נקבה, איינגעהילט אין איר אלטן קעצענעם בורנעס מיט איר ווינטערדיקער שאַל. קיין פּנים זעט מען נישט. נאָר אויגן... קענטלעכע אויגן! רבונו של־עולם! ווער זאָל דאָס זיין? זייערע אלע נקבות קען זי אין די פּנימער. פּאַציאָרן, מיאוסקייטן, טפֿו! איינע ערגער פֿון דער אנדערער. און די דאָזיקע ווייזט אויס א שיינעניקע. דאָס הייסט, קיין פּנים זעט מען נישט, נאָר אויגן — שוואַרצע ציגיינערישע אייגעלעך, קענטלעכע, קענטלעכע אייגעלעך. ווער זאָל דאָס זיין?... וואָלטן די שלימזלען כאָטש אָפּגעשטעלט זיך אויף א מינוטקעלע, וואָלט זי שוין דערגאנגען, ווער דאָס איז. עס האָט אָבער נישט געדויערט קיין רגע אפילו. אָט זענען זיי צוגעפאָרן. אָט האָבן זיי אָפּגעזאָגט דעם זיי־געזונט. און אָט זענען זיי שוין נישטאָ. א גאנצע נאכט האָט זי זיך געקאטשעט פֿון איין זייט אויף דער אנדערער, נישט געקאָנט שלאָפן: „געוואלד! געוואלד! ווער איז דאָס מיידל מיט די קענטלעכע ציגיינערישע אייגעלעך?“ ערשט אין דער פֿרי, אז זי האָט דערהערט די מעשה, וואָס אין שטאָט טוט זיך, האָט זי זיך אָנגעכאפּט ביים קאָפּ, צוגערופֿן אירע ביידע שוועסטערלעך: „גיט מיר קייען שטרוי און רופֿט מיך טעלעצע!“...

„הכּלל, הימל און ערד האָבן, אַפּנים, געשוווירן, אַז קיין פֿאַרבאָרגענע זאַך זאָל נישט זיין, און דער אמת מוז ארויף ווי בוימל אויפֿן וואסער. גאָט זאָל איר אזוי געבן הצלחה, זי האָט געוווּסט פֿריער, אז ס'וועט אזוי זיין. וואָרעם פֿאַרוואָס האָט זיך עס נישט געטראָפֿן מיט אירע שוועסטערלעך? פֿלעגן דען אירע שוועסטערלעך נישט גיין אלע נאכט אין טעאטער אריין? פֿאַרוואָס האָבן אירע שוועסטערלעך נישט געמאַכט קיין אייגעלעך צו די שלימזלען, אזוי ווי דער חזנטס טעכטערל?“...

— ווער אנטשטומט, הולטייקע!!! — האָט זיך פּלוצעם געלאָזט הערן א ווילד געשריי, און ווי א ווילדע צערייצטע חיה האָט זיך לאה די חזנטע א לאָז געטאָן צו נעכע דער בעל־אכסניאטע. די אָרעמע מוטער איז גרייט געווען דורס צו זיין אָט די דאָזיקע יידענע פֿאַר אירע לעצטע עטלעכע ווערטער... א גליק, וואָס מע האָט באצייטנס צענומען די דאָזיקע צוויי ווייבער, אנישט וואָלט געקאָנט זיין א מיאוסע קאטאסטראָפֿע.

## קאַפּיטל צוויי און פערציק

# די עקספּעדיציע נאָך די אַנטלאָפענע

פון די אַלע עדות מיטן חוקר ודורש זיין איז נאָר איין זאַך פעסטגעשטעלט געוואָרן, און אַ פּראָטאָקאָל איז אונטערגעשריבן געוואָרן — אַז „דער זון פון בעני ראַפּאַלאָוויטש, לייב, פערצן יאָר אַלט, און די טאָכטער פונעם חזן, רייזל ספּיוואַק, פופצן יאָר אַלט, זענען שבתצונאַכטס אקעגן זונטיק אַנטלאָפן מיט אַ קאָמפּאַניע יידישע אַקטיאָרן צו דער גרענעץ קיין רומעניע, און אַז דער אויבן דערמאָנטער זון פון בעני ראַפּאַלאָוויטש, לייב, האָט פאַרנומען ביי זיין אויבן דערמאָנטן פאָטער בעני ראַפּאַלאָוויטש פון דער קאַסע אַ סומע פון אַזויפיל און אַזויפיל"...

וויבאַלד אַזוי, דאַרף מען זיי אויף דער הייסער שעה נאָכלויפן, נאָכיאָגן, טאָמער וועט מען זיי נאָך כאַפּן.

און ס'איז געבליבן, אַז מע זאָל ארויסשיקן נאָך זיי מענטשן, און וואָס פריער — און מע האָט טאַקע אַזוי געטאָן.

די דאָזיקע עקספּעדיציע איז באַשטאַנען פון צוויי פּאַרשוין: איינער — ראַפּאַלאָוויטשעס קאַסיר, ששון־ושמחה, און דער אַנדערער — טאַקע ראַפּאַלאָוויטשעס אַ זון, אַנשל.

אַנשל איז אַ טשעקאַווע בחור פון אַ יאָר צוויי און צוואַנציק. אַן אויסגעהאָדעוועטער, אַ ווייסער, אַ גלאַטער, מיט רויטע וויינשל־ליפּן, מיט אַ שיין קייַלעכיק ארומגעשווירן בערדל און מיט שוואַרצע גלאַנצנדיקע געקרייזלטע האָר.

מע קאָן נישט זאָגן, אַז אַנשל זאָל האָבן אַזאַ שלעכטן קאָפּ, נאָר ער האָט נישט געוואָלט נישט לערנען, נישט שרייבן, כאָטש שניידט אים, כאָטש בראָקט אים.

— איוואַן! וואָס וועט זיין פון דיר? — האָט זיך מיט אים דער פאָטער אויסגעמטענהט. — אַ הינטשלעגער? צי אַ בערנטרייבער? זאָלסט כאָטש קאָנען זאָגן קדיש נאָך דיין טאַטע־מאַמע. אנו, פאַר מיר נאָך. נו, פּאַשאָל: יתגדל ויתקדש...

דאָ האָט זיך שוין די קליינטשקע ביילקע נישט געקאָנט איינהאַלטן מער און האָט זיך געמוזט אריינמישן:

— משוגע מיינע שונאים! וואָס פאַר אַ קדיש אין מיטן דרינען? מיר לעבן נאָך, דאַכט זיך?...

— אַ נאַר דו ביסט! — האָט איר אָפּגעענטפערט בעני, — דעמלט מעגסטו שוין שטאַרבן, ווען דער בורדיוק וועט קאָנען קדיש זאָגן.

דער היוצא לנו מזה איז געווען, אַז בעני האָט אים אָפּגענומען פון חדר.

— לערנען ווילסטו נישט, קדיש זאָגן קאָנסטו נישט, קאָן כאָטש פּאַשען חזירים.

דאָס האָט געהייסן, אַז ער וויל אים מאַכן פאַר א באַלעבאָס. און אנשל האָט זיך געשניטן אויף א באַלעבאָס. געקאָנט גוט פאָרן ריטנדיק, אויסגעלערנט זיך וואַלעכיש רעדן ווי אַן אמתער מאָלדאַוואַן, געזאָגט מבינות אויף פּאַפּעשויעס און מיטן קוק געכאַפּט יעדן בוים, וויפל ער קאָן געבן מאַטעריאַלן און וויפל ברעג־האָלץ. מיט איינעם וואָרט — אנשל האָט אַרויסבאַוויזן אַלע סימנים פון א באַ־לעבאָס א סוחר.

אָט דאָ נישט לאַנג האָט בעני מיט אים א שידוך געטאָן, צוגעזאָגט נדן און געגעבן אים א כּלה, א גרינע, נישט קיין שיינע, זייער נישט קיין שיינע, נאָר פון א געהויבענער משפּחה פון בעלץ. דער חתן, אנשל, אַז ער האָט דערזען די כּלה, איז אים געוואָרן צען לעבער אין האַרצן. נאָר זאָגן דעם פאָטער — האָט ער מורא געהאַט. בענין האָט זיך זייער געוואָלט איינקויפן אין יחוס, און אַז בעני וויל עפּעס א זאַך — ווער וועט אים זאָגן ניין?

מיט א געבראָכן געמיט איז אנשל געקומען אַהיים פון בעלץ. ער האָט זיך אָבער גיך באַרויִקט, געפונען א טרייסט אין דער אם, וואָס ביי זיי אין שטוב, א געזונט שטיק און א שיינע... אמת, די אם האָט שטאַרק פּראָטעסטירט, גע־שוווירן זיך, אַז זי וועט אים מאַכן דעם גרעסטן סקאַנדאַל איבער דער גאַנצער שטאָט. נאָר וואָס הערט א נגידם א זון די שטאָט? ובפרט נאָך אַזא בחור ווי אנשל, וואָס איז כמעט נישטאָ איין מיידל אין שטאָט, וואָס זאָל נישט האָבן אים געפּאַטשט. בעני זאָל וויסן דערפון, וואָלט זיך געטאָן חושך. נאָר ווער וועט אים גיין דערציילן אַזעלכע מעשיות? מאַכט זיך עפּעס א סקאַנדאַל, פאַרשטיקט ער אים באַצייטנס, אַזוי אַז צום פאָטער זאָל עס נישט אָנקומען.

נאָר איין מענטש איז פאַראַן ביי די ראַפּאַלאָוויטשעס אין שטוב, וואָס ווייסט פון אַלע שלעק און פון אַלע אומגליקן און שווייגט, טראָגט דעם ווייטיק אין זיך. דאָס איז די מוטער נעבעך, די קליינינקע, די שטילינקע, די שוואַכינקע ביילקע.

די קליינינקע ביילקע טראָגט אויף אירע שוואַכע פּלייצעס דעם גאַנצן גלות פון דער דאָזיקער שטוב. עס ברענט איר דאָס פּנים פאַר איר אנשלען. זי באַ־גראָבט זיך אין דער ערד, נאָר וואָס קאָן זי טאָן? בעט זי גאָט פאַר איר קינד, גאָט זאָל אים צושיקן עפּעס א רעכטן זיווג, ער זאָל חתונה האָבן. וואָרעם צו פופצן־זעכצן יאָר האָט זיך אים שוין אָנגעהויבן שיטן א בערדל. און פון אכצן יאָר אָן איז צרות מיט צרות...

אָט אַזא מין בחור איז בעני ראַפּאַלאָוויטשעס זון אנשל, וועלכן דער פאָ־טער האָט אַרויסגעשיקט נאָכיאָגן זיך, כאַפּן און ברענגען דעם אַנטלאָפענעם זון. ער האָט אים מיטגעגעבן דעם קאַסיר מיט א היפּשע מטבע געלט און אָנגעזאָגט:

— היידא! פאָרט און ברענגט אים צו פירן, דעם פּידסווינִיק!...

און דעם קאסיר האָט בעני עקסטרע אָנגעזאָגט, ער זאָל נישט ושאַלעווען קיין „שערבלער" (קערבלער) און געבן וויפל מע דאַרף, און אַז מע וועט דאַרפן נאָך, זאָל ער שרייבן, וועט מען שיקן נאָך...

און פאַפירן האָט ער זיי מיטגעגעבן, „געחתמעטע דאָקומענטן", וואָס מע קאָן דורך זיי דעם אַנטלאָפענעם, אויב מע דאַרף, ברענגען צו פירן אַ געקאָוועטן אין קייטן.

— נאָר בעסער איז מיט גוטן, — האָט בעני אָנגעזאָגט אַנשלען עטלעכע מאָל. און אַז די עקספּעדיציע איז געווען גאָר אינגאַנצן פאַרטיק, דאָס הייסט, אַז אַנשל מיט דעם קאַסיר זענען שוין געזעסן אויף דער נאַטעטשאַנקע און די פערד האָבן גערירט פונעם אָרט, האָט זיי בעני נאָכגעשריגן:

— געדענקט זשע, מיט גוטן, מיט גוטן!...

### קאַפּיטל דריי און פערציק

## די עקספּעדיציע אַרבעט אויף אַלע כלים

אַנשל ראַפּאַלאָוויטש מיטן קאַסיר ששון־ושמחה, אַז זיי זענען געקומען קיין יאַסי, ביז זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט, האָבן זיי שוין דאָרט פון דער קאָמפּאַניע אַקטיאָרן קיינעם נישט געטראָפן. געזאָגט האָט מען זיי, אַז דאָ האָבן זיך יאָ אַרומגעבלאָנקעט עפּעס עטלעכע יונגעלייט מיט אויסגעדרייטע שטיוול און מיט געגאָלטע פּנימער, די משמעות — יידישע אַקטיאָרן; נאָר ווו זענען זיי אַהינגעקומען — ווייסט מען נישט. דערפון האָט די עקספּעדיציע אַרויסגעזען, אַז מע דאַרף פאָרן ווייטער. און מע האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און מע האָט זיך גענומען פאָרן ווייטער און ווייטער, ביז מען איז געקומען קיין בוקאַרעשט.

געקומען צו פאָרן קיין בוקאַרעשט, האָט אַנשל געדרונגען דעם קאַסיר און געגעבן צו פאַרשטיין מיט אַ שׂכל, אַז מע דאַרף זיך אָפּשטעלן אין אַן אָנשטענדיקן האָטעל.

— ממה נפשך, — האָט ער געזאָגט, — עס קאָסט אַזויפיל געלט, וועט קאָסטן נאָך. ובפרט, אַז דער טאַטע האָט אָנגעזאָגט אפשר הונדערט מאָל, „מע זאָל נישט ושאַלעווען קיין געלט, און אַז מע וועט דאַרפן נאָך, וועט ער שיקן נאָך".

אויסער דעם דאַרף מען וויסן, אַז ביי אַנשלען איז דאָס געווען דער ערשטער אַרויספאָר פון דער היים און דער ערשטער אַריינפאָר אין אַזאַ גרויסע שטאָט, ווי בוקאַרעשט. אַך, אַנשל האָט שוין לאַנג געפילט אַ מאָדנע בענקעניש נאָך דער גרויסער פרייער וועלט און געחלומט פון אַ שיינער גרויסער שטאָט. נאָר פון זינט ער איז אַ חתן געוואָרן פאַר אָט דעם גרינעם מיידל, די מיוחסת פון בעלץ, האָט

ער זיך דאָס וואָרט געגעבן, אז נאָך דער חתונה, ער וועט ווערן א ביסל פרייער, וועט ער זיך אראָפּכאַפּן אמאָל איגעם שיינעם בוקארעשט, אָנקוקן א וועלט און געבן א לעב אונטער, אזוי ווי גאָט האָט געבאָטן...

איצטער, אז עס האָט זיך אזוי געמאכט, אז ער איז אין דעם שיינעם בו-קארעשט נאָך פאר דער חתונה, און געלט איז דאָ, און פריי איז מען אויך, איז דאָך דאָס מאקע, ווי מע זאָגט, א כשרער טאָפּ מיט א כשרן לעפל.

איין שטיקל שעטנז איז דאָ יאָ פאראן: דער קאסיר. איז, ערשטנס, ווער הערט אים? און צווייטנס, איז דאָך ששון-ושמחה אויך נישט מער ווי א בשר ודם, און א בחור, און נאָך א „מענטש" דערצו. אז דעם באלעבאָס זון איז ניחא, איז אים ליב...

אָפּגעשטעלט האָבן זיי זיך אויף איינע פון די שענסטע גאסן אין בוקארעשט מיטן נאָמען „סטראדא פּאָדעמאָגאשאָי", איגעם בארימטן האָטעל „דאטשיאָ".

בארימט איז דער האָטעל דערמיט, וואָס דאָרט האָט בעת דער רוסיש-טער-קישער קריג געוווינט, זאָגט מען, דער בארימטער „אָסמאן פּאשא". און ווידער איז דער האָטעל בארימט מיט זיין בארימטן קאפעשאנטאן-וואריעטע „פּאראדי-זאָ", וואָס דאָרט זינגט די בארימטע רומענישע זינגערין מארינעסקאָ-מילאנעס-קאָ אירע בארימטע רוסישע לידער: „דווט וויעטרי בוינע" און „יאָ כאטשו וואם ראסקאזאט, ראסקאזאט"...

שטיין אין אזא האָטעל, ווו עס געפינט זיך אזא בארימטער קאפעשאנטאן-וואריעטע מיטן נאָמען „פּאראדיזאָ", איז דען נישט א גן-עדן?... אמת, ווו א גן-עדן, דאָרט בייסט זיך, קאָסט געלט. און דער קאסיר ששון-ושמחה, אז ער האָט דערהערט, וואָס מע הייסט זיך געבן פאר א צימער, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ. האָט אים אָבער אנשל בארואיקט:

— נארעלע, אז מע פאָרט מיט אזא געשעפט, קאָן מען נישט לעבן ווי חזי-רים...

האָט זיך דער קאסיר מיישב געווען: „אז דעם באלעבאָס זון איז ליב, איז אים ניחא. ער איז דאָך נישט מער ווי א „מענטש". און חברה האָבן געגעבן א לעב, טאקע ווי גאָט אין אָדעם. באטראכט די צוויי יונגע „רוסן", ווי זיי בייטן א הונדערטער נאָך א הונדערטער, האָט מען געקוקט אויף זיי אין האָטעל ווי אויף צוויי יונגע מאגנאטן, וואָס האָבן נאָר וואָס אָפּגענומען א שיינע ירושה, און זע-נען געקומען אהער לעבן א גוטן טאָג. האָט מען זיי די ערשטע וואָך מכבד גע-ווען מיט אזא חשבון, אז דער קאסיר ששון-ושמחה האָט שיר באקומען די אפּאָפּ-לעקסיע. האָט אים אָבער אנשל ווידעראמאָל בארואיקט מיט ווערטער:

— שוטה בן פּיקהאָלץ! — האָט ער אים געזאָגט, — ווער רעדט הייגט פון געלט? דאָ גייט נישט אין קיין געלט, דאָ גייט אינעם נפש. הלוואי וואָלט אונדז נאָר געראָטן, מיר זאָלן געפינען דעם, וואָס מיר זוכן...

און זיי האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט גאַנץ געשמאַק: געדונגען אַן עקיפּאַזש אויף דער שעה. אויסגעפאָרן אַלע גאַסן, אַלע גערטנער, מוזעומס, גאַלעריעס, טעאַטערס, צירקן, קאַפעשאַנטאַנען־וואַריעטעס און קאַבאַרעס. אַנשל איז געגאַנגען מיט דעם גאַנג, אַז אַרטיסטן מוזן זיך געפינען נאָר אין אַזעלכע ערטער. „קאַפעשאַנטאַן מיט טעאַטער זענען ווי אַ שוועסטער מיט אַ ברודער“. אַנשל איז געווען נישט אַזוי אַלט, ווי געניט, און ששון־ושמחה האָט זיך גאָרנישט געקאָנט פאַרחידושן, ווי זיין יונגער פּרינציפּאַל, קיין עין־הרע, ווייסט אַלצדינג, „ווי אַן אַלטער“, און אומעטום, וווהין ער זאָל נישט קומען, איז ער היימיש, ווי ביי זיך אין דער היים אין האָלענעשטי...

מער פון די אַלע מקומות איז אַנדזער אַנשלען געפעלן צו פאַרברענגען אינעם קאַפעשאַנטאַן „פּאַראַדיזאָ“. אַנשל האָט געזאָגט צום קאַסיר:

— זאָל מיין נאָמען נישט הייסן אַנשל, אויב מיר וועלן זיי נישט פּאַקן אָט אַ דאָ, אין דעם דאָזיקן אָרט... לאָמיר זיך נאָר אוועקזעצן אָט דאָרט אין אַ ווינקעלע ביי אָט איינעם טישל. דאָרט איז אויסגעצייכנט. פון דאָרטן קאָן מען זען אַלצדינג.

אַנשל איז געווען גערעכט: ד אָ ר ט א י ז א ו י ס ג ע צ י י כ נ ט, פון דאָרטן האָט מען געקאָנט זען א ל צ ד י נ ג: די מוזיק, און די סצענע, און די „אַרפּיאַנקעס“, וואָס גייען אָנגעטאָן אַלע אויף איין פאַסאָן: קורצע רויטע קליידלעך, אונטערגעבראַמט מיט גאָלדענע פראָנזן; הויכע שוואַרצע באָטקעלעך, פאַרשנירעוועט ביז אַרויף; קליינע רויטע היטעלעך, מיט גאָלד באַלייגט און אַלע אויף אַ זייט. אַנשל הייסט געבן עפּעס עסן און טרינקען. ביידע פאַרבייסן זיי גאַנץ געשמאַק. אויפן האַרצן איז אויפגעלייגט. יום־טובדיק. ליכטיק. לעבעדיק. מענטשן — אויף און אָפּ. אַלץ בלישטשעט. אַלץ פרייט זיך. און אַ געזאַנג טראָגט זיך איבערן גאַנצן זאַל און צעגיסט זיך איבער אַלע אבֿרים, אַ זיס געזאַנג ווי פון אַ סך — אַ סך פרויען־העלדזער. עס איז שווער צו דערקענען, אַז דאָס זינגען נישט קיין מענטשן, אַז דאָס שפּילן גאָר האַרפעס; אַז די זיסע קולות גייען נישט פון לעבעדיקע העלדזער, נאָר פון מעשענע סטרונעס, פון הילצערנע כלים, האַרפעס. אַנשל קוקט זיך איין אין די דאָזיקע כלים, אין די זינגענדיקע האַרפעס, און ער קלייבט נחת פון די אַרפּיאַנקעס, וואָס זיי אַרבעטן אויף זייערע כלים, ברימלען מיט די דינע פינגערלעך איבער די מעשענע סטרונעס, שאָקלען צו מיט די קעפּלעך און שמייכלען מיט די אייגלעך. צו וועמען שמייכלען זיי? שוין זשע צו אים, צו אַנשלען הייסט עס.

— טו נאָר אַ קוק, ווי זיי שמייכלען, זע נאָר, זע! — זאָגט אַנשל צום קאַסיר און טאָרעט אים ביים אַרבל.

דעם קאַסיר קריכט דאָס אָבער נישט אין קאָפּ אַריין. ששון־ושמחה, קוים וואָס ער זיצט. ער וואָלט בעסער אַ בעלן געווען איצטער כאַפּן אַ שלאָף, און ער

דולט אים נאָר א ספּאָדיק מיט ארפּיאנקעס... נאָר אָט באַווייזט זיך אויף דער סצענע די באַרימטע מארינעסקאָ־מילאַנעסקאָ, איינגעטונקען אין ברילִיאַנטן, און הייבט אָן זינגען: „יא כאַטשו וואם ראַסקאַזאַט, ראַסקאַזאַט"... און דער עולם, וואָס אין זאַל, כאַפּט אונטער: „קאַק מי סנים פּאָשלי גוליאַט, פּאָשלי גוליאַט"... און אין זאַל ווערט נאָך ליכטיקער, און דאָס פּובליקום ווערט נאָך פרייליכער. א חיות! א גן־עדן!

## קאַפּיטל פיר און פערציק

# זיי זענען שוין אויף א דרך

אָט אזוי האָט די עקספּעדיציע געטאָן איר זאַך געטריי, נאַכט און נאַכט, ביז עס האָט זיך געטראָפן א מעשה.

דאָס איז געווען אין א שיינעם אויפדערנאַכט אינעם קאַפעשאַנטאַן „פּאַראַדיזאָ". אונדזערע צוויי רייזנדער, אנשל ראַפּאַלאָוויטש און ששון־ושמחה דער קאַסיר, זענען זיך געזעסן ביי זייער טישל, געטרונקען „דולטשאַצאַ" — וואַסער מיט אזא מין איינגעמאַכטס — און געהערט מוזיק.

אנשל איז געווען איצטיקס מאָל זייער אויפגעלייגט און יום־טובדיק. און ששון־ושמחה איז, פאַרקערט, געווען, ווי אלעמאָל, שטאַרק פאַרזאָרגט. עס האָט אים פּשוט געריסן דאָס האַרץ, אויפן געלט, וואָס גייט אַוועק אומזיסט־אומנישט. ער ווייסט נישט צוליב וואָס, ער ווייסט נישט צוליב ווען. „מע זיצט אין בוקאַרעשט און מע זוכט דעם נעכטיקן טאָג, און קערבלעך פליען, אזוי ווי מיסט, — ווײַ־ווײַ, וואָס וועט זיין פון דעם?"...

ששון־ושמחה איז, ווי מיר ווייסן שוין, טאַקי נאָר ווי אויף צולהכעיס זיין ששון־ושמחהדיקן נאָמען, א מרה־שחורהדיקע בריאה. אלצדינג איז ביי אים פינצטער, טרויעריק און איינגעהילט אין א שוואַרצן שלייער. און דאָ „רימפּלט די מוזיק און דער עולם קוועלט, א גדולה אין באָד! מע פרעסט, מע זויפט, מע פלעכט קערבלעך. ביי זיי איז, אפּנים, געלט־שמעלט! — וואָס פעלט זיי? קאָפּוויטיק!"...

אָט אין אזעלכע מרה־שחורהדיקע געדאַנקען זיצט אונדזער מרה־שחורהדיקער קאַסיר און כאַפּט דערווייל א קוק מיט די פאַרשלאָפענע באַנקעוואַטע אויגן אויף דער סצענע, ווו עס באַווייזן זיך פריער די ארפּיאנקעס, דערנאָך אנדערע מינים שלעק, נקבות אַלערליי: נקבות אזעלכע, וואָס זענען מאָדנע אָנגעטאָן. און נקבות אזעלכע, וואָס זענען נאָר האלב אָנגעטאָן. און נקבות אזעלכע, וואָס זענען

„במעט גאָר נישט אָנגעטאָן“... און אויפן סוף, אשטייגער, ווי א מין קאָמפּאָט, דערשיינט די באַרימטע מאַרינעסקאָ=מילאַנעסקאָ. זי בלישטשעט מיט אירע אויגן און מיט אירע בריליאַנטן און זינגט: „יא כאַטשו וואַם ראַסקאַזאַט, ראַספּקאַזאַט“... ווערט נאָך לעבעדיקער אין זאַל, און אַנשל כאַפּט איר אונטער: „קאַק מי סניִם פּאַשלי גוליאַט, פּאַשלי גוליאַט“... קוקט זי אויף אַנשלען פון דער סצענע און ווינקט צו אים. ווערט אַנשל מלא שמחה און ווינקט צו איר צוריק. און תיכף, ווי נאָר זי האָט געענדיקט איר נומער, גייט זי פאַרביי זייער טישל, הייבט זיך אַנשל אויף. גייט זי צו. מאַכט ער איר אָן אָרט צווישן זיך און צווישן קאַסיר (דאָס ערשטע מאָל אַזוי נאָענט). עס לאָזט זיך הערן א שאַרשערײַ פון אירע זײַדענע קליידלעך און א ריח=ניחוח פון שאַרפע פּערפומען, וואָס דערגרייכן אַזש ביז ששון=ושמחהס שטענדיק פאַרלייגטע נאָז. און מחמת זי (די נאָז) איז צו אַזעלכע ריחות נישט געוווינט, קאָן זי זיך נישט איינהאַלטן און הייבט אָן צו ניסן. רופט זיך אָן אַנשל: „וואַקסן זאָלסטו“. ווייסט ששון=ושמחה נישט, וו ער זאָל זיך אהינטאָן מיט זיין נאָז, וואָס האָט זיך פלוצים אין מיטן דרינען צעניסט.

— דאָמנולו! — מאַכט דערוויל מאַרינעסקאָ=מילאַנעסקאָ און דערלאַנגט אַנשלען מיטן פעכער איבער דער האַנט און בלישטשעט מיט אַלע בריליאַנטן.

— אַזאַ „פאָרמאָזאַ דאָמנולו“, ווי דו ביסט, זאָלסטו טרינקען „ד ו ל ט ש א צ א“?

אויף אונדזער לשון וועט דאָס הייסן: „אַזאַ שיינער בחור, ווי דו ביסט, זאָלסטו טרינקען זיסע וואַסער?“

פרעגט זיך: וויאַזוי שטייט מען אויס אַזאַ נסיון? וויאַזוי זאָל אַנשלס הארץ נישט צעגאַנגען ווערן ווי שניי פון אַזאַ קאָמפּלימענט? און אַנשל רופט צו דעם קעלנער און קוקט אויף מאַרינעסקאָ=מילאַנעסקאָ, ווי איינער רעדט: „וואָס איז דיין באַגער, שיינע פרינצעסין?“... די שיינע פרינצעסין באַגערט שאַמפּאַניער=וויין. אַנשל הייסט דערלאַנגען שאַמפּאַניער=וויין און קוקט אויף איר, ווי איינער רעדט: „וואָס נאָך איז דיין באַגער, שיינע פרינצעסין?“ די שיינע פרינצעסין באַגערט פאַזאַנען געבראָטענע אויף צו פאַרבייסן. אַנשל הייסט דערלאַנגען פאַזאַנען און קוקט איר אין די אויגן אריין: „וואָס נאָך איז איר באַגער?“ איר באַגער איז ליקער, און זי הייסט שוין אַליין, מע זאָל ברענגען ליקער, פון דעם בעסטן, „שאַרטרעז“ אָדער „פעפערמען“. זאָגט איר נאָך אַנשל מיטן אייגענעם לשון: „שאַרטרעז“ און „פעפערמען“... און אַנאַנאַסן הייסט זי זיך דערלאַנגען. זאָגט דער קעלנער, אַז קיין אַנאַנאַסן איז נישטאָ, אויסגעגאַנגען. ווערט אַנשל אָנגעצונדן: „וואָס פאַר א תירוץ — אויסגעגאַנגען? אז מע זאָגט אַנאַנאַסן, איז אַנאַנאַסן — אַלאַ דראַקאָ!“... ציט אים ששון=ושמחה פאַרן אַרבל און קוקט אויף אים מיט די באַנקעוואַטע אויגן: „געוואַלד, עס וועט אָפּקאָסטן אַן אוצר!“... צעלאַכט זיך אַנשל: „בהמה! דו זעסט די בריליאַנטן, וואָס זי טראָגט? דו ווייסט, וויפל ווערט האָבן אָט די בריליאַנטן?“...

זיין. ששון־ושמחה ווייסט גישט, וויפל ווערט האָבן אָט די ברילּיאַנטן. ער ווייסט אָבער אַן אַנדער זאַך. ער ווייסט, אַז עס טאָגט שוין ביי זיי אין דער קאַסע... ער האָט שוין היינט אין דער פרי א זאָג געטאָן וועגן דעם אַנשלען. האָט זיך אַנשל צעשריגן אויף אים: „בהמה! וואָס זשע שווייגסטו? שרייב אוועק אהיים, אַז מע דאַרף נאָך, וועט מען שיקן נאָך"...

ששון־ושמחה איז אזא מענטש, אַז מע הייסט אים שרייבן, שרייבט ער.

— וואָס זשע זאָל איך שרייבן? — פרעגט ער זיך ביי אַנשלען.

— שרייב, אַז מיר זענען שוין אויף א דרך. מיר האָרעווען. מיר טוען אַלצ־דינג, מיר שלאָפן נישט קיין נעכט. מיר פאָרן אַרום אומעטום און מיר זוכן. און גוטע מענטשן העלפן אונדז. נאָר עס קאָסט געלט. מאַסן געלט! וואָרעם קיינער וויל נישט אומזיסט... על־כן זאָל מען אַרויסשיקן נאָך געלט. און למען השם וואָס גיכער. און זייט געזונט און לאָזט גריסן. און אַזוי ווייטער...

אוועקגעשיקט דעם דאָזיקן בריוו, האָט אַנשל זיך געפילט נאָך בעסער, ווי פריער. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן א באַרג פון קאָפּ. און דער מרה־שחורהדיקער קאַסיר, פאַרקערט, איז געוואָרן נאָך מער מרה־שחורהדיק: „ווײַ־ווײַ, וואָס וועט זיין דער תכלית"?... און אַנשל הייסט דערוויַיל געבן נאָך ווײַן. ער גיסט אָן אַלע דריי באָקאַלן, טרינקט צו מאַרינעסקאָ־מילאַנעסקאָן לחיים און זעט, אַז דער קאַ־סיר זאָל אויך טרינקען לחיים. „ס'איז נישט שיין זיצן ווי א ליימענער גולם"... אַנשל טוט אַלצדינג, ער זאָל אים צעשלאָגן די רעיונות. אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז דער מרה־שחורהדיקער קאַסיר ווערט פאָרט א ביסעלע לעבעדיקער. וואָס ווייטער הייבט אים אָן דער שטערן גלאַנצן. די גראָבע באַוואָקסענע ליפּ הייבט זיך אויף און עס באַווייזט זיך אויף איר כמו ווי א מין שמייכל. די פאַרשלאָפענע באַנקעוואַטע אויגן קלעפּן זיך אים און ער באַלעקט זיך. דאָס איז א סימן, אַז ער איז שוין גאָר בגילופין.

כמעט קאָן מען זאָגן, אַז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס ששון־ושמחה זאָל זיין אַזוי „ששון־ושמחהדיק". עס איז אויף זיי ביידן, אויף אַנשלען מיטן קאַ־סיר, מיטאַמאָל געקומען א פרייד, א נחת, א גדולה. עס איז זיי ביידן געוואָרן גוט, — און א סוף. פאַר גרויס גוטסקייט האָט זיך אַנשל אַזש אַרומגענומען מיט מאַרינעסקאָ־מילאַנעסקאָן, ווי מיט אַן אייגענער שוועסטער, און אויף ששון־ושמחהן איז אָנגעפאַלן א שמחה. ער האָט געהאַלטן דעם אָפּגעטרונקענעם באַ־קאַל אין די הענט און געקאַטשעט זיך אויף אַלע זייטן, שיר נישט דערשטיקט געוואָרן פאַר געלעכטער. און פּלוצים האָט ער אויפגעהערט צו לאַכן. די פאַר־שלאָפענע באַנקעוואַטע אויגן זענען אים געוואָרן מיטאַמאָל וואַכנדיק און זענען ווי צוגעזאָפּן צו דער טיר און פאַרגליווערט געוואָרן. און אַליין איז ער מיטן באַ־קאַל אין די הענט אויך געבליבן א פאַרגליווערטער.

וואָס איז די מעשה? — ער האָט אין דער מינוט דערזען ביי דער טיר נאָר וואָס אריינגעקומען צוויי פּארשוין. איינער א גרעסערער, דער אנדערער א קלענערער. עס האָט זיך אים אויסגעדאכט, אז די אריינגעקומענע קוקן אויף אים און אויף אנשלען און רוקן זיך צוריק צו דער טיר. נאָר ביז ששון־ושמחה האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אנשלען און א געשריי געטאָן: „ער איז דאָ, ווי איך בין א ייד!" — איז שוין פון יענע צוויי פּארשוינען נישט געבליבן קיין זכר אפילו.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אומזיסט האָט זיך ששון־ושמחה געלאָזט לויפן נאָך זיי, ווי א משוגענער, אין דרויסן ארויס. אומזיסט האָט ער זיך געשווירן מיט כל השבועות אין דער וועלט. ער זאָל אזוי דערלעבן זען ווער עמען אים איז ליב, ער זאָל זען ביי זיך אלדאָס גוטס, ווי ער האָט אליין מיט זיינע אייגענע אויגן געזען זייער לייבלען נאָר וואָס אָט אָ דאָ ביי דער טיר! אַנשל האָט אים נישט געגלייבט. אַנשל האָט געמענהט, אז ס'האָט זיך אים געחלומט א חלום. שולדיק אין דעם איז דער וויין. שאמפּאניער וויין. כא־כא!

## קאַפּיטל פינף און פערציק

# די פֿויגלען וואַרפן אַראָפּ די פעדערן

גיין. ששון־ושמחה האָט קיין טעות נישט געהאט: די צוויי פּארשוינען, וואָס זענען אריינגעקומען אין קאפעשאנטאן „פּאראדיזאָ" און צוריק ארויסגעלאָפן, זענען געווען טאקע די, וועלכע די עקספּעדיציע איז ארויסגעשיקט געוואָרן זיי אויפצוזוכן. דאָס איז געווען דער אַנטלאָפענער לייבל ראַפאַלאָוויטש און אינדזער אלטער גוטער באקאנטער האָצמאך (אָט אזוי וועלן מיר זיי רופן די גאנצע צייט, כל־זמן זיי האָבן נאָך לעת־עתה נישט געביטן זייערע נעמען).

די דאָזיקע צוויי העלדן אונדזערע האָבן די ערשטע צייט אויך מער נישט געטאָן, נאָר ארומגעגאנגען און באטראכט דאָס גרויסע שיינע בוקארעשט. זיי זענען דאָך אויך מער נישט ווי לעבעדיקע מענטשן, און בוקארעשט איז א שטאָט, וואָס ס'איז דאָ וואָס צו זען. ובפרט, פאר דעם, וואָס האָט אן ארטיסטישע נשמה מיט אן ארטיסטיש אויג און קלייבט זיך ווערן א דירעקטאָר פון א טעאטער, איז אין בוקארעשט פאראן וואָס צו לערנען, וואָס צו שטודירן.

— מע דארף שטודירן בינע, מיין טייער שפּילפויגל, — אזוי האָט געטענהט האָצמאך צו זיין יונגן פריינד. — מע דארף אויסקוקן וו ערגעץ א טעאטער און נעמען זיך צו א געשעפט, אליין עפענען א שטיקל טעאטער. ס'איז נישט קיין

פלאן, נשמה מיינע, לעבן פון גרייטן. ס'איז נישט קיין תכלית טרענצלען קערבלעך — מע דארף אין זינען האָבן עפּעס פּרנסה...

צו פּראָסט, צו פּראָזאיש פּראָסט האָבן געקלונגען האָצמאַכס ווערטער אונדזער ייִנגסטן העלד לייבלען. לייבלס נשמה האָט זיך אויך געריסן צו דער בינע, נאָר נישט צוליב פּרנסה. צוליב עטוואָס העכערס האָט דאָס אים געצויגן, וואָס ער אַליין האָט דאָס נאָך נישט רעכט פאַרשטאַנען. אים איז געווען טייער יעדער טאָג, יעדע מינוט. ער וואָלט שוין אַ בעלן געווען אַליין זיין אויף דער בינע, פאַרגרימירן זיך און שפּילן... שפּילן... שפּילן... נאָר אַז האָצמאַך זאָגט, אַז מע דאַרף די בינע שטודירן, ווייסט ער, וואָס ער זאָגט. און ביידע האָבן זיי זיך גענומען שטודירן די בינע פון אלף ביז תיו.

אָנגעהויבן האָבן זיי דווקא זייער פּראַקטיש: פון די אָרעמסטע געגנטן און קוואַרטאַלן, זיך צוגעקוקט צו די ביליקסטע קאַפעהייזער און באַלאַגאַנעס. נאָך דעם איז מען געגאַנגען אַלעמאָל העכער און העכער, אויסגעווען אַלע גרויסאַרטיקע טעאַטערס, ברעטלער, וואַריעטעס און קאַפעשאַנטאַנען. אין יעדן אָרט האָט האָצמאַך עפּעס געפונען, עפּעס גענאַשט, און פון יעדן באַזונדער עפּעס אָפּגעלערנט.

— נו, שפּילפייגעלע, קוק זיך צו, וויאַזוי מע שטעלט אויס ביי זיי אַ בינע! זעסט קאָסטיומען? זעסט קלײדער? זעסט שיכעלעך? זעסט זעקעלעך? אַ רוח אין געלטס טאַטן אַריין! נישט אומזיסט שטייט אין פּסוק: כסף וזהב זענען טייערע ממזרים.

— מטהר חזירים, — פאַרריכט אים לייבל.

— לאָז זיין אַזוי, — גיט אים נאָך האָצמאַך און טוט זיך אַ טאַפּ ביי דער זייט-קעשענע, — יאַק ריידעלע טאָ ריידעלע, אַבי דאָברע מיינעלע. גוט, וואָס מיר האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין אַזאַ שטאָט. עס וועט צונוצקומען. אָט וועסטו זען, וואָס פאַר אַ „חדר“ איך וועל, אם-ירצה-השם, צונויפשטעלן. גאָט און לייט וועלן מיך מקנא זיין. עס וועט אַ רוח אין שטשופּאַקס טאַטן אַריין!

גאַנץ אַנדערש האָט געלערנט דעם פּשט לייבל. יעדן אַרטיסט, וואָס ער האָט געזען אויף דער סצענע, האָט אים לייבל געגעסן מיט די אויגן, געשלונגען איטלעכס וואָרט און געפילט זיך, אַז ער איז אַליין אויך דאָרט אויף דער סצענע. עס האָט אים געטראָגן אין דער לופטן, געצויגן ווי מיט צוואַנגען, דאָס פּנים האָט אים געפלאַמט, די אויגן האָבן אים געברענט, אין האַלדז האָט אים געקיצלט, און ער האָט מער נישט געטאָן נאָר געזיפצט.

— וואָס איז דיר, ליובעניע? — פרעגט אים האָצמאַך. — האָסט נאָך אַלץ מורא, מע זאָל דיך נישט דערקענען? זאָל איך קרענקען, אויב עמעצער וועט איצט זאָגן אויף דיר, אַז דאָס ביסטו!

אַזוי האָט האָצמאַך געטרייסט זיין יונגן פריינד, און ער האָט געהאַט רעכט. עס איז שווער געווען לייבלען צו דערקענען. עס איז כמעט אוממעגלעך געווען

צו דערקענען זייביידן. אזוי ווייט האָבן זיך די צוויי פארענדערט. די פייגלען האָבן אראָפּגעוואָרפן פון זיך די אלטע פעדערן און האָבן זיך באנייט פון קאָפּ ביז פיס.

וויבאלד זיי זענען נאָר געקומען קיין בוקארעשט, אזוי האָט זיך האָצמאך באלד געלאָזט אָפּראזירן, אָפּגאָלן דאָס גאנצע פנים, איבערגעלאָזט נאָר צוויי קליינע, קליינע באקנקאָטלעטלעך, וואָס האָבן אים צוגעגעבן, לויט דער שפיגל האָט אים געזאָגט, זייער פיל חן. נאָך דעם איז ער אריין אין א גרויס געשעפט פון קליידער און האָט זיך אויסגעקליידט בגדי־מלבות נאָך דעם לעצטן זשורנאַל: זיך געקויפט א הויכן צילינדער, א שיין שטעקעלע מיט א גאלקע פון עלפנביין, לאַ־קירטע שיך מיט געלע הענטשקעלעך.

— הא? וואָס זאָגסטו איצט, מיין טייערער שפּילפויגל? וועט עמעצער זאָגן אויף מיר, אז דאָס איז האָצמאך?

— קיינער נישט אין דער וועלט! — האָט אים לייבל געזאָגט און געקליבן נחת פון זיין באנייטן פריינד.

לייבל האָט באמת אָנגעקוואָלן, וואָס האָצמאך האָט זיך אזוי איבערגעביטן. נישט ווייניקער האָט האָצמאך אָנגעקוואָלן פון לייבלען, אז ער האָט אים אויס־געטאָן דאָס האלענעשטער קאפּאָטקעלע מיטן האלענעשטער היטעלע און אריינ־געזעצט אים אין אַ קורין „וויימיקל" מיט אַ קליין קאַפּעליושל און געקויפט אים אויך א שטעקעלע און אויך געלע הענטשקעלעך.

— אזוי לאַנג קרענקט שטשופּאַק, אויב דו ביסט דו! — האָט אים האָצמאַך געזאָגט, באטראכטנדיק זיין יונגן פריינד פון פאָרנט און פון הינטן און פון אלע זייטן. — און אזא יאָר אויף מיר, וואָס פאר א שיינער „יאטל" דו ביסט. און נישט קיין „יאטל", נאָר א גאנצער „יאט", ווי איך בין א ייד!...

אוןביידע האָבן זיך יענעם טאָג געפילט אזוי גרינג, גלייך ווי זיי וואָלטן גאָרנישט געגאנגען אויף דער ערד, נאָר געטראָגן זיך אין דער לופטן.

## קאַפּיטל זעקס און פערציק

# האָלצמאַן — ראַפּאַלעסקאָ

איינמאָל, זיי זענען נאָך געלעגן אין די בעטן, געצויגן זיך און אויסגעגלייכט די ביינער, נישט געקוקט דערויף, וואָס ס'איז שוין געווען נישט פרי, ארום האלבן טאָג, רופט זיך אָן האָצמאך צו לייבלען:

— טאָמער וואָלט געווען גענוג, נשמה מיינע, צו וואלגערן זיך אָט א דאָ? מע דארף אויפשטיין עפּעס קייען; טרינקען א שמעקעדיק טערקיש גלעזל קאווע מיט פרישע ווארעמע בולקעלעך, א רוח אין געלטס טאטן אריין!

אוןביידע שטייען אויף, וואשן זיך איין, טוען אָן די נייע בגדים און מאַכן זיך פּאַרטיק צו דער אַרבעט, דאָס הייסט, גיין איבער בוקאַרעשט, באַטראַכטן אַלע שיינע אַנטיקלעך, וואָס שטייען אַרויסגעשטעלט אין די פענצטער. מער נישט ווי באַטראַכטן, אָנקוקן, נישט קויפן, חלילה. און עבירה געלט. „ס'איז ביי זיי נישט קיין גנביש געלט", זאָגט האַצמאַך. דערנאָך וועט מען זיך אַריינכאַפּן אין אַ רעסטאָראַן אַריין עפּעס איבערבייסן. האַצמאַך זעט שוין אַלע מאכלים, וואָס מע וועט דערלאַנגען, און ער באַלעקט זיך שוין באַצייטנס (האָצמאַך האָט זיך אויף זיין לעבן אַזוי אָנגעהונגערט, אַז וויפל ער זאָל נישט עסן, מאַלט זיך אים אויס, אַז ס'איז נישט געגעסן...). נאָכן עסן וועלן זיי זיך אַ ביסל אויסרוען (האָצמאַך האָט זיך אויף זיין לעבן אַזוי אָנגעהאָרעוועט, אַז וויפל ער זאָל נישט רוען, מאַלט זיך אים אויס, אַז ס'איז נישט גערוט...). און ערשט אַז ס'וועט ווערן נאַכט, וועט מען זיך דורכגיין אין אַ טעאַטער אַריין, און פון דאָרטן ערגעץ אין אַ קאַפעשאַנטאַן — „שטודירן מוזיק, קונסט און טעאַטער".

פאַר מענטשן, וואָס שטודירן מוזיק, קונסט און טעאַטער, איז דאָך די רעכטע צייט טאַקע נאָך ביינאַכט. און אַגב איז פאַר אַזעלכע מענטשלעך, ווי האַצמאַך און לייבל, גלאַט געזונטער, אַז מע דרייט זיך אַרום וואָס ווינציקער ביי־טאָג אויף דער גאַס. לייבל זאָגט, אַז ער וואָלט געמעגט שווערן, אַז ער האָט ערשט נעכטן געזען דורכפליען אַ קאַרעטע, איז דאָרטן געזעסן זיין עלטערער ברודער אַנשל מיט זייער קאַסיר ששון־ושמחה.

— גיי שוין גיי, פּיפּערנאָטער! — האָט אים האַצמאַך אויסגעלאַכט. — עס חלומען זיך דיר ברידער מיט קאַסירס. נאַרישקייטן! אפילו ווען זיי זאָלן שוין טאַקע קומען אַהער, נאַרעלע, דאַרפן זיי דאָך זיין מיט אַכצן קעפּ, זיי זאָלן דיך דערקענען, און מיך אַוודאי! איצט ווייסטו, מיין טייערער יאַט, וואָס אונדז פעלט נאָך?

— וואָס?

— אַנדערע נעמען.

— דהיינו?

— דהיינו, איך ליג און טראַכט אַ גאַנצע נאַכט, וואָס וועט זיין, למשל? מיר וועלן דאָך אייביק אַזוי נישט אַרומגיין פוסט און פּאַס, אָן אַ שטאָך אַרבעט, און עסן פון גרייטן? סוף כל סוף וועלן מיר דאָך צושלאָגן זיך צו עפּעס, צונויפשטעלן אַ „חדר", אַריינפאָרן ערגעץ אין אַ יידיש שטעטל אַריין און שפּילן טעאַטער. נו, שטעל דיר פאָר, וואָס פאַר אַ נאָמען זאָלן מיר זיך דעמלט געבן, אַז מע זאָל אַ מכה ווייסן, ווער מיר זענען? מילא, איך שטעל אַוועק אויפן טאָוול מיין אמתן נאָמען: „האָלצמאַן". בערנאַרד האָלצמאַן. אַ קרענק וועט עמעצער ווייסן, ווער דער בערנאַרד האָלצמאַן איז, אַז אַלע האָבן ביז אַהער געוווסט נאָר האָצמאַך אין האָצמאַך.

— מאקע גערעכט! — גיט אים צו לייבל. — האָלצמאַן איז מאקע שענער, ווי האָצמאַך.

— זעסטו? וואָס זשע טו איך אָבער מיט דיר, נשמה מיינע? שטעל דיר פאָר, אז מיר הייבן אָן ארויספאָרן אויף דער וועלט און מיר קומען אין אזא שטאָט, ווו מע קען דעם באטיקאָ דיינעם. דו פארשטייסט, צי ניין? וואָס טויג מיר, דו זאָלסט הייסן ראפאלאָוויטש?

— וויאזוי זשע דען זאָל איך הייסן?

— וויאזוי זשע דען זאָלסטו הייסן? אָט דאָס איז דאָך טאקע די מעשה, וואָס לאָזט מיך נישט שלאָפן. א גאנצע נאכט ליג איך און טראכט און טראכט. פאלט מיר איין אזא מחשבה: פארוואָס זאָלסטו נישט הייסן מיט א רומענישן נאָמען, מיט אַן „עסקאָ", אַזוי ווי אַלע הייסן דאָ, אין רומעניע? למשל: מרגוליס — מאַר־גולעסקאָ, כאזאנאָוויטש — חאזאנעסקאָ. ראפאלאָוויטש — ראפאלעסקאָ. פאַר־שטייסטו, ליובעניו? מיר קומען צו פאָרן אין א שטאָט אריין, לאָז איך אָפדרוקן גרויסע פלאקאטן: „ד אָ ס ע ר ש ט ע ײ ד י ש־ר ו מ ע נ י ש ע ט ע א ט ע ר פ ו ן ב ע ר נ א ר ד ה אָ ל צ מ א ן א ו ן ד ע ר ע ר ש ט ע ר י י ד י ש־ר ו מ ע נ י ש ע ר א ר ט י ס ט ר א פ א ל ע ס ק אָ פ ו ן ב ו ק א ר ע ש ט". ווי געפעלט דיר, מיין טייערער שפילפויגל, אזא מין איינפאל? איאָ, האָצמאַך האָט אין זיך גוטע געדאנקען? וואָס?

פארשטייט זיך, אז לייבלען איז דער איינפאל זייער געפעלן, ווי אלצדינג, וואָס זיין פריינד האָצמאַך טראכט צו. און האָצמאַך אליין איז אויך צופרידן מיט זיין המצאה, אז ער כאפט זיין יונגן פריינד פאַר א האנט און גייט מיט אים א טענצל, זינגט אונטער מיטן ניגון פון „קאָלדוניע" — „האָצמאַך איז א בלינדער":

האָצמאַך איז א בלינדער!
וואָס איז פאר א וואונדער?
זאָגט זשע מיט מיר, קינדער:
„האָצמאַך איז א בלינדער!"...

פון זינט לייבל קען זיך מיט האָצמאַכן, געדענקט ער אים תמיד פאר א לע־בעדיקן נפש, וואָס איז קיינמאָל נישט אומעטיק, שטענדיק פריילעך, חי — גע־לעבט, אפילו אין די ערגסטע, סאמע שווערע, בייטערע צייטן פון זייער לעבן. נאָר אַזוי אויפגעלייגט, ווי ער איז אַצינד, האָט ער אים נאָך קיינמאָל נישט געזען. ממש עם שפריצט פון אים לעבן. ער האָט אזש כמעט אויפגעהערט הוסטן און שעלטן זיך. זעלטן־זעלטן ווען ער לאָזט ארויס א קללה פונעם מויל. סיידן אז ער דער־מאָנט דעם נאָמען שמשופאק אָדער שלום־מאיר מוראוושיק. דעמלט מוז ער שוין צוזעצן אָדער א „כאָליערע" אָדער א „מיתה־מהומה", אָדער גלאט א „קרענק"...

— גערענק זשע, מיין טייער שפּילפּויגל, איך הייס שוין מער נישט האַצמאַר. איך הייס שוין האַלצמאַן. און דיך רופט מען וויאַזוי?

— ראַפּאַלעסקאַ, — זאָגט אים לייבל.

— אָט אַזוי האָב איך דיך ליב, קאַפּיקל מיינס.

## קאַפּיטל זיבן און פערציק

# משנה מקום — משנה מזל

דעם זעלבן טאָג אויפדערנאַכט זענען אונדזערע העלדן, האָצמאַך און לייבל ראַפּאַלאָוויטש, אָדער, ווי זיי האָבן זיך שוין א נאָמען געגעבן, האָלצמאַן און ראַפּאַלעסקאַ, געגאַנגען איבער בוקאַרעשט שוין נישט „שטודירן קונסט, מוזיק און טעאַטער“, נאָר גלאַט אַזוי א ביסל אויפן שפּאַציר. זיי האָבן שוין גענוג אויסגעשטודירט די דאָזיקע שטאָט. זיי האָבן שוין אויסגעוועזן, ווי זיי האָט זיך געדאַכט, אומעטום, און אין אַלע ערטער, וווּ עס „בליט מוזיק, קונסט און טעאַטער“. שפּאַצירנדיק, האָבן זיי פאַרבלאָנדזשעט אויף דער שיינער גאַס „סטראַדאַ פּאָרעמאַגאַשאָי“ און דערזען פאַר זיך א מוראדיק גרויסע לאַמטערנע מיט גרויסע עלעקטרישע אותיות:

„פּ א ר א ד י ז אָ“.

— פּאַראַדיזאָ? — פּאַראַדיז איז, דאַכט מיר, די טייטש גן־עדן? אפשר וואָלטן מיר זיך אריינגעכאַפּט, ליובעניע, אויף א מינוט אין דעם דאָזיקן גן־עדן אריין, האַ?

אַזוי האָט האָלצמאַן א זאָג געטאָן צו זיין יונגן פריינד און גאָרנישט אין זינען געהאַט אפילו צו וואַרטן אויף אַן ענטפער, וואָרעם ביי אים האָט ער תמיד אַלצדינג געפּועלט. ביי לייבל ראַפּאַלעסקאָן איז האָצמאַך, אָדער האָלצמאַן, א גאָט, און האָלצמאַנס וואָרט — א תורה. און ביידע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין גן־עדן אריין...

מיר זאָגן „אַראָפּגעלאָזט“, ווייל אַריינטרעטן אין גן־עדן אַריין איז נישט אַזוי גרינג. איידער מע קומט צו צום גן־עדן, מוז מען פריער דורכגיין שבעה מדורי גיהנום. קודם דאַרף מען זיך באַוואָרענען מיט איינטריטס־קאַרטן — אַזוי פירט זיך עס אין אַלע גן־עדנס, וואָס אויף דער וועלט. נאָכדעם האָבן זיי זיך באַדאַרפט נעמען לינקס, אַ פּאָר טרעפּלעך אַרויף, וווּ מע גיט אָפּ דעם שומר דעם אויבער־ראָק מיטן שטעקל, און ער הייסט זיך דערפאַר באַצאָלן. דערנאָך ערשט האָבן זיי זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט עטלעכע טרעפּ אַראָפּ און אריינגעטראָטן אין א ברייטן גוט באַלויכטענעם קאָרידאָר, און דאָרטן, אַז זיי האָבן באַוויזן די איינטריטס־קאַרטן, האָבן זיך דערמאָלט ערשט געעפנט פאַר זיי די טויערן פונעם רעכטן גן־עדן.

ארייננעקומען, האָט זיי א זעץ געטאָן אין פּנים א העלישע ליכטיקייט פון א סך עלעקטרישע פילפארביקע פייערלעך, און זיי האָבן דערזען פאר זיך א הויך עלעגאנטעם פובליקום, הערן און דאמען, זיצן ארום ווייסע מארמאָרשטיינערנע טישלעך, עסן און טרינקען און לאכן און פרייען זיך, — ווי עס דארף צו זיין אין א גן־עדן.

צו דער דאָזיקער פייערלעכער קאפעשאנטאנער אטמאָספערע זענען אונ־דזערע העלדן שוין, אייגנטלעך, א ביסל געוווינט געוואָרן. דאָך נישט אויף אזוי־פיל, אז זיי זאָלן צוגיין גלייך צו א טישל און פארנעמען א פלאץ און געבן א קלונג און אויסרופן מיט אַ ניגון: „קעל־נעער“?!“ ווי עס טוט אַן אמתער דזשענ־טעלמען, אַ שטענדיקער באַזוכער פון די מקומות... נישט די נייע בגדים זייערע, נישט די איבערגעביטענע נעמען האָבן זיי געקאָנט אזוי גיך מאכן פאר אוים פראָ־ווינצאלן. דאָס קליינע שטעטל איז זיי נאָך געלעגן אויסגעגאָסן אויף זייערע פּני־מער גאַנץ נישקשהדיק און עס האָט זיך געלאָזט הערן ביי זיי אויף יעדן טריט און שריט. וויבאלד אזוי, איז שוין קיין חידוש נישט, וואָס זיי זענען געבליבן שטיין אַ ווײלע אויף דער טיר פון גן־עדן, נישט אַהין, נישט אַהער, באַטראַכט די העל־באלויכטענע ווענט, די שיין־געמאָלטע סטעלי, די מיט רויטן סאמעט באַ־שלאָגענע לאָזשן, די ווייסע מארמאָרשטיינערנע טישלעך און על־כּולם — דאָס פרייעלעכע לעבעדיקע העכסט עלעגאַנטע פובליקום.

— א רוח אין געלטס טאטן אריין! — האָט זיך אָנגערופן האָלצמאן צו זיין יונגן פריינד און האָט שוין חשק געהאט צוגיין צו איינעם פון די טישלעך פאר־כאפן א פלאַץ, האָט לייבל פלוצעם א כאַפּ געגעבן זיין פריינד ביי דער האַנט און קוים ארויסגערעדט מיט שרעק:

אָטאָ זענען זיי!...

— ווער?

— מיין ברודער אַנשל מיט אונדזער...

— גיי שוין גיי, פּי...

האָלצמאן האָט, אפּנים, געוואָלט זאָגן „פּיפּערנאָטער“, ווי זיין שטייגער איז. נאָר אַז ער האָט איינגעהויבן די אויגן אַהין, וווּ זיין יונגער פריינד האָט אים אָנגעוויזן, האָט ער דערזען גאַנץ באַזונדער אין א ווינקעלע, ביי א טישל, וואָס איז אָנגעשטעלט מיט כל־טוב, די צוויי חברהלייט, וואָס מיר ווייסן. דאָס איז גע־ווען סאמע אין דעם העכסט אינטערעסאַנטן מאָמענט, ווען אנשל (ער האָט אים דערקענט) האָט זיך אזוי ברודערלעך ארומגענומען מיט דער באריטמטער זינגערין מאריניעסקאָ־מילאנעסקאָ. און נאָך איינעם האָט ער באמערקט, עפּעס א בחור מיט א גראָבער ליפּ, וואָס האָט זיך געהאלטן ביי די זייטן און געקאַטשעט זיך פאר געלעכטער.

גיך, נאָך גיכער ווי מע קאָן זיך פאָרשטעלן אין דער פאַנטאַזיע, האָבן אונ־דזערע העלדן גענומען דעם וועג. א מינוט צוויי אָדער דריי לערך האָבן זיי גאָר קיין איינציק וואָרט נישט געקאָנט אויסרעדן. עס האָט זיי כמעט אָפּגענומען דאָס לשון. דער גאַנצער כוח איז זיי אריין אין די פיס און עס האָט זיי געטראָגן, ווי אויף גומענע רעדלעך. ערשט אויף דער דריטער גאַס, אַז זיי האָבן זיך אויסגע־מישט מיטן געדיכטן גאַס־פּובליקום און האָבן דערזען, אַז זיי זענען שוין אויסער יעדער געפאַר, האָט זיך אונדזער האָלצמאַן צערעדט גאַנץ ברייטלעך, ווי זיין שטייגער איז:

— דיין בראַטישן איז, אפּנים, א רעכטער קונה? עס מעג שוין א רוח אין דיין עלטערן ברודערס טאַטן אריין! און ווער איז אָט איינער בחור מיט די גראָ־בע ליפּן?

— האָסט אים נישט דערקענט? — מאַכט צו אים לייבל ראַפאַלעסקאָ, און עס קלאַפּט אים א צאָן אויף א צאָן. — דאָס איז דאָך אונדזער קאַסיר ששון־ושמחה...

דאָ האָט זיך האָלצמאַן אינסטינקטיוו א טאַפּ געטאָן ביי דער קעשענע און גענומען ערשט מאַכן פיס.

— אָ, געהרגעט זאָל ער דיר ווערן פון א דונער! ווייסטו, וואָס איך וועל דיר זאָגן, מיין טייער שפּילפויגל? איך בין גאָר קיין בעלן נישט מיט זיי זיך אָט דאָ צו באַגעגענען... און דו מסתמא אויך? ווייבאַלד אזוי, טאָ לאָמיר זיי איבערלאָזן דאָ אין דעם בוקאַרעשט, לאָזן זיי זיך רוען אין „גן־עדן", און מיר וועלן זיך פאָרן ווייטער.

— וווהין?

— וווהין די אויגן וועלן טראָגן. ווי אין פסוק שטייט געשריבן: משנה מקום

— משנה פלעצל.

— סע שטייט: משנה מקום — משנה מזל, — פאַרריכט אים לייבל ראַפאַ־לעסקאָ.

— לאָז זיין אזוי, ווי דו זאָגסט. דער עיקר איז, וואָס מיר דאַרפן אוועק פון דאַנען וואָס פריער. איך הער זיי אפילו, ווי דעם רב אום חול־המועד פורים, און דו מסתמא אויך. נאָר גלאַט אזוי, איך וויל מיך מיט זיי נישט באַגעגענען. איך האָב נישט ליב דיינע האַלענעשטער לייט, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד. פאָלג מיך, ליובעניו, לאָמיר גיין א ביסל גיכער. אָדער — שאַ! ווייסטו גאָר וואָס? אָט פאָרט א פיאַקער. לאָמיר זיך געבן א זעץ אריין און אים הייסן געבן א שמיים דאָס פערדל, ס'זאָל גיין א גאַנג — א רוח אין געלטס טאַטן אריין!

* * *

ניִשט שפּעטער ווי אין אַ פּאָר שעה אַרום זענען אונדזערע בראַווע העלדן שוין געזעסן אין וואַגאָן פון אַ שנעלצוג, וואָס לויפט דירעקט פון בוקאַרעשט קיין בודאַפּעשט. און מחמת יענע נאַכט איז געווען אַ קילע נאַכט און אָנגעטאָן זענען זיי געווען אַ ביסל צו זומערדיק, האָט האָלצמאַן אַרויסבאַקומען זיין באַקאַנט מלבוש, וואָס ער רופט זי „טענדערווערענדע“, און האָט איינגעהילט אין איר זיין יונגן פריינד לייבל ראַפאַלעסקאָ:

— נעם דיך אַרום, פייגעלע, אָט אַזוי גוט־גוט, אַ ניִשט וועסטו כאַפּן אַ ציטער. וויאַזוי, זאָגסטו, שטייט געשריבן: משנה מקום...?

— משנה מקום — משנה מזל.

— אַ קלוג וואָרט, ווי איך בין אַ ייִד! — זאָגט האָלצמאַן, כאַפּט זיך צו צו דער בוזעמקעשענע, פאַרהוסט זיך און שעלט שמשופּאַקן און שלום־מאיר׳ן מיט טויטע קללות.

## קאַפּיטל אַכט און פערציק

# אין גאַליציע

ניִשט קוקנדיק דערויף, וואָס אונדזערע העלדן, האָצמאַך און לייבל ראַפאַלאָוויטש, האָבן איבערגעביטן זייערע נעמען און הייסן שוין איצט בערנאַרד האָלצמאַן און לעאָן ראַפאַלעסקאָ; ניִשט קוקנדיק דערויף, וואָס זיי האָבן זיך בכלל איבערגעביטן, אַזוי אַז ס׳איז זיי כמעט ניִשט צו דערקענען, — דאָך האָבן זיי מורא געהאַט איינגעשטעלן, זיין נאָענט פון האָלענעשטי, און זענען אַוועק פון רומעניע קיין בוקאָווינע און פון בוקאָווינע קיין גאַליציע, אַרומגעשלעפּט זיך מיט אַ טרופּע אַקטיאָרן, וואָס האָלצמאַן האָט צונויפגעשטעלט, פון שטאָט צו שטאָט, אויף גאַסטראָלן, דאָס הייסט, געגעבן פאָרשטעלונגען. אויף די אַפישן איז געשטאַנען מיט גרויסע אותיות: „די בארימטע וואַנדער־טרופּע בערנאַרד האָלצמאַן עט קאָמפּ.“ און מיט נאָך גרעסערע אותיות איז געשטאַנען דער נאָמען פון נעם באַרימטן יונגן אַרטיסט: „לעאָ ראַפאַלעסקאָ פון בוקאַרעשט“.

ווער איז דאָס דער ראַפאַלעסקאָ? פון וואַנען האָט ער זיך גענומען? — דאָס האָבן ניִשט פיל געוווּסט. אַלע אָבער האָבן געהערט, אַז עס פאָרט אַרום עפּעס אַ ייִדישע טרופּע מיט עפּעס איינעם אַ ראַפאַלעסקאָ, וואָס מע דערציילט פון אים חידושים אין די בלעטער, און ס׳איז דעריבער כדאי אים צו זען. וואָרעם ווערליק די בלעטער שרייבן אויף אים, דאַרף עס זיין עפּעס אַ כישופמאַכער, „וואָס מאַכט פון שנייַ גאָמעלקעס“. ניִשט נאָר ייִדן, אַפילו קריסטן האָבן ניִשט געקאָנט פון אים אָפּלויבן זיך. (און וויבאַלד קריסטן לויבן, איז דאָך שוין ניִשטאָ וואָס צו

רעדן!). זיי האָבן געזאָגט אויף אים און געשריבן אין די צייטונגען, אַז דאָס וואַקסט אַ צווייטער זאָנענטאַל, אַ באַרנאַי, אַ פּאָססאַרט, אַן אירווינג, אַ ראָסי און נאָך כּדומה אַזעלכע גרויסע נעמען האָט מען אויסגענוצט, און מען איז געגאנגען אָנקוקן דעם יונגן בארימטן כּישופמאַכער און מע האָט באַוואונדערט דעם גלענצנדן שטערן, וואָס האָט זיך באַוויזן אויפן הימל פון דער יידישער סצענע.

מיט וואָסזשע, אייגנטלעך, האָט דער דאָזיקער יונגער אַרטיסט געגומען דעם עולם? לויט די רעצענזענטן פון יענער צייט האָבן געשריבן, נאָר מיט איין זאַך: מיט דעם, וואָס „ער איז אומעטום און אַלע מאָל אײנפאַך ערנסט, פּראָסט נאַיוו, אמתדיק, ווי דער אמת אַליין, נאַטירלעך, ווי די נאַטור“.

„די גאַנצע יידישע וואַנדער־טרופּע, — שרייבט איינער אַ רעצענזענט, — איז נישט ווערט אַ שאָס פּולווער. דאָס יידישע טעאַטער אָן ראַפּאַלעסקאָן איז, ווי אַלע יידישע טעאַטערס, אַ באַלאַגאַן, אַ פּורים־שפּיל, פּינצטער־חושך, טויט, ווי אַ בית־הקברות. און פון דער מינוט, וואָס אויף דער בינע טרעט אויף ראַפּאַלעסקאָ, אַזוי ווערט ליכטיק און אַלע ווינקעלעך. ליכטיק און וואַרעם און היימלעך, און אַלץ לעבט, אַלץ באַוועגט זיך. דאָס איז נישט מער קיין בינע, קיין טעאַטער, דאָס איז שוין דאָס לעבן אַליין“.

אָט אַזוי האָבן געשריבן אויף אים די קריטיקער, די רעצענזענטן. און דאָס פּובליקום? וואָס האָט געזאָגט דאָס פּובליקום? דאָס יידישע פּובליקום, וואָס איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט אַזוי שטאַרק צעבאַלעוועט נישט מיט טעאַטער, נישט מיט גוטע פּיעסן, נישט מיט באַרימטע אַרטיסטן, איז געלאָפן אויף חידושים אָנקוקן דעם דאָזיקן אויפגייענדיקן שטערן, אָט דעם כּישופמאַכער ראַפּאַלעסקאָ. מע האָט באַלאַגערט דאָס טעאַטער, זיך געשלאָגן פאַר בילעטן און געפּאַטשט בראַוואָ אויף וואָס די וועלט שטייט. און כאָטש דאָס פּובליקום איז געלאָפן נישט אַזוי פאַר גרויס מבינות, ווי איבער דעם, וואָס „אַ וועלט איז נישט משוגע“, פונדעסטוועגן האָט כמעט יעדער, זיצנדיק אין טעאַטער, געפילט, אַז ער זעט פאַר זיך עפּעס נייעס, עפּעס אַן אומגעהייערן כּוח, אַן אויסערגעוויינלעכע פאַרבאָרגענע קראַפט. עס טרעט אויף פאַר אייך אַ מענטש, וואָס רעדט מיט פּשוטע ווערטער, דאַכט זיך, אַזוי פּראָסט, אַזוי נאַטירלעך, אָן קונצן, רירט ער אָן אַלע אייערע סטרונעס, וועקט אויף אין אייך פאַרבאָרגענע געדאַנקען, פאַרשלאָפענע געפילן, און אַ גרינג פרעסטל לויפט דורך איבער אייער לייב, און איר פילט מיט אים, און איר לעבט מיט אים, און איר קאָנט נישט אָפּרייסן פון אים אייער אויג. און אַז ער פאַרלאָזט די בינע, רייסט זיך אַרויס נישט ווילנדיק ביי אייך אַ געשריי: „בראַוואָ“!

עס איז קיין חידוש נישט, וויבאַלד אַזוי, וואָס דאָס פּובליקום איז נייגעריק געווען צו וויסן, ווער איז ער, אָט דער דאָזיקער כּישופמאַכער, אָט דער יונגער

ארטיסט? פון וואנען שטאמט ער? ווו האָט ער געשטודירט? פון וואנען האָט זיך צו אים גענומען אזא ריזן־קראפט? ווי זעט ער אוים אין לעבן, נישט אויף דער סצענע? ווי איז זיין אמתער נאָמען? און מאלע וואָס דאָס יידישע פובלי־קום איז א בעלן צו וויסן! גאָר וויפל אָט די גייגעריקע בעלנים האָבן זיך נישט געבראָכן די מוחות, וויפל זיי האָבן זיך נישט געגריבלט און געגרונטעוועט, האָבן זיי נישט געקאָנט מער ארויסבאקומען אויסער דעם, אז אָט דער וווּנדערלעכער אַרטיסט הייסט לעאָ ראַפּאַלעסקאָ, אַז שטאַמען שטאַמט ער פון רומעניע, פון בוקארעשט, און אז ער איז נאָך גאָר א יונגערמאן, אלט ערשט א יאָר אכצן־ניינצן — און מער האָבן זיי נישט געקאָנט דערגרונטעווען קיין זאך.

מער ווי אומעטום האָט אָט דער יונגער אַרטיסט, דער אויפגייענדיקער שטע־רן ראַפּאַלעסקאָ, אויסגענומען אין דער הויפטשטאָט פון גאַליציע, אין לעמבערג.

אין לעמבערג איז פאראן שוין פון לאנג א יידיש טעאטער. דער באַלעבאָס פונעם דאָזיקן טעאטער, דער אנטרעפרעניער הייסט עס, איז א געוויסע פער־זענלעכקייט, מיט וועלכער מיר דארפן זיך באקענען. ער טראָגט א מאָדנעם נאָ־מען: „געצל בן געצל".

געצל בן געצל, דער דירעקטאָר פון לעמבערגער יידישן טעאטער, איז א דירעקטאָר ווי אַלע דירעקטאָרן פון יידישע טעאַטערס, וואָס האָדעווען דעם עולם צום מייסטן מיט יענעם מין הארצרייסנדע דראמעס און רירנדע טראגעדיעס, וואָס רופן זיך אָן מיט משונה־מאָדנע נעמען, ווי למשל: „ש מ י נ ד ע ר ב נ ץ א ו י פ ן א ו י ס אָ ד אַ פּ ע", „ד י ב ל ו ט י ק ע א י נ ק ווי ז י צ י ע א י ן ס אַ־ב י ע ס ק י ס צ יי ט ן", „א י ז א ב ע ל א, צ ע ר יי ס מ י ר ד ע ם ס ט אָ ן", וכדומה אזעלכע דראמאטישע פערלען, פארפאסט צווישן טאָג און נאכט פון אַזעלכע מזיקים, ווי שטשופּאַק מיט זיין פליגל־אַדיוטאַנט שלום־מאיר מורא־וווטשיק.

געצל בן געצל האלט נישט פון דעם נייעם רעפערטואר און פון מאָדערנע דראמאטן. ערשט גאָר אין דער לעצטער צייט האָט ער אָנגעהויבן געבן אמאָל א ליטעראַרישע פּיעסע, ווי למשל: „ב י נ ק ע פ י נ ק ע", „ש ל מ ה ג אָ ר ג ל", „ש פּ ר י נ ג א י ן ב ע ט", „וו ע ל וו ע ל ע ע ס ט ק אָ מ פּ אָ ט". נישט אַלעמאָל אָבער קאָן מען שטעלן ליטעראַרישע פּיעסן. מע טאָר א יידן נישט באַ־לעווען. וואָס מע זאָל אים נישט געבן, וועט ער לעקן די פינגער ווי פון עפּעס רעכטס, פּאטשן בראוואָ און איינלייגן די וועלט.

באלד נאָך דער ערשטער אוידיענץ, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן אונדזערע ביידע דירעקטאָרן, האָט זיך האַלצמאַן אויסגעדריקט, אז דער יאָקל בן פלעקל — אַזוי האָט ער אים אַ נאָמען געגעבן — מעג זיין די כפרה פאַר שטשופּאַקס מינדסטן נאָגל. ער האָט זיך מודה געווען, אז זינט ער לעבט, האָט ער נאָך אזא

דעמב נישט באַגעגנט. איבערטראָגן לעמבערג אויף אַן אַנדער אָרט איז אַ סך גרינגער, ווי עפּעס פּועלן ביי אָט דעם פּיפּערנאָטער.

האָלצמאַן אַליין איז אָבער אויך אַ גוטער עקשן. עס איז אים שוין געגאַנגען נישט אַזוי אין פּרנסה, ווי אין דער אַמביציע. ער האָט זיך געלאָזט פּרעסן פון אָט דעם דאָזיקן דעמב, דעם עקספּלאָטאַטאָר, איינגעגאַנגען מיט אים אויף אַזעלכע קאָנדיציעס, וואָס מיט אַן אַנדערן וואָלט ער דאָס נישט געטאָן, אין קיין פאַל, סיידן ער זאָל פריער אַראָפּ פון זינען.

אַז דער קאָנטראַקט אויף די ערשטע דריי ספּעקטאַקלען איז שוין געווען אונטערגעשריבן פון ביידע צדדים, און מען איז געגאַנגען אין אַ „רעסטאָוראַציע“ עפּעס נעמען אין מויל אַריין, האָט האָלצמאַן אַ פרעג געגעבן ביי געצל בן געצל גאַנץ ערנסט:

— זאָגט מיר, מיין טייערער יאָקל בן פלעקל, טרעפט זיך נישט אַמאָל, ביי אייך אין לעמבערג זאָל פאַרבלאָנדזשען צו אייך צו גאַסט די כאָליערע?

— ביז אַהער האָט גאָט אויסגעהיט. וואָס איז דען?

— שאַדע. עס וואָלט געקאָנט זיין כאָטש אַ שטיקל האָפענונג, מע זאָל אַמאָל אייערער פּטור ווערן...

פונדעסטוועגן מאַכט נישט אויס. מען איז געקומען אין אַ יידישער „רעסטאָוראַציע“, אויסגעטרונקען צו גלעזלעך גוטן ווין און גאַנץ פיין פאַרביסן מיט גענדזענע לעבערלעך און מיט עפּעס נאָך און פאַררייכערט צו ביליקע ציגאַרלעך „טראַפּיק“, און ביידע דירעקטאָרן האָבן זיך אונטערגעהאַלטן גאַנץ פריינדלעך. נאָר אַז ס'איז געקומען צום באַצאָלן פאַרן פרישטיק, האָט זיך געצל בן געצל אַ כאַפּ געגעבן כלומרשט, אַז ער האָט נישט ביי זיך קיין איינציקן העלער אַפילו, און האָט זיך פאַוואָליענקע געוואָלט אַרויסגליטשן פון דער רעסטאָוראַציע. האָט אים האָלצמאַן אָפּגעהאַלטן:

— פּאַני דירעקטער! למאַי זאָלט איר זיך מטריח זיין? אַ דירעקטער, וואָס האָט אַ יידיש טעאַטער אין אַ דייטשישער שטאָט, פּאַסט נישט, ער זאָל גיין אויף דער הינטערטיר.

נישט נאָר מיט ווערטער אַליין איז אים האָלצמאַן דערגאַנגען די יאָרן. האָלצמאַן האָט געוווסט, אַז נאָך זיין ערשטן גאַסטראָל, וועט ער מיט זיין ראַפּאַלעסקאָ דערלאַנגען אָט דעם דירעקטאָר אַ טויט־קלאַפּ, אַז ער וועט אים האָבן צו געדענקען. און האָלצמאַן האָט קיין טעות נישט געהאַט.

אַזוי ווי אומעטום, אַזוי אויך אין לעמבערג האָט זיין ראַפּאַלעסקאָ מיטן ערשטן אַרויסטריט גענומען דעם עולם אויף זיכער. די לעמבערגער טעאַטער־באַזוכער, וואָס זענען נישט אַזוי שטאַרק ווייט אַוועק פונעם האָלענעשטער פּובליקום, האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין דין־וחשבון, מיט וואָס, אייגנטלעך, האָט דאָ אויסגענומען אָט דער ראַפּאַלעסקאָ? דאַכט זיך, אַזוי פּראָסט, אַזוי איינפאַך,

א גאַנץ געווײנלעכער אַקטיאָר, אָן גײזאַנג, אָן טענץ, נאָר מיט רײנע ווערטער, און אַזוי רואיק, בנעימותדיק־שטיל — און דאָך נישט ווי געווײנלעך! יעדער טראָט, יעדער ריר, יעדעס וואָרט זײַנס איז אַזוי נאַטירלעך פּראָסט, און רעדן רעדט ער גאָרנישט ווי אויף דער סצענע, גאָרנישט ווי אַן אַקטיאָר, נאָר ווי יעדער אײנציקער, ווי איך מיט אײַך, און דאָך — אַ מאָדנע זאַך דאָס איז! — ווילט זיך זען נאָר אים און הערן נאָר אים, וואָרעם די אַלע איבעריקע זעען אויס קעגן אים, ווי ליאַלקעס, מאַנעקענס, לעבעדיקע שטעקנס.

— ווער איז ער, אָט דער שלאַק? — האָט דער עולם זיך נאָכגעפֿרעגט.

— ווײסט איר דער גוטער יאָר! עפּעס אַ ראַפּאַלעסקאָ פֿון בוקאַרעשט.

דאָס איז געווען דעם ערשטן אויפֿפֿירנאַכט. דעם צווייטן איז דאָס טעאַטער געווען פֿול געפּאַקט. און צום דריטן ספּעקטאַקל איז שוין נישט געווען צו קריגן קיין בילעטן, און מען איז געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ, אַזוי, אַז געצל בן געצל איז שוין נאָכגעגאַנגען האָצמאַכן פֿיס־טריט און קוים אײַנגעבעטן אים, ער זאָל איבערבלײַבן מיט זײַן טרופּע כאָטש נאָך אויף דרײַ גאַסטראָלן.

עס איז מער ווי זיכער, אַז בײדע דירעקטאָרן האָבן געוואָלט וואָס גיכער פּטור ווערן אײנס פֿונעם אַנדערן. האָבן זײ אָבער ווי צוויי עכטע דיפּלאָמאַטן געהאַט יעדער באַזונדער אַן אַנדער מײן אויף אָפּצונאַרן, באַשווינדלען און אָנטאָן אײנער דעם אַנדערן אַ „ספּאָדיק“.

## קאַפּיטל נײַן און פֿערציק

# הענריעטאַ שוואַלב

צוזעענדיק, וואָס דאָס נאַרישע פּובליקום ציט אײנס נאָך דאָס אַנדערע, ווי די שאָף, צו אים, און טעאַטער אַרײַן, און צאָלט די בלוטיקע העלערס פֿאַר אײן מאָל זען און הערן אָט דעם „פּוסטן בחור“, האָט געצל בן געצל באַדאַרפֿט זײַן שטאַרקער פֿון אײַזן! אים האָט געקרענקט יעדער גילדן, וואָס די קאַסע האָט געלייזט, כאָטש דרײַ פֿערטל פֿריון האָט געהערט צו אים, צו געצל בן געצל. ווי אַ גזלן איז ער געזעסן בײַ דער קאַסע און צוגעקוקט, ווי דער עולם איז משוגע געוואָרן און שלאָגט זיך פֿאַר אײַנטריטס־קאַרטן — „טאָמער ווײסט איר וואָס?“..

און אַז ס'איז שוין אויספֿאַרקויפֿט געוואָרן אַלע פּלעצער מיט אַלע רעזערוו־שטולן, און דאָס טעאַטערל איז שוין איבערפֿולט, ווי עופֿות אין אַ שטײַג, אויף דערשטיקט צו ווערן — דעמאָלט איז אונדזער געצל בן געצל אויך אַ בעלן אויף אַ טשעקאַוועס זען, מיט וואָס „נאַרישע ייִדן קוויקן זיך“.

און ער כאַפּט א קוק אַריין פֿון הינטער די קוליסן און ער זעט פֿאַר זיך ווידעראַמאָל נאָר די „נאַרישע יידן“, וואָס לעקן די פֿינגער, וואָס קוועלן אָן און פּאַטשן בראַוואָ. ער ווייסט נישט פֿון וואָס און עם דרייט זיך אים דער קאָפּ. נישט פֿון דעם שפּילן, דאָס שפּילן זעט ער גאָרנישט; נאָר פֿונעם געפּאַקטן זאַל. און עס פֿאַרכאַפּט אים דער אָטעם. זינט ער איז דירעקטאָר, געדענקט ער נישט ביי זיך אזא פֿול הויז... און אויב דאָס איז טאַקע נאָר צוליב אָט דעם בחורל פֿון בוקאַרעשט, דאַרף מען זען אים אוועקנעמען צו זיך גאָר אָן א שום תירוץ... נאָר וויאַזוי מאַכט מען דאָס? צוטרעטן צו אים גלייך און אָנזאָגן אים א מקח, אַז דער רוח זאָל אים נעמען — איז טאָמער נעמט אַזאַ שמויגער און דערציילט עס פֿאַר זיין דירעקטאָר, קאָן אַרויס דערפֿון נאָר אַ סקאַנדאַל. אַ רעכטע קליפּע אָט דער האַלצמאַן. אַריינפֿאַלן צו אים אין מויל אַריין, איז ער קיין בעלן נישט... ניין, געצל בן געצל האָט א פּלאַן: ער וועט שיסן דורך אן אַנדערן, דורך זיין נייער פּרימאַדאָנע — הענריעטאַ שוואַלב.

ווער איז געווען אָט די הענריעטאַ שוואַלב און די געשיכטע, וויאַזוי זי איז געוואָרן אַ פּרימאַדאָנע, קאָן דערציילט ווערן אין גאַנץ קורצע ווערטער:

איינמאָל האָט דער דירעקטאָר געצל בן געצל באַמערקט ביי זיך אין טעאַטער אַן איינפֿאַך געקליידט מיידל מיט א „פּרעכטיקער טאַליע און מיט א מאַיעסטעטישער פֿיגור“. אַזוי האָט זיך אויסגעדריקט דער דירעקטאָר אַליין, און האָט גענומען נאָכקוקן נאָכן מיידל: א נייטאָרין — נישט קיין נייטאָרין, א פּאָקאָיאָווע — נישט קיין פּאָקאָיאָווע, נאָר שיין איז זי ווי די וועלט.

— ווען איך באַקום אָט דאָס מיידל צו זיך אין טעאַטער אַריין, מאַך איך זי פֿאַר א פּרימאַדאָנע, — האָט געצל א זאָג געטאָן צו איינעם פֿון זיינע פּאַטריאָטן.

— אפשר וואָלסטו געוואָר געוואָרן, ווו דינט זי?

— אָט די יפיפיה? — האָט אים יענער געענטפֿערט. — ווו זי דינט, ווייס איך נישט. נאָר דעם ברודער אירן קען איך. שוואַלב הייסט ער. חיים־איציק שוואַלב. ער איז א ציגאַרניק, טראָגט אַרום ציגאַרן צו פֿאַרקויפֿן.

—אָט אַיענער יאָלד מיטן רויטן פּרצוף? סטייטש, איך האָב דאָך אים ערשט יענע וואָך אויסגעפּאַטשט און אַרויסגעוואָרפֿן פֿון טעאַטער, ער זאָל נישט האָבן די טבע קריכן הינטער די קוליסן און מכבד זיין די אַקטריסעס מיט סיגאַרעטלעך, בעת מע דאַרף אין זינגען האָבן דאָס שפּילן.

— וואָס זשע מאַכט דאָס אויס? אדרבא. קומט דאָך אויס, אַז איר זייט שוין אַלטע באַקאַנטע. אויב איר ווילט, קאָן איך מיט אים אַ רעד טאָן.

— מהכתיתי, רעד ,נאָר אַזוי, אַז ער זאָל זיך נישט הייסן אָנמעסטן. דו פֿאַרשטייסט, וואָס מע רעדט צו דיר?

— וואָס דען, איך פֿאַרשטיי נישט? וואָס בין איך עפּעס, א דראָנג?

נאָך דעם דאָזיקן שמועס איז הענריעטא שוואלב (דעמלט האָט זי נאָך גע־הייסן פּשוט יענטל) געבראַכט געוואָרן צום דירעקטאָר געצל אַהיים. איר ברודער, חיים־איציק שוואלב, האָט נאָך די פּעטש, וואָס ער האָט געכאַפּט פונעם דירעק־טאָר, מורא געהאַט אײַנצושטעלן, האָט ער אויף צופּריער געשיקט זײַן שוועס־טער, און אַליין איז ער געבליבן אין דרויסן.

דאָס איז געווען בײַטאָג נאָכן שלאָף, האָט זי דער דירעקטאָר אויפגענומען אַ באָרוועסער און געבעטן זיצן, האָט זי גישט געוואָלט. זי קאָן באַשטיין. האָט ער זי געפרעגט: „ווי דינגט זי?" האָט זי זיך באַרימט, אַז זי האָט זייער אַ גוטע שטעלע, „אַ גוטע און אַ גרינגע". „וויפל נעמט זי?" נעמען נעמט זי סך־הכל פופצן גילדן אַ מאָנאַט אַחוץ וועש. פאַרן וועש האָט זי אַחוץ צען גילדן. היינט פאַלט איר צו פון דער זײַט אַמאָל פיר און אַמאָל זעקס און אַמאָל אַלע זיבן.

— וויפל זשע מאַכט דאָס אײַנײַנעם?

— באַרעכנט.

דער דירעקטאָר מיט די באָרוועסע פיס האָט זיך אויפגעהויבן זוכן אַ בלײַ־שטיפט מיט אַ שטיקל פאַפּיר. ער האָט זי אַ פרעג געגעבן, וואָס וואָלט געווען, למשל, ווען מע לייגט איר פאַר לכתחילה אַ פופציקער אַ מאָנאַט? האָט זי אים דערויף געזאָגט, אַז אַ פופציקער איז אַ שיינער געהאַלט. עס ווענדט זיך אָבער — וואָס פאַר אַן אַרבעט?

— קיין שום אַרבעט, נאָר שפּילן טעאַטער. וויאַזוי רופט מען אײַך?

— ווּעמען אונדז? מיך מיט מײַן ברודער?

— ניין, אײַך, אײַך אַליין.

— מיך אַליין? מיך רופט מען יענטל און מײַן פאַמיליענאָמען איז שוואלב.

— יענטל? פע! וואָס פאַר אַ נאָמען יענטל? — ענטל?... הענריעטא איז פיל שענער. הענריעטא שוואלב. איר האָט, זאָגט איר, אַ ברודער? ווו איז אײַער ברודער?

— ער איז אין דרויסן, אָט דאָ בײַ דער טיר.

— אַ?... שיקט אים אַרײַן אַהער צו מיר. זאָגט אים, אַז איך בעט אים, ער זאָל אַרײַנקומען. מיר וועלן שוין דאָ מיט אים דורכקומען.

## קאַפּיטל פופציק
## חיים־איציק שוואַלב

דער דירעקטאָר געצל בן געצל האָט געהאַט אַ גרויסן טעות, געמיינט, אַז ער וועט מיט יענטלס ברודער אַזוי גיך דורכקומען. חיים־איציק שוואלב האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ נפש, וואָס נישט אַזוי גרינג קאָן מען אים אײַנבײַסן. און דערצו איז געווען נאָך אַ צרה: עס האָט דעם ציגאַרעטנטרעגער פון תמיד אָן

געצויגן צום טעאטער. גייט זייט א נביא, אז אין אָט דעם דאָזיקן גראָבבייכיקן און קורצפּיסיקן חיים־איציק שוואַלב זיצט פאַרבאָרגן אַן אַרטיסט! גייט טרעפט, אַז אין אָט דעם רויטן פּנים לייכט זיך אָפּ אַן איידעלע נשמה, וואָס גייט אויס נאָך טעאַטער, נאָך מוזיק, און נאָך אַלץ, וואָס איז שיין!... נישט אומזיסט האָט אָט דער ציגאַרעטנטרעגער שטענדיק זיך געוויקט הינטער די קוליסן, אוועקגעשענקט די אַקטיאָרן דעם לעצטן צענדליק ציגאַרעטלעך, מע זאָל אים לאָזן שטיין כאָטש כאַפּן אַ קוק פונדערווייטן, ווי מע שפּילט טעאַטער. מע קאָן גאָר קיין מענטשנס נשמה נישט וויסן, און נישט אַלע מאָל טאָר מען אָפּשאַצן אַ מענטשן נאָכן פּנים.

אַז חיים־איציק שוואַלב האָט דערהערט פונעם דירעקטאָר געצל בן געצל, וואָס מע פאַרלאַנגט פון זיין שוועסטער, האָט ער זיך געזאָגט: „אַצינד איז גע־קומען די צייט“... און ער האָט זיך אָנגענומען מיט אַ האַרץ און האָט אים אוועקגעשטעלט אַ האַרבן פונקט: „מיט דעם תנאי גיט ער אים אָפּ די שוועסטער פאַר אַן אַקטריסע, אויב ער נעמט אים צו פאַר אַן אַקטיאָר“.

— וואָס פאַר אַן אַקטיאָר זענט איר מיט אַזאַ פּנים?

חיים־איציקן האָט זיך אָפּגעריסן אין האַרצן. אים האָט נישט איינער גע־זאָגט, אַז ער האָט אַ פּנים פון אַ „וואַגאַבונד“ און אויגן ווי ביי אַ פערד־גזלן. האָט ער אַראָפּגעלאָזט די אויגן אַראָפּ און אַ פרעג געטאָן שטיל.

— וואָס פאַר אַ פּנים האָב איך דען?

— אַ פּנים פון אַ... איך ווייס אַליין נישט וואָס.

חיים־איציק שוואַלב האָט אָפּגעזיפצט:

— ניי איך דען אַזוי אַרום אויף דער בינע? מע ווערט דאָך מיד גרימירן (דער ציגאַרנטרעגער האָט אויפגעהויבן די אויגן אויפן דירעקטאָר). — איר מיינט, איך בין נישט קלאָר אין די זאַכן? איך האָב שוין אַמאָל געשפּילט אויך.

— ווו האָט איר געשפּילט?

— ווו האָב איך געשפּילט? מיט די פּורים־שפּילער האָב איך געשפּילט. דאָס הייסט, איך שפּיל היינט אויך, אַז עס קומט פּורים. אַנו, לאָז עמעצער פּרווון געבן אַזאַ המן, ווי איך!

חיים־איציקס גזלנישע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן. נאָר דער דירעקטאָר געצל שלאָגט אים איבער אויף דער גיך:

— סע קאָן זיין. עס קאָן זייער זיין. נו, און מיטן טרעמבאַך וואָס ווערט זיין?

חיים־איציק כאַפּט אַ קוק אויף זיין אייגענעם גראָבן בויך מיט די קורצע פּיס:

— וועל איך מיך אונטערבינדן, איינציען, איר מיינט, איך ווייס שוין גאָר־נישט? איך האָב געזען ביי אייך הינטער די קוליסן דאָס אייגענע, וואָס ביי אונדז פּורים־שפּילער...

דעם דירעקטאָר געצל בן געצל שטייט נישט אָן די מעשה, וואָס מע פאַרגלייכט די קוליסן פון זיין טעאַטער צו פּורים־שפּילער, שלאָגט ער אים איבער:

— און מיט דער שפּראַך וואָס וועט איר טאָן?

— דאַכט זיך, ביי מיר איז אַ שפּראַך, ווי ביי אַלע מענטשן.

— עס דאַכט זיך אייך אַזוי. איר זאָלט כאָטש נישט פּייפן.

— ווער פּייפט? איך פּייף דען?

— ווער דען פּייפט? איך?

— גלאַט איר טשעפּעט זיך (דער ציגאַרנמאַכער האָט זיך אויפגעהויבן מיט אַ מוראדיק רויט פּנים). זייט זשע מיר געזונט און שטאַרק. ווייבאַלד איך טויג אייך נישט פאַר אַן אַקטיאָר, איז אייך מיין שוועסטער נישט קיין אַקטריסע.

עס האָט נישט געהאָלפן קיין זאַך. דער דירעקטאָר געצל בן געצל האָט זייער געוואָלט זיין שוועסטער פאַר אַן אַקטריסע, און ער האָט געמוזט אריינגעמען זי מיט איר ברודער דעם ציגאַרנמאַכער, און ער האָט זיך געקויפט מיט זיי, ווי מע זאָגט, ליבע נע מפטיר. מילא העגריעטאַ, אַז זי האָט נישט ארויסבאַוויזן אַזוי גיך קיין באַזונדערע פעיקייטן צו דער בינע, און קיין אויסגעשפּילטע שטימע האָט זי נאָך אויך נישט געהאַט, — האָט זי כאָטש „אַ פּרעכטיקע טאַליע מיט אַ מאַיעסטעטישער פיגור“. אָבער וואָס טוט מען מיט אַזאַ שייט האָלץ, ווי אָט דער ציגאַרניק? וואָלט ער כאָטש וועלן זיין אַ גולם, אַ סטאַטיסט אין טעאַטער, איז נעמט אים דער קאַדעק. וועט ער קאָסטן דאָרטן די צען גולדן אַ וואָך צוליב דער שוועסטער. ציט עס אים אָבער דווקא צום עמוד, דווקא אויף דער בינע און דווקא אין די בעסטע, סאַמע טראַגישע ראָלן. נאָר וואָס טוט מען נישט צוליב פּרנסה? געצל בן געצלס געשעפטן זענען די לעצטע צייט אין דער ערד. דער עולם גייט נישט אין טעאַטער, כאָטש שלעפּ אים מיט געוואַלט. און ווייבאַלד אַזאַ אַן אַקטריסע, ווי העגריעטאַ שוואַלב, מיט אַזאַ „פּרעכטיקער טאַליע און אַזאַ מאַיעסטעטישער פיגור“, וועט נישט פאַרריכטן האָס געשעפט, איז אַ סימן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט...

אַזוי האָט געזאָגט געצל בן געצל און האָט געלאָזט אָפּדרוקן אַנאָנסן, „אַז אינגיכן קומט צו פאָרן צו אים אַ באַרימטע זינגערין פון בוענאָס־איירעס, וואָס האָט מיט איר פיגור באַצויבערט די גאַנצע וועלט... דער נאָמען העגריעטאַ שוואַלב האָט אים נאָך נישט געפּאַסט אַרויסצושטעלן איבערן ברודער שוואַלב, וואָס איז ערשט נעכטן אַרומגעגאַנגען מיט אַ קעסטל ציגאַרן. און די שטאָט „בוענאָס־איירעס“ האָט געצל צוגעטראַכט נאָך דערפאַר, ווייל קיין ווייטערס דערפון איז שוין נישטאָ.

אין דער זעלבער צייט האָט מען גענומען מאַכן העגריעטען פאַר אַן אַקטריסע און פאַר אַ זינגערין, איינשטודירן ראָלן, איבערזינגען אַ פּאָר סקאַרבאָווע לידער, אויסגעלערנט עטלעכע צווייידייטיקע קופּלעטן, — און דער עיקר האָט

מען זי אויסגעלערנט דעם שׂכל אָנטאָן זיך אַזוי, ס'זאָל זיין יאָ אָנגעטאָן און נישט אָנגעטאָן, יאָ נאַקעט און נישט נאַקעט... און אַז מע האָט זי אַרויסגעלאָזט אויף דער סצענע, האָט זי געמאַכט אַזאַ פוראָר, אַז מע האָט צו איר פון דער גאַ־ליאָרקע געשריגן: „שוועלבעלע!" און „פייגעלע!" און „קעצעלע!" און „קאָ־טיקל!" און נאָך אַזעלכע לאַסקאַווע נעמען... דער דירעקטאָר געצל האָט געקליבן נחת, געוואָרן ברייטער ווי לענגער.

דערפאַר אָבער האָט ער פון איר ברודער חיים־איציק שוואַלב געהאַט אָפּ־געשניטענע יאָר. „אַ חילול השם אַזעלכעם אַרויפצולאָזן אויף דער בינע", — האָט ער געזאָגט צו דער טרופּע, און אַלע זענען געווען מיט אים איינפאַר־שטאַנדן.

מיר מוזן אָבער באַמערקן, אַז זיי זענען געווען נישט אינגאַנצן גערעכט. חיים־איציק האָט געהאָרעוועט מיטן בלוטיקן שווייס און האָט זיין ראָל געקענט אויסנווייניק, ווי אַ וואַסער. איי, זי איז אַרויסגעקומען ביי אים, ווי די אַקטיאָרן זאָגן, „צעקנייטשט ווי ביי אַ קאַלב פונעם מויל", — איז ביי אים אַזאַ אַן אויס־שפּראַך, וואָס איז ער שולדיק? היינט טשעפּען זיי זיך צו אים, וויאַזוי ער שטייט און וויאַזוי ער גייט. וואָס איז ער שולדיק, איך בעט אייך זייער, אַז ס'איז ביי אים אַזאַ גאַנג פון געבוירן? דערפאַר אָבער פילט ער זיך שטאַרק אין די פאַמע שטאַרקע טראַגישע ראָלן. אַז עס קומט אים אויס צו שפּילן אַ רשע, אַ טיראַן, אָדער אַזוי אַ באַנדיט, איז ער געפערלעך. די גזלנישע אויגן גיסן זיך אים אָן מיט בלוט, ווי ביי אַן אמתן פעלד־גזלן, און דאָס רויטע פּנים, וואָס זעט אויס ביי אים תמיד, ווי ביי אַ „וואַגאַבונד", ווערט שרעקלעך. נישט אומ־זיסט פילגט ער האָבן אַזאַ דערפאָלג אין דער ראָל פון המנען, בעת ער האָט נאָך געשפּילט, נישט היינט געדאַכט, מיט די פורים־שפּילער.

קאַפּיטל איין און פופציק

# אַ סך בעלנים אויף דער פּרימאַדאָנע

צו אַלצדינג דאַרף מען האָבן גליק. חיים־איציק שוואַלב איז, כ'לעבן, גאָר נישט אַזאַ שלעכטער טראַגיק. פאַראַן אויף דער וועלט אַ סך — אַ סך ערגערע פון אים. פאַראַן קאָמיקער אַזעלכע, וואָס מיינען, אַז זיי זענען גאַנץ גוטע טראַ־גיקער, און טראַגיקער, וואָס מיינען, אַז זיי זענען אויסגעצייכנטע קאָמיקער — און פונדעסטוועגן גאַרנישט, עס גייט אַ גאַנג. „הערט איר, אָן מזל זאָל מען נאָרנישט געבוירן ווערן". אַזוי זאָגט חיים־איציק אַליין. ער ווייסט, אַז זיינע קאָ־לעגן די אַקטיאָרן זענען אים דם־שונאים. זיי זאָלן אים קאָנען דערטרינקען אין

אַ לעפּל וואַסער. זיי לאַכן פון אים, רופן אים „יאָלד“, און „דראָנג“, און „הלאַ־מידניק“, און „קלעצל“ און נאָך אַזעלכע גלענצנדע צונעמעניש. נישטאָ איינער, וואָס זאָל אים ליב האָבן. נאָר מער פון אַלע האָט אים פיינט דער דירעקטאָר פון לעמבערגער יידישן טעאַטער.

איינמאָל האָט זיך דער דירעקטאָר געצל בן געצל אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט פאַר חיים־איציקן אין די אויגן:

— מערקווירדיק! האַכט זיך וואָס? אייגענע שוועסטער און ברודער. איין מאַמע האָט זיי געהאַט. און פונדעסטוועגן העגריעטן האָב איך ליב דאָס חיות, און אים, אָט דעם וואַגאַבונד, קאָן איך נישט אָנקוקן!...

חיים־איציק שוואַלב האָט מער נישט באַדאַרפט. ער ווייסט שוין לאַנג, אַז דער דירעקטאָר, ווי די אַלע איבעריקע אַקטיאָרן, האַלטן פון זיין שוועסטער אַ סך מער ווי פון אים, און טאַקע מהאי טעמא קוקט ער מיט זיבן אויגן, גיט אַכ־טונג, אַז העגריעטאַ זאָל זיך אויפפירן אָנשטענדיק, ווי אַ לייטיש קינד. דאָס האָט געהייסן, אַז פאַרן פובליקום מעג זי אַרויסטרעטן אַפילו אַ נאַקעטע. אויף דער בינע מעג זי טאַנצן און שפרינגען און ברעכן זיך משוגענערווייז, און ווייטער — אַזאַס! דערויף איז ער אַ ברודער. און אַ געטרייער ברודער, „שוין צו אַ געטרייער“... דאָס האָבן געוווסט אַלע. און ווער עס האָט נישט געוווסט, האָט ער אים געגעבן צו וויסן אַזוי, אַז יענער זאָל פאַרזאָגן אַ צענטן. „אַ יד ביי אָט דעם דאָזיקן ביינברעכער, זי מעג אים אָפּדאַרן הייגטיקן טאָג!“...

אָט אַזוי האָבן געשמועסט חברה אַקטיאָרן, און עס האָט זיי נישט אָפּגע־האַלטן פונדעסטוועגן, אַז אַלע, פונעם לעצטן אַקטיאָר ביזן דירעקטאָר געצל בן געצל, זאָלן זיך צושמייכלען צו דער פּרימאַדאָנע העגריעטאַ שוואַלב.

יאָ. העגריעטאַ שוואַלב איז שוין פּרימאַדאָנע. די פריערדיקע פּרימאַדאָנע האָט איר געבעד געמוזט מיט בזיון און מיט האַרצווייטיק אָפּטרעטן איר פּלאַץ גאָר דערפאַר, ווייל העגריעטאַ שוואַלב איז שענער פון איר, כאָטש זינגען זינגט יענע פיל בעסער און שפּילן שפּילט זי אויך בעסער, גאָר אָן אַן ערד. נאָר וואָס זאָל מען טאָן? אַ שיין פנים שפּילט היינט אומעטום, אַפילו אין פּאַריז, זאָגט מען, די גרעסטע ראָל. אַזאַ וועלט געוואָרן. נישט צו מאַכן.

נאָר ווי די מעשה איז, אונדזער יענטל, אָדער העגריעטאַ שוואַלב איז שוין פּרימאַדאָנע פון יידישן טעאַטער אין לעמבערג. און ס'איז גאָר נישט צו דערקע־נען די אַמאָליקע יענטל. איר מעגט זיך, נישקשה, פאַרגינען אָנקוקן, וואָס פאַר אַ הוט זי טראָגט. אַן עכטע פּאַנאַמע מיט שטרויספעדערן. נישט קיין אימיטיר־טע, חלילה, נאָר טאַקע אמתע. און האַלטן האַלט זי זיך, ווי אַן עכטע פּרינצע־סין. אויף אירע בענעפיסן באַקומט זי שוין נישט קיין מאַראַנצן, ווי אין די ערשטע צייטן, — ניין. נאָר טאַקע מתנות ממש, געשענקען, וואָס האָבן דעם ווערט צוואַנציק גולדן, און פינף און צוואַנציק גולדן, און פאַרוואָס נישט אַלע

דרייסיק? אַ סברה, אַז העגריעטאַ האַלט שוין גאָר אַ דינסטמיידל, וואָס באַדינט זי און טראָגט איר נאָך די גאַרדעראָב אין טעאַטער אַריין.

אמת, אַז קיינער זעט נישט, שטעלט זיך העגריעטאַ אַוועק איינעם מיטן דינסטמיידל און וואַשט איבער און פּרעסט אויס דאָס גאַנצע גרעט.

אמת, עס האָט זיך געמאַכט אַ מעשה, ביי העגריעטען איז פאַרפאַלן געוואָרן אַ קעלנערל מיט אַ שעמיזעטקע, וואָס האָבן געהאַט ביידע דעם ווערט נישט מער ווי אַנדערהאַלבן קרוין. האָט אונדזער פּרימאַדאָנע געמאַכט אַ געוואַלד אויפן דינסטמיידל, אַז זי באַגנבעט זי, און ס'איז אַרויס דערפון אַ סקאַנדאַל. די ביידע האָבן נישט געלייגט קיין כבוד איינס אויף דאָס אַנדערע: העגריעטאַ האָט אויסגעוואָרפן דעם דינסטמיידל, אַז זי איז אַ צו נאָענטע מחותנתטע מיט איר ברודער שוואַלב. האָט דאָס דעם דינסטמיידל שטאַרק פאַרדראָסן און זי האָט אויסגעוואָרפן העגריעטען נאָך ערגערע זאַכן — עס איז שיר נישט דערגאַנגען צו פּעטש. אַ גליק, וואָס ס'איז אָנגעקומען דער ברודער און עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז דאָס פאַרפאַלענע קעלנערל מיטן שעמיזעטל זענען גאָר ביי אים, ביי שוואַלבן, צווישן די איבערגעשריבענע ראָלן און צווישן די נאָטן. ווי קומען זיי אַהין? ווייסט זיי דער שוואַרצער יאָר!

האָט זיך דאָס דינסטמיידל צעוויינט. האָט זיך שוואַלב גענומען נאָכפרעגן, וואָס האָט זי זיך פלוצעם, אין מיטן דרינען, צעיאַכמערט? האָט אים דאָס דינסטמיידל דערציילט, וואָס די שוועסטער זיינע זאָגט אויף אים.. האָט זיך אין אונדזער שוואַלבן אויפגעכאַפּט דער אַמאָליקער חיים-איציק און ער האָט...

ניין! מיר גייען פאַרביי די דאָזיקע סצענע מיט אַ שטילשוויינגיש. וועמען גייט דאָס אָן, וויאַזוי אַרטיסטן לעבן דאָרט צווישן זיך?

## קאַפּיטל צוויי און פופציק

# הינטער-די-קוליסן-פּאָליטיק

„אַז מע דאַרף דעם גנב, נעמט מען אים פון דער תליה“.

דאָס דאָזיקע שפּריכוואָרט האָט אויסגענוצט דער באַרימטער דירעקטאָר פונעם לעמבערגער טעאַטער, געצל בן געצל. ער האָט אַריינגערופן צו זיך דעם „וואַגאַבונד“, דער פּרימאַדאָנעס ברודער איזאַק שוואַלב (ער הייסט שוין מער נישט חיים-איציק), און האָט זיך מיט אים פאַרשלאָסן ביי זיך אין צימער און געהאַט מיט אים אַ לאַנגן אינטימען געשפּרעך אונטער פיר אויגן.

שוואַלב האָט יענעם טאָג עפּעס זייער שטאַרק אָפּגעליבט פאַר דער שוועסטער דעם יונגן אַרטיסט פון בוקאַרעשט. ער האָט איר גענומען איינרעדן, אַז זי

זאָל זען זיך האַלטן וואָס נענטער און וואָס פריינדלעכער צו אָט דעם ראַפּאַלעסקאָ, כאָטש אַפילו ער איז נאָך גאָר אַ יונגער שנעק.

— דו פאַרשטייסט, הענריעטאַ? מע דאַרף אים פאַרדרייען דעם קאָפּ, אָט דעם שנעק, ער זאָל קאָנען מכות פון דאַנען אַוועקפאָרן — וועט דאָס זיין גוט פאַר אונדז אַלעמען... וואָס איז די גוטסקייט — זאָלסטו מיך נישט פרעגן. שפּעטער וועסטו אַרויסזען... און דאָס איבעריקע דאַרפסטו אַליין פאַרשטיין, אויב דו האָסט אַ קלעפּקע אין קאָפּ...

שוואַלבס תורה איז אָבער געווען אומזיסט: אונדזער פרימאַדאָנע האָט נאָך פריער גענומען זיך צו אָט דעם דאָזיקן בחור מיט די אומשולדיקע פאַרטראַכטע אויגן און מיט די שיינע בלאָנדע האָר, נישט ווייל זי איז געווען אַזוי אַנטציקט פון זיין שפּילן, נאָר, פּשוט, אויס פאַרדראָס. הענריעטען, וואָס איז געווינט, אַז אַלע זאָלן זיין נאָך איר די כפּרה, האָט פאַרדראָסן, וואָס דער בחור האַלט זיך פון איר פונדערווייטן, גלייך ווי ער באַמערקט זי גאָרנישט. האָט זי אָנגעווענדט אַלע מיטלען, וועלכע עס פאַרמאָגט יעדע שיינהייט אויף צו פאַרכישופן דעם, וואָס זי וויל פאַרכישופן... זי האָט זיך געדרייט אַרום אים, געהאַלטן אין איין זינגען און אין איין טאַנצן. זי האָט אים געמאַכט אייגעלעך און הנדלעך און פּיסקלעך. צי מע דאַרף, צי מע דאַרף נישט — זי האָט געהאַלטן אין איין לאַכן, בכדי צו באַווייזן אים, וואָסערע קליינע ווייסע ציינדלעך זי האָט. ווי אַ בין אַרום האָניק, ווי אַ פליג אַרום אַ ליכט, ווי אַ פלעדערמויז אין אַ וואַרעמען זומער־אָוונט, האָט זי געזשומעט און געשעמערירט אים אין די אויגן. ס׳איז אָבער אַלצדינג געווען אַרויסגעוואָרפן. אומזיסט, אומזיסט! עס האָט זיך ווי איבערגעחזרט די אַלטע־אַלטע געשיכטע פון פּוטיפרע מיט יוספן, נאָר נישט אַזוי איינפאַך, ווי עס ווערט דערציילט אין חומש, ווייל הענריעטאַ שוואַלב איז דאָך נישט געווען פּוטיפרע, און ראַפּאַלעסקאָ איז נישט געווען יוסף הצדיק...

אלע, אויסער איין ראפאלעסקאָ, זענען געווען פאראינטערעסירט, אז צווישן אָט דעם פּאָרל זאָל זיך פארבונדן א שטיקל ראָמאן, און יעדער האָט דערביי גע־האט א באזונדער מיין:

דער דירעקטאָר געצל בן געצל, ווי מיר ווייסן דאָס שוין פאר קלאָר, האָט געהאט דערביי נאָר איין מיין: ער האָט געוואָלט דורך דער פרימאדאָנע ארי־בערנארן צו זיך אין טעאטער „דעם בחור פון בוקארעשט“, ווייל דאָס איז א סגולה צו דער קאסע...

די פרימאדאָנע הענריעטא אליין האָט זיך צו דער ארבעט גענומען, מע קאָן זאָגן, מער צוליב ספּאָרט, באוויזן, וואָס א שיינע פרימאדאָנע קאָן. „סטייטש־סטייטש! נאָך איר גענומען איין א מיתה־משונה אזויפיל יאָלדן, זאָל זי נישט קע־

נען בייקומען אזא שנעק!? עס קומט אוים, הייסט עס, אז נישט זי, נישט אירע שיינע אויגן, נישט אירע זיידענע ברעמען, נישט אירע זעלטענע האָר, נישט איר טאליע, נישט איר פיגור, נישט איר הוט, נישט אירע פעדערן, גאָרנישט, גאָרנישט האָבן קיין ווערט אויף אָט אזויפיל? — ווייבאלד אזוי, איז דאָך שוין עק וועלט!"... האָט זי זיך גענומען צו איר ארבעט מיט נאָך מער פרישקייט.

איר ברודער שוואלב האָט געהאט דערביי זיין ארויסקוק: אים איז גלאט געפעלן אָט דער שידוך. שוין צייט, אז ארום זיין שוועסטער זאָלן אויפהערן ארומטאנצן אָט די אלע יאָלדן און ער זאָל אויפהערן זיין א שטענדיקער שומר־חינם און א ביינברעכער... שוין צייט, אַז הענריעטא זאָל מאכן אן אָנשטענדיקע פּארטיע, וואָרעם אַזאַ „ד ו ר ב אַ ט ש" מיט אַ שיין פּנימל, ווי זיין שוועסטער איז, קאָן אקוראט ארייַנפאלן דער רוח ווייסט אין וואָסערע הענט. דעריבער האָט זיך שוואלב שטארק צוגעקלעפּט קודם צום דירעקטאָר האָלצמאן, זיך איינגעקויפט צו אים א ביסל דורך חניפה און א ביסל דורך אן אומזיסטן ווארעמעס — און מען איז געוואָרן נפש אחת.

האָלצמאַן, וואָס איז אַזוי קלוג, ווי זיי אַלע איניינעם גענומען, און אפשר נאָך קליגער, האָט גאַנץ גוט געזען, וואָס דאָ טוט זיך, און האָט געלאכט פון דער גאנצער אינטריגע. א סברה, אז דער האָט געהאט א ווייטערן קוק פון זיי אלעמען. ער האָט געוואָלט „אריבערכמאליען" צו זיך די דאָזיקע שיינע פרימאדאָנע מיט איר ברודער שוואַלב מיט נאָך אַ פּאָר „משוררים" פון געצל בן געצלם טעאַטער. פאַרוואָס נישט? פאַרוואָס זאָל ער נישט בלייבן, אָט דער „יאָקל בן פלעקל", ביי זיינע באַהעלפערס?... און אַגב האָט אונדזער האָלצמאַן — לאָמיר שוין אויסזאָגן דעם גאַנצן אמת — געהאַט אַ שטיקל אַרויסקוק אויף הענריעטען אַליין — טאָמער וועט זי זיך צוגעווינען צום אים, צו האָלצמאַן הייסט עס, און מיט דער צייט — אַ קשיא אויף אַ מעשה?... ער וועט דאָך אייביק קיין בחור נישט פאַרבלייבן... איי, טאָמער איז זי איצטער צו אים אַ ביסל קילבלעך, איז דאָ אַן עצה: „אַ בענעפיסל, אַ מתנהלע, און נאָכאַמאָל אַ בענעפיסל, און ווידעראַמאָל אַ מתנהלע, דער עיקר, ס'זאָל נאָר זיין פאַרוואָס — אַ רוח אין געלטס טאַטן אריין!"...

אזוי האָט זיך געטראכט אונדזער דירעקטאָר האָלצמאן און איז געווען העכסט צופרידן, וואָס די דאָזיקע יפהפיה מאכט חנדלעך צו זיין ראפאלעסקאָ. ער האָט נאָר נישט געקאָנט פאַרשטיין איין זאַך: פאַרוואָס אַנטלויפט ער, אָט דער נארישער „יאט", פון דער פרימאדאָנע הענריעטא שוואלב?... און וואָס איז דאָס בכלל מיט אים געוואָרן אָט דאָ, אין דעם לעמבערג, וואָס ער איז אזוי פארטיפט אין זיך און זעט אוים עפּעס ווי פאַרזאָרגט מער ווי אַלעמאָל?...

## קאַפּיטל דריי און פופציק

# ברײַנדעלע קאָזאַק

דעם ערשטן אויפדערנאַכט, אַז האָלצמאַן איז געקומען מיט זײַן טרופּע שפּילן די ערשטע גאַסטראָל אין לעמבעריג ביי געצל בן געצל אין טעאַטער, האָט ער דערזען הינטער די קוליסן אַ קענטלעכע פיגור פון בידעריקן ווּקס. און אַזוי ווי די קוליסן פון לעמבערגער יידישן טעאַטער זענען נאָך עד היום, זאָגט מען, נישט באַלייכט מיט עלעקטרע (אַחוץ איין רויכיק לעמפּל, וואָס טשאַדעט מיט סכנת=נפשות), האָט ער נישט אַזוי גיך געקאָנט טרעפן, ווער דאָס איז. אַ מינוט האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער קען זי. אַ מינוט האָט ער געמיינט, אַז עס ווייזט זיך אים אויס. נאָר די קענטלעכע פיגור איז צוגעגאַנגען צו אים אַ ביסל נענטער, האָט געעפנט אַ גרויס מויל אויף צו לאַכן. אַ סימן, אַז זי האָט אים אויך דערקענט. איז ער צוגעגאַנגען צו איר נאָך נענטער, זיך גוט איינגעקוקט און אָפּגעשפּרונגען צוריק:

— ברײַנדעלע קאָזאַק?!...

— האָצמאַך?!...

— ש=ש=ש... לאָז קיינער נישט וויסן, אַז מיר זענען באַקאַנט... ווי איז מיר, וואָס איז מיט אייך? איר זענט דאָך מיר געוואָרן ברייטער ווי לענגער! איר דינט אָט דאָ, ביי אָט דעם יאָקל בן פּלעקל? שוין לאַנג? און וווּ איז ערגעץ אונדזער שטשופּאַק? און דער ממזר שלום=מאיר מוראַווטשיק? אַ כאָליערע זאָל קומען אויף זיי ביידע אין איין טאָג!...

— אָמן! — האָט אים די פיגור, וואָס הייסט ברײַנדעלע קאָזאַק, אַ זאָג געטאָן מיט אַ געלעכטער. און ווייל דאָס גלעקל האָט געקלונגען, און חברה אַרטיסטן האָבן זיך געקליבן, און דער רעזשיסער האָט געטריבן האַלדז און נאַקן, אַז ס'איז שוין צייט אויפהייבן דעם פאָרהאַנג, וואָרעם דאָס פּובליקום וועט צעטראָגן דאָס טעאַטער, האָבן די דאָזיקע צוויי זיך געמוזט צעשיידן ביז נאָכן ערשטן אַקט, און אָפּגערעדט האָט מען צווישן זיך, אַז קיין פויגל טאָר נישט וויסן, אויב זיי האָבן זיך ווען עס איז געקענט...

און האָלצמאַן איז אַוועק צו זײַן יונגן פריינד ראַפּאַלעסקאָ אין דער גאַרדעראָבע אַריין און האָט אים איינגערוימט אַ סוד אויפן אויער, אַז ער האָט זיך נאָר וואָס באַגעגנט אָט דאָ מיט שטשופּאַקס אַן אַקטריסע, מאַדאַם טשערניאַק, אָדער ברײַנדעלע קאָזאַק, וואָס האָט געשפּילט אַמאָל מיט אים אינײַנעם. ער דאַרף זי געדענקען פון האָלענעשטי. אַ בידעריטשקע און אַ גראָבינקע... און ער האָט אָנגעזאָגט ראַפּאַלעסקאָן עטלעכע מאָל, אַז ער וועט זיך באַגעגענען מיט

איר דאָ הינטער די קוליסן, זאָל ער זיך מאַכן, גלײַך ווי ער זעט זי דאָס ערשטע מאָל.

אין דער גאַרדעראָבע, וווּ דער יונגער גאַסטראָלער האָט זיך איבערגעטאָן, איז אויך געווען נישט ליכטיקער, ווי הינטער די קוליסן. און דערצו האָט ראַפּאַלעסקאָ געהאַלטן אין מיטן גרימירן זיך קעגן אַ פֿאַררויכערטן אָנגעשפּאָלטענעם שפּיגל. דעריבער איז גאָר קיין ווונדער נישט, וואָס האָלצמאַנס אויג האָט נישט געקאָנט באַמערקן, ווי זײַן יונגער פֿרײַנד האָט זיך אינגאַנצן איבערגעביטן. אַ מינוט האָט ער גאָר נישט געקאָנט רעדן. עס האָט אים פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם. דערנאָך האָט ער כלומרשט קאַלט אַ פֿרעג געגעבן בײַ האָלצמאַנען און נישט אויפֿגעהערט זיך צו גרימירן אַקעגן דעם אָנגעשפּאָלטענעם שפּיגל:

— וויאַזוי, זאָגסטו, האָט מען זי גערופֿן?

— ברײַנדעלע קאָזאַק.

— ברײַנדעלע קאָזאַק? הם... איך געדענק נישט אַזעלכע... וועסט מיך מסתמא מיט איר באַקאַנט מאַכן... ווי געפֿעלט דיר מײַן היינטיקער גרים?

— דער גרים איז אויסגעצייכנט גוט... באַלד נאָכן ערשטן אַקט וועט מען דיך באַקענען מיט אַלע אַרטיסטן און מסתמא מיט איר אויך. זאָלסטו זיך מאַכן, גלײַך ווי דו זעסט זי צום ערשטן מאָל. דו פֿאַרשטייסט? וואָרעם צו וואָס טויג עס אונדז, מע זאָל דאָ וויסן, ווער און וואָס און ווען?... דו פֿאַרשטייסט, צי ניין?

ער פֿאַרשטייט. פֿאַרוואָס זאָל ער נישט פֿאַרשטיין? ווי האַלט דער זייגער? שוין צייט? ווען מען אויפֿטריט? זיינער? איינס־צוויי־דרײַ!

— מיטן רעכטן פֿוס! — זאָגט אים האָלצמאַן און מאַכט אים צורעכט דעם פֿאַרוק.

ראַפּאַלעסקאָ האָט יענעם אויפֿדערנאַכט געשפּילט שלעכט. ערגער ווי ווען עס איז פֿריִער. דאָס הייסט, פֿאַרן עולם האָט ער געשפּילט גוט, אויסגעצייכנט, פּראַכטפֿול. דערויף האָבן עדות געזאָגט די רוישנדע אַפּלאָדיסמענטן מיט די בראַוואָס פֿונעם פּובליקום, מיט די אומגעהייערע אָוואַציעס, וואָס מע האָט געמאַכט דעם גאַסט פֿון בוקאַרעשט. ראַפּאַלעסקאָ אַליין אָבער האָט געוווּסט בעסער פֿון אַלעמען, אַז ער האָט היינט געשפּילט, ווי אַ שוסטער. מע דאַרף אים אָפּהאַקן הענט און פֿיס און אָפּגעבן פֿאַר אַ סאָלדאַט. אַ סך ווערטער האָט ער דורכגעלאָזט. אַ סך ווערטער האָט ער צוגעזעצט. דעם סופֿלער האָט ער נישט געהערט. שטאַרק, שטאַרק געפּאַלשעוועט. קוים, מיט גרויסע צרות, אָפּגעקלאַפּט דעם ערשטן אַקט. קוים־קוים אַרויסגעריסן זיך פֿונעם פּובליקום, וואָס איז טאַקע נאָר ווי אויף צולהכעיס משוגע געוואָרן און וויל גאָרנישט אויפֿהערן צו שרײַען: „ראַ—פּאַ—לעס—קאָ! ראַ—פּאַ—לעס—קאָ!“... ער טוט זיך אַ וואָרף צום אָנגעשפּאָלטענעם שפּיגל. די אויגן ברענען אים. און דאָס גאַנצע לײַב, פֿילט ער, גליט אים. און דער גאַרדעראָב איז מוראדיק ענג, אַ שפּילקע נישט דורכצווואַרפֿן.

די גאַנצע טרופּע פון געצל בן געצלס טעאַטער האָט זיך אַהער צונויפגעקליבן. זיי גראַטולירן דעם גאַסט. ווער מיט פאַרבאָרגענער קנאה, און ווער מיט אַן אמת. מע שטעלט אים זיי פאָר איינס נאָך דאָס אַנדערע. און עס דאַכט זיך אים אויס נאָך זייערע פּנימער, אַז ער זעט פאַר זיך נישט קיין מענטשן, נאָר חיות און עופות. איינער כאַפּט שטאַרק דעם אָנבליק פון אַ ציג. דער אַנדערער זעט אויס ווי אַ האָן. אויף איינער וואָלט ער שווערן, אַז ס׳איז אַ קאַץ. גרינע קאַצענע אויגן און באַלעקט זיך, ווי אַ קאַץ...

ראַפאַלעסקאָ האָט באַלד דערקענט ברײַנדעלע קאָזאַק. און ברײַנדעלע קאָזאַק האָט אים אויך דערקענט, כאָטש ער איז אויסגעוואַקסן און כאָטש ער איז גרימירט. זי האָט אים געזען וויפל מאָל מיט האָצמאַכן דעמלט אין דער סטאָדאָלע, אַז זיי האָבן געשפּילט מיט שטשופּאַקן אין האָלענעשטי. „זאָל דאָס טאַקע זײַן ער?... אַ=אַ=אַ!??“ ווי אַ בליץ פליט איר דורך אַ געדאַנק אין קאָפּ און ווי אַ בליץ ווערט באַלייכט פאַר איר אין איין רגע אַ גאַנצע ריי פון קאָמבינאַציעס, וואָס זענען דאָ נאָר וואָס בײַ איר געבוירן געוואָרן. אינעם טומל רופט זי אָפּ האָלצמאַנען אויף אַ זײַט:

— אָט דאָס איז דײַן ראַפאַלעסקאָ פון בוקאַרעשט, כאַ=כאַ? דאָס איז דאָך גאָר דעם באַלעבאָס „יאָשׁ“ פון האָלענעשטי...

— ש=ש=ש... — מאַכט צו איר האָלצמאַן און טרעט איר אָן אויפן פוס, קיין וואָרט נישט מער!... לאָמיר בעסער רעדן פון עפּעס אַנדערש.

— פון וואָס, למשל? — מאַכט זי צו אים און קוקט אים אין די שאַרפע שפּיציקע אויגן אַרײַן און טראַכט זיך: „וואָס פון אַ מענטשן קאָן ווערן! גיי טרעף, אַז דאָס איז דער האָצמאַך, וואָס האָט אַמאָל געפּוצט די שטיוול בײַ שטשופּאַקן און געכאַפּט פעטש, ווי אַ יאַטקע=הונט“...

— ווו זשע איז צו אַלדי שוואַרצע יאָר שטשופּאַק? און שלום=מאיר מוראַווטשיק? און די איבעריקע קלאַפּערס? — פרעגט ער זיך נאָך בײַ איר אין איין אָטעם. און זי ווייסט נישט, אויף וואָס פריער צו ענטפערן, וואָרעם איידער זי ענטפערט אים אָפּ אויף איינעם, פאַרלויפט ער מיט זיבעצן אַנדערע נאָכפרעגענישן. און אַלצדינג אויף איין פוס. אים קריכט אין קאָפּ שטשופּאַק און שטשופּאַק, און זי וואָלט וועלן וויסן, וואָס איז מיט דעם „יאָש“?... און בייִדנס אויגן זענען אָנגעווענדט אין איין אָרט, אַהין, צו ראַפאַלעסקאָן... „צופיל עולם אַרום יאָש, — טראַכט זיך האָלצמאַן. — אָפּלאָזן אים אַליין צווישן אַזויפיל וועלף=אַקטיאָרן איז געפערלעך“...

און רעדנדיק מיט ברײַנדעלע קאָזאַק, לאָזט ער נישט אַראָפּ קיין אויג פון ראַפאַלעסקאָן. און כאָטש ס׳איז געגנג פינצטער, דאָך קוקט ער זיך צו און זעט, ווי אַלע שטופּן זיך צום גאַסט, צום דעם „יונגן אַרטיסט פון בוקאַרעשט“. יעדן ווילט זיך זען אים פון דער נאָענט, אים רײַכן די האַנט, הערן פון אים אַ וואָרט.

נאָר דער גאַסט איז עפּעס נישט אויפגעלייגט צו רעדן. ער זוכט עמעצן מיט די אויגן. וועמען? דאָס זוכט ער די קליינינקע, די גראָבינקע, וואָס רופט זיך טשערניאַק, אָדער „ברייגדעלע קאָזאַק“. און ער דערזעט זי שטיין מיט האַלצמאַנען אין אַ ווינקעלע און רעדן, און ער וויל צוגיין צו איר, נאָר ער האַלט זיך איין. אַ מינוט דאַכט זיך אים אויס — אָט וואַרפט ער אַראָפּ פון זיך דעם גרים און לויפט צו צו איר: „צי האָט איר נישט געהערט, צי האָט איר נישט געזען איינע מיטן נאָמען רייזל? איר דאַרפט וויסן, וועמען איך מיין; זי איז דעם הזנס מיידל פון האָלענעשטי...“ און נישט נאָר שטילערהייט פאַר איר אליין וועט ער דאָס איר זאָגן, נאָר אויסשרייען הויך, אויף אַ קול, אַז אַלע זאָלן הערן. ער פילט, ווי די ווערטער שטייען אים אין האַלדז. זיי קיצלען אים, זיי שטיקן אים. און דאָ ווימלען אים פאַר זיינע אויגן פנימער פון חיות און פון עופות, וואָס ער וויל זיי נישט זען, און הערט ווערטער, קאָמפּלימענטן, וואָס ער וויל זיי נישט הערן. און צווישן די אַלע שטופּט זיך צו אים איינער, עפּעס אַ קליינינקער מיט גאָלדענע ברילן, מיט אַ דרייעקעכיקן שאַרבן און מיט מאָדנע גרויסע ווייסע ציין, וואָס וואַקסן איינער אויפן אַנדערן. דאָס פּנים לייכט אים. די אויגן דורך די ברילן גלאַנצן. ער שטופּט זיך מיט אַלע כּוחות דורכן גאַנצן עולם. די אַקטיאָרן מיט די אַקטריסעס דערזעען אים פונדערווייטן: „קינדער! דער דאָקטאָר לויתן גייט!“... און אַז ער קומט צו נענטער, טרעטן זיי אָפּ, מאַכן אים אַ וועג און רופן אויס אויף אַ קול:

— יאָלדן! לאָזט דורך דעם דאָקטאָר לעוויוס!...

### קאַפּיטל פיר און פופציק

## דאָקטאָר לעוויוס — לויתן

האָלצמאַן, וואָס האָט קיינמאָל אין ערגעץ נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פונעם „יאַט“, פון ראַפאַלעסקאָ, האָט די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט גערעדט מיט ברייגדעלע קאָזאַק, געקוקט אַהין, וווּ דער „יאַט“ געפינט זיך. און ווײַבאַלד ער האָט נאָר באַמערקט פונדערווייטן, ווי עפּעס איינער אַ זייטיקער פּאַרשוין האָט זיך זייער ענערגיש געשטופּט און דורכגעשטופּט גלייך צו ראַפאַלעסקאָ, וואַרפט ער אַוועק ברייגדעלע קאָזאַק און וואַקסט שוין אויס צווישן זיי ביידע און קוקט מיט די שאַרפע שפּיציקע אויגן אויפן זייטיקן פּאַרשוין: „וועמען דאַרפט איר? וואָס דאַרפט איר?“...

דער זייטיקער פּאַרשוין, דערזעען דעם עלעגאַנטן דירעקטאָר מיט די באַקנקאָטלעטלעך, נעמט ער אַרויס אַ וויזיט-קאַרטל: „דאָקטאָר לעוויוס“.

האַלצמאַן וואַרפט אַ קוק אויפן קאַרטל און באַטראַכט דעם דאָקטאָר יוליוס לעוויום מיטן דרייעקעכיקן שאַרבן, מיט די גרויסע ווייסע ציין, וואָס וואַקסן ביי אים איינער אויפן אַנדערן, און טראַכט זיך: „וואָס איז דאָס פאַר אַ מין בן־אָדם?" רופט אים אָפּ איינער פון די אַרטיסטן אויף אַ זייט און רוימט אים איין אַ סוד אויפן אויער, אַז דאָס איז דער דאָקטאָר לעוויום, וואָס זיי, די אַק־טיאָרן, האָבן אים אַ נאָמען געגעבן „דאָקטאָר לויתן". ער איז אַ באַרימטער דאָקטאָר, אַ גרויסער געלערנטער, אַ געוויסער מעצענאַט און אַ מוראַדיקער ליב־האָבער פון יידיש טעאַטער, און דערצו נאָך אַ גרויסער עושר פון אפשר אַ האַלבן מיליאָן...

נישט דער טיטל „דאָקטאָר", און נישט דאָס צונעמעניש „לויתן", און נישט דאָס, וואָס ער איז אַ געלערנטער און אַ מעצענאַט און אַ ליבהאָבער פון יידיש טעאַטער, האָבן אַזוי גענומען אונדזער האָלצמאַנען, ווי עס האָט אים גע־נומען די לעצטע מעלה, אַז דער דאָקטאָר איז דערצו נאָך אַ גרויסער עושר פון אפשר אַ האַלבן מיליאָן. תיכף ומיד, ווי ער האָט נאָר דערהערט די ווערטער „אַן עושר פון כמעט אַ האַלבן מיליאָן", אַזוי האָט ער זיך געגעבן אַ וואָרף צום דאָק־טאָר דעם געלערנטן, דעם מעצענאַט מיטן ליבהאָבער, און האָט אים געמאַכט אַזאַ פריינדלעכן „בואי בשלום" מיט אַזאַ ברייטן ברוך־הבא, אַז דעם דאָקטאָר אַליין און אויך אַלעמען, וואָס זענען געשטאַנען דערביי, איז דאָס אויסגעקומען שוין אַ ביסל צו פריקרע.

דער דאָקטאָר לעוויום, אָדער „לויתן", האָט זיך גאַנץ העפלעך געווענדט צו האָלצמאַנען אויף דייטש, באַוויזן בעת־מעשה די מאָדנע ציין, וואָס וואַקסן ביי אים איינער אויפן אַנדערן, און אַ פרעג געגעבן ביי אים, אויב ער איז דאָס טאַקע דער אימפּרעסאַריאָ פון דעם באַרימטן גאַסטראָליער?

עס איז מעגלעך, אַז דאָס וואָרט „אימפּרעסאַריאָ" האָט אונדזער אימפּרע־סאַריאָ האָלצמאַן (עס זאָל אים צו קיין חרפה נישט זיין) דערהערט ערשט היינט אָט דאָ צום ערשטן מאָל אויף זיין לעבן. האָט ער עס, אפנים, נישט רעכט צע־קייט, מחמת ער האָט דערויף געענטפערט דעם דאָקטאָר לעוויום עפּעס בוויבעריק. און געערדט האָט צו אים אונדזער האָלצמאַן אויך מער אויף דייטש, ווי אויף יידיש, דאָס הייסט, מיט מער פתחן, ווי מיט קמצן. ער האָט אים געזאָגט, אַז ער אַליין, האָלצמאַן הייסט עס, איז אַ רוסישער, פון „ראָסייע" הייסט עס, נאָר דער „יאַט", דער בחור הייסט עס, שטאַמט פון בוקאַרעשט, דאָס הייסט, נישט פון בוקאַרעשט גופא, נאָר אַנדערהאַלבן שעה נעבן בוקאַרעשט...

אַרויסגעוויזן, אַז אויף דייטש איז אָט דער אימפּרעסאַריאָ אַ ביסל געכאַפּט און דער עברי, האָט דער דאָקטאָר לעוויום גענומען רעדן מיט אים אויף יידיש. און נאָך וואָס פאַר אַ יידיש. אַ סך יידישע יידן וואָלטן זיך געווינטשן רעדן אַזאַ יידיש, ווי דער דאָקטאָר לעוויום רעדט. איז אָבער דער חסרון פון די דייטשישע

יידן — באַלד טרעטן זיי אייך אַהיים מיט זייער דייטש און דערהרגענען אייך דעם קאָפּ...

דערהערט, אַז דער דאָקטאָר „לויתן“ רעדט יידיש, ווי „אַלע מענטשן“, איז ־דאָך שוין, הייסט עס, די צונג נישט מער אין גלות, האָט זיך אינדזער האַלצ־מאַן מחיה געווען און האָט זיך צערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער און דער־ציילט גרויסקייט, זיך באַרימט פאַרן דאָקטאָר, אַז דאָס האָט ער, האַלצמאַן, געמאַכט אָט דעם „יאַט“ פאַר אַ לייט. וויאַזוי איז דאָס געווען? דאָס איז געווען אין בוקאַרעשט... געשפּילט טעאַטער... זיך באַקאַנט מיט אַן אָרעמען באַלמעלאָ־כע... דערזען ביי אים אַ זונדל, אייך אַ באַלמעלאָכע... איז ער אים פונעם ערשטן קוק געפעלן געוואָרן און האָט געזאָגט צום פאָטער, צום באַלמעלאָכע: „אָט דעם יאַט אייערן מוז איך מאַכן פאַר אַן אַרטיסט“... קוקט ער אים אָן דער באַלמע־לאָכע: „וואָס הייסט דאָס — אַן אַרטיסט? וואָס פאַר אַ מלאכה איז דאָס“? כאַ־כאַ!...

און האַלצמאַן צעלאַכט זיך אַזוי אמתדיק און אַזוי געשמאַק, אַז דער דאָק־טאָר לעוויום מיינט, אַז דאָס איז תורת לאָקש (אַ דייטש בלייבט אַ דייטש). ער קוקט אים אין מויל אַריין און שלינגט איטלעכס וואָרט.

אונדזער האַלצמאַן נעבעך האָט זיך אַזוי פאַרהאַקט, אַז ער האָט שוין אָנגע־שפּאַרט אַזש ביים קעניג קאַרל פון רומעניע... וויאַזוי ער וואָלט דאָ אַרויס פונעם קעניג קאַרל — ווייסט נאָר איין גאָט אין הימל. אַ גליק, וואָס אין דער מינוט לויפט אָן דער רעזשיסער, אַ פאַרשוויצטער, אַ פאַרפּינטעטער:

— אַלע בייזע ווייסטע חלומות! דאַרט צעטראָגט מען דאָס טעאַטער אויף שטיקלעך, און זיי — גאָרנישט! באַלעקן זיך דאָ, ווי שבת נאָכן טיש!...

אין האַלצמאַנען האָט מען פשוט פאַרדינט אַ מצווה. ער האָט פריי אָפּגע־אָטעמט. אַן עק. פטור געוואָרן פון אַן אומגליק. נאָט אייך גאָר פלוצעם אַ קעניג קאַרל פון רומעניע! פון וואַנען האָט ער זיך גענומען אויף זיין קאָפּ?...

## קאַפּיטל פינף און פופציק

# ווער עס פאַרט און ווער עס גייט צופוס

די ערשטע גאַסטראָל פון דער בלאָנדזשענדער טרופּע „האַלצמאַן, שוואַלב עט קאָמפּ.“ האָט זיך געענדיקט אין לעמבערגער יידישן טעאַטער מיטן זעלביקן בייפאַל, ווי אומעטום. דעם פאָרהאַנג האָט מען שוין וויפל מאָל אַרונטערגעלאָזן און אַרויפגעצויגן און ווידעראַמאָל אַראָפּגעלאָזט, און עס הערן נאָך אַלץ נישט אויף די קולות פון פובליקום: „ראַ—פאַ—לעס—קאָ!“ — די אַקטיאָרן האָבן

שוין אַראָפּגעוואָרפן די אָנגעקלעפּטע פּלאַקסענע בערד, טוען זיך שוין איבער, זוכן ווער א קאָלנער, ווער א צווייטן קאַמאַש. און בעת מעשה אָדער מע זינגט, אָדער מע וואַרפט זיך דורך מיט שאַרפע ווערטלעך. און דאָרטן, אין זאַל, הערט זיך אַלץ: „ראַ—פּאַ—לעס—קאָ! ראַ—פּאַ—לעס—קאָ!“

— אויף די צייג—דע—לעך זאָלט איר שרייען! — ציט אויס אייגער אַן אַקטיאָר מיט אַ ראַבעטיני פּנים, וואָס מוטשעט זיך, קאָן נישט אָנטאָן דעם פּי־דזשאַק, כאָטש גיב אים אַ קרענק. דער אונטערשלאַק פונעם צעריסענעם אַרבל דערלאָזט נישט.

— זאַל איך? — פרעגט דער רעזשיסער מיט אַ רויט פאַרשוויצט פּנים ביי האַלצמאַנען און האַלט זיך מיט ביידע הענט ביים בלאָק פונעם פאָרהאַנג.

— גענוג זיי צו קרענקען פאַר זייערע כשרע העלערס! — זאָגט האָלצמאַן, וואָס האָט פיינט צערעמאָניעס. עס העלפט אָבער נישט קיין חכמות. דער גאַסט פון בוקאַרעשט מוז נאָך איין מאָל כאָטש באַווייזן זיך פאַרן פּובליקום. און עס ציט זיך אויף דער פאָרהאַנג צום לעצטן מאָל, און ראַפאַלעסקאָ באַווייזט זיך און פאַרנייגט זיך, און דאָס פּובליקום פונדעסטוועגן ליאַרעמט ווידער: „ראַ—פּאַ—לעס—קאָ! ראַ—פּאַ—לעס—קאָ!“.

— אַ סוף. מער גיי איך נישט אַרויס! — זאָגט ראַפאַלעסקאָ, ווי אַ קאַפּ־ריזנע קינד, און וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם פּאַרוק, קלעפּט אָפּ די וואָנצעלעך און רייבט איין דאָס פּנים. דאָס יונגע שיינע גלאַטע פרישע ווייסע פּנים, וואָס איז באַברעמט מיט שיינע בלאָנדע צעוואָרפענע האָר איבערן מאַרמאָר־ווייסן האַלדז. די אַרטיסטן באַטראַכטן אים פון דער נאָענט מיט נייגעריקע זשעדנע אויגן און זעגען אים מקנא אויף אַלץ: אויף זיין אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג, וואָס ער האָט, און אויף זיין רואיק האַלטן זיך, און אויף די רוישנדע און איבער־ראַשנדע אַפּלאָדיסמענטן פונעם פּובליקום, וואָס איז משוגע געוואָרן. און אויף זיין יונג שיין פריש גלאַט פּנים זענען זיי אים מקנא, און אויף זיינע שיינע בלאָנ־דע צעוואָרפענע האָר, און אויף זיין מאַרמאָר־ווייסן האַלדז... זיי זענען אים מקנא און פאַרשטייען נישט מיט וואָס, אייגנטלעך, האָט זיך דאָ אַזוי אויסגעצייכנט אָט דער דאָזיקער יונגער אַקטיאָר? און וואָס איז דאָ אַזוי דער געוואַלד — „ראַפאַלעסקאָ!“? פריער, איידער דער גאַסט פון בוקאַרעשט איז אויפגעטראָטן אויף דער בינע, האָבן זיי דערוואַרטעט פון אים — זיי ווייסן אַליין נישט וואָס. זיי האָבן געמיינט, זיי וועלן דאָ דערהערן גאָט ווייסט וואָס פאַר אַ לייבנשטימע. זיי האָבן געמיינט, זיי וועלן דערזען אַ שפּילן, אַז די ווענט וועלן ציטערן. און אַ לשון, און ווערטער, נישט קיין געוויינלעכע ווערטער וועלן זיי פון אים דערהערן. צום סוף — ווער? וואָס? וועמען? עס הייבט זיך גאָר־נישט אָן! ער טרעט אויף ווי אַ מענטש, שטייט ווי אַ מענטש, און זיצט און גייט און האַלט זיך אויף דער בינע רואיק, געלאַסן און פּראָסט, פּראָסט, ווי אַ פּראָס־

מער געוויינלעכער מענטש. כאַ-כאַ — אַט דאָס הייסט געשפּילט? ער רעדט דאָך גאָר אַפילו נישט ווי אַן אַקטיאָר, נאָר ווי אַ פּראָסטער געוויינלעכער מענטש! וואָס קוועלט דאָ אַזוי דער עולם, צו אַלדי שוואַרצע יאָר? וואָס לייגן זיי איין די וועלט, אַט די יאָלדן? שאַף! בהמות! אייזלען!...

אַלצדינג אויף דער וועלט מוז האָבן אַ סוף. אַפילו דאָס אַרויסרופן און אַרמיסט אויף דער סצענע פון יידישן טעאַטער מוז אויך אַמאָל נעמען אַן עק. דערזען, אַז דער פאַרהאַנג ציט זיך מער נישט אויף, האָט דער עולם סוף-כל-סוף גענומען אָפּרייניקן דאָס טעאַטער. די לאָמפּן האָבן אָנגעהויבן אויסגעלאָשן צו ווערן. עטלעכע מינוט — און דאָס טעאַטער איז פּוסט.

נאָר איין פּאַרשוין איז געבליבן וואַרטן אויף די אַרטיסטן — דער דאָקטאָר לעוויוס, אָדער, ווי די אַקטיאָרן האָבן אים אַ נאָמען געגעבן, „דאָקטאָר לויתן". ער האָט איינגעלאַדן ביידע טרופּעס, באַלד נאָך דער פאַרשטעלונג זאָל מען גיין אַלע אינאיינעם אין אַ קאַפעהויז געבן אַ לעב אויף זיין רעכענונג.

די לעמבערגער אַרטיסטן קענען אָבער דעם דאָזיקן מעצענאַט. זיי ווייסן, אַז דער „דאָקטאָר לויתן" איז עפּעס נישט אַזאַ ברייטע האַנט, וואָס זאָל זיך צעוואַרפן צוליב יידישע אַקטיאָרן. דער דאָקטאָר לעוויוס איז אַ וותרן אויף גוטע ווערטער, אויף קאָמפּלימענטן, אויף אַלצדינג, אָבער נאָר ב ז דער קעשענע, ביזן ביימעלע. ווייטער — נישט אַ טריט.

נאָר אויב דער דאָקטאָר לעוויוס איז געווען אַ וותרן אויף גוטע ווערטער בכלל, האָט ער אונדזער יונגן העלד פּשוט אָפּגעשאָטן מיט קאָמפּלימענטן פון אויבן ביז אַראָפּ. דער דאָקטאָר לעוויוס איז, ווי אַן אמתער מעצענאַט, נאָך יעדן אַקט אַריינגעלאָפן צו ראַפאַלעסקאָן און גאַרדעראָבע אַריין. ער האָט געריבן די הענט, געשוויצט, באַוויזן אַלע ציין, וואָס האָבן זיך ביי אים מאָדנע צעוואַקסן איינער אויפן אַנדערן, און געדאַנקט דעם יונגן גאַסט און זיין אימפּרעסאַריאָ האָלצמאַן כמעט מיט טרערן אין די אויגן. נאָכן דריטן אַקט איז אונדזער מעצענאַט אַריין אין אַזאַ התפּעלות, אַז ער האָט אַרומגעכאַפּט דעם יונגן אַרטיסט און האָט זיך מיט אים צעקושט. נאָכדעם האָט ער אָפּגערופן דעם דירעקטאָר האָלצמאַן אויף אַ זייט און האָט מיט אים עפּעס איינגעטעניהט מיט היץ און אַלץ באַוויזן מיט דער האַנט צו זיך אויפן האַרצן, ווי איינער רעדט: „עלי ועל צוארי — אויף מיינע אחריות"...

דערזען, אַז דער „דייטש" איז גאָר די „כפּרה" פאַרן „יאַט", האָט זיך האָלצמאַן אַ קלער געטאָן: „קירע דייטש זאָל כאָטש וועלן אונטערטראָגן אַ רעכטע מתנה... אַרויסנעמען עטלעכע טויזנט קראָן... אָדער — שאַ! — ער זאָל גאָר וועלן צוטרעטן צו האָלצמאַנען פאַר אַ קאָמפּאַניאָן, איינעם אָפּדינגען אַ טעאַטער, טאַקע וואָס אַ טעאַטער הייסט, מיט אַ פּרימאַדאָנע און מיט אַלע זיבעצן זאַכן... אָדער זאָגן: נאַ, האָלצמאַן, דיר האָסט נאַט געגעבן אַן אוצר — ראַפאַלעס-

קאָ, מיר האָט גאָט געגעבן געלט, לאָמיר מאַכן שותפות... פאַרוואָס נישט? אַ קשיא אויף אַ דאָקטאָר אַ מעצענאַט, אַ ליבהאָבער פון יידיש טעאַטער און וואָס פאַרמאָגט אפשר אַ האַלבן מיליאָן?!"...

נישט אזוי אָבער איז עס געווען מיט ראפאלעסקאָ. די הילכיקע אפּלאָ־דיסמענטן פונעם פובליקום מיט די קאָמפּלימענטן פונעם דאָקטאָר לעוויום האָבן נאָך נישט אויף אזויפיל פארדרייט דעם קאָפּ אונדזער יונגן העלד, אז ער זאָל פארגעסן אויף א מינוט אָן הער ברײנדעלע קאָזאק, וואָס איז די איינציקע אָט דאָ, וועלכע קאָן אים אָפּגעבן א גרוס פון דעם חזנס טאָכטער, פון רייזלען.

רייזל! רייזל! ווו ער זאָל נישט זיין, וואָס ער זאָל נישט טאָן — שטייט אים פאר די אויגן רייזל. און היינט — העלער ווי אלעמאָל. און ער הערט זיך צו, ווי דאָס הארץ קלאפּט אים שווין, נאָך איידער ער וועט עפּעס וואָס הערן וועגן איר... און ער קוקט זיך ארום און ער זוכט די קליינינקע, די גראָבינקע, וואָס מע רופט זי „ברײנדעלע קאָזאק". אָט איז זי דאָ צווישן אלע. קוקט אויף אים מאָדנע און נעמט אים דורך מיט די אויגן, גלייך ווי זי ווייסט עפּעס... מאָדנע גייט זי אָנגעטאָן. א רויטע ראָטאָנדע, א רויטע און א ברייטע. און אליין זעט זי אויך אויס עפּעס מאָדנע, גלייך ווי אָט־אָט כאפּט זי א טענצל. א געשטאלט איז ביי איר פון א פעסל. פים קיילעכיקע, גראָבינקע, קורצינקע. הענט — פּאמפּעש־קעס, אייגעלעך נישט קיין גרויסע, יאַפּאָנישע, נאָר מיט שטאַרק געדיכטע ברע־מען. און א פּנים דווקא א ווייס און א קיילעכיקס, ווי א טעלער, ווי א לבנה, און שטענדיק שמייכלט זי. באווייזט א גרוים מויל מיט געזונטע ווייסע ציין. טוט איר א קוק אויף איר, איז ווי ביטער עס זאָל אייך נישט זיין אויפן הארצן, מוזט איר א שמייכל טאָן. א מאָדנע לעכערלעכע פיגור אָט די „ברײנדעלע קאָזאק"!

און דאָך האָט זי אויסגעזען אין דער מינוט ביי ראפאלעסקאָן אין די אויגן גאנץ היפּש און חנעוודיק. מיט וואָס פאר א חשק וואָלט אין דער מינוט אונדזער העלד וועלן, אז אלע ארטיסטן פון ביידע טרופּעס זאָלן כאַטש אויף א קורצער צייט ארײַן אין דער ערד, אָדער אוועק צו אלדי רוחות, בכדי ער זאָל בלייבן מיט אָט דער חנעוודיק־לעכערלעכער פיגור אינצווייען און רעדן מיט איר פון רייזלען, פון רייזלען... איז אָבער טאקי נאָר מעשה־שטן, גלייך ווי מע האָט זיי געדונגען, זיי זאָלן אַלע שטיין אָט דאָ אַרום אים און קוקן אַלע אויף אים, און וואַרטן אַלע אויף אים, אויף אים איינעם, ביז ער וועט פאַרטיק ווערן אויף צו גיין אלע אינאיינעם מיטן דאָקטאָר לעוויום אין א קאַפע. און דערווייל שמועסט מען און מע באַלאַגורעט און מע לאַכט. אַ פריילעך געזינדל.

— וואָס דויערט דאָס ביי דיר היינט אזוי לאנג? — זאָגט האָלצמאַן צו ראפאלעסקאָן און העלפט אים זיך אָנטאָן און נעמט אים ארום דעם האלדז מיט א קאשנע, ער זאָל זיך נישט צוקילן, און זיי לאָזן זיך גיין, און דער גאנצער עולם

נאָך זיי אין דרויסן ארויס מיט א רעש, מיט א הו־הא און מיט א געלעכטער, אַזוי ווי די חדר־ייִנגלעך, וואָס מע האָט נאָר וואָס אָפּגעלאָזט פון לערנען.

אין דרויסן איז א שטילע שטערנדיקע נאכט. ביי דער טיר פון טעאטער שטייט א קארעטע מיט פערד — נישט קיין געוויינלעכע זאך פארן לעמבערגער יידישן טעאַטער. די חברה אַקטיאָרן בלייבן שטיין: „וועמענס איז קאַרעטע? וועמענס איז פערד?“ — דאָס האָט דער דאָקטאָר לעוויום באשטעלט זיין עקיפּאַזש פאר זיך און פארן גאַסטראָליער ראפאלעסקאָ און, זעלבסטפארשטענדלעך, פאר זיין אימפּרעסאריאָ האָלצמאַן. און אלע דריי זעצן זיך אריין אין דער קארעטע. האָלצמאַן קאָן זיך נישט איינהאַלטן און מוז אַ זאָג טאָן: „אַ רוח אין געלטס טאַטן אריין“... דער דאָקטאָר לעוויום טוט א זאָג צום גאנצן עולם: „אלזאָ, מיינע הערן, אין קאפע מאָנאָפּאָל?“

דער עולם קוקט און איז מקנא דעם גליקלעכן ראפאלעסקאָ. זיי זאָגן זיך איינער דעם אנדערן מיט א געלעכטערל און מיט א פסוק:

— מי באש ומי במים...

— מאכט רש״י: ווער עס פאָרט און ווער עס גייט צופוס...

## קאַפּיטל זעקס און פופציק

# ער טרינקט פאר די בלאָנדזשענדיקע שטערן

אַז די אַקטיאָרן פון ביידע טרופּעס זענען אַריינגעקומען אין קאפע „מאָנאָפּאָל“, זענען זיי אריין מיט אזא רעש און אויסגעזעצט זיך ארום די טישן מיט אזא ברייטקייט, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן אויסטרינקען און אויפעסן אלצדינג, וואָס אין דעם הויז געפינט זיך. באַלד זענען אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד צוויי קעלנערס אין קורצע פראַקן מיט לאַנגע עכט סעמיטישע נעזער און האָבן אוועקגעשטעלט זיך פון ביידע זייטן ביי די אריינגעקומענע געסט אָן ווערטער, ווי איינער רעדט: „וואָס פארלאנגען די הערן?“ — האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז די „הערן“ פארלאנגען דערווייל נאָך קיין זאך נישט. זיי ווארטן אויף א פּאָר פארשוינען, און דערווייל האָט מען זיך גענומען אָפּלצוועוען טאקע פון די „פּאָר פארשוינען“, וואָס מע ווארט אויף זיי, און מער פון אלעמען האָט מען איינגעטיילט דעם דאָקטאָר „לויתן“. איינער האָט אים קונציק נאָכגעמאַכט, וויאַזוי ער האַלט די הענט אין די קעשענעס, קוקט אריבער די ברילן און רעדט און שפריצט מיט די ציין. דער אַנדערער האָט אים איבערגעקרומט, וויאַזוי ער האָט אַפּלאָדירט ראפאלעסקאָן מיט הענט און מיט פיס און מיט אלע אברים. א דריטער האָט באוויזן, וויאזוי ער האָט ארומגעכאפּט דעם „יאט“ קושן, און וויאזוי דער

„יאט“ האָט זיך נעבעך דערשראָקן. און די גאַנצע חברה ווערט צעגאַנגען פאַר געלעכטער.

אַקטיאָרן זענען בכלל אַ פריילעכע אומה. נישט אומזיסט רופט מען זיי ביי אונדז „פארשלעפטע קרענק“. צי ס'איז דאָ פון וואָס, צי ס'איז נישטאָ פון וואָס — מע לאַכט. זאָגט איינער אַ חכמה, לאַכט מען. זאָגט ער אַ נאַרישקייט — דאַרף מען דאָך אוודאי לאַכן.

— אונדזער „לויתן“ קער זיי דאָרט לייענען אַ לעקציע אין פאַעטאָן וועגן „קונסט“...

און גלייך ווי זיי זענען געווען דערביי. דער דאָקטאָר לעוויום האָט לכתחילה אָנגעזאָגט דעם קוטשער, ער זאָל זיי נישט פירן גלייך צום קאַפע „מאָנאָפאָל“, נאָר מאַכן פריער אַ קליינעם טור אַרום דער שטאָט שעפן פרישע לופט. אַ מעצענאַט, וואָס האָט געלט, צערעמאָניעט זיך נישט אַזוי שטאַרק מיט אָרעמע אַקטיאָרן און נאָך יידישע דערצו. דער דאָקטאָר לעוויום איז געוווינט געוואָרן, אַז אַן אַקטיאָר זאָל האָבן פאַר אים דאָס נייניעריקע. דער כוח פון געלט. ער איז נאָר אַריינגעקומען אין קאַפע, איז דער גאַנצער עולם, ווי איין מענטש, אויפגעשטאַנען און מיט רעספעקט אָפגעטראָטן אים דעם אויבנאָן, וועלכן ער האָט פאַרנומען מיט דעם גוף פון אַ מענטש, וואָס ווייסט זיין אָרט. דערפאַר האָט ער אָבער אוועקגעזעצט נעבן זיך דעם גאַסטראָליער ראַפאַלעסקאָ פון דער רעכטער האַנט און דעם אימפרעסאַריאָ האָלצמאַן פון דער לינקער האַנט, און די זיצונג האָט באַלד באַקומען אַ פייערלעך פנים, און די שטימונג איז געוואָרן אַ געהויבענע. דער דאָקטאָר לעוויום האָט געגעבן אַ קלונג, און ביידע קעלנערס מיט די קורצע פראַקן און מיט די לאַנגע סעמיטישע נעזער זענען ווידעראַמאָל אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד, צוגעלאָפן גלייך צום דאָקטאָר לעוויום און געקוקט אים אין די אויגן אַריין מיט אַזויפיל רעספעקט און נייגעריקייט, גלייך ווי דאָס, וואָס דער דאָקטאָר לעוויום וועט זיי באַלד זאָגן, וועט האָבן פאַר זיי און פאַרן קאַפעהויז און פאַר דער גאַנצער וועלט מי יודע וואָס פאַר אַ ווערט. ביידע קעלנערס האָבן זיך אַזש צוגעבויגן, די הענט אַרונטער, און פאַרהאַלטן דעם אָטעם אויף אַזויפיל, וויפל ס'איז נאָר מעגלעך פאַר אַ לעבעדיקן נפש, וואָס מוז אָטעמען. דער דאָקטאָר לעוויום האָט אָבער נישט אַזוי גיך אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן. ער האָט זיך פריער גאַנץ פיין אויסגעגלעט דעם דרייעקיקן שאַרבן, דעם שטערן פאַרקנייטשט, די אויגן האַלב צוגעמאַכט און געקוקט פאַרטראַכט אַריבער די ברילן אין איין פינטל אַריין, ווי אַ מענטש, וואָס האַלט ביים אויפלעזן אַ וועלט־פראָבלעם. דאָס וואָרט איז געזאָגט געוואָרן. דער דאָקטאָר לעוויום וואָלט בעטן ביי די קעלנערס, זיי זאָלן אַזוי גוט זיין ברענגען ביר, אַלעמען צו קופל ביר, און כשרע וורשט אויף צו פאַרבייסן.

די קעלנערס האָבן זיך אויסגעגלייכט, האָבן ביידע מיטאַמאָל זיך אַ לאָז געגעבן מיט אַזאַ אימפּעט און מיט אַזעלכע שײַנענדיקע פּנימער, גלייך ווי זיי וואָלטן וועלן אָנזאָגן דער וועלט אַ בשׂורה, אַז עמעצער, אַ גאָענטער באַקאַנטער, האָט אַנטדעקט דעם נאָרדפּאָל, אָדער, ווייניקסטנס, אַז מע האָט עמעצן באַפֿרייט פֿון געפֿענגעניש.

דאָס ביר איז סערווירט געוואָרן, די כשרע וווּרשט האָט מען מיט כּבֿוד אויפֿגענומען, אָפּגערייניקט פֿאַר איר אַ ריינעם אָרט, און דער דאָקטאָר לעוויוס האָט זיך אויפֿגעהויבן, ווי אַ פּרעזידענט, און מיט זייער אַ זיס שמייכעלע, וואָס האָט זיך צעגאָסן אויף זײַנע גראָבע ליפּן און גרויסע ווײַסע ציין, וועלכע האָבן זיך ביי אים מאָהנע צעוואַקסן איינער אויפֿן אַנדערן, האָט ער אָפּגעהאַלטן אַ טאָסט, אַ לאַנגע, אַ גלענצנדע רעדע.

געשפּראָכן האָט דער דאָקטאָר לעוויוס, נאַטירלעך, הויך־דײַטש, וואָרעם וויבאַלד אָפֿיציעל, מוז מען שפּרעכן דײַטש. אין דרײַ ווערטער גיבן מיר איבער דעם גאַנצן אינהאַלט.

דער דאָקטאָר לעוויוס האָט קודם־כּל געגעבן אַ קורצן איבערבליק איבער דער געשיכטע פֿון טעאַטער בכלל, וואָזוי די קונסט האָט זיך אַנטוויקלט ביי אַלע פֿעלקער אין פֿאַרשידענע לענדער, פֿון דעם גרויסן שעקספּירס צײַטן ביז צו הײַנטיקן טאָג. פֿאַרשטייט זיך, אַז דערבײַ איז אַרויסבאַוויזן געוואָרן אַ מוראדיקע ערודיציע, און נעמען פֿון ביכער און פֿון פֿאַרפֿאַסערס האָבן זיך געשאָטן, ווי אַ האָגל, אויף די קעפּ פֿון די אויסגעהונגערטע אַקטיאָרן, וואָס האָבן שעלמיש געוואונקען צום אָנגעשוימטן שפּילנדיקן ביר און פֿרײַנדלעך געשמייכלט צו דער כשרער וווּרשט, וואָס האָט געלאָזט הערן פֿון זיך אַ ריח־ניחוח פֿון גוט גערייכערט פֿלייש מיט אַ זייער פֿײַנעם אַראָמאַט פֿון דײַטשישן קנאָבל. חבֿרה האָט שוין אָנגעהויבן ביסלעכווײַז צו שדכנען זיך צו די קופּלעס מיט ביר, וואָרעם לויט דעם דאָזיקן „קורצן איבערבליק" האָבן זיי אויסגערעכנט, אַז ביז דער דאָקטאָר „לויתן" וועט פֿאַרטיק ווערן מיט שעקספּירן, קאָנען זיי דרײַ מאָל פֿאַרטיק ווערן מיטן ביר און מיט דער כשרער וווּרשט.

דער דאָקטאָר לעוויוס האָט אָבער אַליין אַרויסגעזען, אַפּנים, אַז ער איז מיט זײַן „קורצן איבערבליק" אַ ביסל צו ווײַט אַוועק, האָט ער קונציק געגעבן אַ שפּרונג איבער פֿון שעקספּירן גלייך צום „פֿאָטער פֿון דער יידישער בינע", צו גאָלדפֿאַדענען, און צו זײַנע נאָכפֿאָלגער, ביז ער איז בשלום אַריבער צו די אַרטיסטן פֿון יידישן טעאַטער דאָ אין לעמבעריג און צו די אַרטיסטן פֿון אַלע אַנדערע טעאַטערס, וואָס בלאָנדזשען אַרום פֿון שטאָט צו שטאָט און הייבן אויף די פֿאָן פֿון דער יידישער קונסט. איינער פֿון די דאָזיקע באַדײַטנדסטע בלאָנדזשענדע אַרטיסטן, האָט דער רעדנער געזאָגט, איז דער יונגער גאַסט פֿון בו־

קאַרעשט, דער שוין באַרימטער מאַעסטראָ, דער טאַלאַנטפולער קינסטלער ראַ־פּאַלעסקאָ, וועלכן זיי האָבן די ערע דאָ אינעם ענגן קרייז פון ליטווער אַרטיסטן צו באַגריסן.

„דיזער יונגער אַרטיסט, מיינע דאַמען און הערן, — האָט דער דאָקטאָר לעוויוס זיך געווענדעט צו די אַרטיסטן, באַווייזנדיק אויף ראַפּאַלעסקאָן, — די־זער יונגער אַרטיסט איז ערשינען פאַר אונדזערע אויגן גאַנץ אונערוואַרט, ווי עס ערשיינט אַמאָל אויפן הימל אַן אונערוואַרטעטער פּאַר דער אַסטראָנאָמיע, אַ לויכטנדער, אַ בלאַנדזשענדער גלענצנדער שטערן. גאַנץ אונערוואַרטעט האָט פּאַר־בלאַנדזשעט צו אונדז דער דאָזיקער בלאַנדזשענדער שטערן ראַפּאַלעסקאָ און האָט באַלויכטן דעם גאַנצן הימל פון אונדזער יידישער בינע. אָבער נישט אויף לאַנג, מיינע דאַמען און הערן, ליידער גאָר אויף אַ קורצער צייט, ווי אַלע גרויסע בלאַנדזשענדע שטערן, וואָס אַט באַווייזן זיי זיך, און אָט ווערן זיי פאַרשוואונדן...

איך הויב מיין טאָסט, מיינע דאַמען און הערן, — האָט דער דאָקטאָר לעוויוס אויסגעלאָזט זיין דרשה, — איך טרינק פאַר אונדזערע יידישע בלאַנדזשענדע שטערן. „האָך!“

אַ דרייפאַכיקן „האָך“ האָבן אונטערגעכאַפּט די אַרטיסטן פון ביידע טרו־פּעס און באַדאַנקט דעם רעדנער מיט אַ היפּשע פּאַרציע אַפּלאָדיסמענטן, און מע האָט זיך געגעבן אַ נעם צום ביר און צו דער כשרער וורשט.

— פאַר אונדזערע בלאַנדזשענדע שטערן! — זאָגט צו אים נאָכאַמאָל דער דאָקטאָר לעוויוס מיטן לעצטן טרונק ביר, טוט אַ קלונג צו די קעלנערס, צעצאָלט זיך און געזעגנט זיך אָפּ מיטן גאַנצן עולם ביז דער צווייטער פאַרשטעלונג, ביז מאָרגן.

— אויף ווידערזען.

— ברוך שפּטרני! — רופט זיך אָן איינער פון דער חבריא, בעת דער דאָק־טאָר לעוויוס איז שוין אויף יענער זייט טיר.

— אַלצדינג איז ביז אַ צייט, — כאַפּט אים אונטער נאָך איינער.

— נישטאָ קיין אייביקע זאַך אונטער דער לבנה, ווי דאָן פּעדראָ זאָגט.

— יאָלד! וואָסער דאָן פּעדראָ? דאָס האָט גאָר געזאָגט משה רבינו.

— קערסט מיינען — שלמה המלך?

— לאָז זיין שלמה המלך. קינדער, צו דער אַרבעט! די נאַכט שטייט נישט. און דער עולם הייבט זיך אויף פון די טישן און מע שפּאַצירט אַריין אַהין, אינעם אָפּגעשלאָסענעם זייטיקן צימער, וווּ מע קאָן כאַפּן אַ קערטל.

## קאַפּיטל זיבן און פּופציק

# ביי די קאָרטן

חברה אַקטיאָרן, אַז זיי פאַרקלייבן זיך אַהין, אינעם קליינעם קאָרטנצימערל פון קאַפע „מאָנאָפּאָל“, ווייסט מען דען, ווי די צייט קומט אַהין?

זעצט מען זיך אַוועק שפּילן, מוז זיין עמעצער אַ כּפּרה־הינדל, וואָס דאָס רוב ווערטלעך און דער גרעסטער חלק קללות פאַלן אויף זיין קאָפּ.

צום מיינסטן איז דאָס כּפּרה־הינדל שוואַלב, אונדזער באַקאַנטער טראַגיקער איזאַק שוואַלב.

איצטיקס מאָל האָט זיך שוואַלב געהיצט ביי די קאָרטן מער ווי אַלעמאָל. „אַ באַקעטער איז אים איבערגעגאַנגען דעם וועג“. עס איז אים נישט געגאַנגען דאָס בלאַט, כאָטש טו זיך אָן אַ מעשׂה. ביידע, אי ער, אי די שוועסטער, די פּרימאַדאָנע, הענריעטאַ שוואַלב, האָבן געהאַלטן אין איין בייטן געלט און האָבן ביידע געפלאַמט ווי אַ העליש פייער...

אויף דער שוועסטער האָט אים נאָך מער געאַרט, ווי אויף זיך. האָט ער גענומען איר אויסרעדן פאַר אַלעמען, אַז זי „ברענט געלט“. האָט זי אים געזאָגט, אַז זי ברענט איר געלט, נישט זיינס. האָט ער איר געזאָגט: „וואָס גרעט“. האָט זי אים געזאָגט: „דריי סיגאַרעטלעך“... האָט ער איר... האָט זיך אים... אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, עס הייבט אָן ווערן הויך־אינטערעסאַנט. דער עולם מישט זיך אַריין. אַ סך נעמען זיך אָן פאַר דער פּרימאַדאָנע. פאַראַן אָבער אויך אַזעלכע, וואָס האַלטן מיטן ברודער. נעמען זיי זיך אָן זיין קריוודע. ווערט ער נאָך מער אויפגערעגט און זאָגט, אַז ער דאַרף נישט קיין מליץ־יושר און בעט נישט קיינעמס לאַסקע. עס ווערט פריילעך און די געלעכטערן וואַקסן.

ביסלעכווייז ווערן אין די קאָרטן אַריינגעצויגן אויך ביידע דירעקטאָרן: געצלבן געצל און בערנאַרד האָלצמאַן.

אַלס דירעקטאָרן, זיצן די צוויי פאַרשוינען פריער גלאַט אַזוי זיך. זיי קוקן צו, ווי דער עולם שפּילט. ס'איז אינטערעסאַנט צו זען, ווער וועט דאָ געווינען און ווער וועט פאַרשפּילן. דערנאָך שטעלן זיי אַליין אויך אַריין אין קאָן. חלילה נישט אויף צו געווינען. ניין. נאָר אַזוי זיך, אויף קאַטאָוועס. מען איז משעקאַווע זען, וועמענס קאָרט וועט שלאָגן? און ווי עס פירט זיך ביי אַ בלינדער קאָרט, פאַרשפּילן זיי דאָך מסתמא. ווילן זיי זיך אָפּשפּילן, ווערן זיי ווידער באַגראָבן. הייבן זיי זיך אָן צו היצן — און אָט אַזוי ווערן אַלע פאַרטיפט אין דער אַרבעט, און מע זעט שוין נישט מער פאַר זיך די וועלט, אויסער דריי זאַכן: *דעם באַנקיר, דאָס געלט און די קאָרטן*.

קאַרטן פליען, פנימער פלאַמען. אויגן ברענען. געלט קלינגט. די געשרייען וואַקסן. מע רייסט פון די הענט. מע שלאָגט זיך פאַר א קאָרט. ווער עס לאַכט, און ווער נישט. ווער ס'איז צופרידן, און ווער נישט. אויפגערעגט זענען אַלע. מען איז גרייט איינס דאָס אַנדערע דורכן זיין, איינשלינגען לעבעדיקערהייט.

נאָר צוויי פּאַרשוינען האָבן נישט גענומען קיין אָנטייל אין דער וואַקכאַנאַליע פון די קאָרטן. דאָס זענען געווען אונדזער יונגער העלד ראַפאַלעסקאָ און ברײַנדל טשערניאַק, אָדער, ווי מע רופט זי, „ברײַנדעלע קאַזאַק".

נישט מחמת די צוויי זענען חלילה ווייט פון קאָרטן. אדרבא, אויף ברײַנדעלע קאַזאַק זאָגן די חברה, אַז „זי וועט פאַרשטעקן דרײַ מאַנצבילן בײַ די קאָרטן".

„בײַ איר צו געווינען א גראָשן, זאָגן זיי, איז ווי פון א וואַנט צו צאַפּן ווײַן"...

„ברײַנדעלע קאַזאַק, אַז זי געווינט, כאַפּט זי אויס, זאָגן זיי, די יאַרמעלקע מיטן נים און — טיו-טיו". אזוי זאָגן אויף איר חברה אקטיאָרן. און ברײַנדעלע טוט זיך אירס: געווינט זי — באַהאַלט זי דאָס געווינס טיף אין קעשענע; זעט זי, אַז עס גייט איר נישט די קאָרט, הערט זי אויף צו שפּילן. אָט אַזאַ מענטש איז ברײַנדעלע קאַזאַק.

אויך ראַפאַלעסקאָ האָט נישט פיינט א קערטל. פאַרקערט, מע קאָן זאָגן, אַז ער האָט דאָס זייער-זייער ליב. נאָר וואָס דען? זיין שפּילן איז גאָר אויף אַן אַנדער מין ארט. אים אינטערעסירט נישט אזוי דאָס געווינען אָדער דאָס פאַרשפּילן, ווי דאָס שפּילן גופא. דער פּראָצעס פון קאָרטנשפּיל איז פאַר אים אליין פאַר זיך א זאַך פון הויכן אינטערעס.

„כאַ-כאַ! שוין דאָס זעקסטע מאָל, אַז איך שטעל אַוועק אויפן קעניג פּיק, און איר זאָלט זאָגן, ער זאָל דאָס איין מאָל אויסנעמען"...

אָדער „כאַ-כאַ! וואָס זאָגט איר דערויף? איך האָב דאָך שוין ווידעראַמאָל פאַרשפּילט!".

די צוויי, ברײַנדעלע קאַזאַק און ראַפאַלעסקאָ, האָבן נאָר אָפּגעוואַרט די צייט, ביז דער טומל איז געוואָרן גענוג גרויס און דער גאַנצער עולם פאַרהיפּנאָטיזירט, דעמאָלט האָבן זיי זיך אָפּגעקערעוועט אין א זייט, און ס'איז גיך פאַרבונדן געוואָרן צווישן די צוויי אן אינטימער געשפּרעך: „עס דאַכט זיך אים, אויב ער האָט קיין טעות נישט, אַז ער האָט זי געזען אין האָלענעשטי?"... „ניין, ער האָט קיין טעות נישט". דער מאַדאַם טשערניאַקס קיילעכיק פּנים ווערט רויט, און די אייבערשטע ליפּ הייבט אָן בײַ איר צו שוויצן. „זי האָט אים באַלד דערקענט, כאָטש ער איז אויסגעוואַקסן... געוואָרן א גרויסער... אפשר וואָלטן זיי זיך צוזעצן אויף א ווײַלע?"...

און זיי זעצן זיך אַוועק באַזונדער בײַ א טישל, און דער שמועס וויקלט זיך און וויקלט זיך: „האָלענעשטי... טעאַטער... טרופּע... שטשופּאַק..." ער טוט זי א פרעג פאַרבייגייענדיק:

— ווו זשע איז ער איצט, אָט דער שטשופּאַק?

— שטשופּאַק ווו ער איז? עהע=הע! (זי טוט א מאַך מיט ביידע הענט) עליו השלום...

ראַפּאַלעסקאָ טוט זיך א כאַפּ אויף:

— געשטאָרבן?...

די מאַדאַם טשערניאַק צעלאַכט זיך געשמאַק, באַווייזט אַלע ציין:

— כא=כא=כא, שטשופּאַק געשטאָרבן? נישט אַזאַ מענטש איז שטשופּאַק, ער זאָל טאָן אַזאַ נאַרישקייט. ער איז דווקא געזונט און שטאַרק אויף אַלע אברים, נאָר דער קאָפּ איז אים אין דער ערד. אוי, אין דער ערד! אחוץ וואָס ער האָט צו טאָן שטענדיק מיט ווייבער — דער כל=בוניק שטשופּאַק פאַרגינט זיך האָבן דריי ווייבער, דריי מכות אים אין האַלדז — האָט ער געכאַפּט א זייטיקן קלאַפּ, וואָס ער וועט אים האָבן צו געדענקען, און צו גאָט א האָפענונג, אַז ער וועט שוין אַזוי גיך נישט אויפשטיין קיין תחית=המתים.

די מאַדאַם טשערניאַק רוקט זיך צו צו אים נענטער און דערציילט אים מיט האַריץ, מיט היץ און מיט הענט פון שטשופּאַקן. וויאַזוי ער איז נעבעך אויף צרות, אויף גרויסע צרות. א קלייניקייט, א מענטש האָט זיך אויסגעבראַכט, אויסגעפאַרזעצט און אויסגעפאַרקויפט דאָס גאַנצע ביסל בריליאַנטן, וואָס ער האָט פאַרמאָגט! און ווער עס קען שטשופּאַקן מיט זיינע בריליאַנטן, דער וועט דאָס פאַרשטיין... און צוליב וואָס? — צוליב א מיידל, וואָס אים האָט זיך געחלומט, אַז זי וועט זיין מיט דער צייט זיין גאַנץ אָנשפּאַרעניש, זיין צירונג און זיין אַלץ. א פרימאַדאָנע, וואָס ער וועט נאָכ=פרימאַדאָנע האָט זי ביי אים געזאָלט זיין. אַ פרימאַדאָנע, וואָס ער וועט נאָכ=
דעם מאַכן — מאַכן זאָל זיך אים א מכה — דורך איר א פאַרמעגן... צום סוף איז דאָך פאַראַן א גאָט אויף דער וועלט. וואָס טוט גאָט? טרעפט זיך א מעשה, אַז דאָס מיידל דאַרף זיך באַקענען ערגעץ אויף א קאָנצערט מיט דער וועלט=באַרימטער זינגערין מאַרטשעלאַ עמבריך, און די מאַרטשעלאַ עמבריך הערט זי זינגען, ווערט זי נאָך איר די כפּרה, און נעמט זי אַוועק צו זיך און גיט זי אָפּ אין ווין אין קאָנסערוואַטאָריום. נו, זאָל ער נישט איינעמען קיין מיתה=משונה, שטשופּאַק, אַז מע פאַרלירט אַזאַ פרימאַדאָנעכין, וואָס ער וואָלט געקאָנט דורך איר אויפקומען? איי, א פרימאַדאָנעכין! שטשופּאַק זוכט אוים! א מיידל א גאָלד... נאָך גאָר א קינד... בלוט און מילך... שיין, ווי דער טאָג, און זינגען זינגט דאָס — אַז עס לאָזט זיך אוים די וועלט... ראָזע הייסט זי, ראָזע ספּיוואַק.

— רייזל?!...

## קאַפּיטל אַכט און פופציק

# ווער ס'איז שיין — זי איז קלוג

ברײַנדל טשערניאַק, אָדער „ברײַנדעלע קאָזאַק“, אַז זי האָט דערהערט פון ראַפּאַלעסקאָן דעם אויסגעשריי „רייזל“, האָט זי זיך שוין מער נישט געקאָנט איינהאַלטן. זי האָט געגעבן אַ פּליעסק מיט די הענט און געמאַכט זיך אַליין אַ קאָמפּלימענט:

— אוי! אוי! נו?... ווער ס'איז שיין — איך בין קלוג!...

יאָ. זי מעג זיך טאַקע באַרימען, אַז זי האָט אַן אויג. אוי אַן אויג! אַן אויג! באַלד, אין דער ערשטער מינוט, ווי זי האָט נאָר דערזען הינטער די קוליסן אָט דעם „לעאָ ראַפּאַלעסקאָ פון בוקאַרעשט“, אַזוי איז איר געקומען אויף די געדאַנקען, אַז ס'איז „ער“... אָט דער, וואָס זי האָט אים געזען אײַנגעם מיט דער ספּיוואַק. און נישט איינמאָל האָט זי אים געזען, נאָר עטלעכע מאָל, אַ סך מאָל. און זי האָט באַלד אַ נעם געטאָן גריבלען בײַ זיך אין זכרון: „רבונו של עולם! ווו האָט זי אים געזען אײַנײַנעם מיט ראָזע ספּיוואַק? — נו, פאַרשטייט זיך, אַז אין האָלענעשטי, אין טעאַטער! ערשט היינט איז איר דאָס קלאָר געוואָרן, קלאָר ווי דער טאָג. ווײַבאַלד אַזוי, איז איר שוין פאַרענטפערט אַ סך זאַכן. ערשטנס, איז איר שוין רעכט, וואָס אָט די ראָזע ספּיוואַק האָט אַזוי אײַנגעלייגט די וועלט... אָ! נאָך אַזאַ בחור, כ'לעבן, מעג מען זיך פאַרבענקען... אַך, ווען ער זאָל וויסן, ווי ראָזע האָט נאָך אים געבענקט!...“

— געבענקט?...

ראַפּאַלעסקאָ פילט, אַז עס פאַרכאַפּט אים דער אָטעם. און די מאַדאַם טשערניאַק טוט אים אַ זעץ איבער דער הענט: „זע נאָר, ווי ער מאַכט זיך תמעוואַטע!... נעבעך! נעבעך! אַזאַ יונגיטשקער און קאָן שוין אָפּנאַרן, אײַ, אײַ, אײַ! געבענקט — פרעגט ער! בענקען צו בענקען איז דען גלייך? אויסגעגאַנגען! אויסגעגאַנגען, ווי אַ ליכט. דאָס מיידל האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען... פון וואַנען זי ווייסט דאָס? — כאַ־כאַ, אַ שיינע מעשה! זי און ראָזע זענען דאָך געווען ווי אַנדערע צוויי. ווי שוועסטער. ווי אייגענע שוועסטער... עס איז דען געווען אַ זאַך, וואָס ראָזע זאָל פאַר איר נישט פאַרטרויען? איינמאָל האָט זיך געטראָפן אַ מעשה... שאַ! ווו האָט זיך עס געטראָפן? זי געדענקט שוין נישט אַקוראַט. ווו זענען זיי דען נישט אויסגעווען? אַזויווי די ציגײַנערס האָבן זיי זיך אַרומגעשלעפּט מיט דעם שטשופּאַקן, פאַרשלעפּן זאָל מען אים, רבונו של עולם. פון לאַנד צו לאַנד. פון שטאָט צו שטאָט. ווו מע האָט געטאָגט, האָט מען נישט גענעכטיקט. בלײַבן לאַנג אויף איין אָרט — האָט אים נישט געשטויגט איבער זײַנע ווײַבער, וואָס האָבן אים געיאָגט און גערודפט. אַלעמאָל, אַלעמאָל קומט צו אים אַ פריש

וווייב, קומען זאָל אויף אים פּרעהס שלעק. און א טרופּע איז ביי אים דעמלט געווען — אזא יאָר אויף אים. איין דראָנג גרעסער פונעם אנדערן. ווען נישט זי, ברײנדל טשערניאק, מיט איר שפּילן, און ראָזא ספּיוואק מיט איר זינגען, וואָלט ער געמעגט נעמען א טאָרבע און גיין איבער די הייזער, אָדער גלאט אָנלייגן מיטן קאָפּ. אויף זיי אינצווייען, קאָן מען זאָגן, האָט זיך געהאלטן דאָס גאנצע שטיקל טעאטער. און איבערהויפּט, אויף ראָזאס זינגען לידלעך. דאָס איז געווען א זינגען! דאָס איז געווען לידלעך!"... די מאדאם טשערניאק איז געווען די ערשטע, וואָס האָט נביאות געזאָגט נאָך דעמלט, אז דאָס מיידל וועט אמאָל זיין גרויס און בארימט, וואָרעם זי, די מאַדאַם טשערניאַק, איז אויף די זאַכן שוין דווקא א מבין... „וואָס זי האָט זיך שוין אָנגעזען אויף איר לעבן — אוי־אוי־אוי! זי האָט ראָזען אליין געזאָגט וויפל מאָל, אז נישט דאָ איז איר אָרט. קיינער וואָלט זיך נישט איינגעשטעלט מיט איר אזוי אויפריכטיק צו רעדן, ווי זי, און פאר קיינעם וואָלט ראָזא נישט פארטרויט איר הארץ, ווי פאר איר, וואָרעם קיינער קען נישט — ניין, קיינער קען נישט אזוי שטשופּאקן, ימח שמו, ווי זי קען אים... האָט זי געוווסט, מיט וואָס דאָס שמעקט. אן עלנטע... נאָך גאָר א קינד... בלוט און מילך... געהייסן האָט דאָס אַפילו פאַר דער וועלט, אַז די ראָזאַ ספּיוואַק איז שטשופּאַקס אן אייגענע, א פּלעמעניטשקע, וואָס ער האָט זי אראָפּגעבראכט פון ווארשע. א פּלעמעניטשקע פון ווארשע? כא־כא! דאָס וועט ער דערציילן דער באָבען, נישט איר! זי, ברײנדל טשערניאק, האָט באלד אָנגעשמעקט, אז ראָזא איז אזוי א פּלע־מעניטשקע, ווי זי איז א קייסערינע. נאָר ער וויל א פּלעמעניטשקע — כאַפּט אים דער וואַטנמאַכער — זאָל זיין א פּלעמעניטשקע... און זי האָט גענומען נאָכקוקן, נאָכשמעקן, אויסטאַפּן ביי שטשופּאקס פליגל־אדיוטאנט. שלום־מאיר הייסט ער ראפּאלעסקאָ דארף אים געדענקען"... — „אָ! ער געדענקט אים זייער גוט, פאר־וואָס זאָל ער נישט געדענקען? א נידעריקער, א פרייליכער, א פארשלעפּטע קרענק"...

— א פאַרשלעפּטע קרענק? — כאַפּט אים אונטער ברײנדעלע קאָזאק. — א וואַגאַבונד, א גנב, אן אויסוואורף פון דער נאַטור, נאָך א גרעסערער כל־בוניק פון זיין באלעבאָס. ווי א געטרייער הונט, איז ער איבערגעגעבן צו אָט דעם שטשו־פּאקן, ווייסט דער רוח די ביינער זייערע, וואָס האלט דאָס זיי שטענדיק איני־נעם, אָט די צוויי? ווו מע זייט זיי נישט, דאָרט וואקסן זיי...

און זי הערט נישט אויף צו שיטן אויף זיי פּעך און שוועבל, און אונדזער יונגער העלד שלינגט, שלינגט איטלעכס וואָרט. ער וואָלט שוין וועלן הערן פון איר עפּעס אזעלכעס, וואָס געהער זיך אָן מיט רייזלען, און זי קלאפּט אים וועגן שטשופּאקן און ווידעראמאָל וועגן שטשופּאקן. זי זעט אָבער אליין אויך, אז ס'איז שוין צופיל שטשופּאק, שלאָגט זי זיך אליין איבער די רייד: „יאָ, ווו זשע האלט זי, הייסט דאָס? אלץ ביי דער ראָזא ספּיוואק... קומט זי צו גיין צו איר

איינמאָל, ראָזא הייסט עס, און פרעגט ביי איר, אויב זי קאָן װארפן אויף קאָרטן? װאָס עפּעס פּלוצעם? קאָנען קאָן זי. נאָר זי װייסט, זאָגט זי, איינע א טרעפעריז, װארפט זי אויף קאָרטן, אז עס לאָזט זיך אויס די װעלט... פאלט זי איר אויפן האלדז, ראָזא הייסט עס: נשמהניו, הארצעניו, ליובעניו, מע זאָל זי פירן צו דער טרעפעריז... גיין, זי װיל באלד... װאָס האָט דיר אָנגעשפּארט, פייגעלע?... אָט אזוי װיל זי. א קאפּריזנע מיידל געװען אָט די ספּיוואק, א ברען, פלאם־פייער... פּלוצעם זאָל זי זיך אייך צעוויינען, באהאלטן דעם קאָפּ אין קישן. נישט עסן, נישט טרינקען, נישט גארנישט. און אמאָל זאָל זי אייך ארומכאפּן טאנצן אין מיטן העלן טאָג... „אין מיטן דרינען? משוגע, צי חסר־דעה?"... און אמאָל זאָל זי זיך גאָר צעזינגען, און זינגען און זינגען. טאקע נאָר װי א סאָלאָװיי. א קאפּריזנע מיידל אָט די ספּיוואק"...

„הכלל, װי זשע האלט זי? יאָ, גייען זיי צו דער טרעפעריז, הייסט עס, גוט. געקומען צו דער טרעפעריז — א קלוגע מכשפה. א דורכגעטריבענע. קוקט זי איר אין די אויגן, לייגט אויס די קאָרטן, פאלט אויס אס הערץ — „א ליבע" הייסט עס... און אויבער קאראָ — א „בלאָנדער קאװאליער"... און א זעקסטל, אלעמאָל אן אנדער זעקסטל — „א װעג" הייסט עס.. „א ליבע", „א בלאָנדער קאװאליער" און א „װעג". גוט. און זי לאָזט נישט אראָפּ פון איר קיין אויג, די טרעפעריז, און טייטשט איר אויס, אַז דער „בלאָנדער קאװאליער" טראַכט פון איר כסדר. כסדר... טאָג װי נאכט טראכט ער נאָר פון איר, דער בלאָנדער. טאָג װי נאכט. ער שטרעבט צו איר, צו ראָזען הייסט עס, מיט אלע כוחות, מיטן גוף און מיט דער נשמה... ער װיל זיך, זאָגט זי, מיט דיר אויפטרעפן. ער גייט אויס, ער הלשט און װייסט נישט, װי ארום... װייל איר זענט, זאָגט זי, ביידע אין „װעג", תמיד אין װעג. שטענדיק־שטענדיק אין װעג... ער — אהער, דו — אהין. ער — אהין, דו — אהער... איר האָט זיך ליב, זאָגט זי, איר האָט זיך ליב. ער — דיך, און דו — אים. און איר טראָגט זיך, זאָגט זי, איינס צו דאָס אנדערע, איר שטרעבט, איר רייסט זיך, נאָר איר בלאָנדזשעט, איר בלאָנדזשעט... איר בלאָנדזשעט אזוי װי די שטערן, זאָגט זי, אזוי װי די שטערן אין הימל...

און נאָך עפּעס האָט איר דאָרטן די מכשפה געזאָגט און געזאָגט און געזאָגט. זי געדענקט שוין אָבער נישט — װאָס... זי געדענקט נאָר, אז זיי זענען ארויסגעגאנגען פון דער טרעפעריז, איז איר ראָזא געפאלן אויפן האלדז און געקושן זי קושן און װיינען אזש פאר פרייד... „א קאפּריזנע מיידל — האָט זי זיך דעמלט געטראכט — א קאפּריזנע מיידל"... „איצט איז איר שוין פארענטפערט א סך זאכן", — לאָזט אויס ברײנדעלע קאָזאק מיט א ניגון, און דאָס קיילעכיקע פּנים װערט איר באגאָסן מיט א פעט צופרידן שמייכל.

## קאַפּיטל ניין און פופציק

# אים ווילט זיך זינגען

ס'איז שוין געווען ווייט נאָך האַלבע נאַכט, אַז די חברה אַקטיאָרן פון ביידע קאָמפּאַניעס האָבן סוף־כּל־סוף געענדיקט דאָס שפּילן אין קאָרטן און זענען זיך צעגאַנגען, דער אַהער, דער אַהין. ווער מיט אַ חרטה, און ווער מיט אַ פאַרדראָס. ווער צופרידן, און ווער פאַרזאָרגט, און ווער טאַקע רעכט אין כּעס אויף זיך און אויף יענעם און אויף דער גאַנצער וועלט.

ווי אויף צו־להכעיס, איז נישט געווען קיין איין דראָזשקע אויף דער גאַס, און אונדזערע העלדן, האָלצמאַן און ראַפאַלעסקאָ, האָבן געמוזט גלייך מיט אַלע זיך שלעפּן איבער די לעמבערגער גאַסן פון קאָפּע „מאָנאָפּאָל" ביז צו זיך אויף דער סטאַנציע מחילה צו פוס.

עס איז געווען אַן אָסיענדיקע נאַכט. איינע פון די נעכט, וואָס מע זאָגט אויף זיי: „נישט ווינטער, נישט זומער, נישט וואַרעם, נישט קאַלט". וואָס זשע, פרעגט זיך, איז אונדזער יונגן העלד אַזוי גוט, אַזוי ליב און אַזוי פרייליך? וואָס זשע שמייכלט צו אים אַזוי דער הימל? וואָס זשע ווינקען צו אים אַזוי די שטערן? וואָס זינגען די גאַסן? מיט וואָס שמעקט אַזוי די נאַכט? וואָס טראָגט עס אים אַזוי אין דער לופטן? למאַי ווילט זיך אים היינט אַזוי זינגען? למאַי ווילט זיך אים אַזוי אַרומנעמען זיין פריינד, זיין טייערן ליבן פריינד, און זיך מיט אים צע־קושן דווקא אָט דאָ, אין מיטן גאַס? „ניין, ער מוז אים אַרומנעמען, האָלצמאַ־נען, ער האָט אים ליב. נו, ער האָט אים ליב!"...

יענער קוקט אים אָן, ווי אַ משוגענעם:

— וואָס איז דיר היינט צוגעקומען, מיין טייער שפּילפויגל?

האָלצמאַן קאָן זיך נישט מוחל זיין. ער האָט זיך היינטיקע נאַכט פאַרשפּילט, ווי אַ רעכטער קאַרטיאָזשניק. דער רוח האָט אים געטראָגן זיך צושמירן צו דער באַנק. אַ יצר־הרע, צו אַלדי שוואַרצע יאָר. דערזען אַ פול שיסעלע, האָט אים אָנגענומען אַ חשק. אַ רוח אין געלטס טאַטן אַריין... תחילת האָט ער געהאַט גע־וווּנען. כאַפּ זשע אויס דאָס היטל מיט גיס און גיי אַהיים, דו פערד — ניין, גלוסט זיך נאָך און נאָך. אַ מענטש האָט גרויסע אויגן. און דערצו נישט געקאָנט אָפּזאָגן דעם דירעקטאָר געצל.

— אַ כאָליערע זאָל אויף אים קומען מיט מיין הוסט אינגאַנצן.

אַ שלעכטער סימן. האָלצמאַן, אַז ער הייבט אָן הוסטן און שעלטן דעם הוסט, איז אַ סימן, אַז ער איז נישט אויפגעלייגט. איז אָבער ראַפאַלעסקאָ אויפגעלייגט. אויפגעלייגט? גליקלעך. גליקלעך אויך נישט. נישטאָ דאָס ריכטיקע וואָרט. גע־בענטשט זאָל זיין די דאָזיקע נאַכט! געבענטשט זאָל זיין די דאָזיקע וועלט. די

דאָזיקע שיינע ליבע זיסע וועלט! דעם גאַנצן וועג פון קאַפּע „מאָנאָפּאָל" ביז צו דער סטאַנציע איז נאָר ער רעדט און נאָר ער לאַכט און נאָר ער זינגט. „וואָס איז מיט דעם יאַט?"... דער דירעקטאָר האָלצמאַן טוט אים אַ קוק אין פּנים אַריין — דאָס פּנים שיינט, די אויגן גלאַנצן. „אַפּנים, דעם דאָקטאָר לויטנס קאָמפּלימענטן האָבן אים גוט דעם קאָפּ פאַרדרייט"...

געקומען אויף דער סטאַנציע שוין מיטן טאָג גלייך, זיך קוים דערקלונגען, טוט מען זיך אויס אויף צו שלאָפן גיין, און ראַפּאַלעסקאָ הערט נישט אויף צו רעדן און צו לאַכן. און עס דאַכט זיך האָלצמאַנען, אַז זיין יונגער פריינד רעדט עפּעס היינט מאָדנע דבורים. עס קלעפּט זיך נישט אַ וואָרט צו אַ וואָרט... „ניין, עס געפעלט אים, זאָגט ער, די שטאָט לעמבעריג! לעמבעריג — אַ מחיהדיקע שטאָט. אַ מחיהדיקער נאָמען. לעמ—בע—ריג. און די מענטשן? גאָלדענע מענטשן, זאָגט ער, און דאָס טעאַטער איז אים אויך, זאָגט ער, געפעלן. און די אַרטיסטן — אויסגעצייכנטע מענטשן אַלע".

— און דער דירעקטאָר געצל בן געצל? — שלאָגט אים איבער האָלצמאַן.

„פאַרוואָס נישט? זייער אַ ווילער מענטש אָט דער געצל".

—אַזאַ יאָר אויף אים, אַחוץ שוואַרצקייט! — כאַפּט אונטער האָלצמאַן און וויל פאַרלעשן דאָס ליכט — שוין צייט שלאָפן. לאָזט אים נישט ראַפּאַלעסקאָ. ער וויל נאָך אַ ביסל רעדן.

— משוגע מיינע שונאים? שוין באַלד טאָג.

— כאָטש נאָך אַ ביסעלע, — בעט זיך ביי אים ראַפּאַלעסקאָ און צעלאַכט זיך פון זיך אַליין.

— פון וואָס ווילט זיך דיר רעדן? — פרעגט אים האָלצמאַן.

ער וויל רעדן, ערשטנס, פון דעם דאָקטאָר לעוויוס.

— וואָס איז דאָ צו רעדן פונעם דאָקטאָר לעוויוס? אַ מעצענאַט אַ דייטש, וואָס האָט אין זיך גיין מאָס רייד...

ניין, ער וויל הערן, וואָס טראַכט ער וועגן ווין? וועגן פאָרן קיין ווין? אַך, קיין ווין!...

וואָס זאָל האָלצמאַן טראַכטן וועגן ווין? ווי קאָנען זיי אַוועקוואַרפן אַלע געשעפטן און פלוצעם פאָרן קיין ווין? וואָס איז ביי זיי — גנביש געלט, צי וואָס?... לאָן דער דאָקטאָר לויטן געבן צושטייער אויף הוצאות — ער איז נישט קראַנק. ער האָט אפשר אַ האַלבן מיליאָן, איז ער נישט קליין געבן צושטייער...

ראַפּאַלעסקאָ פאַרטראַכט זיך: „צושטייער? ער וועט זיכער געבן צושטייער. פאַרוואָס זאָל ער נישט געבן? אַ גאָלדענער מענטש אָט דער דאָקטאָר. אַ גאָלד, נישט קיין דאָקטאָר. אַ דימענט פון אַ דאָקטאָר"...

— אַלע זענען ביי דיר גאָלדענע מענטשן. אַלע — דימענטן. דערווייל דאַרף מען שלאָפן. שלאָפן! שלאָפן!

האַלצמאַן ציט אוים דעם לאַנגן דינעם האַלדז פון בעט אַרויס, טוט אַ בלאָז, פאַרלעשט דאָס ליכט, מאַכט צו די אויגן, ווייל אַנהייבן שלאָפן, לאָזט אים נישט ראַפּאַלעסקאָ:

—אָט די קליינינשקע, די גראָבינקע, אָט די ברײַנדעלע קאָזאַק, איז אַ ווילינקע?

האַלצמאַן כאַפּט זיך אויף, שפּאַרט זיך צו אויפן שפּיציקן עלנבויגן פון זיין דאַרער אויסגעטריקנטער האַנט און קוקט מיט די שאַרפע שפּיציקע אויגן אין דער פינצטערניש אַריין, וואָס שנײַדט זיך דורך מיט אַ שיטערן בלויען פּאַס פונעם פרימאָרגן.

ביז דער דאָזיקער מינוט האָט האַלצמאַן געהאַט כמעט פאַרגעסן אָן דער ברײַנדעלע קאָזאַק. איצט האָט ער זיך דערמאָנט, אַז זי איז געזעסן די גאַנצע צייט אינעווייניק מיטן „יאַט" — פון וואָס האָבן זיי געקאָנט רעדן?... „ווער ווייסט?... פאַראַן געגוג שטיגוטערס, ממזרים אויף דער וועלט... ניין, ער קאָן זיך גאָר נישט מוחל זיין, וואָס ער האָט זיך אַזוי פאַרשפּילט מיט חברה אין די קאָרטן, אַז ער האָט גאָר כמעט פאַרגעסן אַכטונג געבן אויפן „יאַט". דאָס אַנ־דערע מאָל וועט ער שוין אַזאַ זאַך נישט טאָן"...

האַלצמאַן קאָן שוין נישט שלאָפן. ער פאַרהוסט זיך און פרעגט ביי ראַ־פּאַלעסקאָן מיט אַ האַלב־וואַכנדיקער שטימע, וועגן וואָס, אייגנטלעך, האָט ער די גאַנצע צייט גערעדט אָט דאָרט מיט אָט דער ברײַנדעלע קאָזאַק?

ראַפּאַלעסקאָס קול באַרואיקט אים: „וועגן וואָס זאָל מען רעדן? וועגן גאָר־נישט, גאָלע גאָרנישט. גלאַט אַזוי געשמועסט. געפּלוידערט. געפּלאַפּלט אין דער וועלט אַריין"...

— דאָך?...

ראַפּאַלעסקאָ גיט אים איבער, וועגן וואָס זיי האָבן געפּלוידערט. ער טראַכט אים אוים פּזמונות, געכטיקע טעג, און לאַכט פון זיך אַליין, וואָס עס גיסן זיך ביי אים אַזעלכע שקרים און אַזוי גרינג, אַזוי גלאַט, ווי אַ בוימל. און וואָס מער ער ליגט, מער קומט דאָס אוים קיילעכיק.

ראַפּאַלעסקאָ פילט, אַז ער רעדט נישט דאָס, וואָס מע דאַרף, שלאָגט ער איבער זיך אַליין:

— אָט די ברײַנדעלע קאָזאַק, כ'לעבן, אַ ווילינקע. אַ גוטע זעל. אַ מענטש אָן אַ גאַל. און, ווייזט אוים, אַ ווילע אַקטריסע. דאַרף שפּילן אויסגעצייכנט גוט. אַלע אַרטיסטן שפּילן דאָ אויסגעצייכנט גוט. וואָס? נישט אַזוי?

קיינער ענטפערט אים נישט. אַפּנים, אַז האַלצמאַן שלאָפט שוין? יאָ, ער שלאָפט שוין.

האַלצמאַן שלאָפט שווער. עפּעס רירט זיך דאָרט ביי אים אינעווייניק אין האַרצן אַלעמאָל, עס כאָרכלט און עס רייסט זיך עפּעס ביי אים פון אינעווייניק

אַרויף, אַרויף, דורכן האַלדז, און עס קאָן זיך נישט אַרויסכאַרכלען קיינמאָל. דאָס כאָרכלען לאָזט נעבעך נישט שלאָפן אונדזער האַלצמאַנען. פאַרהוסט ער זיך אַלעמאָל און ווערגט זיך מיטן הוסט און שעלט פונעם שלאָף: „אַ כאָליערע“... קערט זיך איבער אויף דער אַנדערער זייט און ווערט אַנטשלאָפן און כאָרכלט ווייטער, ביז דער הוסט וועקט אים אויף ווידעראַמאָל אויף אַ ווײַלע, שעלט ער אים ווידער אויס מיט דער כאָליערע און ווערט ווידעראַמאָל אַנטשלאָפן.

* * *

ווי קאָן מען שלאָפן אין אַזאַ נאַכט? — דאָס פאַרשטייט נישט ראַפאַלעס-קאָ. אַ מאָדנע נאַכט. אַ האַלב-ווינטערדיקע, נאָר אַ מחיהדיקע נאַכט. „געבענטשט זאָל זיין די דאָזיקע נאַכט!“... און ער כאַפּט זיך אויף פון געלעגער. ער עפנט אויף דאָס פענצטער. בייגט זיך אַריבער העכער האַלב אין דרויסן אַרויס און ציט אַריין אין זיך די פרישע לופט וויפל ער קאָן. נעמט אַרום מיט איין קוק דעם גאַנצן הימל. אויסגעלאָשן זענען די שטערן, אין אַ זייט הענגט אַ בלאַסע פאַרהויכטע לבנה, וואָס האַלט שוין ביים אונטערגיין. אָט-אָט ווערט זי פאַר-שוווּנדן. די האַלב-נאַכטיקע בלויקייט הייבט אָן צו ווערן גרוי, פרימאָרגנדיק. אָקאָרשט ווי מע זעט נישט, וועט זיך אויפכאַפּן דער טומלדיקער טאָג. פאַר אונדזער העלד איז דאָס אַלצייגנס: לאָז זיין נאַכט. לאָז זיין טאָג. אַז גאָט האָט אַזאַ טייערע וועלט. אַזאַ טייערע, אַזאַ ווײַלע, אַזאַ זיסע וועלט! געבענטשט זאָל זיין די דאָזיקע וועלט! ווי קאָן מען שלאָפן, אַז ס'איז אַזוי גוט אויף דער נשמה? ווי קאָן מען שלאָפן, אַז דאָס האַרץ איז אַזוי פול און עס גלוסט זיך זינגען?
אים ווילט זיך זינגען, זינגען...

## קאַפּיטל זעכציק

# דיפּלאָמאַטן

האַלצמאַן האָט אָנגעשמעקט מיט זיין שאַרפער שפּיציקער נאָז, אַז דער דירעקטאָר פון לעמבערגער טעאַטער, אָט דער „יאָקל בן פּלעקל“, האָט געוואָרפן אַן אויג אויף זיין „יאַט“. האַלצמאַן האָט, ברוך השם, אַ שאַרף אויג. ער האָט געזען, אַז אַלע טאַנצן אַרום זיין ראַפאַלעסקאָ און קוקן אויף אים, ווי אַ קאַץ אויף שמאַלץ. נאָר ער האָט זיך געמאַכט, ווי ער זעט נישט. „טאַנצט, קינדערלעך, טאַנצט, איר טאַנצט אויף אייער אייגענער חתונה“... אַזוי האָט זיך געטראַכט אונדזער האַלצמאַן און האָט געמאַכט איין „גאַנג“ נאָכן אַנדערן.

ראשית חכמה, האָט ער „געשלאָגן בלאַט" מיט דער פּרימאַדאָנעס ברודער, וואָס האָט זיך אים עפּעס זייער שטאַרק אַרומגעדרייט אַרום „יאַט" און גע־שמייכלט צו אים, „ווי אַ פּגר אומגעוואַשן". מאָלט אייך, אַז אַזעלכע, ווי אָט דער „טרעלבויך שוואַלב", וואָלט האַלצמאַן געקאָנט פאַרשטעקן אין גאַרטל צען, נישט איינעם.

איינמאָל האָט האַלצמאַן פאַרבעטן דעם טראַגיקער איזאַק שוואַלב אין אַ „רעסטאַוראַציע" און האָט אים ביי אַ גלאָז ביר מיט אַ קאָלבאַס גענומען אָפּ־לויבן אין טאָג אַריין, זיך געוואונטשן די מזלדיקע יאָר, וואָס שוואַלב איז מער אַקטיאָר פון זיינע אַלע קאָלעגן. „אַזוי לאַנג קרענקט זיין דירעקטאָר, „יאָקל בן פלעקל", ווי לאַנג ער איז ווערט צו האָבן אַזאַ טראַגיקער, ווי שוואַלב".

מיט דעם האָט אים האַלצמאַן באַלד אַוועקגעקויפט. ער האָט אים אָפּגע־טראָגן סאַמע דאָרט, וו אים טוט וויי. און שוואַלב האָט זיך מודה געווען פאַר אים, בסוד געוויינלעך, אַז ער וואָלט שוין לאַנג וועלן שלאָגן כפּרות מיט אָט דעם עקספּלאָאַטאַטאָר, איז ער, ערשטנס, געבונדן מיט אַ קאָנטראַקט נאָך אויף גאַנצע דריי יאָר. און, צווייטנס, איז „נישטאָ קיין פּאָדעם"... ער זאָל האָבן מיט וואָס — עהע־הע — ווי וואָלט ער איצט אָנגעשפּאַרט? „אַזוי לאַנג פוילט געצל בן געצל, ווי לאַנג לעמבעריג וואָלט אים אָנגעקוקט אַפילו. ער וואָלט שוין געפינען וווהין צו פאָרן מיט אַזאַ פּרימאַדאָנעכין, ווי זיין שוועסטערל. לאָנדאָן, זאָגט מען, איז אַ ביסל אַ גרעסערע שטאָט, ווי לעמבעריג, האַ?"

— אַ ביסעלע, — גיט אים צו האַלצמאַן און פאַרזופּט מיט ביר.

„נו, און אַ טעאַטער איז דאָרט פאַראַן, זאָגט מען, אַ ביסעלע אַ שענערס, האַ?"

— איך מיין אַזוי, — גיט אים צו האַלצמאַן און טוט אַ זופּ.

ניין, נאָך שענער. שוואַלב האָט דאָרט אַ ברודער, אין לאָנדאָן. אַן אייגע־נעם ברודער. אויך אַ פּאַפּיראָסניק. דאָס הייסט, אַמאָל איז ער געווען אַ פּאַפּי־ראָסניק, היינט איז ער שוין אַ „ביזנעסמאַן". צוגעשיקט נישט לאַנג זיין פּאָר־טרעט: אַ יונגאַטש מיט אָט אַזאַ בויך, מיט אַ גאָלדענער קייט, מיט אַ דימענטענעם רינג, — גאָרנישט צו דערקענען, אַז דאָס איז ער. ער שרייבט אים, דער ברודער הייסט עס, למען השם, ער זאָל קומען צו פאָרן מיט דער שוועסטער קיין לאָנ־דאָן, וועלן זיי ווי־סן, וואָס הייסט געלעבט אויף דער וועלט!

האַלצמאַן הערט אים אויס: „אַזאַ יאָר אויף אים, וואָס פאַר אַ חכם דער ברודער איז. ער אַליין, האַלצמאַן טאַקע, איז דען נישט אַ בעלן זיך אַראָפּכאַפּן מיט זיין „יאַט" קיין לאָנדאָן? עס ציט אים שוין לאַנג אַהין, אין דעם לאָנדאָן. אַ וויל שטעטל, זאָגט מען, אָט דאָס לאָנדאָן. ער פילט, אַז דאָרט קאָן מען מאַכן גימל. דער עיקר איז — צונויפשטעלן אַ חדר, ווי עס געהער צו זיין. ער ווייסט, וואָס אים פעלט. צו זיין קאָמפּאַניע פעלט אים נאָך אַ רעכטער טראַגיקער אויף

די טאַמע שטאַרקע ראָלן און אַ שיינע פּרימאַדאָנע — אָט די צוויי ווען ער קריגט, איז אַ רוח׳ אין דער וועלטס טאַטן אַריין“.

מיט אַ האַלבע שעה שפּעטער, אַז די צוויי נפשות, האָלצמאַן און שוואַלב, זענען זיך צעגאַנגען פון דער „רעסטאַוראַציע“ מיט גראָבע שטאַרק־שמעקנדיקע „טראַבוקוס־ציגאַרן“ אין די פּיסקעס, האָבן זיי זיך מאָדנע שטאַרק געדריקט די הענט און מאָדנע פריינדלעך געשמייכלט איינס צום אַנדערן, ווי מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַרשטאַנען אויפן וואָרט און געשלאָסן נאָענטע גוטפריינדשאַפט גאָרנישט אויף קאַטאָוועס.

* * *

דערזען, ווי די „קליפּה“ (האָלצמאַן) האָט זיך עפּעס זייער שטאַרק „סקאָמפּאַניעט“ מיטן „טרעלבויד“ (שוואַלב), האָבן חברה אָפּגעטראָגן צו זייער דירעקטאָר גלייך אין אויער אַריין: „כך וכך. אונדזער איציקל איז עפּעס אַ צו נאָענטער שמעלקע געוואָרן מיט דעם קנאַקער פון בוקאַרעשט...“

דער דירעקטאָר געצל בן געצל האָט אויסגעהערט די אַלע מימרות, ווי אַ תם, כלומרשט געוואָרן געל און גרין און שטאַרק אויפגעטראָגן אויף דעם „וואַגאַבונד“ און געהייסן זיך אַריינרופן אָט דעם ציגאַרניק שוואַלב.

אַז שוואַלב איז אַריינגעקומען, האָט דער דירעקטאָר צוגעמאַכט די טיר מיט די פענצטער, אַרומגעקוקט זיך פון אַלע זייטן און געהאַט מיט אים אַ לאַנגן געשפּרעך. אינטים, אונטער פיר אויגן, און שטיל, גאַנץ שטיל: „אַ קשיא? טאָמער לייגט עמעצער צו אַן אויער פון יענער זייט טיר? אַ וועלט פון פאַלשע מענטשן, אינטריגאַנטן, ליידיקגייערס“...

נאָך דעם האָזיקן שטילן געשפּרעך, אַז שוואַלב איז אַרויסגעגאַנגען פון זיין דירעקטאָרס קאַבינעט, האָט אים דאָס רויטע פּנים „געפלאַמט ווי אַ שׂרפה און געשוויצט ווי אַ ביבער“.

— אַפּנים, ער האָט באַקומען אַ היפּשע פּאָרציע! — אַזוי האָבן זיך געטראַכט זיינע קאָלעגן און האָבן געהאַט אַ גרויסן טעות.

## קאַפּיטל איין און זעכציק

# האָלצמאַן גייט אַ גאַנג נאָך אַ גאַנג

די אַרטיסטן פונעם לעמבערגער טעאַטער האָבן געהאַט פאַר זיך אַ נייַ שטיקל אַרבעט. זיי האָבן זיך געבראָכן די מוחות: וואָס איז דאָס דער בוקאַרעשטער דירעקטאָר עפּעס געוואָרן אַזאַ נאָענטער שמעלקע מיט זייער ברייַנדעלע קאָזאַק? און, ווי זייער שטייגער איז, האָבן זיי זיך גענומען אָפּלצעווען פונעם

דאָזיקן פּאָרל, שאַרפֿן די צינגלער און איבערוואַרפֿן זיך מיט פֿליגלדיקע שטעכ־ווערטלעך:

— אַ לעבן ביי זיי, ווי אונטערן באָד.

— זעט נאָר, אויב עס האַנדלט זיך דאָ נישט וועגן אַ סליוויג.[1]

— מזל־טוב, אין אַ גוטער שטאָט.[2]

— לאָז גאָט געבן מיט בלוט.[3]

— ס'זאָל זיי גוט פֿאַרלויפֿן.[4]

ווען דאָס האָט דאָס געקאָנט איינפֿאַלן, אַז האַלצמאַן גראָבט זיך דורך אָט דער דאָזיקער יפֿהפֿיה צו דער פּרימאַדאָנע הענריעטאַ שוואַלב? מע האָט באַדאַרפֿט האָבן האַלצמאַנס נאָז מיט האַלצמאַנס חוש־הריח, אַז מע זאָל אין אַ גאַנץ קורצער צייט אָנשמעקן, אַז ברייגדעלע קאַזאַק איז דערצו דער בעסטער שליח. און ער האָט זיך געגומען צו דער אַרבעט קלוג, קונציק און מיט ענערגיע, מיט חשק, ווי עס געהער צו זיין.

אָנגעהויבן האָט זיך עס, געוויינלעך, פֿון אַ שמועס, אַ שפּאַציר, אַ וויזיט צו איר אַהיים — אַלטע באַקאַנטע. וואָס ווייטער — אַלץ מער פֿריינדלעך. „עס טוט אים הנאה, וואָס ער זעט זיך מיט איר. סע איז נאָר אַן עבירה, וואָס שטשו־פּאַק איז דאָ נישטאָ".

— וואָס זשע וואָלט געווען? — פֿרעגט זי אים און קוקט אויף אים מיט אירע קליינע יאַפּאַנישע אייגלעך און וויל טרעפֿן, וואָס ער מיינט.

— וואָלט ער כאַטש איינגענומען אַ מיתה־משונה.

— אָמן הלוואי, רבונו של עולם, פֿון אייער מויל אין גאָטס אויערן!...

שיר־שיר האָט זי געוואָלט זאָגן: „פֿון דיין מויל" — און האָט זיך פֿאַר־כאַפּט. עס איז איר אַזוי פּריקרע צו זאָגן אים: „איר"! „רבונו של עולם, וואָס פֿון אַ מענטש קאָן ווערן! ווען שטשופּאַק זאָל איצט זיין דאָ און געבן אַ קוק אויף זיין האַצמאַכן, וואָלט ער טאַקע איינגענומען אַ מיתה־משונה"...

אַזוי טראַכט זיך ברייגדעלע קאַזאַק און קוקט אויף האַלצמאַנען און קאָן זיך נישט זאַט אָנקוקן. זי הערט זיך צו צו זיינע רייד און קאָן זיך נישט געגוג אָנהערן. ס'איז גאָרנישט דער מענטש. כ'לעבן, ס'איז גאָרנישט דאָס לשון. ער רעדט שוין נאָר פֿון „תכלית", פֿון „געשעפֿט", פֿון „קאַפּיטאַל". „האַצמאַך" און „קאַפּיטאַל" — כאַ־כאַ!... ער באַרימט זיך, אַז ער פֿאַרמאָגט, דאַנקען גאָט, אַ ביסל געלט... „ער איז נישט קיין גרויסער קאַפּיטאַליסט, זאָגט ער, נאָר מיט שטשופּאַקן וועט ער זיך אויסגלייכן. יענער האָט בריליאַנטן, ער האָט מזומנים,

---

[1] אַ זיווג.

[2] אין אַ גוטע שעה.

[3] מיט גליק.

[4] גוט אָפּלויפֿן.

אַ מזומנע מטבע, זאָגט ער, איז טייערער פון אַלע בריליאַנטן, אַ רוח אין געלטס טאַטן אַריין".

— טשעפּעט זיך אָפּ פון שטשופּאַקן! — שלאָגט אים איבער ברײַנדעלע קאָזאַק. — ער האָט שוין היינט עגמת־נפש, נישט קיין בריליאַנטן.

— איך וועל דאָס נישט גלייבן, ביז מיינע אויגן וועלן דאָס נישט זען, און איך וועל מיך נישט באַרואיקן, ביז שטשופּאַק וועט ביי מיר נישט רייניקן די שטיוול. אַ כאָליערע זאָל קומען אויף אים מיט מיין הוסט אינײַנעם!

רעדט ער פון שטשופּאַקן, ווערט ער אויפגערעגט, און אַז ער ווערט אויפגערעגט, פאַרהוסט ער זיך. אויסגעהוסט זיך, פאַרלייגט ער די פינגער אין דער וועסטע, שפּאַנט אַרום מיט די דינע לאַנגע פיס הין און צוריק איבער דער מאַדאַם טשערניאַקס צימערל, קוקט אַראָפּ צו זיך אויף די שפּיץ פיס און הערט נישט אויף צו באַרימען זיך פאַר איר, וואָס ער האָט און וואָס ער פאַרמאָגט. און מיטאמאָל פאַרכאַפּט ער זיך און שטעלט זיך אָפּ מיטן ארומשפּאַנען און הייבט אָן צו פאַרענטפערן זיך פאַר איר, עס זאָל איר נישט זיין קיין וווּנדער, פון וואַנען עס קומט צו אים געלט. פּשוט, פאַרדינט און צונויפגעזאַמלט, אָפּגעשפּאָרט און באַהאַלטן. „נישקשה, ער האָט זיך גענוג אָנגעבידעוועט, ביז ער האָט זיך דעראָבערט צו אַ שטיקעלע תכלית, גאָט מעג אים שוין העלפן".

— אָמן, הלוואי, פאַרוואָס נישט? — גיט אים צו די מאַדאַם טשערניאַק. זי פאַרשטייט נישט, וואָס איז דאָ פאַראַן צו פאַרענטפערן זיך? געלט האָבן איז דען אַ בזיון? אַ בזיון איז, אַז מען איז אַ כתרילק, אַ דלפן, אַ שלעפּער, אַזוי ווי אָט די אַלע איבעריקע יאָלדן, וואָס גייען אַרום, מיט רעספּעקט צו מעלדן, אָן אַן אינטערשטן העמד אויפן לייב און ווייסן נאָר שפּילן אין קאָרטן, שאַרלאַטאַנעווען, כאַפּן אַ גמילות־חסד אויף צו פאַרפאַלן!... אָנקוקן קאָן זי זיי נישט, אָט די לייט, נאָר דערפאַר, וואָס געלט איז ביי זיי שמעלט... שיטערע פינגער. פּי=פּי=פּאַ... וואָס איז? מע קאָן נישט זיין אַ גוטער אַקטיאָר און אָפּהיטן אַ גראָשן? וואָס איז אַ מענטש אָן געלט, משטיינס געזאָגט? וואָס?

— ווי אַ גוף אָן אַ נשמה, — כאַפּט ער אונטער און פאַלט אַריין צו איר אין טאָן אַריין. ער געדענקט נאָך פון שטשופּאַקס צייטן האָט זי תמיד געהאַט אַ „קניפּל". חברה פלעגן שמועסן, אַז אָט די ברײַנדעלע קאָזאַק איז אָנגעשטאָפּט מיט געלט, אַזוי ווי מיט יאָרן. דער חסרון איז נאָר, האָבן זיי געטענהט, פאַרוואָס זאָל גאָט נישט טאָן אַ נס, אַז זי זאָל אַריין אין דער ערד, ווי קורח, און זיי זאָלן זי ירשענען?...

אָט אַזוי גייט ביי זיי דאָס געשפּרער פריינדלער־אינטים, ביז מע קומט אַרויף פאַוואָליענקע און ביסלעכווייז אויף וויכטיקע זאַכן, און ער מאַכט מיט איר אַ שמועס וועגן תכלית, געשעפט, פלאַנען אויף ווייטער: „ביז וואַנען איז דער שיעור צו זיין נע־ונד, פאַרקויפט צו אזא מין חיה, ווי דער יאָקל בן פלעקל? איז

דען נישט גלייכער טויזנט מאָל, ווען זי גייט, למשל, האָט ביי האַנט מיט אים, מיט האַצמאַכן? אַזעלכע צוויי מענטשן, ווי זיי, קאָנען דאָך טאַקע יאָ מתקן זיין, עפּעס אויפטאָן אויף דער וועלט, האַ? אַזעלכע צוויי מענטשן, ווי זיי, כ׳לעבן, געשלאָגענע הינט... זיי ווייסן שוין „פּאָטשאָמע ליבע”... און וויאַזוי מע מאַכט געלט — באַדאַרף מען זיי נישט לערנען. געלט מאַכן באַדאַרף מען קאָנען. און דער עיקר דאַרף מען קאָנען געלט קליבן... פאַרדינען אַ גראָשן איז נישט אַזוי שווער, ווי אַ גראָשן צו היטן. אַ גראָשן דאַרף מען היטן. צופיל בעלנים אויפן גראָשן. וואָס?“...

— צופיל בעלנים, — גיט אים נאָך ברײַנדעלע קאָזאַק.

און אָט אַזוי קײַטלט זיך ביי זיי דער שמועס אינטים און געשעפטלעך, ביז ער קומט אַרויף מיט איר אויפן סאַמע רעכטן ענין, וואָס אים קווטשט — אויף דער פּרימאַדאָנאַ.

— מע באַדאַרף אַריבערכמאַליען — זאָגט ער איר — ביי אָט דעם יאָקל בן פלעקל אָט די שיינע טעלעצע.

— די שיינע טעלעצע, כאַ־כאַ? — חזרט איבער נאָך אים ברײַנדעלע קאָזאַק, און אויף איר פעט קײַלעכיק לבנה־פּנים צעגיסט זיך אַ פעט שמייכעלע, און זי באַווייזט אים אירע ווייסע ציין. עס ווייזט אויס, אַז זי איז צופרידן. ערשטנס, וואָס זי האָט געטראָפן — וועמען ער מיינט. צווייטנס, וואָס ער האָט אָנגערופן די פּרימאַדאָנע מיט איר אמתן נאָמען. און דריטנס, איז זי היינט גלאַט צופרידן מיטן גאַנצן געשפּרעך... און האַלצמאַן נעמט זי דורך מיט זיינע שאַרפע שפּיצי־קע אויגן און גיט איר צו פאַרשטיין, האַלב ערנסט, האַלב קאָמיש, דעם שכל, פאַרוואָס מע דאַרף אַריבערכמאַליען די שיינע טעלעצע.

— אַ שייניקע פּרימאַדאָנע, פאַרשטייט איר מיך, זי מעג זיך זיין אַ קאַלב, איז גוט צו פּרנסה.

— גוט צו פּרנסה, כאַ־כאַ! — גיט אים צו ברײַנדעלע קאָזאַק.

— אַ סגולה פוגעם רבין, — זאָגט ווייטער האַלצמאַן מיטן אייגענעם האַלב־ערנסטן, האַלב־קאָמישן טאָן.

— אַ סגולה פוגעם רבין, — כאַפּט אים אונטער ברײַנדעלע קאָזאַק און דערלאַנגט אים קאָקעטיש אַ זעץ מיט איר קורץ גראָב הענטל, און דאָס פעטע קײַלעכיקע לבנה־פּנים ביי איר שוויצט אַזש פון גרוים תענוג. און אירע קליינע יאַפּאַנישע אייגעלעך ווערן נאָך קלענער, אַזוי קליין, אַז מע זעט זיי שוין כמעט גאָרנישט אַרויס.

## קאַפּיטל צוויי און זעכציק

# ברײַנדעלע קאָזאַקס ראָמאַנען

וואָס האָט געקאָנט הייסן ביי ברײַנדעלע קאָזאַק האָלצמאַנס אָנצוהערעניש: „גיין מיט אים האַנט ביי האַנט"? און וויאַזוי זאָל זיך נישט פרייען דערויף אַן עלנטע, פאַרוואָגלטע, בלאָנדזשענדע נשמה, וואָס איז געוואַנד שוין אַזויפיל יאָרן, פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד, פון טעאַטער צו טעאַטער?... אַז האָלצמאַן איז געווען ביי שמשופאַקן און האָט נאָך געהייסן „האָצמאַך", איז געווען עפעס אַנדערש. און איצט, אַז האָצמאַך איז שוין „האָלצמאַן" און איז שוין אַ דירעקטאָר פון אַן אייגענעם טעאַטער און האָט דערטאַפּט אַזאַ אַן אתרוגל, ווי אָט דער „יאַט" ראַפּאַלעסקאָ, וואָס אַלע שלאָגן זיך פאַר אים, און פאַרמאָגט נאָך דערצו אַ שטיקל קאַפּיטאַל אויך, — איז שוין טאַקע ווידער עפעס אַנדערש...

זיי ביידע, ווען זיי גייען, ווי זאָגט ער, האַנט ביי האַנט, און עס גראָט איר טאַקע אַריבערכמאַליען אָט די „שיינע טעלעצע" הענריעטאַ, און זיי טוען אַ פאָר אַרוים אַלע פיר מיט דער פרימאַדאָנע און מיט דעם „יאַט" איבער דער וועלט — דעמלט איז דאָך טאַקע „אויף איר אַזאַ יאָר".

אָט מיט אַזעלכע זיסע געדאַנקען האָט זיך אונדזער ברײַנדעלע קאָזאַק אַנגעטאָן צו דער אַרבעט שכלדיק און געשמאַק, ווי אַן עכטער דיפּלאָמאַט. און עס איז איר, דאַנקען גאָט, געראָטן אויפן שענסטן אופן. דער „דורבאַטש" הענריעטאַ מיטן שיינעם פנימל האָט זיך געלאָזט איבעררעדן און איז איינגעגאַנגען אויף אַלע גליקן און פּריווילעגיעס, וואָס זי האָט איר פאָרגעלייגט. איבערהויפּט האָט זי די מאַדאַם טשערניאַק געגומען מיט דעם, וואָס זי וועט זיין אַזוי נאָענט צום „יאַט", צו ראַפּאַלעסקאָן...

הענריעטאַ שטעלט אויף אויף איר אירע שיינע בלויע אויגן און ווערט רויט, ווי אַ צוויק. ברײַנדעלע קאָזאַק דערזעט און פאַרלויפט אויף צופריער: „זי פאַרשטייט נישט, וואָס איז דאָ זיך זשענירן? דאָס איז אַזאַ זאַך, וואָס טרעפט זיך דען נישט מיט יעדן?... איר דאַרף מען קיין פינגער אין מויל נישט לייגן. זי וועט אים אָפּבייסן... זי זעט דען נישט, אַז הענריעטאַ איז נאָך אים די כפּרה און ער נאָך איר?"...

הענריעטאַ שוואַלב ברענט, ווי אַ העליש פייער: „ער נאָך איר? פון וואַנען ווייסט זי דאָס?"...

אָ! זי ווייסט שוין. די מאַדאַם טשערניאַק ווייסט אַלץ. נישטאָ אַזאַ זאַך, וואָס די מאַדאַם טשערניאַק זאָל נישט ווּיסן. נישטאָ אַ זאַך, וואָס די מאַדאַם טשערניאַק זאָל נישט קאָנען. לאָז מען זי נאָר גוט אַ בעט געבן, מאַכט זי דאָס אין איין קול פייער.[1] איינס-צוויי-דריי — און מע ברענגט טעלער

[1] בהרף עין.

— ברײַנדעלע! האַרצעניו! ליובעניו! — איז איר הענריעטאַ געפֿאַלן אױפֿן האַלדז און באַהאַלטן איר שײן ברענענדיק פּנים אין דער מאַדאַם טשערניאַקס רױטער ראַטאָנדע.

נישט אומזיסט האָט די פּרימאַדאָנע אַזעלכע שײנע צונעמענישן, װי „שײנע טעלעצע" און „דורבאַטש" און „לעמעשקע". הענריעטאַ שװאַלב האָט זיך, אפֿנים, אונטערגענומען באַװײַזן דער װעלט, אַז מע קאָן האָבן אַ שײן פּנימל און קײן שכל פֿון דאַנען אַהין. ברײַנדעלע קאָזאַק האָט געקאָנט פֿאַרשטעקן אין גאַרטל, קױפֿן און פֿאַרקױפֿן אַ גאַנץ טוץ אַזעלכע שײנע נאַרישע מײדלעך, װי אָט די פּרי־מאַדאָנע פֿונעם לעמבערגער טעאַטער. און אַך! װער עס האָט נישט געזען אין יענער צײַט ברײַנדעלע קאָזאַק, דער האָט קײן מער גליקלעכן מענטשן אױף זײַן לעבן נישט געזען. איטלעכס באַשעפֿעניש האָט זיך זײַן שטערן אין הימל און אױף יעדער בריאה מוז קומען אַ צײַט. געקומען די צײַט אױך אױף ברײַנדל טשערניאַק, אָדער ברײַנדעלע קאָזאַק, זי זאָל שױן אױך אַמאָל אױפֿגערעכנט װערן. געקומען די צײַט, אַז איר האַרץ זאָל אױך שױן אַמאָל אױפֿװאַכן פֿון שטענ־דיקן דרימל, אָנהײבן קלאַפּן און צאַפּלען מיט אַ װאַרעם געפֿיל פֿון אמתדיקן גליק.

דער גאַנצער חסרון איז אָבער, װאָס דאָס איז געװען בײַ איר נישט דאָס ערשטע מאָל, נישט דער ערשטער ראָמאַן און, דאַכט זיך, אַז נישט דער לעצ־טער...

װיפֿל מאָל האָט זי זיך שױן אָפּגעבריט אין איר לעבן! װיפֿל קלעפּ האָט זי שױן געכאַפּט פֿון „פֿאַלשע, פֿאַרדאָרבענע, שאַלקהאַפֿטיקע מאַנצבילן" — און נאָך האָט דאָס זי נישט אָנגעלערנט!

עס איז געװען אַ צײַט, װען שטשופּאַק האָט באַדאַרפֿט האָבן איר לאַסקע, האָט־ער זיך צו איר געשדכנט, און זי האָט אים געגלײבט, — האָט זי נאָכדעם אױף זיך די האָר געריסן... עד היום נאָך קאָן זי זײַן נאָמען נישט הערן און דערמאָנט אים פֿונדעסטװעגן דרײַ מאָל אַ טאָג.

נאָך שטשופּאַקן האָט זיך צוגעשמײכלט צו איר שטשופּאַקס פֿליגל־אַדיו־טאַנט, אונדזער גוטער באַקאַנטער שלום־מאיר מוראַװטשיק, די פֿאַרשלעפּטע קרענק.

דער דאָזיקער נפֿש איז אַרײַן צו איר, װי מע זאָגט, מיט די שטיװל אין האַרצן. ס'איז אַ סברה, אַז עס האָט שױן געהאַלטן אַזױ װײַט, אַז ס'איז אָפּגע־גאַנגען נאָר אַ חופּה. און דאָס האָט שלום־מאיר מוראַװטשיק נישט געװאָלט הערן, נישט זען. בטבע איז אַן אַקטיאָר אַ מענטש, װאָס האָט פֿײַנט חופּות. אַ מײדל, אַ כּלה, אַ שפּאַציר, אַ מתּנה, אַ װעטשערע, אַ שפּאַס, אַ טענצל — אַלצ־דינג, אַבי נישט קײן חופּה: „די בעסטע חופּה איז דער ערגסטער טױט"...

ברײַנדעלע קאָזאַקס ראָמאַן מיט שלום־מאיר מוראַװטשיקן האָט זיך אױסגעלאָזט, װי אַלע אירע ראָמאַנען, װאָס פֿאַר אים און װאָס נאָך אים. דאָס הײסט, אָנגעהױבן האָט זיך עס מיט אַ גמילות חסד און מיט נאָך אַ גמילות חסד און מיט נאָך און נאָך, און אױסגעלאָזט האָט עס זיך מיט אַ שטילן סקאַנדאַל, מיט אַ װײטיק אין האַרצן און מיט אַ שׂנאה צו אַלע „פֿאַלשע, שאַלקהאַפֿטיקע מאַנצבילן".

נאָר װאָס פֿאַר אַ װוּנד װערט מיט דער צײַט נישט פֿאַרהײלט? די גמילות חסדים, װאָס שלום־מאיר מוראַװטשיק האָט בײַ איר גענומען, זענען געבליבן בײַ אים, און מאַדאַם משערניאַק איז געבליבן מאַדאַם משערניאַק (דעם נאָמען „מאַדאַם" האָט זי אַלײן זיך געגעבן איבער איר אימפּאָזאַנטער פֿיגור און איבער אירע יאָרן)...

זי האָט איר האָפֿענונג נאָך נישט פֿאַרלױרן. פֿריער אָדער שפּעטער — עס װעט דאָך קומען אַמאָל דער, װאָס װעט זי פֿאַרשטײן און אָפּשאַצן נאָך איר װערט. ער מוז, ער מוז אַמאָל קומען. װעט זי אים אַרײַנפֿירן צו זיך. װעט זי אים עפֿענען איר קאַסטן. װעט ער זען אירע אוצרות. װעט ער זען גרעט, װעט ער זען מלבושים. װעט ער זען צירונג. דאָס אַלץ איז אָנגעגרײט פֿון ז ײ נ ע ט װ ע ג ן... פֿון ז ײ נ ע ט װ ע ג ן... און ער װײסט גאָרנישט!... און איר האַרץ װעט זי פֿאַר אים עפֿענען. איר נשמה פֿאַר אים אױפֿדעקן. אַך, אפֿשר איז זי נישט אַזױ שײן װי אַנדערע. אפֿשר איז זי נישט אַזױ יונג, װי אַנדערע. װיפֿל געפּרײשאַפֿט אָבער, װיפֿל ליבשאַפֿט עס פֿאַרמאָגט אַזאַ האַרץ! װיפֿל אמתדיקע רײנע איבערגעגעבנהײט און כּשרע צוגעבונדנקײט ליגט באַהאַלטן אין אַזאַ נשמה...

האָלצמאַן איז איצט געװען דער, װאָס אױף אים איז געפֿאַלן דער גורל פֿון מאַדאַם משערניאַק. האָלצמאַן איז איצט געװען דער, װאָס האָט זיך אַרײַנגעקליבן צו איר אין האַרץ אַרײַן, האָט דאָרט געװעלטיקט װי אַ מלך און געקאָמאַנדעװעט מיט איר אַזױ לאַנג, ביז ער האָט זי געהאַט בײַטיק. און נאָכדעם, אַז ס'איז געקומען צו עפּעס, האָט זיך אױסגעלאָזט, אַז זײ האָבן זיך אײנס דאָס אַנדערע נישט פֿאַרשטאַנען. װאָס הײסט דאָס, אײַנגעטלער, ג ײ ן ה אַ נ ט ב ײ ה אַ נ ט ?... בײַ אים האָט דאָס געהײסן אַזױ גוט, װי האָבן אַ חלק אין געשעפֿט, זײַן אַ שותּפֿטע צו דער טרופּע — „מהכתיתי, פֿאַרװאָס נישט? לאָז זי אַרײַנלײגן געלט, אַך, מיטן גרעסטן כּבֿוד!"..

געלט זאָל זי אַרײַנלײגן?... אַ חלק װעט זי האָבן??... אָט דאָס האָט דען געמײנט די מאַדאַם משערניאַק???...

פֿאַלשע, שאַלקהאַפֿטיקע מאַנצבילן! אָרעמע ברײַנדעלע קאָזאַק!

# מע גייט מיט אַ וויזיט

איינמאָל, אין מיטן אַ פאָרשטעלונג, צווישן די אַנטראַקטן, איז צוגעגאַנגען דער לעמבערגער מעצענאַט, דאָקטאָר לעווין־לויתן, צום דירעקטאָר בערנאַרד האָלצמאַן און האָט אים „העפלעכסט“ איינגעלאַדן, אינאיינעם מיטן יונגן מאַעסטראָ ראַפאַלעסקאָ, צו זיך אויף אַ מיטאָג. „ער פאַרהאָפט — אַזוי האָט זיך דער דאָקטאָר לעווין אויסגעדריקט מיט אַ ליבלעך שמייכעלע און באַוויזן בעת מעשה זיינע מאָדנע צעוואַקסענע ציין — ער פאַרהאָפט, אַז זיי וועלן אים נישט ענטזאַגן“.

— אָפּזאָגן זיך פון אַזאַ וואַרעמעס? — האָט זיך האָלצמאַן אַרויסגעכאַפּט, ווינקענדיק צו ראַפאַלעסקאָן, וואָס האָט באַדאַרפט באַדייטן: „וואָס זאָגסטו אויף אַזאַ דייטש אַ טיפּש?“ — חס־ושלום! אַדרבא, אַד! מיטן גרעסטן בזיון, מיין איך, מיטן גרעסטן כבוד...

פאַר אונדזער האָלצמאַנען איז דער וויזיט געווען אַ גרויסער, אַ געהויבענער יום־טוב. אַ יום־טוב, וואָס מע דאַרף זיך צו אים גרייטן: „כאַפּט דאָס דער רוח מיט די ביינער! ממה־נפשך, גייט מען צו אַזאַ מעצענאַט אויף וואַרעמעס, דאַרף מען גיין, ווי אַ מענטש“.

און ער איז אַוועק צווישן די קלייטן און האָט זיך געקויפט ספּעציעל אַ שפּאָגל נייעם אַנצוג, זיך געשאָלטן מיט די לעמבערגער דייטשן, געדונגען זיך ביזן ביין אַריין און אויסגעדונגען אין גלייכן געלט, מע קאָן זאָגן, אַ מציאה.

—אַזוי לאַנג קרענקט דער דירעקטאָר יאָקל בן פלעקל, ווי לאַנג מע קריגט ביי אונדז פאַר אָט דעם געלט אַזאַ אַנצונג. וואָס זאָגסטו, ליובעניו?

— אַ מציאה פון אַ גנב.

— אפשר גיין?

— פאַרוואָס גיין?

— וואָס זשע לאַכסטו?

— וואָס זשע? זאָל איך וויינען?

—ווער זאָגט דען וויינען? ער, שוטהלע בן פיקהאָלצל! — מאַכט האָלצמאַן, און ביידע צעלאַכן זיך געשמאַק, און ביידע נעמען זיך גרייטן צום געהויבענעם וויזיט. האָלצמאַן זעצט זיך אַוועק „כאַפּן אַ גאָל אָפּ“ דאָס אויסגעטריקנטע געל־גרין גלאַנצנדיקע פּנים, איבערגעלאָזט פון שיינקייט וועגן נאָר צוויי שוואַרצע באַקנקאָטלעטלעך. די באַקנקאָטלעטלעך האָבן זיך טאַקע זייער געפּאַסט צו זיינע מאָגערע איינגעפאַלענע באַקן און צו זיין אויסגעצויגענעם האַלדז, וואָס האָט אַרויס־

געקוקט פון אַ שניי־ווייסן שטייענדיקן קאָלנער מיט אַ קונציק אונטערגעבונדענעם שניפּס. אַ פּאָר נייע לאַקירטע שיך מיט ברייטע בענדלעך און דער אויסגעגלעטער גלאַנצנדיקער צילינדערהוט, וואָס אויפֿן שפּיציקן קאָפּ, האָבן צוגעגעבן זיין שפּיציקער פיגור נאָך מער חן, אַזוי, אַז זיין יונגער פריינד ראַפּאַלעסקאָ האָט זיך אַזש נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט אים געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, אַז ער ווערט וואָס אַ טאָג שענער און יונגער. „שענער קאָן זיין, נאָר יונגער — גאָט ווייסט“. — זאָגט צו אים האָלצמאַן גאַנץ ערנסט און בייגט אָן צו אים דעם קאָפּ:

— זעסט, פייגעלע, גרויע האָר? אַ כאָליערע זאָל קומען אויף שטשופּאַקן, דאָס האָב איך נאָר אים צו פאַרדאַנקען.

אויך ראַפּאַלעסקאָ האָט זיך אָנגעטאָן צוליב דעם וויזיט נאָך דעם לעצטן זשורנאַל. זיינע גרויסע ווייסע זעלטן־שיינע הענט האָבן אַרויסגעשיינט פונעם סמאָקינג, וואָס האָט אויסגעזען אויף אים אַ ביסל צו קורץ און צו ענג, מחמת ראַפּאַלעסקאָ האָט דעמלט געהאַלטן סאַמע אין רעכטן וואַקסן. די ברייטע פולע שניי־ווייסע שיינע מאַנישקע האָט אַרויסגעשיינט פון דעם אויסגעשניטן וועסטל און געקאָנקורירט מיטן שיינעם ווייסן האַלדז. די גאַנצע פיגור זיינע האָט אַרויס־באַוויזן אַזויפיל יונגשאַפט און פרישקייט, אַז ס'איז געווען באמת אַ פרייד און אַ פאַרגעניגן אויף אים צו קוקן. נישט אומזיסט האָט די פרימאַדאָנע הענריעטאַ שוואַלב אַוועקגעוואָרפן אַלע אירע קאַוואַליערן און חתנים און גענומען זיך גאַנץ ערנסט צו „באַקעמפן אָט דעם יונגן שנעק“, וואָס „אָדער ער האָט אַ האַרץ פון אַ טאָטער, אָדער די אויגן זענען ביי אים נישט אויפֿן אָרט, אָדער ער איז גלאַט נאָך אַ גרינע אוגערקע“...

הענריעטאַ שוואַלב, וואָס איז געוווינט געוואָרן, אַז אַלע „זאָלן זיין נאָך איר די כפרה“, האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס טוט זיך עם מיטן דאָזיקן בחור? ס'טייטש, זי, הענריעטאַ, איז אים שטענדיק פאַר די אויגן, טוט זיך אָן צוליב אים. ערשט נישט לאַנג זיך געמאַכט אַ סאַמעטן קלייד „רעפּאָרם“, באַלייגט מיט „שמעלץ“. יענע טוט אַלצדינג, וואָס זי קאָן, לייגט איין די וועלט, און ער — גאָרנישט! אַ מאָדנער בחור דאָס איז, אַ ווילדע, אַ ווילדע זאַך! אָט איז ער אייך פריילעך, שפּרינגט און טאַנצט און זינגט... אָט ווערט ער אייך אומעטיק, גייט אַרום ווי אַ פאַרחלומטער מלאך... „מע דאַרף דאָס בחורל נעמען אין די הענט אַריין!“.

דאָס „בחירל“ (ראַפּאַלעסקאָ) האָט אָבער אפילו נישט אין זינען געהאַט די פרימאַדאָנע שוואַלב. זיין קאָפּ און זיין האַרץ און ער אינגאַנצן זענען איצט געווען אין איין אָרט — אין ווין. ביינאַכט אין חלום און ביי טאָג אויף דער וואָר האָט ער געזען פאַר זיך נאָר ווין און נאָר ווין. ווין איז געווען פאַר אים איצט דער גן־עדן, וווהין עס האָט זיך געריסן זיין נשמה. אין ווין זענען איצט געווען פאַר

אים צוויי מענטשן, וואָס האָבן אים געצויגן צו זיך, ווי א מאַגניט. „זען זיך מיט די צוויי און דערנאָך שטאַרבן“...

אז רייזל איז איצט אין ווין — דאָס ווייסט ער פון ברײַנדעלע קאָזאַק. אז ער וועט זי אין ווין מסתמא געפינען — אין דעם איז קיין ספק נישט. די פראַגע איז נאָר: אויב זי וועט אים דערקענען? און זי אליין וויאזוי זעט אויס? און וויאזוי וועט זיין זייער ערשטע באַגעגעניש? און וואָס וועט ער איר זאָגן צום אלעם ערשטן? ער וועט זיך פאַר איר נישט מעלדן, אז דאָס איז ער. ניין, לאָז זי אליין אים דערקענען...

און זי האָט אים דערקענט, באַלד, די רגע דערקענט. און זיי פאַלן איינס דאָס אנדערע אויפן האַלדז. און קיין רייד איז נישטאָ. נישטאָ קיין לשון. אויסער צוויי געציילטע ווערטער: „רייזל“ און „לייבל“...

צו די דאָזיקע גאָלדענע חלומות האָט זיך צוגעלייגט נאָך איין חלום — זאַנגענטאַל... עס איז נאָר שווער צו זאָגן, וועלכער פון די צוויי חלומות האָט אים מער פאַרכישופט? ווער פון די צוויי האָט פאַרנומען מער פּלאַץ ביי אים אין האַרצן? רייזל, זיין גאָטהייט? אָדער זאַנגענטאַל, דער גאָט אַליין?... אָט איז ער געקומען קיין ווין. ווייסט איר, וואָס איז אזעלכעס ווין? מיט וואָס צייכנט זיך אויס ווין? ווין — דאָס איז די שטאָט, וווּ עס זיצט זאַנגענטאַל. און וואָס איז ווין אָן זאַנגענטאַלן?...

מיט א קלאַפּנדיק האַרץ טרעט ער אריבער די שוועל פון דעם זאַנגענטאַל.

מיט א פּנים פון א מלאך און מיט א שמייכעלע פון דער זון אין א שיינעם זומערדיקן פרימאָרגן קוקט אויף אים דער גאָט פון די ארטיסטן און שוישפּילער, דער גרויסער זאַנגענטאַל. נעמט אים פאַר א האַנט און פירט אים אַריין צו זיך אין די סאַמע אינעווייניקסטע חדרים פון דעם שיינעם גרויסאַרטיקן פּאַלאַץ און זעצט אים אַוועק אַקעגן זיך אויף אַ שטול. און ער פאַרהערט אים שפּילן און לויבט אים אַזוי שטאַרק, אַז עס דרייט זיך אים אַזש דער קאָפּ: „ניין! נישט אין אזעלכע ראָלן באַדאַרף ער ארויסטרעטן“, — זאָגט צו אים זאַנגענטאַל אליין מיט דעם זעלבן לשון און מיט דעם זעלבן טאָן, וואָס דער דאָקטאָר לעוויוס האָט צו אים געזאָגט דעם ערשטן אָוונט פון זייער באַקאַנטשאַפט. — „ניין, אזא פון גאָט געבענטשטער טאַלאַנט דאַרף זיך ארויסבאַווייזן אין מער ערנסטע, קלאַסישע ראָלן“... אָבער פּונקט דאָס איינענע, וואָס דער דאָקטאָר לעוויוס האָט אים געזאָגט, וואָרט אין וואָרט.

„דאָקטאָר יוליוס לעוויוס“ — האָבן ביידע אונדזערע העלדן איבערגעלייענט א קליין שילדל אויף א גרויסן הויכן טויער פון א גרויסאַרטיקן הויף מיט אייזערנע קראַטעס, מיט הויכע ביימער, טאָפּאָליעס, פון וועלכע עס האָט זיך אַרויסגעזען אַ פּעסטער ווייסער מויער, אַ באַלעבאַטיש, אַ גביריש הויז, וואָס

קוקט אויף אײַך סטאַטעטשנע און סאָליד, און עס דאַכט זיך אײַך אויס, ווי עס רעדט צו אײַך: „דאָ איז גוט. דאָ איז באַקוועם. דאָ איז רויִק"...

— אַ רוח אין געלטס טאַטן אַרײַן! — האָט זיך האָלצמאַן נישט געקאָנט אײַנהאַלטן, רעכט אויסגעשנײַצט די נאָז אין אַ נײַער, גאָר קאַנאַקנדיקער פּאַטשײַלע און האָט אַ צי געטאָן דאָס גלעקל.

## קאַפּיטל פֿיר און זעכציק

# דער לעמבערגער מעצענאַט

אַז אונדזערע אײַנגעלאַדענע געסט, האָלצמאַן און ראַפּאַלעסקאָ, זענען אַרײַנגעקומען צום דאָקטאָר לעוויוס, האָבן זיי אים כמעט נישט דערקענט. וווּ איז אַהינגעקומען זײַן ברייט געלעכטערל אויף זײַן פֿרײַנדלעך פּנים? וווּ איז אַהינגעקומען זײַן רעדן אָן אַן אויפֿהער און אָן אַן אָפּשטעל? עפּעס איז ער דאָ בײַ זיך מער סאָליד, געזעצט, שטרענג און אײַנגעהאַלטן. און קלענער איז ער עפּעס געוואָרן. מיט אַ קאָפּ נידעריקער. גאָר נישט דער מעצענאַט, וואָס אין טעאַטער. גאָר־גאָר נישט דער דאָקטאָר לעוויוס, וואָס אויף דער גאַס.

מע קאָן נישט זאָגן, אַז דער דאָקטאָר לעוויוס זאָל זיי האָבן צוגענומען נישט פֿרײַנדלעך. אדרבא. ער האָט אַליין זיי געהאָלפֿן אַראָפּנעמען פֿון זיך די אייבערשטע מלבושים, אַרײַנגעפֿירט זיי צו זיך אין אַ גרויסאַרטיקן קאַבינעט, פֿול מיט ביכער פֿון אונטן ביז אַרויף צו דער סטעליע. באַזעצט האָט ער זיי אין צוויי הויכע ווייכע פֿאָטעלן און העפֿלעך מיט זיי אַ שמועס געגעבן וועגן זייער נישט קיין אינטערעסאַנטע זאַכן: ווי געפֿעלט זיי די שטאָט לעמבעריג? וואָס זאָגן זיי אויף דעם וועטער? און נאָך כּדומה אַזעלכע נישטיקע טרוקענע געשפּרעכן, וואָס מע באַנוצט זיי פֿון יוצא וועגן כמעט אין יעדן אַריסטאָקראַטישן הויז, וווּהין מע לאַדעט אײַך אײַן אָפֿיציעל אויף אַ מיטאָג און דער טיש איז נאָך נישט פֿאַרטיק, און מע דאַרף זיצן און הונגערן, און רעדן איז נישטאָ פֿון וואָס. דער באַלעבאָס קוקט דעמאָלט אויף אײַך, ווי אויף דער עלפֿטער מכּה פֿון מצרים, און טראַכט זיך: „אַ סקוטשנער גאַסט דאָס איז. מע באַדאַרף זיך מיט אים ניאַנטשען"... און דער גאַסט קוקט אויפֿן באַלעבאָס און פֿרעגט זיך אַליין: „וועלכער רוח האָט מיך אַהער געבראַכט, איך זאָל הונגערן? נישטאָ דען בײַ מיר אין דער היים קיין וואַרעמעס, צו וועלכע גוטע יאָר?"... אײַער שטימונג ווערט אַ ביסל ווייכער ערשט דעמאָלט, ווען דער באַלעבאָס טוט זיך אַ כאַפּ אויף, בעט אײַך אַרײַן צום געדעקטן טיש און שטעלט אײַך פֿאָר פֿאַר דער אויסגעפּוצטער פֿרײַנדלעך שמייכלענדער ווירטין, און מע זעצט אײַך אַוועק אויבנאָן בײַ דער רעכטער האַנט, נעבן דער אויסגע־

פּוּצטער פריינדלעך שמייכלענדער ווירטין, און מע גיסט אייך אָן דאָס ערשטע גלעזל, און מע רוקט אייך צו דאָס פאַרבייסן, און מאַכלים קוקן אַרויס פון די טעלער און שמייכלען צו אייך און שמעקן אייך, און איר הייבט אָן סוף כל סוף אַריין אין אייער ראָל.

פאַרבראַכט אין נישטיקע טרוקענע געשפּרעכן אַקעגן אַ האַלבע שעה, איז דער דאָקטאָר לעוויוס אויפגעשטאַנען מיט זיינע איינגעלאַדענע געסט, דורכגעפירט זיי דורך אַ גאַנצער ריי פון גרויסע ברייטע הויכע חדרים, גרויסאַרטיק אויסגעפּוצט מיט זייער רייך מעבל, שווערע פאַרטיערן, הויכע גלאַנצנדיקע שפּיגלען, און צוגעפירט זיי צום געדעקטן טיש. נאָר אָנגעטאָן אַן אויסגעפּוצטער פריינדלעך שמייכלענדער ווירטין, האָבן זיי געטראָפן אויבנאָן ביים טיש אַן אַלט גרייזגרוי באַשעפעניש מיט אַן איינגעקנייטשט געל פּנים, וואָס האָט געקאַפּט דעם אָנבליק פון אַ גוט איינגעזויערטער קיסליצע.

— מיין מוטערכען, — האָט אַ זאָג געגעבן דער דאָקטאָר לעוויוס, נאָכדעם ווי ער איז צוגעגאַנגען צו איר און אַ קוש געגעבן איר אין האַנט אַריין.

די „מוטערכען", אַ יידענע מיט אַ פּאַרוק, אין אַ זיידן קלייד, מיט ברילאַנטענע אוירינגען און מיט גרויסע פּערל, האָט זיי ביידן קוים־קוים מזכה געווען מיט אַ קוק. דאָס איז געווען אַזאַ קאַלטער קוק, אַז ס'איז אין זיי פאַרקילט געוואָרן אינעווייניק דער מאַמעס מילך. „אַן אַלטע מכשפה" — האָבן אַ זאָג געטאָן האַלצמאַנס שאַרפע שפּיציקע אויגן צו זיין יונגן פריינד. און ביידע, רעכט אויסגעהונגערט, האָבן זיך אַוועקגעזעצט צום טיש, נישט געלאָזט זיך לאַנג בעטן און גענומען שטילן דעם הונגער, באַטראַכט בעת מעשה דעם דאָקטאָר לעוויוס און נישט געקאָנט זיך גענוג אָנקוקן אין זיין פיזאָנאָמיע, וואָס האָט באַקומען דאָ שוין ווידער גאָר אַן אַנדער אויסזען. עפּעס איז יאָ געווען אויף זיין פּנים אַ שמייכל, נאָר דער שמייכל האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרקרימעניש פון אַ מענטשן, וואָס דאַרף זיך אָט־אָט אוועקזעצן אַרויסנעמען אַ צאָן. אָט, דאַכט זיך, נעמט ער זיך אָן מיט אַלע כוחות, פאַרוואַרפט דעם קאָפּ, מאַכט צו די אויגן און עפנט אויף דאָס מויל: „נאַ, צי, שלעפּ, רייס, טו וואָס דו ווילסט"...

אָט אַזוי האָט אויסגעזען דער דאָקטאָר. און די „מוטערכען"? זי האָט זיך געטראַכט, אַז זי טראַכט זיך: „צו וואָס האָט ער געבראַכט אַהער אָט די שלימזלען?"... ניין. עס איז נישט געווען קיין שום שטאָף אויף צו רעדן. און דאָס, וואָס מע האָט גערעדט, האָט זיך נישט געקלעפּט. ווען נישט דאָס קלאַפּן פון די גאָפּלען און מעסערס איבער די טעלער, וואָלט מען געקאָנט הערן יעדן שלונג, מיט וועלכן אונדזערע געסט האָבן זיך ווי געוואָרגן. אַזוי גרויסאַרטיק שטיל איז צוגעגאַנגען דער מיטאָג. עס איז געווען באמת אַ חיות און אַ פרייד, ווען דער דאָקטאָר איז אויפגעשטאַנען פון טיש, אַ קוש געגעבן דער „מוטערכען" אין האַנט און אַריינגעגאַנגען מיט זיי צוריק צו זיך אין קאַבינעט אַריין.

דאָ האָט דער באַלעבאָס אָפּגעשלאָסן אַ שופלאָד פֿונעם שיינעם שרייבטיש און אַרויסגענומען דריי פֿאַרשידענע סיגאַרן פֿון דריי פֿאַרשידענע שאַכטלען. האָלצמאַנס שאַרפֿע אויגן האָבן מיטן קוק אָפּגעשאַצט, אַז די דריי סיגאַרן זענען פֿון דריי פֿאַרשידענע סאָרטן: בעסערע, ערגערע און גאָר פּאַסקודנע. די „בעסערע" האָט דער באַלעבאָס גענומען זיך. די „ערגערע" האָט ער געגעבן ראַפּאַלעסקאָן. און „גאָר די פּאַסקודנע" האָט ער אונטערגעטראָגן האָלצמאַנען.

ביים פֿאַררייכערן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז האָלצמאַן איז אַ מבֿין אויף סיגאַרן, וואָרעם ער האָט זיך שטאַרק פֿאַרקרימט און עס האָט אים אָנגעהויבן שטיקן אויף צו הוסטן. וואָלט האָלצמאַן נישט געהאַט געקומען אַהער מיט אַ געוויסן ציל און נישט האָבן קיין באַזונדערן ארויסקוק, עהע־הע, וואָלט זיך דער דאָזיקער מעצענאַט פֿון אים נישט גענאַרט פֿאַר אַזאַ כּבֿוד. האָלצמאַן וואָלט זיך נישט געפֿוילט און וואָלט אים אַ פֿרעג געטאָן, ווו ער האָט דערטאַפּט אַזאַ „שטינקאַדאָרוס־ציגאַר", פֿון יענע סאָרט ציגאַרן, „וואָס פֿאַרקויפֿן זיך אויפֿן וואַגאָן" און וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אויף צו „סמען פֿליגן". נאָר אַזוי ווי אָט דער וויזיט האָט געהאַט אַ געוויסן צוועק, האָט האָלצמאַן זיך אָנגענומען מיט כּוח רייכערן די ציגאַר פֿונעם דריטן סאָרט, הוסטן אויף דערשטיקט צו ווערן און דערצו נאָך אויסהערן פֿונעם דאָזיקן מעצענאַט אַ גאַנצע לעקציע איבער „קונסט", וואָס יענער האָט זיך גענומען לייענען גאָר איבעראַנייס פֿאַר זיין יונגן פֿריינד ראַפּאַלעסקאָ.

„ווידעראַמאָל דאָס אייגענע לידל, סע שלאָגט שוין צו דער גאַל", — האָט זיך געטראַכט האָלצמאַן. — „אָבעראַמאָל קונסט און ווידעראַמאָל קונסט, און קלאַסישע ראָלן, און ווין — ביי אונדז אין ווין... און זאָגנטאַל — אונדזער זאָגנטאַל... ער האָט אים קוים דערטאַפּט, אָט דער דייטש. און דער דאָזיקער נאַרישער „יאַט" קוקט אים אין מויל אַריין, מיינט, ס'איז תּורת לאָקש. אַ מעשׂה ביז מאָרגן. מע דאַרף אים געבן אַ פּאָר אַריין מיטן דישל אין גאַניק אַריין, וועט דאָס נעמען אַ סוף".

— האָט קיין פֿאַריבל נישט, רב דייטש, איך בין אַ פּראָסטער חי־וקים און פֿאַרשטיי נישט קיין חכמות. איר זאָגט, אַז דער „יאַט" טאָר נישט שפּילן אין די שטאַרקע ראָלן, וואָס ביז אַהער, אַז ער דאַרף שטודירן. ווין, זאָגט איר, דאַרף ער זען. מהכּתיתי, איר זענט אפֿשר גערעכט. פֿרעגט זיך אָבער: ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער? איר האָט דאָך געהערט מסתּמא דאָס שפּריכוואָרט: „אַז ס'איז נישטאָ קיין פֿינגער, קאָן מען קיין פֿייג נישט שטעלן?"...

ביי די ווערטער האָט האָלצמאַן געגעבן אַ ווונק מיט אַן אויג צו זיין יונגן פֿריינד — ער זאָל אים קומען צוהילף.

ראַפּאַלעסקאָ אָבער — צי ער האָט אים נישט פאַרשטאַנען, צי ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער פאַרשטייט נישט — איז אים צוהילף נישט געקומען. אַרויס־געוואָרפן געווען האַלצמאַנס האַפענונגען אויף דעם דאָזיקן מעצענאַט... און דער מעצענאַט האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ אויף פונעם אָרט, ווי אַן אָפּגעבריטער:

— פּאַרדאָן! דעם בריוו מיינט איר, וואָס איך האָב אייך צוגעזאָגט צו מיין פריינד זאַנענטאַל? די רגע. איין מאָמענט.

אומזיסט האָט אים האַלצמאַן געוואָלט באַרואיקן, אַז דער בריוו מעג זיין אויף שפּעטער. אומזיסט האָט זיך האַלצמאַן עטלעכע מאָל אומגעקערט צו זייַ־נעם. אומזיסט האָט ער אים געגעבן אַ קאַפּוליער אָנצוהערעניש, אַז „עס דאַרף קאָסטן אומגעהייער די נסיעה"... אַז „עס וועט זיי נישט סטייען קיין פּאָדעם"... אַז ביי זיי איז „געצייילטע גראָשנס"... דער דאָקטאָר לעוויוס איז געווען טויב צו די אַלע אָנצוהערענישן, טויב ווי די וואַנט.

דערזען, אַז סע האַלט שמאָל, האָט האַלצמאַן אַ פרווו געגעבן אַרוים מיט קלאָרע הבורים. אָבער טאַקע נישט מער ווי אַ פרווו געגעבן, וואָרעם איידער האַלצמאַן האָט נאָך געעפנט דאָס מויל צו געבן אַ רעד וועגן געלט, האָט דער דאָקטאָר לעוויוס שוין איבערגעגעבן אים דעם אָנגעשריבענעם בריוו, געקוועטשט ביי דער האַנט, אַ קלוגג געגעבן צום דינער און באַוויזן אויף די „הערן", אַז זיי ווילן גיין. און איז אויפגעשטאַנען און האָט זיי גאַנץ העפלעך באַגלייט ביז דער טיר:

— היינט איז אייער לעצטער גאַסטראָל. היינט זעען מיר זיך אין טעאַטער. צווויס זעען מיר זיך. וועלן מיר שוין רעדן פון אַלצדינג. פון אַלצדינג. אַדיעאו. אויף ווידערזען. איך דאַנק אייך זייער און זייער פּאַרן וויזיט. אַדיעו. אַדיעו. אויף ווידערזען.

### קאַפּיטל פינף און זעכציק

## די לעצטע גאַסטראָל אין לעמבערג

די לעצטע פאָרשטעלונג פון דער באַרימטער בוקארעשטער טרופּע פאַר זייַ־ער אָפּפאָרן פון לעמבערג איז אָפּגעלאָפן נאָך מיט מער „קלאַפּ", מיט מער פּראַכט און גלאַנץ, ווי די ערשטע פאָרשטעלונגען. עס האָט זיך אײַנגעגעבן אַ גראַנטענער, אַ זעלטענער ספּעקטאַקל. אַלע שפּילער זענען געווען אויף זייערע ערטער. דער רעזשיסער האָט נישט באַדאַרפט צו שוויצן. דער דיריזשאָר האָט נישט באַדאַרפט צו האַקן האַלץ. דער סופלער האָט נישט געהאַט, וואָס צו טאָן. אַלץ איז געגאַנגען, ווי אויף פּוטער. די אַקטיאָרן פוןביידע טרופּעס האָבן זיך אין דעם אָוונט ווי

צוזאַמענגעזונגען, און אויף זיי אַלעמען האָט מאַיעסטעטיש געשוועבט און געוועלטיקט דער גייסט פון דעם יונגן קינסטלער.

ראַפאַלעסקאָ האָט אַליין געפילט, אַז היינטיקן אויפטריט איז ער בײַ זיך אין דער היים. ווי גישטיק און אומגעלומפערט באַריש דאָס שטיק איז נישט געווען, האָט זיך דאָך געפילט אינעם שפילן אַ זעלטענער אַנסאַמבל. אמתע עסטעטיקער האָבן הנאה געהאַט. קלענערע מבינים זענען געווען אויסער זיך. און דאָס גרויסע פובליקום איז אַרויס פון די כלים און צעטראָגן דאָס טעאַטער: „ראַ-פאַ-לעס-קאָ! ראַ-פאַ-לעס-קאָ!“.

און ראַפאַלעסקאָ האָט צוליב געטאָן דעם עולם און האָט זיך באַוויזן פאַרן פובליקום נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. און נישט אַליין, נאָר מיט דער באַרימטער לעמבערגער פּרימאַדאָנע, וואָס האָט געטיילט מיט אים דעם טריומף פון דעם דאָזיקן אָוונט. אַלע מאָל, ווען ראַפאַלעסקאָ האָט זי אָנגענומען בײַ דער האַנט, האָט זי געפילט אַ ציטער איבערן לײַב: „דער בחור איז מײַנער... ער וועט שוין גיין בײַ מיר אין חדר אַרײַן“... אַזוי האָט זיך געטראַכט הענריעטאַ שוואַלב און האָט ברייט געשמייכלט מיט אַלע אירע ווײַסע ציין און מיט אַלע פאַלשע שטיינער, וואָס זי האָט זיך אָנגעקויפט די לעצטע צײַט.

אויף איר קוקנדיק, האָט אויך אָנגעקוואָלן איר ברודער דער טראַגיק. פאַר דעם דאָזיקן נפש האָט זיך געעפנט אַ גאָלדענע גרוב, און אַלע גליקן זענען געקומען מיטאַמאָל: ערשטנס, ווערט ער פּטור פון אָט דעם בלוטזויגער געצל בן געצל. צווייטנס, האָט מיט אים דער דירעקטאָר האָלצמאַן צוגעשלאָגן אַ „יד“, אַז זיי ווערן שותפים און עפענען אײַנצווייען אַן אייגענעם משא-ומתן, אַ טעאַטער אונטער זייערע ביידנס נעמען: „האָלצמאַן, שוואַלב עט קאָמפּ.“ און וויפל איז ווערט אָט דאָס, וואָס ער פּטרט אַ האָרב פון די פּלייצעס?... ער מיינט דאָס זײַן שוועסטער יענטל, אָדער הענריעטאַ, וואָס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זי האָט דעם „יאַט“ פאַרטשמעליעט דעם קאָפּ, ווי עס געהער צו זײַן. „נישקשה פון אַ שידוך, — האָט ער זיך געטראַכט און מיט ביידע הענט זיך געווישן דאָס רויטע פּנים. — מײַנע קאָלעגן די באַהעלפערס וועלן צעזעצט און צעפּיקט ווערן פאַר קנאה, און מײַן דירעקטאָר, „יאָקל בן פלעקל“, ווי האָלצמאַן רופט אים, וועט אם-ירצה-השם באַקומען אַ שיינע „פּאָפּלעקציע“...

— וואָס קוקט איר אַלע מינוט אין שפּעלטל אַרײַן און ווען זוכט איר?

— האָט שוואַלב אַ זאָג געטאָן צו זײַן נײַעם שותף האָלצמאַן, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט הינטער די קוליסן אַ צעטראָגענער און פאַרקוקט אַלע מינוט אין טעאַטער אַרײַן, געזוכט עמעצן מיט די אויגן.

— דעם נעכטיקן טאָג, — האָט אים האָלצמאַן געענטפערט און נישט אויפגעהערט צו פאַרקוקן אין פאַרטער אַרײַן.

דאָס האָט ער געזוכט דעם דאָקטאָר יוליוס לעוויוס, וואָס האָט זיי צוגעזאָגט קומען אין טעאַטער צו דער לעצטער פאָרשטעלונג, און איז נישט געקומען. אונ־דזער האָלצמאַנען האָט די דאָזיקע מעשה אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט דעם גאַנצן אויפדערנאַכט נישט אויפגעהערט צו שעלטן מיט דער כאָליערע און מיט כף־הקלע און מיט אַנדערע קללות אַלע דאָקטוירים מיט אַלע דייטשן מיט אַלע מעצענאַטן פון דער גאַנצער וועלט.

— וועמען בענטשט איר דאָס אַזוי געשמאַק? — זענען חברה אַקטיאָרן נייגעריק געווען צו וויסן.

— דאָס האָב איך מיך דערמאָנט אין מיינעם אַ פעטער, אַ שניידער, וואָס איז כל־ימיו געווען אַ קבצן, כאָטש ער פלעגט נעמען יתור... ער איז שוין אויף דער אמתער וועלט, דער זכות פון זיינע געלאַטעטע הויזן זאָל אים באַשטיין.

פאַר חברה אַקטיאָרן איז אָבער דער תירוץ געווען נישט קיין תירוץ. האָבן זיי אָפּגעטראָגן צו זייער דירעקטאָר אין די אויערן אַריין, אַז דאָ איז עפּעס נישט גלאַטיק. אַז דער „קנאַקער" פון בוקאַרעשט (האָלצמאַן) איז עפּעס זייער „פאַר־כאַלעפּירעמט", צעטראָגן הייסט עס. וואָס קאָן עס זיין?...

געצל בן געצל האָט זיי אויסגעהערט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און זיך קוים איינגעהאַלטן פון אַ שמייכל טאָן:

— פאַרכאַלעפּירעמט? — האָט ער זיך געטראַכט. — איר זענט גרויסע בהמות. פאַרכאַלעפּירעמט וועט ער ערשט זיין מאָרגן, אַז ער וועט דאַרפן אַוועק־פאָרן פון דאַנען... אָט וועט איר מאָרגן עפּעס זען אַ שיינס...

— — — — — — — — — — — — —

אויף מאָרגן איז געווען אַ שיינס. אַזעלכעס, וואָס אין לעמבערג האָט זיך נאָך נישט געטראָפן, זינט לעמבערג איז אַ שטאָט, זינט עס עקזיסטירט דאָרט אַ יידיש טעאַטער און זינט געצל בן געצל איז דאָרט אַ דירעקטאָר. מע האָט אים צוגענומען דאָס גאַנצע חדר, אומגליקלעך געמאַכט. מע האָט אַרויסגענאַרט ביי אים, ערשטנס, די פּרימאַדאָנע — אַזאַ פּרימאַדאָנע! — און אין איין גאַנג האָט מען צוגענומען אויך איר ברודער, דעם וואַגאַבונד, מיט נאָך איין אַקטיאָר, בעני גאָרגל, אַ זעלטענער סופלער! און אפילו די מאַדאַם טשערניאַק, בריינדעלע קאָ־זאַק, איז אויך מיט זיי נעלם געוואָרן צו אַלדי שוואַרצע יאָר.

— וואָס טוט מען איצט? — האָט זיך נעבעך געצל בן געצל געקלאָגט און געוויינט פאַרן איבעריקן ביסל אַקטיאָרן. — כאָטש נעם און שליס צו דאָס טעאַ־טער, אָדער לייג זיך אַוועק און נעם איין אַ מיתה־משונה!

— נישט אַנדערש! — האָבן געטרייסט די איבערגעבליבענע אַקטיאָרן און האָבן זיך דערווייל אַוועקגעלאָזט אין קאַפע „מאָנאָפּאָל" פאַר גרויס האַרצ־

וויטיק כאַפּן אַ קערטל. און דער דירעקטאָר פֿון לעמבערגער טעאַטער האָט גענומען די פֿיס אויף די פּלייצעס און האָט זיך אַוועקגעלאָזט נאָך די אַנטלאָפֿענע קיין ווין און קיין בוקאַרעשט, און פֿון דאָרט, אַז מע וועט דאַרפֿן פֿאָרן ווייטער, וועט ער פֿאָרן. „זאָל זיין נאָמען נישט הייסן געצל, אויב ער וועט זיי נישט פּאַקן! סיידן ס'איז נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט“...

## קאַפּיטל זעקס און זעכציק

# די ביאָגראַפֿיע פֿון די שוואַלבן

דאָס שותּפֿות פֿון אונדזערע באַרימטע קאָמפּאַניאָנען, האָלצמאַן עט שוואַלב, איז למזל געשלאָסן געוואָרן אין דער שיינער לוסטיקער שטאָט ווין גאַנץ יום־טובדיק.

דאָס איז געווען אין איינעם פֿון יענע ווינער קאַפֿערעסטאָראַנען, וואָס זענען אַפּילו ווייט פֿון דעם נאָמען „ערשקלאַסיקע“, נאָר מע קאָן דאָרטן פֿונדעסטוועגן אין אַ זייטיקן צימער, ביי אַ גלאָז פּילזנער ביר מיט גוטע וורשטלעך, זיך גאַנץ פֿיין אונטערהאַלטן.

פֿאַרקליבן האָבן זיך אַהין אונדזערע צוויי שותּפֿים גאַנץ אַליין און האָבן אָפּגערעדט צווישן זיך אַלע פּרטים, אויסגעאַרבעט אַלע תּנאָים, אַ פּונקט נאָך אַ פּונקט:

1) האָלצמאַן און שוואַלב עפֿענען אַ טעאַטער אונטערן נאָמען: „האָלצמאַן, שוואַלב עט קאָמפּ“.

2) די דירעקטאָרן פֿונעם טעאַטער זענען זיי ביידע: האָלצמאַן און שוואַלב.

3) ביידע דירעקטאָרן לייגן אַריין אין שותּפֿות אַריין: שוואַלב — זיין שוועסטער הענריעטאַ, אַלס פּרימאַדאָנע, און האָלצמאַן — דעם באַרימטן אַרטיסט, לעאָ ראַפֿאַלעסקאָ, אַלס ערשטן ליבהאָבער.

4) אַלע פֿאַרדינסטן, וויפֿל ס'וועט זיין אחר נכיון הוצאות, ווערן געטיילט צווישן ביידע דירעקטאָרן אויף דער העלפֿט, חצי שלי וחצי שלך.

5) שפּילן טעאַטער זענען די דירעקטאָרן נישט מחויב, נאָר די אַקטיאָרן אַליין. סיידן עס טרעפֿט, עמעצער פֿון די אַקטיאָרן ווערט קראַנק אַזוי שטאַרק, אַז ער קאָן נישט אַרויסטרעטן אויף דער בינע. דעמלט געהערט דעם קראַנקן אַקטיאָרס פֿאַרדינסט צו די דירעקטאָרן.

6) אַלע אַקטיאָרן אַרבעטן ביי זיי אויף מאַרקעס. דאָס הייסט, וויפֿל עס בלייבט ריין פֿאַרדינסט פֿונעם אָוונט, נעמט אַראָפּ די דירעקציע זיך קודם די ער־

שטע העלפט, און די איבעריקע העלפט ווערט איינגעטיילט צווישן די ארטיסטן חלק בחלק, יעדן נאך זיין ווערט, חוץ ראפאלעסקאן און דער פרימאדאָנע, וועלכע באקומען יעדער צו צוויי חלקים.

7) אַ מכה דאַרף עמעצער פון די אַקטיאָרן וויסן, וויפל די דירעקציע פאַר־דינט, אָדער וויפל, חלילה, זי דערלייגט.

8) דער קאַסירער פונעם געשעפט דאַרף זיין...

דאָ איז אַרויסגעקומען צווישן די דירעקטאָרן אַ שטיקל מחלוקת. יעדער פון די צוויי האָט, נאַטירלעך, געוואָלט זיין געניטער צו דער שיסל. דער דאָזיקער סיכּסוך איז אָבער גיך אויסגעגלייכט געוואָרן דורך אַ המצאה פון האָלצמאַנען: אַז ביי דער קאַסע אין מעאַטער דאַרף זיצן שוואַלב, ווייל ער איז אַ מענטש, וואָס איז שווערלעך אויפן געזעס; דערפאַר אָבער אַלע הוצאות, געלטער, חשבונות און רעכענונגען דאַרפן גיין דורך האָלצמאַנס האַנט.

און נאָך אייניקע נישט זייער וויכטיקע פונקטן זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן. און אַלע פיינטשיק, מיט אַ שכל און מיט אַ גאַנג. אויסאַרבעטן פונקטן מעג מען פרעגן ביי האָלצמאַנען. ער האָט געהאַט אויף זיך, בישקשה, אַ גוטן רבין — שמשופאַק האָט ער געהייסן, ימח שמו זאָל ער ווערן!

אָפּגעפאַרטיקט זיך מיט אַלע פונקטן, האָט האָלצמאַן אַ קלונג געגעבן, גע־הייסן דערלאַנגען אַ טינט און פעדער מיט אַ בויגן פאַפיר אויף צעשרייבן זיך, מאַכן אַ קאָנטראַקט, און אַ זאָג געטאָן צו זיין שותף גאַנץ פריינדלעך:

— נו, אַ „דונער זעצן" זאָל מען זיך און „געריבן" זאָל ווערן!

— איך? — האָט אים שוואַלב אָפּגעענטפערט מיט תמימות און אָפּגע־שטופט פון זיך דאָס טינט און פעדער. — איך האָב, ווי איר זעט מיך אַ יידן, זינט איך לעב קיין פען געהאַלטן אין האַנט אפילו.

— טאַקע באמת? — האָט אים האָלצמאַן איבערגעפרעגט מיט כלומרשט זייער אַ פאַרוווּנדערט פנים. — ווי קאָן דאָס אַ מענטש נישט שרייבן עטלעכע ווערטער כאָטשבי אויף אונדזער לשון, איך מיין, אויף פּראָסט יידיש?

— פון וואַנען? — האָט זיך שוואַלב גאַנץ ערנסט פאַרענטפערט פאַר זיין נייעם שותף. און מחמת ער האָט געהאַלטן שוין ביים דריטן גלאָז ביר, האָט זיך די צונג געפילט ביי אים אויפגעבונדן, און ער האָט אַנידערגעלייגט פאַר האָלצ־מאַנען פון זיך אַ גאַנץ שיינע ביאָגראַפיע, וועלכע מיר גיבן דאָ איבער אין גאַנץ קורצע ווערטער:

„אַליין איז ער געבוירן געוואָרן — ער ווייסט נישט ווו, און געוואַקסן אַ יתום — ער ווייסט נישט פון וועמען. דאָס הייסט, אייגנטלעך, זענען זיי געווען דריי יתומים: ער און זיינער אַן עלטערער ברודער, ניסל הייסט ער, דער, וואָס איז איצט אין לאָנדאָן. און אַחוץ דעם אַ קליין שוועסטערל, יענטל, אָט די פרימאַדאָ־

נע מאַקע, וואָס מע רופט זי איצט הענריעטאַ. האָבן זיי זיך געוואַלגערט, הייסט עס, אַלע דריי, יעדער באַזונדער אויף אַן אַנדער מיסט, ביז גוטע מענטשן האָבן אויף זיי רחמנות געהאַט און מע האָט זיי יאַקאָש צעשטערכעט, דעם אַהער, דעם אַהין. אים מיט זיין ברודער ניסל האָט מען אָפּגעגעבן צו אַ בעקער, זיי זאָלן אַרומטראָגן אייעריקע בייגל. איז זיי נישט געווען צום האַרצן די מלאכה, האָבן זיי זיך בעסער גענומען צו ציגאַרן. ביי ציגאַרן פאַרדינט מען מער. דאָס הייסט, פון ציגאַרן האָט מען אויך מכות מיט בכורות. אַ שטיקל גליק כאָטש, וואָס ער, איזאַק שוואַלב, האָט פון תמיד אָן געהאַט אַ טאַלאַנט צום שפּילן. אַז ס'איז געקומען פּורים, פלעגט ער מאַכן געלד... הקיצור, זיי אינצווייען האָבן זיך ווי עס איז אויסגעשלאָגן זייערע הוצאות. דאָס הייסט, נאַקעט און באָרוועס, און הונגעריק אויך, נאָר דער וועלט האָבן זיי אַרויסגעשטעלט אַ פייג. שלעכט איז נאָר געווען אָט דאָס נאָכווייעניש, דאָס שוועסטערל. וואָס טוט מען מיט אַ מיידל? האָבן זיי זי אָפּגעגעבן דינען, באַשטעלט, הייסט עס, אויף אַן אָרט. פאַרן שטיקל ברויט, אַבי אַראָפּגעפּטרט אַ האָרב. האָבן זיי אָבער געהאַט מיט איר צרות און צרות. אַלע דריי וואָכן האָט זי געביטן די ערטער. וואָרעם זי איז, צו זייער שלימזל, פון קינדוויז אויף געווען אַ געראָטן מיידל. דאָס הייסט, נישט אַזוי געראָטן אין שכל, ווי אין שיינקייט. און דאָס רוב באַלעבאַטים האָבן אַ טבע, ס'זאָל אויף זיי קומען אַ מגפה, אַז זיי דערזעען אַ שיין מיידל, ווערן זיי די כפרה... וואָלט כאָטש זיין עלטערער ברודער ניסל געווען אין דער היים, וואָלט ער זיך מיט זיי אָרנטלעך אָפּגערעכנט. זיי וואָלטן שוין פאַרזאָגט קינדס-קינדער. „וואָרעם מיין ברודער ניסל — זעט איר מיך? בין איך אַ הונט אַקעגן אים!“ — האָט זיך אים אָבער פאַרגלוסט, זיין ברודער ניסל הייסט עס, אַוועקלאָזן זיך אין אַלדי שוואַרצע יאָר קיין לאָנדאָן, און דווקא צופוס, צוגעזאָגט שרייבן בריוולעך, אַלע וואָך אַ בריוול. צום סוף — ווער? וואָס? — אַוועקגעפאָרן און פאַרגעסן דעם זיי-געזונט. ערשט ווען האָט ער זיך דערמאָנט שרייבן? העט-העט! אַז ער, איזאַק שוואַלב, איז שוין געווען אַן אַקטיאָר פון שטאַרקע טראַגישע ראָלן, און זיין שוועסטערל — אַ פרימאַדאָנע ביי אָט דעם יאָקל בן פלעקל. נו, פרעגט זיך: ווען האָט ער, שוואַלב, צייט געהאַט אויסלערנען זיך שרייבן?“...

אויסגעהערט די דאָזיקע אינטערעסאַנטע ביאָגראַפיע פון זיין אָפּגעהאַרציקן שותף, האָט אונדזער האָלצמאַן אים געמוזט מודה זיין, אַז ער איז פּולקאָם גערעכט. ער אַליין, האָלצמאַן הייסט עס, קאָן אויך שרייבן, אייגנטלעך, נאָר דעמלט, ווען קיינער זעט נישט. נאָר אַז מע וויל שמועסן דאָס אייגענע צוריק, צו וואָס דאַרף מען איינגאַנצן דאָס שרייבן? — ביי די ווערטער האָט האָלצמאַן צעריסן דעם ריינעם בויגן פּאַפּיר אויף דער האַלב און האָט זיך אָנגערופן צו זיין שותף:

— אין דער ערד מיטן קאָפּ אַלע פּאַפּירן מיט אַלע צושרייבעכצן! „נישט דער וועקסל צאָלט, דער מענטש צאָלט“. לאָמיר זיך געבן די האַנט תקיעת-כּף,

אַז אַלצדינג, וואָס מיר האָבן דאָ אָפּגערעדט, זאָל זיין קדוש וטהור. און לאָמיר נעמען נאָך צו גלעזלעך ביר און לאָמיר זיך צעקושן אין די פּיסקעס: לחיים! לאָז גאָט געבן, ס'זאָל זיין מיט מזל און מיט גליק!

— לחיים! לחיים! לאָז גאָט געבן, ס'זאָל זיין מיט הצלחה און מיט אַלדאָס גוטס.

— אָמן.

— אָמן, אָמן.

## קאַפּיטל זיבן און זעכציק

# דער ערשטער וויזיט ביים גרויסן זאָנענטאַל

געקומען אַהיים, אַ ביסל אונטערן גלעזל, האָבן אונדזערע שותּפים נישט אויסגעזאָגט קיינעם, אַז זיי האָבן געשלאָסן צווישן זיך אַזאַ אַן ערנסט געשעפט. זיי האָבן זיך נאָר גענומען שטודירן די שטאָט ווין און נאָכזוכן אַ לאָקאַל אויף אַ יידיש טעאַטער. זיי האָבן זיך אָבער גיך אַרומגעקוקט, אַז זייער טרחה איז אומזיסט. ווין איז נישט קיין שטאָט און די ווינער יידן זענען קיין יידן נישט. „יידן, — אַזוי האָט געזאָגט האָלצמאַן, — וואָס קאָנען זיך באַגיין אָן אַ שום יידיש טעאַטער, יידן, וואָס אָדער זיי לויפן הערן זאָנענטאַלן, אָדער זיי באַגנוגענען זיך מיט אַ קאַבאַרע אָדער אַזוי אַ שענקל, וו מע קלייבט זיך צונויף ביי אַ גלאָז ביר, מע רייכערט ציגאַרן און מע האָרכט זינגען „חוה“ אָדער „פּרייטיק אויף דער נאַכט“, און מע פּליעסקעט בראַוואָ און מע לעקט די פינגער, — אַזעלכע יידן מעגן געהאָנגען ווערן אויף אַ בוים אָדער געשאָסן ווערן פון אַ ביקס“.

אַזוי האָט זיך אויסגעטענהט האָלצמאַן אויף זיין מענה-לשון און האָט אָפּגערעדט מיט זיין שותּף שוואַלב, מע זאָל אַ שפּיי טאָן אויף דעם אויסגעפּוצטן ווין און בעסער אַוועקלאָזן זיך צוריק אויף דער פּראָווינץ, איבער די קליינע שטעטלעך אינעם געבענטשטן גאַליציע, בוקאָווינע, רומעניע, וו יידן האָבן נאָך נישט געגאַשט פונעם עץ-הדעת, וו דאָס פּובליקום לויפט זיך נאָך צונויף אָנקוקן יידישע אַקטיאָרן, וו מע לויפט זיך צונויף, אַשטייגער, קוקן אויף אַ בער, אַ העלפאַנט אָדער אויף אַ מאַלפּע...

דאָס איינציקע, וואָס האָט אויפגעהאַלטן האָלצמאַנען אין ווין, איז געווען זאָנענטאַל. „אַן אַרטיסט, וואָס פאַרמאָגט זיין אייגענעם אַ מיליאָן, פאַרדינט, אַז מע זאָל צוליב אים פאַרברענגען אין ווין אַן איבעריקן טאָג“. אַזוי האָט געזאָגט האָלצמאַן. נישט מחמת ער ווערט אַזוי נתפּעל פון מיליאָנען. „חס-וחלילה!

וואָס הערט האָלצמאַן אַ מיליאָנער? ער האָט שוין געזען אויף זיין לעבן מיליאָנערן. ער האָט שוין מיט זיי גערעדט, געפאָרן אין איין קאַרעטע און, אויב איר ווילט, האָט ער מיט זיי געגעסן שוין ביי איין טיש אויך". (דאָס איז אַ וווּנק אויפן דאָקטאָר לעוויוס-לויתן אין לעמבעריג). האָלצמאַן, פאַרשטייט איר מיר, גייט מיט דעם גאַנג, אַז אַן אַקטיאָר, ווי זאָנענטאַל, וואָס האָט געקאָנט זיך אַרויפאַרבעטן אויף אַ מיליאָן, נישט צעטרענצלען, נישט פאַרשיכורן און נישט פאַרשפּילן אין קאָרטן, איז גלאַט ווערט, מע זאָל אים גיין זען.

און האָלצמאַן האָט אונטערגעפּרישט די הלבשה, אויסגעגלעט דעם צילינדערהוט, געקויפט זיך אַ פּאָר נייע הענטשקעס מיט אַ האַלב-זיידענעם שירם, מיטגענומען מיט זיך דעם בריוו, וואָס דער דאָקטאָר לעוויוס האָט זיי געגעבן, און האָט זיך אָנגערופן צום „יאַט":

— נו, מיין טייער שפּילפויגל, מיטן רעכטן פוס...

דאָ האָט זיך אפילו שוואַלב דער שותף אַרויסגעכאַפּט, אַז ער וואָלט אויך אַ בעלן געווען מיטצוגיין צו זאָנענטאַלן. „וויבאַלד אַז מע שמועסט שותפות, איז דאָך נישט שייך". האָט אים אָבער האָלצמאַן אָפּגעהאַקט די פליגל: „אזאָס! האַנדלשאַפט איז קיין ברודערשאַפט. שותפות איז טאַקע שותפות, נאָר מע דאַרף וויסן, ווער צו וואָס עס פּאַסט"... שוואַלב האָט נישט פאַרשטאַנען דאָס עקשנות: „וואָס איז? עס וועט דען קאָסטן טייערער, אַז זיי וועלן גיין זאַלבעדריט? צי וועט ער אים אָפּבייסן אַ שטיקל זאָנענטאַל?" — האָט אים האָלצמאַן געגעבן צו פאַרשטיין מיט אַ שכל: „אַז יעדער מענטש דאַרף וויסן זיין שטאַט. לאָז אַריין אַ דבר-אחר אין שטוב, קריכט ער אויפן טיש"... האָט דאָס שוואַלבן שוין אַ ביסל פאַרדראָסן און ער האָט אים געגעבן אָנצוהערעניש, ער זאָל נישט פאַרגעסן, אַז קודם איז די פּרימאַדאָנע הענריעטאַ שוואַלב אים אַ שוועסטער און ער, שוואַלב, קער איר אָן אַ ברודער... האָט זיך שוין האָלצמאַן, פון זיין זייט, אָנגעצונדן, האָט זיך פאַרהוסט און האָט גאָר אָנגעהויבן רעדן צו אים לשון-קודש: „לא מעוקצך ולא מדובשך — קריך מיר נישט אויפן בוידעם און דאָס מיר נישט אויפן לייטער"...

נישט ראַפאַלעסקאָ, נישט האָלצמאַן האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס איז די מעשה, וואָס אַזאַ גרויסער זאָנענטאַל וווינט נישט אין קיין אייגענעם מויער, נאָר אין אַ האָטעל? „מילא, אַ גאַש בראַט, אַז ער וואַלגערט זיך אויס אין אַלע מיסטן, באַקענט זיך מיט אַלע הינער, קאַטשקעס, באַלעבאָסטעס און וואַנצן — זענען מיר דערויף בידנע יידישע אַקטיעיאויערן. אָבער זאָנענטאַל? אין ווין? סטייטש, נאָך אַ מאָל!"

דאָס זענען געווען האָלצמאַנס טענות, פאָרנדיק מיט ראַפאַלעסקאָן אין אַ גאַנץ שיינעם עקיפּאַזש צו זאָנענטאַלן. וויבאַלד אָבער זיי זענען צוגעפאָרן צום גרויסאַרטיקן האָטעל, ווו זאָנענטאַל האָט געוווינט, און עס איז זיי אַרויסגעטראָטן

אַקעגן עפּעס אײנער אַ בן־אָדם אין אַ ליוורעע מיט גאָלדענע קנעפּ, אַזוי האָט האָלצמאַן באַלד געביטן זײַן מײנונג און האָט אַ זאָג געגעבן צו זײַן יונגן פרײַנד ראַפּאַלעסקאָ: „אַ רוח אין געלטס טאַטן אַרײַן!“ און צום בן־אָדם מיט די גאָלדענע קנעפּ האָט ער געגעבן צו װיסן, אַז זײ װילן זיך זען מיט זאָנענטאַלן. די גאָלדענע קנעפּ האָבן באַטראַכט אונדזערע בײדע פּאַרשױנען פון אױבן ביז אַראָפּ און געגעבן זײ צו װיסן, אַז מיט זאָנענטאַלן קאָן מען זיך נישט זען. „פאַרװאָס, למשל?“ — „װײַל זאָנענטאַל נעמט נישט אױף“. — „װאָס הײסט, ער נעמט נישט אױף?“ — די דאָזיקע שאלה האָבן די גאָלדענע קנעפּ איבערגעלאָזט גאָר אָן אַ שום תשובה און האָבן זיך געהאַט אױסגעדרײט שױן אױף אַװעקצוגײן. האָט זיך האָלצמאַן אָנגערופן מיט שטאָלץ, אַז זײ האָבן צו זאָנענטאַלן אַ בריװ פון זײער אַ געהױבענע פּערזאָן, װאָס פאַרמאָגט אפשר נישט װײניקער, װי זײַן באַלעבאָס. לאָז ער גאָר נישט מײנען, אַז זײ זענען עפּעס װײס איך װער; קודם זענען זײ אַלײן אױך אַרטיסטן...

דאָ האָט האָלצמאַן זיך אַ נעם געטאָן בײם צילינדערהוט און האָט אױסגעטאָן אַ הענטשקע און באַלד אָנגעטאָן צוריק און האָט מכבד געװען דעם בן־אָדם פון די גאָלדענע קנעפּ מיט אַ זעץ אין פּלײצע. די גאָלדענע קנעפּ זענען פון אַזאַ באַנעמונג געװאָרן אַ ביסל צעמישט. צוגענומען בײ זײ דעם בריװ, אַרױפגעגאַנגען אַרױף, געלאָזט װאַרטן אונדזערע װיזיטערעס אױף די טרעפּ היפּשע עטלעכע מינוט און אַראָפּגעקומען צוריק מיט אַ קלאָרער ידיעה, אַז זאָנענטאַל אַנטשולדיקט זיך זײער. ער האַלט איצט אין אײנשטודירן אַ נײַע ראָל. אױב זײ װילן דורכרײדן מיט אים שפּרעכן, קאָנען זײ אַרױפקומען הײַנט אין טעאַטער, הינטער די קוליסן, צװישן די אַקטן...

מער האָט מען נישט געקאָנט אַרױסציִען פונעם דאָזיקן נפש קײן אײנציק װאָרט, מחמת אײדער זײ האָבן געעפנט אַ מױל אױף צו רעדן, האָט דער בן־אָדם פון די גאָלדענע קנעפּ באַװיזן אונדזערע װיזיטערעס, אַז פון הינטן טראָגט ער די זעלבע גאָלדענע קנעפּ, װאָס פון פאָרנט.

---

— װאָס האָט זיך מיר געחלומט די נאַכט און יענע נאַכט און אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר, זאָל אױסגײן צו זאָנענטאַלן מיטן דאָקטאָר לױתן און מיט אַלע מעצענאַטן פון דער גאַנצער װעלט! נאָר װאָס רעדן, מײַן טײַער שפּילפױגל? פּתח שין — שאַ!

אַזוי האָט האָלצמאַן געזאָגט צו ראַפּאַלעסקאָ, פאָרנדיק צוריק אַהײם, און בײדנס פּנימער האָבן געפלאַמט אַזוי װי פײַער.

## קאַפּיטל אַכט און זעכציק

# אומזיסטע האָפענונגען

געקומען צוריק פונעם געהויבענעם ווייזיט זוי אָפּגעשמיסענע, האָבן אונדזערע וויזיטערעס געקריגן א שיינעם ברוך־הבא פון דער חברה אקטיאָרן, וואָס האָבן זיי באַגעגנט מיט א בריייטן שלום־עליכם:

— נו?

— וואָס נו?

— וואָס הערט זיך עפּעס ביים גרויסן זאַנגענטאל?

— וואָס זאָל זיך הערן? — האָט האָלצמאַן אויסגעצויגן און געמאַכט א גלייכגילטיק תמעוואַט פּנים. — מאָלט אייך, ס'איז שוין איינמאָל א זאַנגענטאל!

און האָלצמאַן האָט זיך אָנגענומען מיט הארץ, און נו האקן א טשייניק, דערציילן חידושים פון זאַנגענטאלן, וויאזוי ער זיצט דאָס גרויסארטיק, און וואָס פאַר א גאָלדענער מענטש דאָס איז, און וויאזוי ער האָט זיי אויפגענומען און מכבד געווען מיט טיי, מיט ביר און מיט ציגאַרן, „יעדער ציגאַר אָט אזוי די גרויס!".

און האָלצמאַן האָט א וויין געטאָן מיט ביידע הענט, וואָס פּאַר א גרויסע ציגאַרן מע האָט זיי דאָרט געגעבן און האָט דערלאַנגט א פּאָר אריין מיט איין האנט גלייך צו שוואלבן אין רויטן פּנים אריין. שוואלב, וואָס איז, ווי באַוווּסט, א ספּעציאַליסט אויף ציגאַרן, האָט זיך נישט געקאָנט איינהאלטן פון צו באַמערקן, אז אזעלכע גרויסע ציגאַרן, ווי האָלצמאַן זאָגט, איז סך־הכל גאָר נישטאָ אויף דער וועלט, וואָרעם ווער ווייסט נאָך אַזוי אויף דעם אַרטיקל, ווי ער, וואָס האָט כל ימיו געהאַנדלט מיט דער דאָזיקער סחורה?

— טאָקע אן עבירה, כ'לעבן, — האָט אים האָלצמאַן 'אָפּגעהאַקט, — וואָס דו האָסט זיך גענומען נישט צו דיין מלאכה. הלוואי וואָלסטו שוין בעסער געבליבן ביי די ציגאַרן, 'וואָלט די יידישע בינע פאַרמאָגט וויניקער מיט א דראָנג.

דער דאָזיקער ענטפער איז געווען א ביסל צו שאַרף פאַר אזא אן ארטיסט, ווי שוואלב, איז אים דאָס רויטע פּנים געוואָרן נאָך רויטער און ער האָט אָנגעהויבן צו שוויצן. שוואלב איז אָבער נישט אזא מענטש, וואָס זאָל זיך געפינען שטארק באַליידיקט און וואָס 'זאָל טראָגן לאַנג א שנאה אין הארצן. דעריבער איז קיין חידוש נישט, וואָס מען איז באַלד געוואָרן צוריק שלום, און ס'איז געבליבן טאָקע דאָ אויפן אָרט, אז דעם זעלבן אויפדערנאַכט זאָל 'מען נעמען א לאָזשע אין בורג־טעאטער און אלע אינאיינעם זאָל מען זיך דורכגיין הערן זאַנגענטאלן. דאָס הייסט, עס רעדט זיך גאָר 'אזוי — אלע אינאיינעם. גיין וועלן זיי גאָר זאָל־

בעפינפט: ביידע דירעקטאָרן און ראַפאַלעסקאָ און הענריעטא און גריינדעלע קאָזאַק.

— און די איבעריקע חברייא?

— די איבעריקע חבריא, — האָט האָלצמאַן אָפּגעפּסקנט, — איז נישט קליין צו זיצן אין דער היים און כלעפּטשען תהלים. און פאַר נויט, אויב זיי ווילן זייער, קאָנען זיי ארויפקלעטערן מחילה העט ארויף, אויף דער אייבערשטער גאַליעריע, וועט, ערשטנס, קאָסטן א סך וועלוועלער, און אגב וועט מען זיין נענטער צו גאָט.

מיט איינעם וואָרט, אונדזער האָלצמאַן האָט נישט ארויסבאַוויזן קיין סימן פון אומצופרידנקייט. אַדרבא, ער איז יענעם פרימאָרגן געווען לעבעדיקער און באַרעדעוודיקער, ווי תמיד, געמאַכט אַלערליי העוויות און אָנשטעלן, אונטערגעזונגען און אונטערגעטאַנצט, גלייך ווי דעם מענטשן האָט געטראָפן א גליק.

גאַנץ אַנדערש האָט זיך ארויסבאַוויזן דער צווייטער וויזיטער, לעאָ ראַפאַלעסקאָ. אויף וויפל האָלצמאַן איז געווען לעבעדיק און פריילעך, אַזויפיל איז ער געווען פאַרזאָרגט און אומעטיק און ארומגעגאַנגען, ווי אָן א קאָפּ. פון אלע זיינע זיסע געדאַנקען האָט זיך אויסגעלאָזט א טייך, און פון אלע גאָלדענע חלומות — א נעכטיקער טאָג.

דער ערשטער חלום איז געווען — זיין באַגעגעניש אין ווין מיט דעם חזנס מיידל רייזל, אָדער ראָזא ספּיוואַק, איבער וועלכער ער איז נישט געשלאָפן קיין נעכט... און דער צווייטער חלום איז געווען — דער אויפנאַם, וואָס ער וועט האָבן ביים גרויסן זאָנענטאַל.

אומזיסט האָט ער זיך אַזוי געריסן קיין ווין, צו דער באַרימטער זינגערין מאַרטשעלי עמבריך, ביי וועלכער עס האָט זיך אויפגעהאַלטן זיין רייזל, אָדער ראָזא ספּיוואַק. נאָך אלע נאָכפרעגענישן און אויספאָרשונגען איז ער געוויר געוואָרן נאָר איין זאַך: אַז נישט מאַרטשעלי עמבריך און נישט ראָזא ספּיוואַק זענען אין ווין נישטאָ. די מאַדאַם טשערניאַק, וועלכע האָט אים פריער ערב געווען, אַז ראָזא איז געווים אין ווין, און צוגעזאָגט אים אויסזוכן און צונויפפירן מיט ראָזען גאָר אָן אַ שום תירוץ, האָט זיך עפּעס אין ווין ווי אומגעביטן און אָנגעהויבן רעדן מיט אים אַן אַנדער לשון. אַלע מאָל איז זי געקומען צו גיין מיט אַן אַנדער נייעס: פריער האָט מען איר געהאַט געזאָגט, אַז ראָזא ספּיוואַק האָט זיך צעגאַנגען מיט מאַרטשעלי עמבריך און איז מיט עפּעס אַן אַרטיסט פּלוצעם אָפּגעפאָרן פון דאַנען קיין בערלין... נאָכדעם האָט זי געבראַכט צו טראָגן אַ ידיעה, אַז ראָזאַ איז אין פּאַריז אין קאָנסערוואַטאָריום, שטודירט אויף דער רעכענונג פון איינעם אַ רייכן מאַן אַ מעצענאַט, זשאַן רעשקאָ, אַ קריסט, וואָס האָט זיך פאַרליבט אין דער יידישער זינגערין אָט אַזוי ווייט... שפּעטער איז זי געקומען צו גיין מיט דער רויטער ראָטאָנדע, האָט אָפּגערופן ראַפאַלעסקאָן אויף

אַ זייט און איינגערוימט אים אַ סוד אויפן אויער, אַז זי ווייסט פאַר קלאָר, אַז ראָזאַ ספּיוואַק איז איצט אין לאָנדאָן, גיט אָפּ קאָנצערט, אינייִנעם מיט אַ באַרימטן וויאָלין־שפּילער, אַ יידיש ייִנגל, גרישאַ סטעלמאַך, וואָס סע קלינגט מיט אים די וועלט. און ס'איז אַ סברה, אַז דער גרישאַ זאָל גאָר זיין ראָזאַס אַ חתן, אָדער ער זאָל שוין האָבן מיט איר חתונה געהאַט...

— שקר וכזב! — האָט זיך נישט ווילנדיק אַרויסגעכאַפּט ביי ראַפּאַלעסקאָן.

— וואָס איז שקר וכזב? — האָט אים די מאַדאַם טשערניאַק איבערגעפרעגט און האָט אַ וואָרף געגעבן אויף אים מיט אירע קליינע יאַפּאַנישע אייגעלעך, און אויף איר קיילעכיק לבנה־פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכעלע און צעגאָסן זיך ביזן גרויסן מויל מיט די געזונטע ווייסע ציין.

אַך! ווען ראַפּאַלעסקאָ זאָל זיך נישט שעמען, וואָלט ער אויפגעהויבן די האַנט אויף דער האָזיקער מכשפה. אַזוי מיאוס האָט זי אים אין דער מינוט אויסגעזען מיט איר פעט קיילעכיק פּנים, מיט אירע קליינע יאַפּאַנישע אייגעלעך און מיט איר טאַנצנדיקער פיגור אין דער רויטער ראָטאָנדע, ווערנדיק ערשט נישט לאַנג האָט זי געהאַט אַזוי פיל חן אין זיינע אויגן!... ניין, ס'איז נישט די בריינדעלע קאָזאַק, וואָס געווען. לחלוטין נישט!

## קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

# דער מענטש איז פונעם זינען

די לאָזשע, וואָס אונדזער קאָמפּאַניע האָט פאַרנומען אינעם ווינער בורגטעאַטער, איז באַשטאַנען פון פינף פאַרשידענע פאַרשווינען, און יעדער פון די פינף האָט רעאַגירט אויף דער פאָרשטעלונג און אויף דעם אויפטריט פונעם גרויסן טאַלענט אויף זיין שטייגער.

האָלצמאַנס קאָפּ איז געלעגן אינגאַנצן אינעם פובליקום און אין די דעקאָראַציעס. „אָט דאָס הייסט אַ טעאַטער!“ ווען גאָט העלפט אים, כדומה למשל, אַזאַ טעאַטערל כאָטש אין דריי יאָר אַרום, וואָלט ער שוין באַוויזן דער וועלט, ווער האָלצמאַן איז. עס וואָלט שוין אַ רוח אין זייער טאַטן אַריין! וואָרעם לאָמיר זיך אָקאָרשט נישט נאַרן: פאַרשטאַנד האָט דאָך האָלצמאַן נישט ווייניקער, ווי אָט די דייטשן. געלט אַ ביסל איז אויך פאַראַן. און קרעפטן, ברוך השם, פעלט אויך נישט. איין זאַך נאָר — ווו נעמט מען ביי אונדז אַזאַ פובליקום?...

און האָלצמאַנס אויגן פאַלן פון דער לאָזשע אַראָפּ אין פאַרטער, אויפן ים מיט גלאַנצנדיקע קעפּ פונעם גלענצנדן עלעגאַנטן פובליקום, וואָס האָט אָנגעפילט דאָס גלענצנדע טעאַטער. און עס רייסט זיך אַרויס ביי אים פונעם מויל

זײַן געוויינלעכע קללה — „אַ כאָליערע“, מע ווייסט נישט אַקוראַט אויף וועמען: צי אויף די דײַטשן, וואָס האָבן אָנגעפּאַקט אַזאַ טעאַטער, צי אויף די ייִדן, וואָס ווילן נישט גיין בעסער אין דעם ייִדישן טעאַטער, וואָס ער, האָלצמאַן, האָט געהאַט בדעה אויפצושטעלן דאָ, אין דער דאָזיקער פֿאַרשאָלטענער שטאָט? — „פֿע! — האָט האָלצמאַן געזאָגט צו זיך אַליין. — ווײַ — אויך מיר אַ שטאָט! מע דאַרף אַנטלויפֿן פֿון דאַנען וואָס גיכער ערגעץ אין אַ שטעטל, אין אַ ייִדיש שטעטל. די כּפּרה מעג זײַן אָט דאָס גאַנצע אויסגעפּוצטע פּובליקום מיט זייערע נאַקעטע הוילע גלאַטע קעפּ פֿאַר איין ייִדן פֿון האָלענעשטי“...

כמעט דאָס זעלבע האָט געטראַכט אויך די מאַדאַם טשערניאַק, נאָר אויף אַן אַנדער אופֿן. בריינדעלע קאָזאַק האָט אין דער קורצער צײַט קענען געלערנט האָלצמאַנען מיט זײַן אידעאַל, וועלכעס איז געווען אויך איר אידעאַל. זי האָט נאָר אַרויסגעקוקט אויף דער גליקלעכער מינוט, ווען האָלצמאַן וועט זיך איר ערקלערן, אַז ער איז שוין גרייט מיט איר צו גיין „האַנט בײַ האַנט“ אויף דעם רעכטן אמת, דאָס הייסט, טאַקע שטעלן אַ חופּה. דעמאָלט — „אָ, דעמאָלט וואָלטן זיי ביידע אַוועקגעשטעלט אַזאַ טעאַטער, אַזאַ טעאַטער!“...

און אירע געדאַנקען כאַפּן זי אונטער און טראָגן זי אַוועק אויף אַ ווײַלע ווײַט־ווײַט פֿון דאַנען. ערגעץ אין אַ ייִדיש שטעטל אין גאַליציע, אָדער אין דער בוקאָווינע. דאָרט וועט זי זיך שוין אָלס „מאַדאַם האָלצמאַן“, די פֿרוי פֿונעם דירעקטאָר האָלצמאַן. זיי זענען שוין מיט גאָטס הילף באַלעבאַטים פֿון אַן אייגענעם טעאַטער מיט אייגענע דעקאָראַציעס, מיט אַן אייגענער טרופּע פֿון סאַמע באַרימטע שפּילערס. צווישן זיי איז דער בחור, דער יונגער ראַפּאַלעסקאָ, מיט דער פּרימאַדאָנע הענריעטאַ, וואָס הייסט שוין נישט הענריעטאַ שוואַלב, נאָר הענריעטאַ ראַפּאַלעסקאָ... „יאָ, הענריעטאַ ראַפּאַלעסקאָ! דאָס וועט זי, מאַדאַם טשערניאַק, שוין זען, אַז דער שידוך זאָל זײַן אַ שידוך. און אַז דער שידוך וועט זײַן אַ שידוך, וועט האָלצמאַן אויפֿהערן קוקן אויף דער פּרימאַדאָנע, ווי אַ קאַץ אויף סמעטענע, און עס וועט זיך אים אויפֿהערן גלוסטן פֿייגעלעך, אַ מכּה אים!“...

בריינדעלע קאָזאַק האָט מיט אירע קליינע יאַפּאָנישע אייגעלעך נאָכגעקוקט האָלצמאַנען אויף יעדן טריט און שריט און האָט גוט געזען, ווי ער טאַנצט אַרום דער פּרימאַדאָנע שוואַלב נישט ווי מע טאַנצט אַרום אַ פּרימאַדאָנע... „מע דאַרף זען אָט די נאַרישע מויד מיטן שיינעם פּנים פֿאַרשלייערן פֿאַר אָט דעם טשעקאַוון בחור וואָס גיכער“... אַזוי האָט זי זיך געזאָגט און גענומען אַרבעטן אויף אַלע כּלים. פֿריער פֿאַר אַלעמען אַרויסשלאָגן דעם טשעקאַוון בחור פֿונעם קאָפּ אָט דאָס מיידל ראָזאַ ספּיוואַק, ער זאָל אין איר פֿאַרגעסן, און נאָכדעם שוין נעמען זיך צו דער פּרימאַדאָנעס ברודער, דעם וואַגאַבונד, אים עפֿענען דעם מוח, ער זאָל זען, אַז זײַן נאַרישע שוועסטער מיטן שיינעם פּנים זאָל חתונה

האָבן פֿאַר איר גלייכן (וואָס קאָן זיין גלייכער, ווי אָט דאָס פּאָרל?) און אויפֿהערן דרייען א קאָפּ אזעלכע לייט, וואָס פּאַסן זיך איר, ווי א קדחת...

און ברײנדעלע קאָזאַק וואַרפֿט אַ בליק אויפֿן „וואַגאַבונד“, וואָס קוקט אויף דער סצענע, און די נשמה איז אים גאָר ווייס איך ווו: „אַ רעכט גלעזל ביר מיט אַ וורשטל וואָלט איצט געווען ווי געוווּנטשן“, טראַכט זיך איציק שוואַלב, און די געדאַנקען טראָגן אים אַוועק אין בופֿעט אַריין, צו די ווייס־געדעקטע טישלעך, צו די פֿלעשלעך מיט די גלעזלעך, טעלער און גאָפּלען, מיט אַלע גוטע זאַכן... און אַ פּנים מאַכט ער בעת מעשה, גלייך ווי ער איז שטאַרק פֿאַרטיפֿט אינעם שפּילן און איז בלומרשט אַזוי אַנטציקט פֿונעם גרויסן זאָנענטאַלן, אַז דער רוח נעמט אים אַוועק!

אויך די שוועסטער זיינע, הענריעטאַ, קוקט אויף דער סצענע און איז פֿאַרנומען מיט זיך אַליין. זי האָט זיך דאָס הייַנטיקן אָוונט אויסגעפּוצט, אַז ס׳איז טאַקע גאָר אַ מחיה צו קוקן. פֿאַרקעמט האָט זי זיך ביי אַ פֿאַריקנמאַכער נאָך דער לעצטער מאָדע, אָנגעטאָן אירע שענסטע קליידער און אָנגעהאָנגען אויף זיך אירע אַלע אמתע און פֿאַלשע שטיינער. נישט אַזוי צוליב דעם גרויסן זאָנענטאַל האָט זי זיך דאָס אַזוי אויסגעפּוצט, ווי צוליב דעם יונגן ראַפּאַלעסקאָ, וואָס איז דערווייל נאָך נישט אינגאַנצן אירער; עס איז אָבער דאָ אַ האָפֿענונג, אַז... אָ! פֿאַרלאָזט זיך שוין אויף איר. הענריעטאַ ווייסט. הענריעטאַ איז שוין געניט אין די זאַכן. מע באַדאַרף אָט דעם בחור פֿריער אַ ביסל אָנמוטשען... לאָז עס אים אַ ביסל שווער פֿאַרלויפֿן... און ערשט נאָכדעם, אַז ער וועט קומען צו איר, ווי יענע אַלע זענען צו איר געקומען און געקייט ביי איר די ערד, — דעמלט וועט זי שוין וויסן, וואָס זי. האָט צו טאָן...

נאָר וואָס טוט זיך עס מיט אים אצינד?... הענריעטא קוקט זיך איין אין ראַפּאַלעסקאָן — עס איז אים לחלוטין נישט צו דערקענען. אריבערגעבויגן זיך העכער האַלב פֿון דער לאָזשע אַרויס, איז ער אינגאַנצן דאָרטן, אויף דער סצענע, און איז אַזוי אַריינגעטאָן אינעם שפּילן, אַז ער הערט קיינעם נישט און זעט קיינעם נישט. עס עקזיסטירט נישט פֿאַר אים איצט קיינס און קיינער, אחוץ זאָנענטאַל, דער גרויסער זאָנענטאַל. און ער ציטערט מיטן גאַנצן לייב, און עס פֿלאַמט אים דאָס פּנים. און עס ברענען אים די אויגן. און ער ברעכט די פֿינגער און עס רייסט זיך אַרויס ביי אים אַלע מאָל א טיפֿער זיפֿץ פֿונעם האַרצן. הענריעטא קוקט אויף אים און קאָן נישט פֿאַרשטיין, וואָס טוט זיך עס מיט אים? ער זאָל דאָס אפֿילו אָפּרייסן די אויגן פֿון דער סצענע אויף איין מינוט. א מענטש זיצט מיט איר אין איין לאָזשע — ווי רעדט מען נישט אויס א וואָרט? ווי שענקט מען דאָס נישט יענעם כאָטש א האַלבן קוק? לאָז זיך נאָר ענדיקן דער אַקט, וועט זי אים פֿאַרהאַלטן, וועט זי אים שוין זאָגן. זי וועט אים זאָגן, אַז... שאַ! אָט האָט זיך געענדיקט דער ערשטער אַקט, און ראַפּאַלעסקאָ איז גאָר אינגאַנצן

אַראָפּ פונעם זינען. מיט טרערן אין די אויגן האָט ער גענומען דריקן איטלעכן באַזונדער די האַנט, פון האָלצמאַנען ביז ברײנדעלע קאָזאַק. און אַז ס'איז געקומען צום טראַגיק שוואַלב, האָט ער אים אַרומגעכאַפּט קושן:

— אָט וואָס הייסט געשפּילט! אָט וויאַזוי מע דאַרף שפּילן!

העגריעטאַ שוואַלב איז געשטאַנען ביי אַ זייט און האָט אים באַטראַכט און געזאָגט צו זיך אַליין:

— ניין. דער בחור איז געווירט... דער מענטש איז פונעם זינען...

**קאַפּיטל זיבעציק**

## דער זעלבער בעל־החלומות

וויבאַלד עס האָט זיך נאָר געענדיקט דער ערשטער אקט, אַזוי האָט האָלצמאַן גענומען אונטערהאַנדלען מיט די קאַפּעלדינערס פונעם בורג־טעאַטער מכוח אַרײַנטרעטן הינטער די קוליסן צו זאַנענטאַלן. האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אַז זאַנענטאַל קאָן אויפנעמען נאָר איינעם פון זיי, דעם ייִנגערן, וועגן וועלכן עס שרייבט צו אים דער דאָקטאָר לעוויוס פון לעמבערג.

— אַ גוט מאָרגן, געלי, רעטעד טראָג איך! וואָס ס'האָט זיך מיר געחלומט יענע נאַכט און הייַנטיקע נאַכט...

אַזוי איז אַרויסגעטראָטן מיט זיין שפּראַך האָלצמאַן און האָט זיך אָבער באַלד געמוזט פאַרכאַפּן, וואָרעם ער האָט דערזען פאַר זיך די גאַנצע חברה אַקטיאָרן מיט דער פּרימאַדאָנע שוואַלב און מיט ברײנדעלע קאָזאַק אין דער מיט. אַ גרוב ווען עס עפנט זיך, וואָלט ער אַרײַן אַ לעבעדיקער. עס איז אים געווען אַ בזיון פאַר דער חברה, וואָס האָבן גענומען איבערקוקן זיך אָן ווערטער. און איבערהויפּט, — פאַר זיין שותף שוואַלב, וואָס האָט געקוקט אויף אים מיט כיטרע אויגן, ווי איינער רעדט: „סטייטש, ווי קומט דאָס? נאָך אַזעלכע ציגאַרן?“... דערווייל אָבער די נאַכט שטייט נישט, די מינוטן זענען קורץ, און דער קאַפּעלדינער וואַרט. האָט האָלצמאַן אַ נעם געגעבן ראַפּאַלעסקאָן אויף אַ זייט און האָט אים איינגערוימט אַ סוד אויפן אויער, וואָס ער איז געוואָר געוואָרן ערשט הייַנט, דאָ אין טעאַטער, אַ נייעס: „אָט דער זאָנענטאַל סך־הכל פאַרמאָגט זיין אייגנס אַ זונדל אַ תכשיט, וואָס מען האָבן לאַנגע צרות און קורצע יאָר; אַ רעכטער כל־בוניק! אָט דער קדיש האַלט אין איין חתמענען וועקסלען, און דער טאַטע האַלט אין איין צאָלן“.

— לכן דאַרפסטו זען, — האָט מיט אים האָלצמאַן איינגעטענהט, — מיט אַלע זיינע שפּיציקע אברים, — אַז ס'זאָל נישט זיין דאָס אייגענע, וואָס מיטן

לעמבערגער מעצענאט, פארכאפּט זאָל ער דיר ווערן! זאָלסט מיט אים דברן קלאָרע דיבורים מכוח אַכצן און דרייצן... און זאָלסט נישט לאָזן זיך שפּייען אין דער קאשע, וואָרעם אז עסן חזיר, זאָל כאָטש רינען איבערן באָרד. דו פארשטייסט?...

נאָר דאָ האָט זיך געטראָפן מיט אונדזער יונגן העלד א זאך, וואָס האָלצמאַן האָט נישט געגלייבט נישט זיינע אויערן, נישט זיינע אויגן. עס איז שווער צו זאָגן, וואָס דאָ איז געשען אזעלכעס: צי דערפאר, וואָס האָלצמאַן האָט אים אזויפיל דאקוטשעט מיט זיינע אָנצוהערענישן וועגן „אכצן און דרייצן“; צי דערפאר, ווייל ער איז געווען אָנגעשטויסן נאָך פון אין דער פרי, וואָס זאָנענטאל האָט זיי נישט געוואָלט אויפנעמען ביי זיך אין דער היים; צי אפשר ווייל ער איז גלאט געווען א צעקאָכטער, — נאָר דעמלט, ווען ראפאלעסקאָ איז, דאכט זיך, געווען שוין גאָר גרייט אויף צו גיין מיטן קאפּעלדינער ארויף, הינטער די קוליסן, האָט ער זיך פלוצעם געגעבן א דריי אויס צו האָלצמאַנען און אָנגערופן זיך צו אים קורץ און שארף:

— ניין, איך גיי נישט.

— הא? וואָס?

— איך גיי נישט.

— וואָס הייסט, — דו גייסט נישט?

— אָט דאָס הייסט.

האָלצמאַן האָט דורכגעריבן די אויגן און גענומען זיך איינקוקן ביי דעם העלן שיין פון די עלעקטרישע ליכט אין זיין יונגן פריינדס פּנים — וואָס איז דאָס מיט אים געוואָרן? ווי איז דאָס מעגלעך, אז דער „יאט“ זאָל אים, האָלצמאַנען, נישט וועלן פאָלגן? דאָס איז געווען דער ערשטער „ניין“, וואָס ער האָט ווען פון אים געהערט. אינעם דאָזיקן „ניין“ און איבערהויפּט אינעם טאָן, מיט וועלכן דער „ניין“ איז ארויסגעזאָגט געוואָרן, איז אָבער געווען אזויפיל פעסטקייט און באשלאָסנהייט, אז האָלצמאַן האָט שוין מער נישט איבערגעפרעגט אפילו — פארוואָס „ניין“? ער האָט אים נאָר נאָכאמאָל א קוק געגעבן אין די אויגן אריין מן הצד און איז נבהל ונשתומם געוואָרן. אין דער מינוט האָט האָלצמאַן באדארפט פילן כמעט דאָס אייגענע, וואָס בלעם האָט אמאָל געפילט, בעת זיין אייזל האָט אונטער אים מיטאמאָל באקומען לשון און אָנגעהויבן רעדן ווערמער ווי א מענטש.

— ניין איז ניין, — האָט ער א זאָג געגעבן צו ראפאלעסקאָן כלומרשט מיט א שמייכל, וואָס האָט זיך נישט געקלעפּט מיט זיין איצטיק אויסזען.

מע קאָן זאָגן, אַז אין דער מינוט האָט זיך האָלצמאַן מיטאַמאָל אַ רוק געגעבן, עלטער געוואָרן מיט עטלעכע יאָר. די שפּיציקע נאָז האָט זיך אים מאָדנע

אויסגעצויגן. די שפּיציקע פּלייצעס האָבן זיך אים מאָדנע איינגעבויגן, און עס
האָט אים אַזש אָנגעהויבן צו שטיקן אויף צו הוסטן. דערווייל האָט זיך געלאָזט
הערן דאָס גלעקל, אַז די מינוטן פונעם אַנטראַקט האָבן זיך געענדיקט, און דער
עולם האָט אָנגעהויבן פאַרנעמען די ערטער אין טעאַטער, און אויך אונדזערע
צוויי העלדן האָבן אָן לשון אַוועקגעלאָזט זיך צוריק אין דער לאָזשע.

גייענדיק פון טעאַטער, האָבן אונדזערע אַרטיסטן פון דער ניי=רעפּאָרטיר=
טער טרופּע „האָלצמאַן, שוואַלב עט קאָמפּ.“ זיך צונויפגעקומען אינאיינעם, די
פינף וואָס פון דער לאָזשע, און אויך די איבעריקע, וואָס זענען געזעסן אויף דער
גאַלעריע, געמאַרשירט איבער די גאַסן פון דער שטאָט ווין און גערעדט אַלע
אינאיינעם, און מיט הענט, ווי דער שטייגער איז. מע האָט איבערגעגעבן איינער
דעם אַנדערן דעם איינדרוק, וואָס דאָס ווינער טעאַטער האָט אויף זיי געמאַכט,
אַרויסגעזאָגט אַ מבינות, געגעבן אַ קריטיק. דערביי האָט איינער דעם אַנדערן
געזען אַריבערצורעדן, שטאַרק געמאַכט מיט די הענט, געלאַכט, געליאַרעמט און
געפּילדערט. גאַנץ אָפּטלעך האָבן זיך געלאָזט הערן אַזעלכע ווערטער, ווי:
„דראָנג“, „יאָלד“, „שייטהאָלץ“, „אָקסנהאָרן“, „שמינדער בגץ“, „פלאָקנשי=
סער“, „תהלים=רייבער“, „קאַרטאָפּליעפרעסער“ וכדומה אַזעלכע שאַרפע מאָדנע
ווערטער, וואָס מע קאָן הערן צווישן יידישע אַקטיאָרן. אויף וועמען זענען די דאָ=
זיקע שאַרפע צונעמענישן און שפּיציקע עפּיטעטן געווען געצילט — איז שווער
צו זאָגן. נאָר פריילעך איז געווען. דער געשריי האָט געגרייכט וויַיט. די געלעכ=
טערן — נאָך ווייטער. עס האָט אויסגעזען, ווי אַ נייער שטראָם פון נייע מענטשן
מיט אַ נייעם לשון האָט זיך אַריינגעריסן אינעם אַלטעגלעכן ווינער לעבן, און
נישט איין דייטש, מיין איך, האָט זיך אָפּגעשטעלט און פאַרוווּנדערט איינגעקוקט
זיך אין דעם דאָזיקן אומגעוויינלעכן בינטל מענטשן, וואָס האָבן מיט זייער אומ=
געוויינלעכער אויפפירונג אויפגערודערט נישט איין גאַס אין דער דאָזיקער שטי=
לער געמיטלעכער גאַסטפריינדלעכער שטאָט.

נאָר צוויי פאַרשוויגענע האָבן נישט גענומען קיין אָנטייל אין דעם דאָזיקן האַר=
מידער. דאָס זענען געווען דער דירעקטאָר האָלצמאַן און דער פּרעמיער פון דער
טרופּע — ראַפאַלעסקאָ. ביידע זענען זיי געווען פאַרנומען מיט זייערע אייגענע
מחשבות און געפילן. האָלצמאַן, וואָס איז געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט בריינ=
דעלע קאָזאַק, האָט כלומרשט איינגעהערט זיך אין איר פּלאַפּלעריי, און גע=
טראַכט האָט ער בעת=מעשה וועגן „יאַט“, וואָס האָט אים דעם ערשטן מאָל אויף
זיין לעבן געזאָגט „ניין“. און דער „יאַט“ איז געגאַנגען אונטער די הענט מיט
דער פּרימאַדאָנע שוואַלב. זי האָט גערעדט איבער אים און געלאַכט, געפּינקלט
מיט די אויגן און געבלישטשעט מיט די ווייסע ציין, און ער האָט זיך געמאַכט,
ווי ער הערט, געענטפערט איין וואָרט איבער צען, נאָר זיין נשמה איז אים גע=
ווען וויַיט פון דאַנען. ער האָט זיך געזען אויף דער בינע אין דער זעלבער ראָל,

וואָס זאַנענטאַל, און ער האָט זיך דאָס וואָרט געגעבן: „זאָל זיין נאָמען נישט הייסן ראַפאַלעסקאָ, אויב ער וועט אַמאָל נישט שפּילן, אַזוי ווי זאַנענטאַל!“

און אונדזער יונגער בעל־החלומות האָט שוין גענומען טרוימען פון אַ נייעם גן־עדן, חלומען נייע חלומות: וויאַזוי ער, ראַפאַלעסקאָ, האָט זיך אַ נעם געגעבן שטודירן נייע ראָלן, די זעלבע ראָלן, וואָס זאַנענטאַל שפּילט. וויאַזוי די וועלט ווערט פון אים אַנטציקט, און אַלע זאָגן אין איין קול, אַז אָט באַלד שטייגט ער אַריבער זאַנענטאַלן. וויאַזוי ער ווערט איינגעלאַדן קיין ווין, אין בורג־טעאַטער אויף גאַסטראָלן. וויאַזוי זאַנענטאַל, דער גרויסער זאַנענטאַל, זיצט אין פּאַרטער גלייך מיט אַלע און הערט אים שפּילן. וויאַזוי זאַנענטאַל ווערט נתפּעל, פליט אַרויף אויף דער סצענע, כאַפּט אים אַרום קושן און איז זיך מודה הויך אויף אַ קול פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז אים האָט געשלאָגן, מנצח געווען אָט דער יונ־גער אַרטיסט — ראַפאַלעסקאָ...

## קאַפּיטל איין און זיבעציק

# ביידע האָבן געלאַכט

יענע נאַכט איז געווען אַ שווערע נאַכט פאַר אונדזער האָלצמאַנען. ער האָט לאַנג נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. דאָס האַרץ איז אים געווען שווער, ווי אַ שטיין. געדאַנקען האָבן זיך אים געפּלאָנטערט, שווערע, אומעטיקע געדאַנקען: „וואָס דאָס איז געוואָרן מיט דעם „יאַט“? — האָט ער זיך געטראַכט, געהוסט און געקאַטשעט זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער. — שולדיק איז אין דעם די דאָזיקע שטאָט, פאַרברענט זאָל זי ווערן. פון זינט מען איז געקומען קיין ווין, איז דער „יאַט“ געוואָרן אַן אַנדער מענטש. קאַפּריזנע געוואָרן ווי אַ בן־יחיד. מע דאַרף אַנטלויפן פון דאַנען וואָס גיכער“...

אַזוי האָט אָפּגעפּסקנט האָלצמאַן, געוואָרפן אַן אומחן אויף דער שטאָט ווין מיט אירע מענטשן. די שיינע פּרייזלעכע שטאָט האָט אים אויסגעוויזן טונקל, חושכדיק, אומעטיק, און די מענטשן — מיאוס, פאַלש און שאַלקהאַפטיק. און אַליין, וואָס ער האָט זיך פאַרגעשטעלט אין דער דאָזיקער נאַכט, האָט זיך אים פאַרגעשטעלט פיל ערגער, ווי עס איז געווען, און פיל ערגער, ווי עס האָט גע־קאָנט זיין. אַלע זיינע שיינע פּלענער זענען זיך מיטאַמאָל צעגאַנגען ווי אַ רויך. די מענטשן, אויף וועלכע ער האָט זיך פאַרלאָזט, האָבן אים מיאוס געפירט אין באָד אַריין און אַרויסגעגעבן מיט הענט און מיט פיס. דאָס ערגסטע, פאַר וועלכן ער האָט שטענדיק מורא געהאַט, איז געשען: מע האָט אים באַלאַגערט פון אַלע זייטן. מע לאָקערט אויף זיין נשמה. מע וויל צונעמען ביי אים, אַוועקרויבן זיין

גאנץ פארמעגן. מע וויל ארויסרייסן ביי אים פון אונטער דער נאָז זיין ראַפּאַ־לעסקאָן.

„מע דארף אכטונג געבן אויפן „יאַט", — טראכט זיך האַלצמאַן, — מע דארף אים היטן, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג... צופיל שטיגוטערס... ווער ווייסט, ווער אויף וואָס עס קאָן אים אַרויספירן? ווער ווייסט, וואָס פאר געדאַנ־קען עס האָט אָט דער שוואָלב? און וואָס פאר מחשבות עס טראָגט ביי זיך אין הארצן די שוועסטער זיינע העגריעטאַ? און וואָס פאר א שלאנג עס ליגט אין בוזעם ביי אָט דער בריינדעלע קאַזאַק?... איין מענטש אליין צווישן אזויפיל וועלף!"...

און האַלצמאַן זעצט זיך אויף אויפן בעט, שפּאַרט זיך אָן אויף זיין שפּי־ציקן עלנבויגן, הוסט זיך אויס און רופט זיך אָן צו זיין יונגן פריינד, וואָס ליגט א בעט קעגן א בעט:

— ראַפּאַלעסקאָ, דו שלאָפסט?

— ניין, וואָס איז דען?

— ס'איז מיר איינגעפאַלן א געדאַנק.

— דהיינו?

— דו הערסט, ווי איך הוסט?

— נו?

— מיין איך, אַז ס'איז אַן עק. מע דארף זיך גרייטן אין וועג אריין. אָפּ־זאָגן די עטלעכע גילדן און אַוועקגיין אַהין, וווּ מיין טאַטע עליו השלום...

ראַפּאַלעסקאָ זעצט זיך אויך אויף אויפן בעט, קוקט אויף האַלצמאַנען מיט גרויסע איבערגעשראָקענע אויגן.

— ביסט משוגע? צי חסר־דעה? צי דו רעדסט פון היץ?

האַלצמאַן איז צופרידן, וואָס ראַפּאַלעסקאָ האָט זיך אזוי דערשראָקן, צע־לאַכט ער זיך, הייבט אָן הוסטן און שעלטן:

— נאַרעלע וואָס דו ביסט! אַזויפיל יאָר קרענקט שטשופּאַקס קאָפּ, וויפל איך וועל גאָר, אם־ירצה־השם, לעבן. איך שמועס דאָס גלאַט אַקעגן דרינען. איך רעכן אַרויסשרייבן די מאַמע מיינע פונעם ווינטן לאַנד מיט מיין שוועסטערל, טאָמער וועל איך ווינציקער הוסטן.

און האַלצמאַן פאַרהוסט זיך אויף לאַנג, אָטעמט אָפּ, דרייט זיך אויס מיטן פּנים צו דער וואַנט און ווערט אַנטשלאָפן. און עס חלומט זיך אים, אַז ער איז נישט אין ווין, נאָר אין לעמבעריג. ער שפּאַצירט אַרום אויף קאַרל־לודוויג־שטראַסע און דערזעט פונדערווייטן דעם דירעקטאָר פון לעמבערגער טעאַטער, געצל בן געצל, גיין מיטן „יאַט" האַנט ביי האַנט, גלייך פאַרביי אים, און זיי זאָלן דאָס אים אַפילו מזכה זיין מיט א קוק. טוט דאָס אים א בראָט און א ברען און א טראָג אויף פונעם אָרט, און ער טוט א רוף דעם „יאַט", פריער שטיל:

„ראַפּאַלעסקאָ!“ ווער וואָס? ער הערט נישט! נאָך אַ מאָל: „ראַפּאַ—לעסקאָ!“... וואָס ווייטער, אַלץ העכער און העכער: „ראַפּאַלעסקאָ!... ראַ—פּאַ—לעס—קאָ!!“... יענער וויל זיך אַפילו נישט ארומקוקן, גלייך ווי ער קען אים גאָרנישט!... מער איז שוין האָלצמאַן נישט אימשטאַנד אויסצוהאַלטן. פון אַזאַ האַרצווייטיק קאָן פּלאַצן די גאַל ביים בעסטן מענטשן. „ע! וואָס ס'וועט זיין, וועט זיין, ער וועט צוגיין צו אָט דעם ממזר, צו אָט דעם יאָקל בן פלעקל, וועט אים אַ געם טאָן ראַפּטעם פון הינטן פאַר זיין הזירישן קאַרק מיט איין האַנט, און מיט דער אַנדערער האַנט וועט ער אים דערלאַנגען אַ כמאַליע איבער די פּיסקעס איינס—צוויי—דריי, אָט אַזוי — טראַך=טאַרעראַך!“.

אַ האַלב=טויטער שפּרינגט ראַפּאַלעסקאָ אַראָפּ פון זיין געלעגער און לויפט צו צו האָלצמאַנס בעט און דערזעט פאַר זיך אַזאַ מין בילד: דאָס נאַכטטישל, וואָס ביי האָלצמאַנען צוקאָפּנס, ליגט אויף דער ערד מיט די פיס אַרויף, איינעם מיט אַ צעבראָכן קאַראַפין וואַסער, אַ צעפּיצלט גלאָז, אַן איבערגעקערטן, אַן אויסגעבויגענעם לייכטער, און דער זייגער — האָלצמאַנס גאָלדענער זייגער, וואָס ער האָט ערשט נישט לאַנג געקויפט זיך אָט דאָ אין ווין, — ליגט אויך צווישן די הרוגים אַ סקאַליטשעטער.

— וואָס איז געשען? — האָט ראַפּאַלעסקאָ אַ פרעג געטאָן ביי האָלצמאַנען.

אַ צעטומלטער קוקט האָלצמאַן מיט בלאָנדזשענדע אויגן אויף ראַפּאַלעסקאָן, וואָס קוים ער קאָן זיך איינהאַלטן פאַר געלעכטער, און אויפן חורבן, וואָס ער האָט דאָ אָנגעמאַכט.

צופרידן, וואָס דער חלום איז נישט מער ווי אַ חלום, האָט ער זיך אָנגערופן צו זיין יונגן פריינד פריילעך, ווי זיין שטייגער איז:

— אַפּנים, אַז גזלנים האָבן זיך מיר געחלומט, צי וועלכע שוואַרצע יאָר? זע נאָר, וויפל שאָדן! אַ כאָליערע זאָל אויף מיר קומען היינטיקע נאַכט!

און ביידע האָבן זיי זיך געכאַפּט ביי די זייטן און האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. לאַנג=לאַנג האָבן זיי געלאַכט. שטאַרק געלאַכט. אַזוי שטאַרק האָבן זיי געלאַכט, ביז מע האָט זיי אָנגעקלאַפּט אין דער וואַנט פון צווייטן חדר, זיי זאָלן אויפהערן לאַכן.

ביידע האָבן געלאַכט. נאָר נישט ביידנס געלעכטער איז געווען גלייך. איינער האָט געלאַכט געשמאַק, פונעם גאַנצן האַרצן. און דער אַנדערער האָט געלאַכט מער נישט פון יוצא וועגן. געטראַכט זיך בעת=מעשה: „ניין, ס'איז נישט דער „יאַט“, וואָס געווען... אַפילו דאָס לאַכן, וואָס ער לאַכט, איז אויך נישט דאָס, וואָס געווען... מע דאַרף אַכטונג געבן אויף אים... מע דאַרף אויסשרייבן די מאַמע מיטן שוועסטערל... מע דאַרף אַנטלויפן פון ווין, ווו דער שוואַרצער פּעפּער וואַקסט“...

## קאַפּיטל צוויי און זיבעציק

# „אַ מענטש מיט בילדונג“

דער איינציקער געבילדעטער אַרטיסט פֿון דער טרופּע „האָלצמאַן, שוואַלב עט קאָמפּ.“ איז געווען דער סופלער, בעני גאָרגל, דער, וואָס האָלצמאַן האָט אים אַריבערגענאַרט צו זיך פֿונעם לעמבערגער טעאַטער. דער דירעקטאָר געצל בן געצל האָט זיך נישט איינמאָל באַרימט, אַז קיינער פֿאַרמאָגט נישט אַזאַ סופלער, ווי ער. וואָרעם זיין סופלער איז, פֿאַרשטייט איר מיך, „אַ מענטש מיט בילדונג“. און טאַקע מהאי טעמא, ווייל ער איז „אַ מענטש מיט בילדונג“, האָט דאָס אים אונדזער האָלצמאַן איבערגענומען מיט דער פּרימאַדאָנע „אַריבערגעכמאַליעט“ צו זיך. האָלצמאַן האָט זיך ווי פֿאַרענטפֿערט פֿאַר זיך אַליין: „איך וויים אַליין נישט, אויף וועלכע שוואַרץ יאָר באַדאַרף איך האָבן אַזאַ מין נפש, וואָס אויפֿן קוק איז ער מער נישט ווערט, ווי אַ העלער. נאָר גאָרנישט, כאַפּט אים דער וואַטנמאַכער, „אַ מענטש מיט בילדונג“ וועט זיין שטיקל ברויט תמיד פֿאַרדינען“...

האָלצמאַן איז געווען גערעכט. אויפֿן קוק וואָלט איר פֿאַר אָט דעם נפש קיין העלער אויך נישט געבן: אַ שוואַרצער בחור, אַ דאַרער, אַן אויסגעטריקנטער, מיט „אַ נאָז פֿון נאָזגלאַנד“, מיט אַ דינעם האַלדז און מיט אַ גרויסן קנאָפּ אין גאָרגל, וואָס אַז ער רעדט, גייט דער קנאָפּ אַראָפּ און אַרויף, גלייך ווי ער שלינגט. אָפּגעריסן=אָפּגעשליסן, מיט אַן אָפּגעבאַרעט קאַפּעליושל, און האָר אויפֿן קאָפּ — אַ וואָגן מיט היי. וואָלט ער די האָר געשמירט מיט עפּעס, אָדער כאָטש אַזוי פֿאַרקעמט יעדן טאָג, וואָלט נאָך געווען צו דערליידן. איז אָבער אונדזער סופלער נישט אַזאַ מענטש, וואָס זאָל זיך אָפּגעבן מיט אַזעלכע נאַרישקייטן. „אַ מענטש מיט בילדונג“ האָט עפּעס אַנדערש וואָס צו טאָן. ווייבאַלד אַזוי, באַדאַרף מען אים שוין מוחל זיין, וואָס ער טראָגט אַ קויטיקן קאָלנער מיט אַ מאָרגנעם שניפּס, וואָס ס'איז שווער צו טרעפֿן, ווי אַזוי האָט ער אויסגעזען, בעת ער איז באַשאַפֿן געוואָרן אויף דער וועלט. דאָס אַלצדינג, אַז איר וועט נעמען איבערנעם, וועט איר זיך לייכט פֿאַרשטעלן דאָס פּאַרזעניש, וואָס האָלצמאַן האָט אויף אים באַלד געזאָגט, — פֿאַרשטייט זיך, אונטער די אויגן, — אַז ס'איז מיאוס פֿאַר אָט דעם שלימזל אַ שטיקל ברויט אויפֿצועסן. און נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער איז „אַ מענטש מיט בילדונג“, האָט אים האָלצמאַן געקרוינט אַלע מאָל מיט אַ נייעם נאָמען: פֿריער — „שלימזל“, נאָכדעם — „באַשעפֿעניש“, נאָכדעם — גאָר „קוני=לעמל“...

דאָס איז אַ כּלל, אַז וואָס מער דער מענטש איז געבילדעט, מער פֿראָסט איז ער ביי זיך. דערפֿאַר, אפֿנים, האָט זיך אונדזער סופלער נישט געפֿונען באַליידיקט און האָט געלאָזט זיך שאַפֿן פֿון יעדן באַזונדער און געטאָן האָלצמאַנען

כל עבודת פרך. האַלצמאַן איז געגאַנגען, פאַרשטייט איר מיך, מיט דעם גאַנג, אַז אַ מענטש, ער מעג זיין געבילדעט ווי טויזנט רוחות, נאָר קוים איז ער ביי יענעם און עסט ברויט, דאַרף ער דאָס שטיקל ברויט פאַרדינען. „למאַי ער אַליין, האַצמאַך טאַקע, איז דען נישט אַ טאַטנס אַ קינד? פונדעסטוועגן האָט אים געמעגט אָנשטיין אַמאָל, נישט הייגט געדאַכט, אַרבעטן פאַר דריי, האָרעווען ווי אַ רוח, עסן מכות און פוצן די שטיוול ביי שטשופאַקן, ימח שמו וזכרו זאָל ער דאָרט ווערן, ווו ער איז ערגעץ!“...

אַזוי האָט זיך פאַרענטפערט האַלצמאַן ביי זיך אין האַרצן, און אונדזער אָרעמער סופלער, דער „מענטש מיט בילדונג“, האָט געטראָגן דעם יאָך פון גלות שטילערהייט, קיינמאָל נישט באַקלאָגט זיך, פאַר קיינעם קיין צונג נישט איבערגעקערט, גלייך ווי עס דאַרף אַזוי צו זיין.

יעדער מענטש האָט זיך אָבער זיין צייט, זיין מזל, זיין שטערן אין הימל. עס איז געקומען אַ צייט אויך אויף אונדזער „מענטשן מיט בילדונג“, אַז זיין שטערן זאָל פלוצעם אים אָנהייבן שיינען, און ער זאָל מיטאַמאָל דערהויבן ווערן ביי אַלעמען אין די אויגן, און אַפילו ביי זיין פרינציפאַל האַלצמאַן.

דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען די טרופע „האַלצמאַן, שוואַלב עט קאָמפּ. האָט פאַרלאָזט דאָס „ווינסטע ווין“ און האָט זיך אַוועקגעלאָזט איבער דער וועלט „שפּילן טעאַטער“ איבער אַלע שטעט: אָפּערעטן, מעלאָדראַמען, סקאַרבאָווע אויסגעדראָשענע שטיק, — „אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן“.

ויהי היום, איינמאָל אויף אַ רעפּעטיציע, ס'איז געקומען צו ראַפאַלעסקאָן, ער זאָל אויפטרעטן, — והילד איננו, נישטאָ דער ערשטער ליבהאָבער. ווו איז דער בחור? מע זוכט אים אַ שעה, מע זוכט אים צוויי. נישטאָ נישט ראַפאַלעסקאָ, נישט דער סופלער, דער „מענטש מיט בילדונג“.

וויאַזוי האַלצמאַן האָט דעמלט נישט באַקומען קיין אַפּאָפּלעקסיע — איז טאַקע אַ נס מן השמים. דער כוח הדם איז אים איבערגעגאַנגען, און ער האָט שוין גענומען איבערטראַכטן אַלערליי מעגלעכקייטן, איינע שרעקלעכער פון דער אַנדערער. נאָך דעם „ניין“, וואָס ער האָט געהערט פונעם „יאָט“ דעמלט אינעם ווינער בורג-טעאַטער, קאָן אַלצדינג מעגלעך זיין... אַזוי האָט זיך געטראַכט האַלצמאַן, און עס האָט אים אַ כאַפּ געגעבן דער קראַם, אָנגעהויבן וואַרפן העכער הייזער. די מאַדאַם טשערניאַק האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין שפּיציקער נאָז, וואָס האָט זיך עפּעס מאָדנע אויסגעצויגן איבערן איינגעפאַלענעם פּנים, ווי ביי אַ בר-מינן, און פאַר זיינע שפּיציקע אויגן, וואָס זענען מיטאַמאָל אויסגעלאָשן געוואָרן. האָט זי גענומען פאַרקעווען אַרום, אויסרעדן דאָס האַרץ, בעטן, ער זאָל זיך צולייגן אויף אַ ווייַלעטשקע, וועט זי אים מאַכן אַ קאָמפּרעס פון עסיק מיט וואַסער. האָט זי געהאַט פון אים אַ קאָמפּרעס, אַז זי וועט פאַרזאָגן קינדס-קינדער. וואָס ס'איז אים געקומען אויפן מויל — דאָס האָט ער איר געזאָגט. ער האָט זי נאָר געפרעגט,

ווער בעט זי, זי זאָל שטופּן די צונג אַהינצו, וווּ מע דאַרף נישט? און ער האָט זי אָנגערופֿן „ברייטנדעלע קאָזאַק“, „ליכטיקער פּנים“, „האַלבע לבנה“, „מאַזעפּאַ“ און נאָך אַזעלכע שיינע נעמען, (צו וועלכע די מאַדאַם טשערניאַק איז די לעצטע צייט שוין געוווינט געוואָרן פֿון אים צו הערן און שווייגן. וואָרעם וואָס האָט זי געקאָנט טאָן מער ווי אַלע אַנדערע אָרעמע פֿרויען, וואָס זענען נעבעך פֿאַרליבט אָן אַ נשמה? מע ווישט אויס די אויגן — און לאָז זיין שטיל... דערווייל איז מען געקומען צו לויפֿן מיט אַ בשורה: „מזל טוב, דער שאַדן האָט זיך אָפּגעזוכט!“ — „וווּ? ווו?“ — „אויף דער אַכסניא האָבן זיך ביידע, ראַפּאַלעסקאָ מיטן סופֿלער, פֿאַרקליבן אין אַ באַזונדער חדר און מע לייענט אַ ביכל“.

האָלצמאַן האָט געכאַפּט דעם צילינדער מיטן שטעקל און איז קוים אַ לעבעדיקער געקומען צו לויפֿן בלאָס, פֿאַרסאָפּעט: „וואָס איז די מעשה?“ — „געפֿונען, געפֿונען אַן אוצר!“...

און ראַפּאַלעסקאָ כאַפּט אַרום האָלצמאַנען, האַלדזט אים און קושט אים: „אַן אוצר! אַן אוצר!“ האָלצמאַן קוקט אים אָן ווי אַ משוגענעם: „וואָסער אוצר? וואָסערע לאָקשן?“ — „א ו ר י א ל  אַ ק אָ ס ט אַ“, דאָס זעלבע שטיק, וואָס זיי האָבן געזען שפּילן דעם גרויסן זאָנענטאַלן אין ווין, געפֿינט זיך ביים סופֿלער איבערזעצט וואָרט אין וואָרט אין אונדזער לשון, אין יידיש! אַן עק. מער שפּילט שוין נישט ראַפּאַלעסקאָ קיין אַנדער ראָל, אַחוץ „אוריאל אַקאָסטאַ“. אַן עק. אוים אָפּערעטן. אוים מעלאָדראַמען. אוים פּורים=שפּיל. אוים. אוים!“...

אַזוי ווי האָלצמאַן איז געשטאַנען מיטן צילינדער און מיטן שטעקל, אַזוי האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ צעבראָכן בענקל, און עס האָט אים באַשלאָגן אַ קאַלטער שווייס: „וואָס איז דאָס פֿאַר אַ ווערטער? וואָס פֿאַר אַ שפּראַך? וואָס פֿאַר אַ לשון ביי דעם „יאַט“ געוואָרן? און וואָס הייסט — ער וועט נישט שפּילן מער קיין אָפּערעטן? און וווּ איז ער, האָלצמאַן, דער דירעקטאָר? ער האָט שוין גאָר קיין דעה נישט? און וואָס וועט זיין מיט די דעקאָראַציעס? מלבושים? ראָלן? פּיעסן? נאָטן? אַפֿישן? וואָס טוט זיך דאָ? עק וועלט???“...

און האָלצמאַן איז גרייט געווען דערמלט צערייסן דעם סופֿלער אויף צווייען. נאָר דיר אַזאַ מין אָנשיקעניש אויף זיין קאָפּ — „אַ מענטש מיט בילדונג“!

## קאַפּיטל דריי און זיבעציק

# וועלכע קאַץ עסט די פּוטער

פֿון דערמלט אָן איז אַוועקגעגאַנגען אַ סדרה: „אוריאל אַקאָסטאַ“.

אומעטום, אין וואָס פֿאַר אַ שטאָט די טרופּע „האָלצמאַן שוואַלב עט קאָמפּ“. איז געקומען, האָט מען נאָך די ערשטע צוויי=דריי פֿאָרשטעלונגען געגעבן „אוריאל אַקאָסטאַ“. און האָט מען די פּיעסע אויפֿגעפֿירט איין מאָל, האָט מען געמוזט זי

אויפֿפֿירן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל. אין אַנדערע ערטער האָט מען געפֿאָדערט לכתּחילה קיין שום אָפּערעטע, נאָר די דאָזיקע פּיעסע. למשל, אין פּאַריז, ווו די קאָמפּאַניע האָט אָפּגעשפּילט צוועלף ספּעקטאַקלען, האָט מען קיין אַנדערע פּיעסע נישט אויפֿגעפֿירט, אויסער „אוריאל אַקאָסטאַ“. און ס'איז געווען, ווי האָלצמאַן זאָגט, חושך ואפֿלה! מע האָט צעטראָגן דאָס טעאַטער. אויף די בלעטער — אַזוי האָט מען איבערגעגעבן האָלצמאַנען — האָט מען פֿאַרגלייכט ראַפּאַלעסקאָן צו אַלע גרעסטע שפּילערס און נביאות געזאָגט, אַז ער וועט אַריבערשטייגן דעם גרויסן זאָנענטאַל מיט אַלע באַרימטע גלענצנדע שטערן אין דער וועלט.

אַוודאי האָט אונדזער האָלצמאַן געקוואַלן, געוואָרן גרעבער ווי לענגער און געקליבן נחת, וואָס אַזאַ שמאַטע שבשמאַטע, גאָט זאָל נישט שטראָפֿן פֿאַר די דיבור, ווי אָט דאָס שטיק „אוריאל אַקאָסטאַ“, ברענגט איין כּמעט אַזויפֿיל געלט אין דער קאַסע, ווי די שענסטע אָפּערעטע, כאָטש ס'איז נישטאָ אין דעם נישט קיין טענץ, נישט קיין געזאַנג, נישט קיין פֿריילעכע קופּלעטן. „אַ מאָדנע וועלט געוואָרן, אַ פֿאַרקערטע, צו אַלדי שוואַרצע יאָר. צאינה־וראינה־מוסר איז ביי זיי בעסער פֿון קופּלעטן. אַ האַלבער משוגענער ווי אַקאָסטאַ אויף דער בינע איז ביי זיי ליבער פֿון דער שענסטער פּרימאַדאָנע! הײַנט גיי!... נאָר אויך די אייגענע מעשה: לאָז זיין פֿון אַ קאָזאַק, אַבי צום לעבן...

אַ געזונט זאָל קומען אויף דעם שלימזל דעם סופֿלער, וואָס האָט אויסגעקראַצט דאָס דאָזיקע ביכל. אַז מע שמועסט „אַ מענטש מיט בילדונג“, כאַ־כאַ, איז דאָך נישט שייך. מע דאַרף אים שענקען אַן אַלטן אָנצוג, זען, דער קוני־לעמל זאָל אָנטאָן אַ ווייסן קאָלנער מיט אַ נייעם שניפּס, און טאַקע אין אייגנוועגס אים אונטערשערן אַ ביסל די האָר אויך — ער זעט שוין אויס, ווי אַ קליינשטעטלדיקער דיאַק, צו אַלדי רוחות!“...

אַזוי האָט זיך האָלצמאַן געזאָגט און האָט דעם סופֿלער געהעכערט זיין געהאַלט, אָפּגעגעבן אים זיין פֿאַרדינטן כּבוד און אויפֿגעהערט רופֿן אים „שלימזל“, „באַשעפֿעניש“, „קוני־לעמל“ און נאָך אַזעלכע נעמען. „אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזעם“, — האָט האָלצמאַן געזאָגט און האָט זיך געדרייט די שפּיציקע וואָנצעס אַרויף טשאַקנדיק, מעשה ווילהעלם דער צווייטער, אָדער אַרומגעגאַנגען די הענט אין די קעשענעס, אַרויסגעשטעלט די גאָלדענע דאָפּלטקייט אויף דער ווייסער וועסטע און געדאַנקט גאָט, וואָס „ער, ברוך־הוא, האָט אים אויסגעפֿירט אָן מעצענאַטן און אָן באַרימטע אַרטיסטן, לאָזן זיי אייך גיין כּף־הקלע דאָרטן אַלע אינאיינעם מיט שטשופּאַקן, ימח שמו וזכרו“...

איין זאַך נאָר האָט געפֿעלט אונדזער האָלצמאַנען: אַ באַלעבאָסטע. דאָס הייסט, אַז מע וויל, האָט ער געהאַט אַ באַלעבאָסטע אויך. און נאָך אַן אומזיסטע דערצו. דאָס איז די מאַדאַם טשערניאַק.

זי האָט אים געפֿירט די גאַנצע באַלעבאַטישקייט, אָפּגעהיט יעדן גראָשן, אַכטונג געגעבן אין שטוב, געווען אים געטריי, ווי אַ הונט. פֿאַרריכט אים די וועש, פֿאַרמערזשעט אים די קאַפּצעס. אַמאָל געקאָכט אים „טראַיאַנקע“ און אַמאָל געמאַכט אים „גאָגלמאָגלס“ — ער זאָל אַזוי נישט הוסטן. עס האָט שוין געהאַלטן אַזוי ווייט, אַז חבֿרה אַקטיאָרן האָבן אונטער די אויגן זי אויפֿגעהערט צו רופֿן „מאַדאַם טשערניאַק“ און „בריינדעלע קאָזאַק“, נאָר — „מאַדאַם האָצמאַך“. אַ גליק, וואָס האָלצמאַן האָט דערפֿון נישט געוווּסט. אַנישט, וואָלט ער געהאַט צווייענדיקע עגמת-נפֿש: ערשטנס, וואָס מע געדענקט נאָך זיין אַמאָליקן נאָמען, און צווייטנס, וואָס מע רעדט אים אַזאַ מיאוסן שידוך. האָלצמאַן איז אַ בעלן אויף אַן אַנדער שידוך. האָלצמאַן וויל אַ מיידל, און דווקא אַ שיינע. „אָט, למשל, אַזאַ קאָרעפּירער אתרוגל, ווי אָט די פּרימאַדאָנע העניריעטאַ. פֿאַרוואָס נישט? מיט וואָס איז דאָס נישט גלייך? טאָמער איז זי נישט אַזאַ חכמה, איז זי אָבער שיין, אַז דער רוח כאַפּט אים אַוועק. דער חסרון — זי איז אַ ביסל צו לעבעדיק. דרייט זיך, ווי אַ חזן אויף געריצד... עט, ס'איז אָבער נאָר איצטער, פֿאַר מתן-תורה. לאָז ער איר נאָר אָנטאָן דאָס פֿינגערל — עהע-הע! — וועט ער מיט איר לערנען בלק, שטודירן הלכות דרך-ארץ, ווי גאָט האָט געבאָטן“...

איינמאָל — דאָס איז געווען אַ שבת בייטאָג — האָט זיך האָלצמאַן אָנגעטאָן מעשה פּראַנט. די לעצטע צייט האָט ער בכלל אָנגעהויבן שטאַרק צו פּראַנטעווען. „אויסגעקליידט ווי צו דער פֿגירה“ — האָבן געזאָגט אויף אים די חבֿרה אַקטיאָרן. ער האָט זיך אַרומגעראַזירט, פֿאַרדרייט די וואָנצעס אַרויף, באַגאָסן מיט פּאַרפֿומען, גענומען דאָס שטעקעלע און פֿאַרגעלייגט דער פּרימאַדאָנע, זי זאָל מיט אים גיין אַ ביסל שפּאַצירן. האָט זי אים באַטראַכט פֿון אויבן ביז אַראָפּ און האָט אים אָפּגעזאָגט ווי אַ טויטן: „אַז זי וועט זיך פֿאַרבענקען נאָך אים, וועט זי אים שיקן רופֿן“... האָלצמאַן איז געבליבן ווי אַן אָפּגעשמיסענער און האָט אָפּגעווישט די ליפּן.

דאָס אַנדערע מאָל האָט ער מיט איר פֿאַרפֿירט אַ געשפּרעך פּשוט וועגן חתונה האָבן. שוין צייט, האָט ער איר געזאָגט, זי זאָל אויפֿהערן שפּרינגען פּי-פּו-פּאַ, אַ טראַכט טאָן וועגן תכלית... האָט אים העניריעטאַ אָפּגעענטפֿערט אַפֿילו זייער גראָב, נישט ווי מען ענטפֿערט אָפּ אַ דירעקטאָר. זי האָט אים געזאָגט: „למאי זאָל אים דאַרפֿן דער קאָפּ פֿאַר יענעם? פֿאַרוואָס זאָל ער בעסער נישט אין זינען האָבן זיין אייגענע נאָז, וואָס וואַקסט אויף איר גראָז?“... דעם גראַם האָט האָלצמאַן אַראָפּגעשלונגען און אַ פֿרעג געגעבן ביי איר: פֿון וואַנען ווייסט זי, אַז ער האָט נישט אין זינען זיך? אפֿשר רעכנט ער אין גיכן אַ חתונה ווערן? — „טאַקע באמת? — האָט זי אים מיט אַ חוצפּהדיק געלעכטערל איבערגעפֿרעגט. — פֿאַר וועמען, למשל, כאַ-כאַ-כאַ, פֿאַרן מלאך המות?“...

אונדזער האָלצמאַן האָט גענומען נאָכקוקן, אויספאָרשן, ווער איז דאָ צווישן זיי דער ישטן מקטרג? ביז ער האָט זיך אַרויפגעשלאָגן אויפן רעכטן וועג. ברײַנדעלע קאָזאַק איז אים געקומען צוהילף. זי האָט אים געעפנט דעם מוח, אַז ער איז אַ גרויסער נאַר. „אויב די אויגן, האָט זי אים געזאָגט, זענען ביי אים נישט פון היגטן, נאָר פון פאָרנט, האַרף ער אַליין זען, וואָסער קאַץ ס'עסט די פוטער"...

דערמיט האָט זיך די מאַדאַם טשערניאַק כאָטש אַ ביסל געקילט דאָס האַרץ פאַר די נעכט, וואָס זי איז נישט דערשלאָפן, און פאַר די טרערן, וואָס זי האָט פאַרגאָסן. ברײַנדעלע קאָזאַק האָט שוין נישט מורא געהאַט מער פאַר קיינעם. ביי איר איז געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער שידוך פון דער פרימאַדאָנע מיט ראַפאַלעסקאָ איז אַ פאַרטיקע זאַך, וואָס נישט היינט איז מאָרגן — דער בלאָטער מוז אויסזעצן. און דערמיט איז בערנאַרד האָלצמאַן אירער. ס'איז גאָר נישטאָ וואָס צו רעדן.

קאַפּיטל פיר און זיבעציק

## האָלצמאַן האָט געסט

ברײַנדעלע קאָזאַקס אָנצוהערעניש, אַז צווישן דער פרימאַדאָנע שוואַלב און ראַפאַלעסקאָ שפילט זיך אָפּ אַ ראָמאַן, איז פאַר אונדזער האָלצמאַנען געווען ווי מיט אַ שייט האָלץ איבערן קאָפּ. וואָרעם אויסער דעם, וואָס ער פאַרלירט אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַזאַ „קאָרעפּירער אתרוגל", האָט דאָס אים צעשלאָגן איינעם פון זײַנע בעסטע גלענצנדסטע חלומות, צעשטערט אים זייער אַ וויכטיקן גרויסאַרטיקן פּלאַן, אויף וועלכן ער האָט געבויט אַ גאַנצן בנין.

דער דאָזיקער פּלאַן איז געבוירן געוואָרן ביי אים פּלוצעם איינמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן דורך אַ בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פון דער היים, פון זיין מאַמען, די אַלמנה שרה-ברכה. מיר גיבן איבער דעם דאָזיקן בריוו וואָרט אין וואָרט, ווי ער איז געשריבן געוואָרן:

„צו מיין ליבן געטרייען זון הערשבער האָלצמאַן נ"י.

איך שרייב דיר מיין ליבער געטרייער הערשבער אַ בריוו דורך אַלטער דעם מלמדס יונגל, איציק, אַז ראשית בין איך ברוך השם אין בעסטן געזונט, גיב גאָט דאָס נעמלעכע פון דיר צו הערן אויף ווייטער נישט ערגער אָמן. והשנית שרייב איך דיר מיין ליבער געטרייער הערשבער, אַז איך האָב שוין פון דיר לאַנג קיין בריוו נישט געהאַט, איך ווייס שוין גאָרנישט וואָס איבערצוטראַכטן. און איך בעט דיך זייער מיין ליבער געטרייער הערשבער זאָלסט מיר שרייבן פון דיין געזונט און וואָס דו מאַכסט און עס גריסט דיך דיין שוועסטער זלאַטקע זאָל לעבן קיין עין-הרע אַ מויד גע-

וואָרן, זאָלסט זי זען, וואָלסטו זי נישט דערקענט, אַזוי אויסגעוואַקסן איז זי קיין עין־הרע נישט און שיין איז זי קיין עין־הרע נישט ווי דער טאָג, נישט איך זאָג דאָס, ווייל איך בין איר אַ מאַמע, נאָר אַלע זאָגן דאָס, אַז איך טו אויף איר אַ קוק, טוט מיר ווי דאָס האַרץ, צייט נעמען אויפן קאָפּ, וואָס איז דער תכלית זיצן טאָג ווי נאַכט מיט דער נאָדל און שטשאָבען פּרעמדע קאַפּטלעך, מע דאַרף אַ קלער טאָן וועגן אַ שידוך, חתנים האָב איך פון אירעטוועגן טויזנט פאַר איינעם, טויגן זיי אָבער אַלע אויפן פייער, איינער איז יאָסל דעם סטאָליערס יונגערער בן, פישל; דער אַנדערער איז אַ קצב־יונג, ראובן הייסט ער, ווייל זי אים נישט, זי זאָגט, אַז סע שמעקט פון אים פעל, און יאָסל דעם סטאָליאַרס בן איז דווקא נאָך איר די כפּרה איז ער, אָבער אַן אויסוווּרפלינג, אַ שאַרלאַטאַן, אַז דער רוח ווייסט וואָס, ער האָט נישט אַפילו זאָלסט זאָגן אַ פּאָר שטיוול ווי סע געהער צו זיין און דרייט זיך פאַר די אויגן ווי אַ סאַוולע, איך האָב אים שוין געגעבן אָנצו־הערעניש עטלעכע מאָל, ער זאָל פאַרגעסן, וויאַזוי מיין טאָכטער הייסט, אַנישט וועל איך אים געבן דעם וועג, נאָר הייינטיקע בחורים זענען ערגער ווי די חזירים, טרייב זיי אַרויס דורך דער טיר, קריכן זיי דיר דורכן פענצטער, אַוודאי ווען דיין פעטער זלמן עליו השלום זאָל זיין, וואָלט ער זיך מיט אַזאַ חברהמאַן אַנדערש אָפּגערעכנט, וואָס קאָן איך טאָן משטיינסגעזאָגט, אַ יידענע אַן אלמנה און אַן אָרעמע דערצו? ווען איך קאָן איר געבן גדן, פאַרשטופּן אַ חתן דאָס מויל כאָטש מיט אַזוינע קן קאַרבן, וואָלט זי שוין לאַנג ביי מיר געווען אַ כלה! אין חתנים איז קיין מניעה נישט, איך זאָל אַזוי האָבן אַ דאגה מיט אַלדאָס גוטס, טויזנט פאַר איינעם, וואָרעם זי ווערט וואָס אַ טאָג שענער, זאָלסט אָנקוקן אַ מויד קיין עין־הרע, וואָלסטו זי נישט דערקענען, זי גריסט דיר גאָר פריינדלעך און איך בעט דיך מיין ליבער און געטרייער הערשבער למען השם זאָלסט מיר באַלד שרייבן, וואָס דו מאַכסט, און דער עיקר פון דיין געזונט, וואָרעם איך וויים שוין נישט וואָס איבערצוטראַכטן, און זיי געזונט, ווי עס ווינטשט דיר דיין מאַמע צו זען אין דיר פיל נחת שרה ברכה האָלצמאַן".

דער דאָזיקער בריוו איז אונדזער האָלצמאַנען אַריין אין קאָפּ אַריין, און איבערהויפּט די ווערטער: „קיין עין־הרע אַ מויד, וועסט זי נישט דערקענען". און עס האָט אים נישט אויפגעהערט צו פּיקן אין מוח אַזאַ געדאַנק: „אויב זי איז באמת אַזוי ווי די מוטער שרייבט, וואָלט אפשר געווען אַ סברה, אַז די אַלטע זאָל קומען מיט איר צו פאָרן אַהער, לאָז זי זיך באַקענען מיטן „יאַט", טאָמער געפעלט זי אים, אַ קשיה אויף אַ מעשה, ברעכט מען טעלער און מע שרייבט תנאים און טאַקע באַלד, איינס־צוויי־דריי, פיר שטעקנס — און אַ חו־פּה! און דעמאָלט שטעלט ער אַרויס דער גאַנצער וועלט אַ פייג — ונאמר אָמן"...

און האָלצמאַן פֿאַרשליסט זיך בסוד־סודות מיט דעם סופֿלער, און ער דיקטירט אים אַן ענטפֿער צו דער מוטער בזה הלשון:

— הער זשע אויס, מיין טייערער, שרייבן זאָלסטו איר אַזוי:

„לאמי היקרה והצנועה מרת שרה־ברכה שתחי' ולאַחותי היקרה והצנועה מרת זלאַטקע שתחי'. הנה זיי וויסן, אַז איך בין דאַנק גאָט אין בעסטן געזונט און שפּיל שוין נישט דאַנק גאָט מער קיין טעאַטער, איך האָב שוין דאַנק גאָט אַן אייגענעם טעאַטער מיט אַן אייגענער טרופּע און פֿאַרדין דאַנק גאָט שיין געלט, און לעב דאַנק גאָט ווי אַ מענטש, און טו מיר אָן ווי אַ מענטש, און גיי אַרויס ווי אַ מענטש, און האָב דאַנק גאָט אַ שטיקל נאָמען אויף דער וועלט. נאָר איין זאַך, וואָס איך בין נע־ונד און האָב נישט קיין היים. לכן איז ביי מיר געבליבן, אמי היקרה, זאָלסט נישט מאַכן קיין לאַנגע שהיות, נעמען זלאַטקען און קומען מיט איר צו פֿאָרן אַהער צו מיר, וועסטו זיין באַלעבאָסטע און וועסט האָבן נחת אויף דער עלטער. גענוג דיר שוין צו שטיין ביי פֿרעמדע אויווענס. צייט, זאָלסט דיר אויסרוען דיינע אַלטע ביינער און וויסן פֿון אַ וועלט צו זאָגן. און וועגן זלאַטקען זאָלסטו דיר גאָר נישט זאָרגן. איך האָב פֿון אירטוועגן אַ ביסל אַ שענערן שידוך, ווי יאָסל דעם סטאָליערס בן, און אַפֿילו ווי דער הקבצניאַק ראובן. זע זשע, אמי היקרה, למען־השם, ווי־באַלד דו באַקומסט דעם דאָזיקן בריוו, זאָלסטו נישט מאַכן קיין שהיות, זאָלסט נעמען זלאַטקען און זאָלסט קומען צו פֿאָרן אַהער צו מיר, צו דיין זון בערנאַרד האָלצמאַן.

דירעקטאָר פֿון טעאַטער „האָלצמאַן, שוואַלב עט קאָמפּ.“

אוועקגעשיקט דעם בריוו, האָט האָלצמאַן גענומען אַרויסקוקן אויף די געסט פֿון טאָג אויף טאָג. ס'איז אָבער געווען אומזיסט זיין אַרויסקוקן: אָנשטאָט די דערוואַרטעטע געסט, באַקומט ער אַ בריוו פֿון דער מאַמען, אַז „זי האָט זיין בריוו מקבל געווען און אַז זי איז דאַנק גאָט אין בעסטן געזונט, און זלאַטקע איז אויך דאַנק גאָט אין בעסטן געזונט, קיין עין־הרע אַ מויד, ער זאָל זי זען, וואָלט ער זי נישט דערקענט, און וואָס ער שרייבט, זי זאָל קומען צו פֿאָרן, וואָלט זי זיכער גע־פֿלויגן צו אים, זי זאָל האָבן פֿליגל, ווי קאָן זי אָבער קומען, אַז עס דאַרף קאָסטן אַזוי־פֿיל געלט, צוויי מענטשן הוצאות, הײַנט די גרענעץ, זי זאָל האָבן דאָס, וואָס די באַן אַליין דאַרף קאָסטן, וואָלט זי שוין לאַנג חתונה געמאַכט זלאַטקען, מיט אַ חתן האָט זי קיין דאגה נישט, טויזנט פֿאַר איינעם, קיין עין־הרע אַ מויד, ער זאָל זי זען, וואָלט ער זי נישט דערקענט...“ אאוו.

דאָס האָט האָלצמאַנען אַזוי אויפֿגערעגט, אַז ער האָט איר באַלד אַרויסגע־שיקט געלט און אוועקגעשריבן איר מיטן הארבן וואָרט, אַז זי זאָל די רגע קומען

צו פאַרן, נישט דערוועגן זיך מער קלערן אַפילו איין מינוט וועגן אַ שידוך, נאָר נעמען זלאַטקען און, למען־השם, באַלד קומען צו פאָרן!

נאָך דעם בריוו איז אַוועקגעגאַנגען נאָך אַ בריוו און נאָך אַ בריוו, ביז גאָט האָט געהאָלפן, איינמאָל אין אַ סוף־זומערדיקן אָוונט — אין טעאַטער, אין אַ קליין שטעטל אין גאַליציע איז דאָס געווען, אַ מינוט, איידער מע האָט באַדאַרפט אויפהייבן דעם פאָרהאַנג — האָט זיך דערהערט אַ רעש פון דרויסן. וואָס איז די מעשה? עפּעס אַ יידענע אַן אָרעמע מיט אַ מיידל פרעגן זיך נאָך אויף האָלצמאַ־נען און רייסן זיך אין טעאַטער אַריין אָן געלט, לאָזט מען זיי נישט.

— אַ רוח אין אייער טאַטנס ערד אַריין! ממזרים, דאָס זענען דאָך מיינע געסט! — האָט זיך האָלצמאַן צעשריגן אויף זיינע קאָלעגן און אַרויסגעלאָפן אין דרויסן.

— דיינע געסט? קומט דאָך דיר מזל־טוב. גאָט ליב דיר מיט דיינע געסט!

— האָבן אים אָפּגעענטפערט זיינע קאָלעגן און נאָכגעגאַנגען נאָך אים אָנקוקן האָלצמאַנס געסט.

## קאַפּיטל פינף און זיבעציק

# אָרעמע ברייַנדעלע קאָזאַק

דרויסן איז געשטאַנען אַן אלולדיקע קלאָרע קילבלעכע נאַכט. די לבנה איז נאָך נישט אַרויסגעטראָטן פון איר געצעלט אויף צו באַלייכטן די ערד. נאָר די שטערן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן איינציקווייז איינער נאָך דעם אנדערן, זענען געווען געגנוג אויף צו צעטרייבן דאָס פינצטערניש פון דער נאַכט, מע זאָל קאָנען אַרויסזען, אויף וויפל ס'איז מעגלעך, די פיגורן פון האָלצמאַנס געסט.

צום אלעם ערשטן האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַ הויכע, אַ טרוקענע, אַ דאַרע, אַ ביינעריקע יידענע, וואָס האָט געמאַכט דעם אָנבליק פון אַ דאַרער אויסגעהאָרעוועטער קליאַטשע. אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, אָנגעלאָדן מיט בעטגע־וואַנט — פערענעס, קישנס, קאָלדרעס און גלאָט אַלטע שמאַטעס, האָט זי געקוקט איטלעכן אין די אויגן אריין, געזוכט, ווער איז דאָ צווישן דער חברה איר זון? נעבן איר, ווי אַ לאָשעקל, איז געשטאַנען, האַרט ביים פאַרטעך, אַ יונג מיידל, כמעט נאָך גאָר אַ קינד, מיט פאַרפלאַמטע פרישע בעקלעך, מיט עפּעס אַ פאַר־שפּיצט קינדערש נעזל און מיט געדיכטע ברעמען אויף אירע שעמעוודיקע אויגן, וואָס האָבן געקוקט אַראָפּ, אויף דער ערד. אָנגעטאָן איז זי געווען אין א פּראָסט סיצן קליידל מיט א גרינג בעזשן קאַפּטל, פון אויבן אַן אַלט געלבלעך בורנעסל, וואָס האָט זיך נישט גוט פאַרשפּיליעט און אַרויסבאַוויזן פאַרקיילעכדיקטע פאַר־מען — סימנים, אַז דאָ שטייט שוין נישט אַ קינד, נאָר אַ דערוואַקסן מיידל.

די קאָמפּאַניע אַקטיאָרן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט אויף א ווײַלע אָנקוקן האָלצמאַנס געסט, האָבן געלאָזט צורו די אַלטע, וואָס האָט סוף־כּל־סוף דערקענט גאָר די אויגן, ווער איז צווישן זיי איר זון, האָט זי זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אים מיט אַ געוויין און מיט אַ מאַנצבילשער שטימע און האָט אַנידערגעלייגט אַ מענה־לשון: „אוי, אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן! אוי, אַ מכּה איז מיר! ווינד און ווי איז דער מאַמען! אָט דאָס טאַקע ביסטו, הערשבער? זון מײַנער טײַערער!“...

די אַקטיאָרן האָבן זיך בעסער גענומען באַטראַכטן דאָס יונגע שיינע מיידל, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער זייט אינעם ענגן בורנעסל און געוואַרט אויפן ברודער.

מאָדנע חנעוודיק האָט בײַ זיי אויסגעזען אָט דאָס יונגע נאַיווע פּשוט געקליידעטע באַשעפעניש מיט די פּאַרפּלאָמטע בעקלעך, ווי די פערשקעס, און מיט די געדיכטע ברעמען אויף די אַראָפּגעלאָזטע אויגן. איר גאַנצע פיגור האָט געגערעדט פון יוגנט, פון פרישקייט און פון אומשולד. קיינער פון דער כאַליאַסטרע האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגעלאָזט, אַחוץ איין שוואַלב, האָלצמאַנס שותּף, וואָס האָט אַ זאָג געטאָן אונטער דער נאָז, ווי פון גראָבן בויך אַרויס: „אַן עפּעלע דאָס איז — מיר זאָל זײַן!“...

די דאָזיקע חכמה פון איזאַק שוואַלב איז איצטיקס מאָל אַוועק מיטן ווינט, גלײַך ווי קיינער האָט דאָס נישט געהערט. דאָרט, וווּ עס דרייען זיך אַרום שטענדיק אָפּגעבליאַקעוועטע, געקנייטשטע, נאָר אָנגעשמירטע פּנימער, אַרײַנגעשטעלטע ציין, אונטערגעפירטע ברעמען, פאַרעמדע האָר, אויסגעגאָרסעוועטע נישט נאַטירלעך הויכע ברוסטן מיט אַ פאַלשן געקינצלטן שמייכל אויף די אָנגעפאַרבטע ליפּן, אַז מע דערזעט אַ פריש פּנים מיט א פריש געשטאַלט, פריש און געזונט און נאַטירלעך, אַזוי ווי די מאַמע האָט געהאַט, — בלײַבט מען שטיין פאַרגאַפט. מע באַקוקט, מע באַטראַכט און מע באַוווּנדערט. און מע דערמאַנט זיך, אַז מען איז אַליין אויך אפשר געווען אַמאָל יונג און פריש און נאַטירלעך, אַזוי ווי די מאַמע האָט געהאַט...

נאָר נישט קוקנדיק דערויף, וואָס האָלצמאַנס שוועסטערל האָט געמאַכט, ווי עס שיינט, אַזאַ גוטן אײַנדרוק אויף דער גאַנצער קאָמפּאַניע אַקטיאָרן, האָט זיך אָבער האָלצמאַן אַליין געפילט זייער נישט פריילעך. עס איז אים נישט אָנגענעשטאַנען, וואָס צו אים, צום דירעקטאָר פון דער טרופּע, וועלכער „לעבט ווי א מענטש, טוט זיך אָן ווי אַ מענטש און גייט אַרויס ווי אַ מענטש“, זענען געקומען צו פאָרן געסט, אַ מאַמע מיט א שוועסטערל, וועלכע זעען אויס, ווי די שלעפּערינגס. און דאָ האָבן זיך, ווי אויף צולהכעיס, צונויפגעקליבן די גאַנצע כאַליאַסטרע. שטייען און קוקן אויף זײַן בייז וווּנדער. האָט דאָס אים פאַרדראָסן און ער האָט זיך צעשריגן אויף די אַקטיאָרן, זיי געמאַכט מיט דער בלאָטע, אין איינוועגס טאַקע באַוויזן פאַר זײַנע געסט, אַז ער, האָלצמאַן, איז מיט גאָטס הילף אַ באַלעבאָס, אַ דירעקטאָר פון אַ טעאַטער, און דער עולם האָט פאַר אים דאָס נײַניעריקע.

און נישט נאָר אויף די אקטיאָרן קאָן ער אָנשרייען און אָנזידלען. האָלצמאַן, אַז ער וויל, קאָן ער דעם שותף שוואַלב אויך געבן אַ פינצטערן סוף. האָט ער זיך צעשריגן אויך אויף שוואַלבן:

— הער נאָר, דו וואַסער־אָקס, דו טרעלבויך, דו טריפהנער האלדז, דו ביסט אויך אָט אָ דאָ מיט אלע יאָלדן?!

אין איין מינוט איז פון דער כאַליאַסטרע נישט געבליבן קיין שריד ופליט. די רעזשי פון טעאַטער אויף דעם אָוונט האָט האָלצמאַן איבערגעגעבן צו זיין שותף שוואַלב, און אַליין האָט ער פאַרנומען זיינע געסט מיט די פעקלעך, פערינעם, קישנס, קאָלדרעס און שמאַטעס און איז אַוועק מיט זיי צו זיך אויף דער סטאַנציע.

* * *

אויף מאָרגן נאָך דער פאָרשטעלונג האָט האָלצמאַן צונויפגערופן די גאנצע קאָמפּאַניע און געשטעלט ביר לכבוד די געסט, וואָס זענען געווען ביי אים אָנגעטאָן שוין יום־טובדיק. די אַלטע — אין איר שבתדיקער וועלענער פאטשיילע — האָט אויסגעזען, ווי אַן אַלט פערד אין א שלייער. און דאָס שוועסטערל, זלאַטקע, אַן אויסגעצוואָגענע און אַ פאַרקעמטע, האָט אַלעמען פאַרכישופט, נישט אַזוי מיט איר הלבשה, ווי מיט אירע פרישע בעקלעך, געדיכטע ברעמען, קליינע ציינדלעך און שעמעוודיקע אייגלעך.

— אַן עפּעלע! — האָט אַ זאָג געגעבן נאָכאַמאָל איזאַק שוואַלב, און איצטיקס מאָל האָט דער גאַנצער עולם אויסגעשאָסן אַ געלעכטער.

נאָר צוויי האָבן נישט געלאַכט. זיי איז נישט געווען צום געלעכטער. דאָס זענען געווען די פרימאַדאָנע שוואלב און די מאדאם טשערניאק (ברייגדרעלע קאָזאַק). דעם גאַנצן פרימאָרגן זענען די צוויי געווען שטאַרק לאַ־עליכמדיק, מאָרנע אָפּגעלאָזן. העגריעטאַ שוואלב איז גלאַט געווען נישט צופרידן, למאַי ס'איז דאָ נאָך אַ שיין מיידל אויף דער וועלט, און אין כעס אויף ראַפאלעסקאָן, למאַי ער וואַרפט אויגן אויף דער קליינשטעטלדיקער יענטע מיט די רויטע הענט און מיט דעם שפיצעכיקן נעזל... אינעם דאָזיקן מיידל האָט העגריעטאַ געזען פאַר זיך אַ קאָנקורענטין. און וויפל זי האָט נישט געזוכט אויף איר חסרונות, האָט זי אויסער דעם, וואָס די הענט זענען ביי איר רויט און דאָס נעזל א ביסל שפיצעכיק, נישט געפונען מער קיין שום חסרון. האָט דאָס זי געמאַכט נאָך מער אויפגערעגט.

נאָר אויב העגריעטאַ שוואַלב איז געווען נישט צופרידן מיט האָלצמאַנס געסט, דאַרף מען זאָגן אויף דער מאַדאַם טשערניאַק, אַז אויף איר איז געווען אַ גאָטס רחמנות צו קוקן. אויף איר קיילעכיקן לבנה־פנים זענען אַרויסגעטראָטן רויטע פלעקן און אויף אירע קליינע יאַפּאָנישע אויגן זענען געהאָנגען טרערן, כאָטש זי האָט זיך געהאַלטן שטאַלצעדיק. געגוידערט און כלומרשט געשמייכלט.

די מאַדאַם טשערניאַק נעבעך האָט געפֿילט, אַז אירע זיבן יאָר האָבן זיך געענדיקט, אַז אָט באַלד וועט מען צונעמען ביי איר די שליסלען און מסתּמא איבערגעבן צו אָט דער אַלטער מכשפה, וועלכער זי האָט געוווּנטשן מיטן גאַנצן האַרצן א גיכן סוף און אַ גרינגן טויט.

די מאַדאַם טשערניאַק ווייסט שוין דעם טעם פֿון גלות. ס'איז נישט דעם ערשטן מאָל ביי איר, וואָס מע נעמט און מע וואַרפֿט זי אַרויס, ווי אַ כּלי, וועלכע מע דאַרף שוין נישט, ווי אַן אַלט קלייד, וואָס איז אַרויס פֿון דער מאָדע, אָדער פּשוט, ווי אַ זאַך, וואָס האָט זיך צוגעגעסן. „אָט דער גאַנאַמניק האָצמאַך — האָט זי זיך געטראַכט — וועט זיך באַלד מאַכן גלייך ווי געפּגרט. ער וועט פֿאַרגעסן אַלצדינג, וואָס מיר האָבן אַמאָל גערעדט, און אַז איך וועל אים דערמאָנען, וועט ער זיך כּלומרשט פֿאַרהוסטן אויף אַ האַלבע שעה"...

אָרעמע בריינדעלע קאָזאַק! אַזוי ווי דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט. האָצמאַן איז אַ מענטש, וואָס האָט פֿיינט צערעמאָניעס. ביי אים איז איינס־צוויי־דריי. ער האָט איר אַפֿילו נישט געזאָגט קיין דאַנק פֿאַר איר באַלעבאַטעווען ביז אַהער, און פֿאַר איר אַכטונג געבן אויף זיין געזונט, און פֿאַר קיין זאַך. און אַז ער האָט דערזען אין דער פֿרי, אַז זי קלייבט זיך אים עפּעס זאָגן, האָט ער זיך אַ כאַפּ געגעבן ביים האַרצן און האָט אָנגעהויבן אַזוי שטאַרק צו הוסטן, אַז ער איז אַזש אונטערגעשפּרונגען.

שטיל, אָן אַ זיי־געזונט, האָט זיך די מאַדאַם טשערניאַק אַרום האַלבן טאָג אַריבערגעפּעקלט אויף אַ נייער קוואַרטיר, אַפֿילו קיין טרער נישט געלאָזט. צונויפֿגעפּאַקט די קאַסטנס, האָט זי זיך געמאַכט אַ האַרץ, גענומען אויף זיך די רויטע ראָטאָנדע און, שמייכלענדיק מיט אירע גרויסע ציין, האָט זי מיט אַ טענצל, ווי איר שטייגער איז, פֿאַרלאָזט האָצמאַנס וווינונג אויף שטענדיק.

אַ נקמה מוז איך נאָך דערלעבן אין דעם האָצמאַכן. סיידן איך וועל ליגן אין דער ערד און גראָז וועט אויף מיר וואַקסן, — האָט זיך געטרייסט בריינדעלע קאָזאַק, גייענדיק איבער דער גאַס נאָכן וואָגן אײנע אַליין, איינגעהילט אין דער רויטער ראָטאָנדע.

## קאַפּיטל זעקס און זיבעציק

# ער לערנט מיט זיי דרך־ארץ

די ערשטע עטלעכע טעג, כּל־זמן די אַלטע שרה־ברכה מיט איר טאָכטער זלאַטקע זענען געווען ביי האָצמאַנען געסט, האָט ער זיך באַגאַנגען מיט זיי ווי מיט געסט. אַכטונג געגעבן, זיי זאָלן עסן און זאָלן טרינקען און ס'זאָל זיי וווּל זיין. אויף אַ מינוט איז ער פֿון זיי נישט אָפּגעטראָטן. ער האָט זיי באַוויזן רוב

גדלו ורוב עשרו, זיי געגומען אַלע נאָכט אין טעאַטער און באַזעצט אויבנאָן אין דער ערשטער ריי. זלאַטקע, פאַרשטייט זיך, איז געווען פון די פאַרשטעלונגען אויפן זיבעטן הימל; עס האָט זיך איר אַזש געדרייט דער קאָפּ. און אַפילו די אַלטע שרה־ברכה, וואָס האָט בטבע פיינט געהאַט טעאַטער, ווי אַ כשרער ייד האָט פיינט חזיר, האָט צוליב געטאָן, געקוקט מיט איין אויג אויף דער סצענע און מיטן אַנדערן אויג אויפן פובליקום, געלאַכט הויך אויף אַ קול און געשאָלטן אין גוטן מוט די „קאָמעדיאַנטן“ איבערן גאַנצן טעאַטער: „שלימזלען צו אַלדי שוואַר־צע יאָר!“ אָדער: „מייגע ווייטיקן אויף זייער קאָפּ!“ אָדער: „אַ, ריק און לענד ברעכט, רבונו־של־עולם!“ אַזוי אַז האַלצמאַן האָט צו איר פון דער סצענע גע־מוזט ווינקען מיט די אויגן, מאַכן מיט די הענט און איינשטילן זי: „שששששש!“... מיט איינעם וואָרט, די מאַמע מיט דער טאָכטער האָבן זיך געבאָדן אין פוטער און אין האָניק.

נאָכדעם אָבער, אַז די היץ פון גאַסטפריינדלעכקייט איז ביי אונדזער האַלצ־מאַנען איבערגעגאַנגען, האָט ער גענומען מיט זיינע געסט אַ ביסל לערנען דרך־ארץ: וויאַזוי זיי זאָלן גיין, וויאַזוי זיי זאָלן שטיין, וויאַזוי זיי זאָלן זיצן אין טעאַ־טער, וויאַזוי זיי זאָלן זיך „האַלטן צווישן מענטשן“. זיין שוועסטערל זלאַטקען האָט ער אָנגעטאָן הענטשקעלעך, מע זאָל נישט אַרויסזען אירע רויטע הענט, געקויפט אַ היטעלע מיט אַ גרויסער פעדער, כמעט ווי ביי דער פרימאַדאָנע, און אויסגעקליידט זי ווי אַ „פרינצעסין“.

מע קאָן נישט זאָגן, אַז די דאָזיקע „פרינצעסין־קליידער“ זענען געווען זלאַט־קען שטאַרק צום האַרצן. אַדרבא, זי האָט זיך געפילט אין זיי געענגט, געקוועטשט און געפּענטעט. עס האָט איר ווי געטאָן דער קאָפּ, געשווינדלט אין די אויגן און אויסגעוויזן, אַז די נאָז איז ביי איר נישט אויף אַן אָרט און אַז יעדער זעט דאָס... מיט פאַרגעניגן וואָלט זי אָנגעטאָן צוריק דאָס סיצענע קליידל מיטן בעזשן קאַפטל, מיט די אַלטע אויסגעטראָטענע שיך. זי האָט זיך געוווּנטשן, זי זאָל האָבן די ברכות, וואָס זי האָט זיך געפילט אין זיי אַ סך היימישער, ווי אין די נייע ענגע שפּיציקע שיכלעך מיט די הויכע אָפּצאַסן, וואָס מע גייט אויף זיי, ווי אויף דובעס. נאָר וואָס זאָל זי טאָן, אַז דער ברודער הייסט אַזוי?...

און האַלצמאַן האָט באַטראַכט זיין שוועסטערל אין דער נייער הלבשה, פאַר־גלייכט זי מיט דער פרימאַדאָנע שוואַלב און געפונען, אַז זי איז גאָרנישט קיין מיאוס מיידל. נאָר דאָס, וואָס זי איז נאָך אַ ביסל ווילד, שעמעוודיק און צופיל שווייגעגדיק. מע דאַרף זי „אויסשווייטשען“, אויסמענטשלען, אויסבילדן הייסט דאָס, מאַכן באַרעדעוודיקער, לעבעדיקער, מיט איינעם וואָרט — פאַר א „ציווי־ליזירטער מאַמזעל“... דערביי וואַרפט ער אַ קוק אויפן „יאט“, וואָס רעדט מיט זלאַטקען, און זלאַטקע לאָזט אַראָפּ די אויגן און ווערט רויט ווי אַ צוויק. ווינקט צו איר האַלצמאַן מיט די ברעמען, זי זאָל אַראָפּלאָזן די הענט און אויפהייבן די

אויגן. פון דעם ווערט זלאַטקע נאָך רויטער, און האַלצמאַן ווערט אויפגערעגט מיט סכנת־נפשות, און אַז ער בלייבט אַליין מיט דער שוועסטער, גיט ער איר, ווי אַ הונט: „וואָס האָסטו מורא קוקן גלייך אין די עינים, האָסט עפּעס געגנבעט?"... אָדער: „זע נאָר אַ פּאָר ידים"...

אויך צו דער אַלטער מוטער האָט זיך האַלצמאַן גענומען שטודירן מיט איר הלכות דרך־ארץ, געוואָלט אַ ביסל אויסקליידן, זי זאָל זיין „לייטנגלייך". עס פּאַסט אים ניט, — האָט ער איר געגעבן צו פאַרשטיין מיט אַ שכל, — אַז דעם די־רעקטאָרס מאַמע זאָל גיין אַנגעטאָן, ווי אַ „קורעלאַפּניטשקע"... מער האָט מען ניט באַדאַרפט. שרה־ברכה איז אַ יידענע אַ פּראָסטע, נאָר אַן אויפריכטיקע: וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג. האָט זי אים אויסגעהערט און אָפּגעענט־פערט מיט איר מאַנצבילש קול, אַז אויב זי געפעלט אים ניט אין שלייער און עס שטייט אים ניט אָן די אָרעמע מאַמע, קאָן זי אים טאָן צוליב, פאַרקערעווען דעם דישל און פאָרן מיט דער טאָכטער אַהיים אַפילו היינטיקן טאָג.

און ניט לאַנג געטראַכט, נעמט זיך די אַלטע גאַנץ ערנסט צו אירע פּעקלעך, די פּערינעס, די קישנס מיט די קאָלדרעס, און רופט זיך אָן צו זלאַטקען:

— קום, טאָכטער! וואָס ווילן מיר, קורעלאַפּניטשקעס, זיך אַרומדרייען דאָ, צווישן אַזעלכע גרויסע פּריצים און פּריצטעס? מיר קאָנען זיי חלילה אויסשמירן זייערע פּריצישע מלבושים...

פאַרשטייט זיך, אַז האַלצמאַן האָט זיך באַלד פאַרכאַפּט, געשווירן פאַר דער מאַמען מיט כל השבועות שבעולם און האָט אויסגעשלאָגן פאַר איר אַ קניה ערד, ביז ער האָט געפּועלט ביי דער אַלטער, אַז „דאָס, וואָס ער האָט גערעדט, האָט ער געבילט".

אַ שיין ביסל צרות איז אונדזער האַלצמאַן אויסגעשטאַנען ערשט נאָכדעם, בעת ער האָט באַשלאָסן מאַכן פון זיין שוועסטערל אַן אַקטריסע. ווי אַ גאַראָוויסט פערד האָט זיך די אַלטע שרה־ברכה אַוועקגעשטעלט: „איינמאָל ניין! גיכער וועט זי איינגעמען אַ מיתה־משונה, איידער דערלאָזן, אַז איר טאָכטער זאָל טאַנצן מיט אַלע קאָמעדיאַנטן אויף איין שטריק. סיידן דעמלט, ווען מע וועט איר לייגן שאַרבנס אויף די אויגן!"... בקיצור, ניט מיט גוטן, ניט מיט בייזן. עס האָט האַלצמאַנען אַריינגעוואָרפן אין אַ קאַלטן שוויס אַריין: ער האָט אַזש אָנגעהויבן צו הוסטן מיט בלוט...

דערזען בלוט, האָט זיך די אַלטע דערשראָקן: „אַ וויטיק איז איר! אַ מכה איז איר! אַ דונער האָט זי דערשלאָגן!"... און זי האָט געגעבן איר הסכמה נאָר מיט אַ תנאי, און דער זון האָט איר געמוזט צושווערן און געבן אַ תקיעת־כף פאַר צוויי עדות, אַז פריער זאָל ער זלאַטקען חתונה מאַכן. ער האָט זיך אונטערגענומען, אַז ניט שפּעטער ווי אין אַ האַלב יאָר אַרום וועט מען איר געבן אַ חתן און שטעלן אַ חופּה, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן...

## קאַפּיטל זיבן און זיבעציק

# „טערטל־מערטל"

טשערנאָוויץ — די הויפּט־שטאָט פון דער בוקאָווינע. סאַמע אין מיטן מאַרק, מיט די פענצטער צו די געוועלבן ארויס, שטייט מיט גדלות און מיט רעספּעקט צו זיך אליין א גרויסער האָטעל מיטן נאָמען „צום שווארצן האָן" און קוקט ארויס אויף געסט. גאָט מעג אים העלפן: פון דעם וואַנדער־טעאַטער „האָלצמאַן, שוואַלב עט קאָמפּ." וועט זיך „דער שוואַרצער האָן" די הענט נישט צעפּירן. די גאַנצע טרופּע פאַרנעמט סך־הכל אַזעלכע דריי־פיר חדרים, און עסן זיי אין א יידישער גאָרקיך, אי דאָס — נישט אַלע, וואָרעם נישט יעדער אַרטיסט האָט מיט וואָס צו צאָלן. ובפרט סוף חודש, אַז עס טרעטן אריין די „אומריינע טעג" — דעמלט לעבט מען פון דעם, וואָס מע שטודירט די ראָלן, מע מאַכט פּראָבן און מע שפּילט אין „טערטל־מערטל". דאָס איז אַזאַ מין קאָרטן־שפּיל, וואָס האָט אין זיך אַלע מעלות: מע דאַרף נישט צולייגן קיין קאָפּ, מע באַדאַרף נישט האָבן קיין באַשטימטע צאָל מענטשן אויף צו שפּילן און מע קאָן שפּילן וויאַזוי מע וויל, אפילו שפּייענדיק. דעריבער טאַקע האַלטן פון דעם אַקטיאָרן, קלעזמער, פּריקאַזטשיקעס און בכלל מענטשן, וואָס האָבן קיין צייט נישט און ווילן א שפּיל טאָן כאַפּנדיק, על רגל אחת.

אין דעם חדר, וווּ די חברה שפּילן אין „טערטל־מערטל", איז אַזוי אָנגערייכערט, אַז קוים־קוים וואָס מע זעט, ווער דאָרט געפינט זיך, כאָטש ס'איז בייטאָג און די זון שיינט. גאַנץ אויבנאָן ביים טיש, איבער א גרויסן טעלער, זיצט דער באַנקיר. איצטיקס מאָל האָט די באַנק האָלצמאַנס שותף, איזאַק שוואַלב. אַ געגאָלטער פּאַרשוין מיט אַ מוראַדיק רויט פּנים, וואָס זעט אויס, גלייך ווי מע האָט גענומען און מע האָט אים אָפּגעשונדן די הויט. און דערצו נאָך איז ער אויפגערעגט און היצט זיך זייער שטאַרק. ער לייגט אויס די קאָרטן, אַ קלאַס נאָך אַ קלאַס, און ווערט באַגראָבן „אַזוי ווי קורח". כמעט יעדע קאָרט שלאָגט אים „ווי א בעסטיע". און אויסער דעם, וואָס ער מוז אויסצאָלן יעדן באַזונדער צוויי מאָל און דריי מאָל און פיר מאָל און ניין מאָל אַזויפיל, שעלט מען אים נאָך אָן, וויפל עס קאָן אין אים אַריין. פון אַלע זייטן שטרעקט מען צו אים הענט, און ווערטלעך מיט קללות פליען איבער זיין קאָפּ.

— שוועלבעלע! — מיר צוויי קראָן, צוויי מכות דיר אין רויטן פּנים אריין!

— אַהער, שוועלבעלע, פאַרן אויבער פּיק פיר מאָל אַזויפיל.

— שוואַלב, איך מוז דיך אויסטאָן היינט אַ נאַקעטן, ווי די מאַמע האָט דיך געהאַט!

— שוואַלב, וועסט ביי מיר אָפּגיין מיט אַן אָקע בלוט!

— דעם טויט האָסטו ביי מיר, שוועלבעלע, דעם טויט!

— אַהאַ, ממזר! געשלאָגן? אַרויס מיט די „פּאַרעס“!

און וואָס מער מע שעלט שוואַלבן, מער היצט ער זיך, און וואָס מער ער היצט זיך, מער פאַרשפּילט ער און פלאַמט און ברענט, ווי אַ „שטרויענער דאַך“.

— כאָליערע! רײַם איבער! גיב איבער די באַנק אַן אַנדערן. זעסט דאָך, דו פּאַרך, אַז סע גייט דיר נישט דאָס בלאַט.

אַזוי עצהט אים האָלצמאַן, ווי אַ שותּף און ווי אַ גוטער פרײַנד, און כאַפּט אַ מיאוסן פּסק פון זײַן צעהיצטן שותּף איזאַק שוואַלב:

— אַוועק, דו יאַדעשליוועער הונט, דו אַלטער בחור אײנער, ווער פרעגט בײַ דיר עצות?...

און דער באַנקיר איזאַק שוואַלב ברענט און טאַשט קאָרטן און קוקט מיט רויטע אָנגעצונדענע אויגן אין טעלער אַרײַן און זעט, אַז אין דער קאַסע „טאָגט“, עס ווערט אַלעמאָל שיטערער און ווינציקער. איז ער זיך מטריח מיט אַ טיפן זיפץ צו דער בוזעם-קעשענע. מיט ציטעריקע פינגער שלעפּט ער אַרויס פון דאָרט אַ פעטן טײַסטער מיט געלט, און צווישן עולם ווערט נאָך לעבעדיקער:

פאָרסט קיין „קעשעניעוו“, איציקל? פאָר, פאָר, גנב, און ווער באַגראָבן ניין אײלן.

אַזוי רופט זיך אָן אײנער אַן אויסגעטריקנטער אַקטיאָר מיט אַ שאַרפן קנאָפּ אין גאָרגל, און דעם דירעקטאָרס שוועסטער, זלאַטקע האָלצמאַן, שיסט אויס אַ געלעכטער. קוקט אויף איר דער גאַנצער עולם, פאַרשעמט זי זיך און ווערט רויט ביזן שפּיץ נעזל, ווערט שיר נישט פאַרברענט. האָט ראַפּאַלעסקאָ אויף איר רחמנות און לײגט איר פאָר קויפן בשותּפות אַ קאָרט אַם קרײַץ. „הײַנט גילט אַם קרײַץ“. ווערט זי נאָך רויטער און טוט אויף אים אַ קוק מיט דאַנקבאַרע אויגן, און דאָס האַרץ ווערט איר שיר נישט צעגאַנגען. „אַך, ער זאָל אַשטײגער װעלן צוגײן צו איר. זיך שטעלן נעבן איר, נאָענט“... אַזוי קלערט בײַ זיך זלאַטקע. און ראַפּאַלעסקאָ, גלײַך ווי ער װאָלט געטראָפן איר פאַרלאַנג, גייט ער צו צו איר. שטעלט ער זיך אַוועק נעבן איר נאָענט. כמעט פילט זי דעם ריח פון זײַנע שײנע לאַנגע בלאָנדע האָר, פון װעלכע זי ווערט שיר נישט משוגע. „גאָטעניו! ס'איז נאָך דאָ אויף דער וועלט אַזאַ מלאך פון הימל, ווי אָט דער דאָזיקער בחור מיט די לאַנגע בלאָנדע שמעקעדיקע האָר און מיט די שײנע מילדע אויגן? ניין, נישטאָ, נישט געווען און עס וועט נישט זײַן!“... אַלע מאָל, ווען זי שטײט נעבן אים נאָענט, פילט זי, אַז דאָס האַרץ פאַלט איר אָקאָרשט נישט אַרויס און זי פאַרלירט זיך, ווייסט נישט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט זי איז, און וואָס זי זאָל נישט האַלטן, פאַלט בײַ איר פון די הענט. דערזעט די מאַמע אירע, שרה-ברכה, זאָגט זי צו איר הויך, אויף אַ קול: „וואָס איז מיט דיר, טאָכטער מײַנע?“ — ווערט זי נאָך רויטער און פאַרשעלט זיך דאָס געביין. און דאָך איז זי גליקלעך, אַז זי שטײט אין די דלית אמות פון אָט דעם שײנעם בחור מיט די בלאָנדע שמעקעדיקע האָר. און ווער

שמועסט, אַז ער באַגליקט זי נאָך מיט אַ קוק, כאָטש מיט איין קוק פֿון זײַנע שיינע גוטע ליכטיקע מילדע אויגן, וואָס שיינען, ווי דער הימל, און וואַרעמען, ווי די זון!... און וואָס גייט איר אָן, אָט דער אָרעמער זלאַטקע, צי די אויגן קוקן אויף איר, ווי זיי קוקן אויף אַלע אַנדערע? אַבי דער הימל איז שיין און לויטער, אַבי די זון לײַכט און וואַרעמט...

דער באַנקיר איזאַק שוואַלב האָט אויסגעפּאַרקויפֿט העכער אַ האַלבע טאַש קאָרטן, און ער שאַרט צונויף דאָס אַנגעוואָרפֿענע געלט אין טעלער אַרײַן, און פּאַוואָליענקע, לאַנגזאַם, הייבט ער אָן אויסלייגן פֿון דער צווייטער טאַש אַ קאָרט נאָך אַ קאָרט, און דער עולם קוקט מיט זשעדנע אויגן, ווי די קאָרטן „שלאָגן", און דער געפּילדער וואַקסט, און קללות פֿליען, און די געלעכטערן גייען ביזן הימל אַרײַן, און שוואַלב היצט זיך און צאָלט געלט. פֿאַלט אַרויס אַס קרייץ אין דער פּאַרטער קלאַס. ווערט אַ געשריי: „ווער האָט אַס קרייץ?"... „ראַפּאַלעסקאַ! ווער דען וועט האָבן אַס קרייץ?"... „ראַפּאַלעסקעלע! וואָס שווײַגסטו? נעם געלט!"...

— מיר האָבן געוווּנען, — זאָגט ראַפּאַלעסקאַ אָן אַ בשורה זלאַטקען. און זלאַטקע איז אויפֿן זיבעטן הימל. נישט אַזוי צוליבן געווינס, ווי צוליב דעם, וואָס ראַפּאַלעסקאַ רעדט מיט איר, מיט זלאַטקען... ראַפּאַלעסקאַ באַווײַזט דעם באַנקיר זײַן קאָרט, און חברה זענען אים מקנא: „אים גייט דאָס! גו-נו! אָט אַ מוצלח! עמעצער איז אים איבערגעגאַנגען מיט פֿולע עמער"... און די אַקטיאָרן לאָזן אוים זייער ביטער האַרץ צו שוואַלבן דעם באַנקיר:

— שוועלבעלע! אַס קרייץ... פֿיר מאָל אַזויפֿיל... גיב געלט, איציקל, גיב-גיב!...

— איך גיב, איך גיב! — זאָגט דער באַנקיר איזאַק שוואַלב און ציילט אויס פֿון טעלער ראַפּאַלעסקאַן אין האַנט אַרײַן פֿיר מאָל אַזויפֿיל און מיט פֿאַרגעניגן. דערפֿאַר, ווײַל ראַפּאַלעסקאַ איז נישט גלײַך צו אַנדערע. ראַפּאַלעסקאַ ווערט נישט נתפּעל, אַז ער געווינט, פֿילדערט נישט און שעלט זיך נישט, אַז ער פֿאַרלירט. ראַפּאַלעסקאַ איז איבערהויפּט אַן אַנדער מענטש, נישט גלײַך צו אַנדערע. ראַפּאַ-לעסקאַן האָבן ליב אַלע אַקטיאָרן און אַלע אַקטריסעס, אָן אַן אויסנאַם. און מער פֿון אַלעמען האָט אים ליב — דעם דירעקטאָר האָלצמאַנס שוועסטערל, זלאַטקע נעבעך.

## קאַפּיטל אַכט און זיבעציק

# אַ דעפּעשע פֿון לאָנדאָן

זלאַטקע, דעם דירעקטאָר האָלצמאַנס שוועסטערל, איז גאָר אַליין נישט געוווּרן די גאַנצע מעשה. זי ווייסט איבערהויפּט אַליין נישט, וואָס מיט איר טוט זיך. דער-זעט זי ראַפּאַלעסקאַן, אַזוי ווערט זי אויס מענטש. הענט און פֿיס פֿאַרלירט זי און ווער שמועסט, אין טעאַטער, אויף דער סצענע, אַז זי דערזעט אים נאָר, אַז

זי דערהערט אים רעדן, — פֿאַרלירט זי זיך אַזוי, אַז זי פֿילט, אַז מע מעג זי אַראָפּ־פֿירן פֿון דער בינע. נישט איינמאָל כאַפּט זי אַ מיאוסן פּסק פֿון איר ברודער דעם דירעקטאָר (האַלצמאַן איז אַ שטרענגער רעזשיסער אַפֿילו צו זיין אייגענער שוועסטער). ער זאָגט צו איר פֿאַר אַלעמען אין די אויגן:

— נו, האָסטו היינט געשפּילט, זלאַטקע, טאַקע ווי אַן אמתע קו!... הענט און פֿיס דאַרף מען דיר אָפּהאַקן פֿאַר אַזאַ שפּיל!...

זלאַטקע ווייסט אַליין אויך, אַז מע דאַרף איר אָפּהאַקן הענט און פֿיס פֿאַר אַזאַ שפּיל. נאָר וואָס איז זי שולדיק, אַז זי האָט פֿאַרט ליב געקריגן שטילערהייט אָט דעם שיינעם בחור מיט די לאַנגע בלאָנדע שמעקעדיקע האָר און מיט די ליב־טיקע מילדע גוטע אויגן? און ליב געקריגן האָט זי אים פֿון דער ערשטער מינוט, וואָס זי איז געקומען מיט איר אָרעמער מאַמען אַהער צו פֿאָרן... וואָס האָט זי גאָר אינגאַנצן באַדאַרפֿט קומען אַהערצו צו פֿאָרן... וואָס איז איר אָפּגעגאַנגען האָרט אין דער היים, אין דעם קליינעם שטעטעלע? זיך געלערנט נייען קאָפּטלעך און שוין אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו פֿאַרדינען. ניין, האָט דער ברודער אָנגעהויבן זעצן מיט בריוו, אַ בריוו נאָך אַ בריוו. און געלט האָט ער זיי צוגעשיקט — זיי זאָלן קומען, למען השם, זיי זאָלן קומען! נו, זענען זיי געקומען. האָט מען זי באַלד גענומען צו דער אַרבעט. פֿריער פֿאַר אַ סוברעטין. מע האָט אָנגעטאָן איר אַ קורץ קליידעלע מיט ענגע שיכעלעך, אַז די אויגן קריכן פֿון קאָפּ. היינט האָט מען איר אָנגעפּאַרבט די בעקלעך מיט רויטן, אונטערגעפֿירט די אויגן מיט שוואַרצן און געלערנט זי, וויאַזוי זי זאָל שטיין, וויאַזוי זי זאָל גיין, וויאַזוי זי זאָל זיך דרייען, און וויאַזוי זי זאָל פֿינטלען מיט די אייגלעך. און ווער האָט דאָס אַלץ זי געלערנט? איר ברודער, איר אייגענער ברודער!... האָט זי זיך געקלאָגט פֿאַר דער מאַמען. האָט איר די מאַמע, שרה־ברכה, געזאָגט: „עלעהיי, טאָכטער, דו דינסט ביי אַ פֿרעמדן און מע הייסט דיך קריכן אויפֿן בוידעם — וואָלט דיר בעסער גע־ווען?"... דערנאָך האָט זי דער ברודער געוואָלט מאַכן פֿאַר אַ פּרימאַדאָנע — האָט זי נישט קיין קול אויף צו זינגען. איז דער ברודער געווען אין כעס — סכנות, איבערגעקרימט איר, ווי זי זינגט: „דו קווישעסט, שוועסטערל, ווי אַ גוטע קאַץ, אַז מע טרעט איר אָן אויפֿן עק..."

ערשט דעמלט איז זלאַטקען געוואָרן אַ ביסל ליכטיקער אויף דער נשמה, אַז דער ברודער האָט איר געגעבן לערנען די ראָל פֿון יהודית פֿון „אוריאל אַקאָסטאַ". און נישט אַזוי דערפֿאַר, וואָס די ראָל פֿון יהודית איז איר אַזוי געפֿעלן, ווי דער־פֿאַר, וואָס די ראָל פֿון אַקאָסטאַ שפּילט אָט דער שיינער בחור מיט די לאַנגע בלאָנדע האָר און מיט די ליכטיקע מילדע גוטע אייגן, וואָס מ'רופֿט אים „ראַפֿאַ־לעסקאָ". אַך! וואָס פֿאַר אַ שיינער נאָמען דאָס איז: „ראַפֿאַלעסקאָ", „ראַפֿאַ־

לעסקאָ"... צוליב אים אַליין איז כדאי צו מוטשען זיך אָט דאָ, לערנען ראָלן, און חזרן, ווי אַ פּאַפּוגײַ, מאָדנע ווערטער, וואָס זי הייבט זיי נישט אָן צו פאַרשטיין, און אַרויסטרעטן אַלע נאַכט אויף דער בינע, וואָס איין גאָט ווייסט דעם אמת, וויאַזוי זי האָט דאָס פיינט. אָ, זי האָט פיינט די בינע, דעם טעאַטער, די אַרטיסטן. זי האָט פיינט די גאַנצע קאָמפּאַניע. און מער פון אַלעמען האָט זי פיינט דעם ברודערס קאָמפּאַניאָן, איזאַק שוואַלב. אָנקוקן קאָן זי נישט אָט דעם רויטן פּנים דערפאַר, וואָס ער קריכט צו איר הינטער די קוליסן, אַז קיינער זעט נישט. ער טשעפּעט זיך צו איר, קנייפּט זי, רייסט אויס ביי איר שטיקער פלייש און פרעגט נאָך ביי איר, צי זי האָט אים ליב: „עפּעלע מיינס! האָסט מיך ליב, עפּעלע?"... זלאַטקע שווייגט: „גאָט זאָל אים אַזוי ליב האָבן, דעם געשוואָלענעם רויטן פּנים!"... זאָגט צו זיך זלאַטקע און אַנטלויפט פון אים. אין דער וועלט אַריין וואָלט זי געלאָפן, האָט זי מורא פאַרן ברודער. אַ שפּיי וואָלט זי געטאָן אויפן טעאַטער, טוט איר באַנג אָט דער ראַפּאַלעסקאָ מיט די לאַנגע בלאָנדע האָר און מיט די ליכטיקע מילדע גוטע אויגן. אָה, ראַפּאַלעסקאָ! ראַפּאַלעסקאָ! דער דאָזיקער ליבער זיסער נאָמען איז איר שטענדיק אויף די ליפּן. דער דאָזיקער ליבער זיסער נאָמען חלומט זיך איר אין שלאָף. און נישט איין מאָל, ליגנדיק ביינאַכט אין בעט, נעמט זי אַרום דאָס קאַלטע קישעלע פון צוקאָפּנס, דריקט דאָס צו צו איר וואַרעמער מיידלשער ברוסט און זי דערמאָנט זיך אין איר ראָל, די ראָל פון יהודית, ווי זי רעדט צו זיך אַליין: „וואָס קאָן מיך אָפּהאַלטן, איך זאָל אים מיט היץ צופּרעסן צו מיין ברוסט?"... און זי דריקט צו דאָס קאַלטע קאָפּנקישעלע צו איר וואַרעמער מיידלשער ברוסט, און מיט אירע הייסע מיידלשע ליפּן קושט זי דאָס אין דער פינצטער און שעפּטשעט שטילערהייט דעם ליבן זיסן נאָמען: „ראַפּאַלעסקאָ! ראַפּאַלעסקאָ!"...

אין דער פרי, אַז די מאַמע וועקט אויף זלאַטקען, איז דאָס ערשטע, וואָס עס קומט איר אויף די געדאַנקען, — דער זיסער ליבער ראַפּאַלעסקאָ. אָט באַלד וועט זי אים ווידער זען. אָט באַלד וועט זי ווידער זיין מיט אים אינאיינעם אויף פּראָבן. אָט באַלד וועט זי ווידער שטיין מיט אים אויף דער בינע. און מיט אַ געפיל, וואָס נאָר זי, זי אַליין קאָן דאָס וויסן, וועט זי זיין געבן אים נאָענט, נאָענט. וועט זי שלינגען זיינע ווערטער, זיינע זיסע ליבע ווערטער: „יהודית! יהודית! מיט הייסע טרערן שטייט אויף יעדן בלעטעלע פון דיינע בלומען אויפגעשריבן, וואָס מיר זענען איינס פאַר דאָס אַנדערע געוואָרן"... און עס הייבט איר אָן שוין באַצייטנס דאָס האַרץ צו קלאַפּן: „ראַפּאַלעסקאָ! ראַפּאַלעסקאָ!"...

און דערזעט זי אים, ווערט זי אויס מענטש. הענט און פיס פאַרלירט זי און ווערט אַלערליי קאָלירן. זי מיניעט זיך געבעד און באַהאַלט דאָס פּנים — קיינער זאָל נישט זען.

קיינער פון דער דאָזיקער קאָמפּאַניע באַמערקט דאָס נישט. צופיל איז מען פאַרטאָן אין די קאָרטן. נאָר איין האַלצמאַן, וואָס זעט אַפילו דעמלט, ווען ער קוקט נישט, און הערט אפילו דאָס, וואָס מע רעדט נישט, — ער זעט אַלץ, ער הערט אַלץ און טראַכט ביי זיך אין האַרצן: „קיין עין־הרע, קיין בייז אויג, דער „יאַט" גייט אין חדר אַריין... אַז מיר וועלן ווערט זיין ביי גאָט, וועלן מיר אם־ירצה־השם אין גיכע ציטן שטעלן דער וועלט אַ פֿייג — ונאמר אמן".

— וואַסער־אָקס! וואָס ביסטו געבליבן שטיין? גיב קאָרטן! — זאָגט האַלצמאַן צו זיין שותף.

— איך גיב! איך גיב! — ענטפערט אים שוואַלב. און טיילט אוים קאָרטן, און דאָס פּנים הערט אים נישט אויף צו פלאַמען. אין דער מינוט דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר: איינס־צוויי־דריי. „אַריין!" רופן זיך אָן עטלעכע קולות מיטאַמאָל, און עס עפנט זיך די טיר — אַ דעפּעש. „צו וועמען איז אַ דעפּעש?" — „צו איזאַק שוואַלב". „פון וואַנען איז א דעפּעש?" — „פון לאָנדאָן". „וואָס פאַר אַ דעפּעש?" — „האָט צייט, לאָזט אים לייענען". „ווי קאָן שוואַלב לייענען? נישט פאַר אים געזאָגט געוואָרן".

און איזאַק שוואַלב צעטיילט קודם דאָס געלט פון דער באַנק צוריק צו די שפּילערס, און דאָס נעמט אַ ביסל צייט, וואָרעם מע דאַרף דאָך האָבן אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער, מע זאָל זיך אָנגעדענקען, וויפל וועד עס האָט איינגעשטעלט. דערביי פאַלט אַ שיין ביסל קללות אויפן באַנקירס קאָפּ און שאַרפע שפּיציקע ווערטער פליען אין דער לופטן, ווי געוויינלעך.

אויסגעטיילט דאָס געלט, כאַפּט זיך שוואַלב אַרויס אויף אַ מינוט מיט דער טעלעגראַמע צום באַלעבאָס פונעם האָטעל, ער זאָל אים איבערלייענען, וואָס דאָרטן שטייט, און דער גאַנצער עולם בלייבט געשפּאַנט. וואָס פאַר אַ סודות קאָן האָבן שוואַלב פאַר זיין שותף האַלצמאַן?... און מער פון זיי אַלעמען איז געשפּאַנט האַלצמאַן אַליין. אים שטייט גלאַט נישט אָן די מעשה, וואָס ער איז געבליבן זיצן דאָ מיט אַלעמען, ווי אַן אָפּגעשמיסענער, און עס ברענט אין אים אַ פייער אויף דעם גראָבן יונג, וואָס ער האָט זיך מיט אים פאַרבונדן: „אַ כאָליערע זאָל קומען אויף דעם ציגאַרנמאַכער!"... נאָר אָט קומט אַריין צוריק שוואַלב מיט אַ שיינענדיק פּנים און רופט זיך אָן צום גאַנצן עולם:

— קינדער, מיר פאָרן קיין לאָנדאָן!

עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן, וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן צווישן די אַקטיאָרן, אַז מע האָט דערהערט די דאָזיקע בשורה. איינער איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן טיש, אויפגעהויבן די רעכטע האַנט:

— אין לאָנדאָן? לאָנדאָן! לאָנדאָן! לעבן זאָל לאָנדאָן!

דער אַנדערער האָט זיך דערלאַנגט אַ פּאַטש איבער די ליטקעס:

— מיך ציט שוין לאַנג קיין לאָנדאָן, ־ער רוח זאָל מיך נעמען!

אַ דריטער, אַ לאַנגער אויסגעטריקנטער אַקטיאָר מיט קעסטלדיקע הויזן, ציט זיך אויס ווי לאַנג ער איז, ליגט אַריין בײדע הענט אין די הויזנקעשענעס, גלאַנצט אויס אַ פּאָר אויגן מיט סכנות און הייבט אָן רעדן אויף ענגליש און מיט אַ ניגון „אַ יעס־יעס, מאַי דיר מאַי ביר, מאַי קייק מאַי סטייק, מאַי רינג מאַי קינג!“ אַ פערטער דערלאַנגט דעם פינפטן אַ פּראַסק אין פּלייצע און גייט גלאַט אַ טענצל, זינגט צו דערביי מיט אַ הייזעריק קול אַ גוייש לידל, גאַט ווייסט פון וואַנען עס האָט זיך אַהער גענומען: „ע, בווו, מאַי נעמאַ, מאַי פּאַייכאַוו דאָ מליגאַ!“...

— שטיל זאָל זיין, ממזרים! — צעשרייט זיך אויף זיי האַלצמאַן, ווי אַ מענטש, וואָס פילט, אַז ער איז אַ באַלעבאָס, און דערלאַנגט אַ זעץ מיטן קולאַק איבערן טיש. — זע נאָר, מע האָט זיך עס אַ ביסל צעהוליעט! אַ גדולה אויף דער באָבע! קיין קאַפּל דרך־ארץ פּאַר אַן עלטערן, אַ מכה אייך אין האַלדז! אַ מכה אייך אין פּנים! אַ כאָליערע אין די פּלייצעס!...

און צו שוואַלבן רופט ער זיך אָן:

— אַנו, ווייז נאָר אַהער די דעפּעש, שוועלבעלע?

— ווייזן די דעפּעש? — זאָגט צו אים שוואַלב און קווענקלט זיך. — ווייזן דיר די דעפּעש? יאָ. וואָס דען? איך וועל דיר נישט ווייזן? איך וועל דיר ווייזן, איך וועל דיר ווייזן. נישט באַלד, שפּעטער אַ ביסל. איך דאַרף דיר פריער עפּעס דער־ציילן אַ זאַך. קום זיך דורך, אַז דו ווילסט, אין קעלער אַריין. דאָרט וועל איך דיר ווייזן.

און שוואַלב קערט זיך אויס מיטן פּנים צו דער קאָמפּאַניע:

— ווער גייט מיט מיר אין קעלער אַריין?

— וואָס הייסט ווער? אַלע!

— אין קעלער! אין קעלער!

עס ווערט אַ געפּילדער מיט אַ שטופּעריי צווישן דער חברה און מע פאַרלאָזט דעם „שוואַרצן האָן“ און מע גייט אַלע אינײנעם אין קעלער אַריין.

## קאַפּיטל ניין און זיבעציק

# אין קעלער

אייגנטלעך איז דאָס נישט קיין קעלער, ס'איז גאָר אַ שטוב. און נישט קיין שטוב, נאָר אַ ווײנשענק. און נישט קיין ווײנשענק, נאָר אַ שענקל. אין טשערנאָוויץ אָבער רופט מען דאָס „קעלער“. אַז מע זאָגט אײנעם: „גייען מיר אין קעלער“ — ווייסט ער שוין, אַז דאָס מיינט מען — צו מאיר בעשעלס. אַזוי רופט מען דעם באַלעבאָס פונעם קעלער. נאָך זיין טאַטן בעשעל עליו השלום (ער איז אויך געווען אַ ווײנשענקער).

אָט אין דעם דאָזיקן קעלער זענען אַרייַנגעטראָטן אונדזערע אַרטיסטן, זיך באַשטעלט ווער אַ צימעסל, ווער אַ „ראָסעלע“ מיט אוגערקעלעך און ווער אַ פּאָר אוגערקעלעך אַליין — יעדער לויט דער לאַגע פון זיין קעשענע נאָכן „טערטל-מערטל“, און ווייַן האָט געשטעלט שוואַלב.

— היינט איז אויפן גלעזל מיין טאָג! — האָט ער געזאָגט.

פונעם ערשטן גלעזל מושקאַט, וואָס איזאַק שוואַלב האָט גענומען, האָט זיך אויפגעבונדן בייַ אים די צונג, און ער האָט גענומען דערציילן פאַר זיין שותּף האָלצמאַן די גאַנצע מעשה פון אָנהייב ביזן סוף, און דעם ריינעם אמת. גאָט זאָל אים אַזוי באַגליקן, ווי ער וועט נישט פאַרלייקענען פאַר אים אַפילו אויף אָט אַזוי פיל. למאי זאָל ער זאָגן א ליגן, אַז ער קאָן גיין מיטן אמת? ס'איז אַן אָפּענער זעקס און זעכציק. ער, איזאַק שוואַלב, האָט שוין לאַנג באַמערקט, אַז ער איז אים, האָלצמאַנען, איבעריק. לחלוטין איבעריק. און דאָך האָט ער זיך געמאַכט נישט ווייסנדיק און געהאַלטן זיך, צוליב וועמען? נאָר צוליב דער שוועסטער, דער פּרימאַדאָנע. פון א צייט אָבער האָט די פּרימאַדאָנע אַליין אויך אָנגעהויבן עפּעס ווי אַרויס פון דער מאָדע. פון זינט מע האָט אַוועקגעוואָרפן די בעסטע אָפּערעטן צוליב „אוריאל אַקאָסטאַ“ און נאָך אַזעלכע פּוסטע זאַכן, איז אַוועק א סדרה ראַפּאַלעסקאָ און נאָכאַמאָל ראַפּאַלעסקאָ און ווידעראַמאָל ראַפּאַלעסקאָ. מילא, ער אַליין, שוואַלב הייסט עס, ס'זאָל אים אָנהייבן אַרן. אוריאל אַקאָסטאַ — איז אוריאל אַקאָסטאַ. איז אָבער די שוועסטער. וואָס טוט מען מיט דער שוועסטער? זי וויל אויך, זאָגט זי, אַפּלאָדיסמענטן. האָט ער זיך מיישב געווען און שרייבט אַוועק אַ בריוו צו זיין ברודער ניסל קיין לאָנדאָן, די גאַנצע מעשה, אַזוי און אַזוי. ער, איזאַק שוואַלב, טוט תּמיד אַזוי. האָט ער עפּעס — אַזוי האַקט ער אַוועק א בריוו צו זיין ברודער ניסל פון לאָנדאָן: „שוטה בן פּיקהאָליץ! — שרייבט אים זיין ברודער ניסל פון לאָנדאָן: — ביז וואַנען איז דער שיעור אַרומשלעפּן זיך פון שמונין צו בונין? אמער, שרייבט ער, נעם די שוועסטער און קומט ביידע צו פאָרן אַהער, קיין לאָנדאָן. איך האָב דאָ פאַר אייך, שרייבט ער, אַ געשעפט — אַ גאָלד. מיר האָבן דאָ, שרייבט ער, אַ טעאַטער אַ צאַצקע, „פּאַוויליאָן-טעאַטער“ הייסט דאָס בייַ אונדז. שוין איינמאָל א טעאַטער. און אַרטיסטן, שרייבט ער, זענען איינס און איינס: דראָנגען, קאַטשענעס, שייטהעלצער, און מע שאַרט פונדערסטוועגן גאָלד מיט לאָפּעטעס. וואָרעם דאָס פּובליקום, שרייבט ער, איז דאָ זייער נישט קיין געבאַלעוועט פּובליקום. וואָס מע גיט דעם, עסט עס אויף און לעקט אוים מיט די פינגער. איך האָב שוין גערעדט, שרייבט ער, מיט וועמען מע דאַרף, זאָגן זיי: לאָז נאָר דיין ברודער קומען אַהער מיט דער שוועסטער, מיט דער פּרימאַדאָנעכין, וועלן מיר זי פאַרצוקערן. מיר האָבן, זאָגן זיי, געהערט פון איר און געלייענט אין די צייטונגען. גוטס לאָזט זיך הערן פונדערווייטן. נו, און נאָך און נאָך שרייבט אים זיין ברודער ניסל פון לאָנדאָן. גייט ער, איזאַק שוואַלב,

הייסט עס, און האקט אים אריין א בריוו: אַזוי און אזוי; פאָרן איז קיין קונץ נישט; מע דארף וויסן, אויף וואָס מע פאָרט; קאָנדיציעס, גאַראַנטיע, קאָנטראַקט... קומט אים אָן ווידער אַ תשובה פון זיין ברודער ניסל פון לאָנדאָן: „בהמה, שרייבט ער, וואָס דו ביסט! אז איך זאָג דיר, זאָלסט קומען, מסתמא איז שוין דאָ, שרייבט ער, אַלצדינג, וואָס מע דארף: קאָנדיציעס, גאַראַנטיעס און קאָנטראַקטן“. גייט ער, איזאַק שוואַלב, און האַקט אים אריין נאָך א בריוו, כך וכך: „האָב איך אַזויפיל און אַזויפיל, און די שוועסטער — אַזויפיל און אזויפיל — זאָל ער קלאַפן א דע־פעש, קומען זיי באלד צו פאָרן“. קומט אים אָן אָט די דאָזיקע דעפעש.

— נו? וואָס וועסטו זאָגן אויף מיין אָחי? — מאַכט שוואלב צו זיין שותף און שטעלט אים אַוועק אַקעגן דאָס רויטע פנים.

— וואָס זאָל איך זאָגן? — ענטפערט אים האָלצמאַן כלומרשט גאַנץ קאלט־בלוטיק און קוקט זיך אויף די שפיץ פינגער. איך האָב דיר שוין לאנג געזאָגט, אז דיין בראטישעק איז א בראווער יונגאטש, ביסט נישט ווערט זיין פאָדעשווע. אוודאי איז גוט צו זיין אין טשערנאָוויץ, אז מע האָט א ברודער אין לאָנדאָן, וואָס איז דאָ פאראן צו רעדן? נאָר וואָס דען? איך וואָלט אַ בעלן געווען זען די דעפעש.

שוואלב טוט אַ זופ אָפ פונעם גלעזל:

— קאָנסט דען לייענען?

— איך דאַרף נישט לייענען: איך וויל נאָר אַזוי אַ קוק טאָן.

— וואָס האָסטו נישט געזען? אַ דעפעש ווי אלע דעפעשן! — מאַכט צו אים שוואַלב און באווייזט אים די דעפעש אַקעגן דעם שיין פונעם פענצטער. און איידער שוואַלב האָט זיך אַרומגעקוקט, איז די דעפעש שוין געווען ביי האָלצמאַנען אין די הענט.

אַ מינוט שפעטער איז צוגערופן געוואָרן האָלצמאַנס סעקרעטאר, דער מענטש מיט בילדונג“, און אָט וואָס ער האָט איבערגעלייענט אין דעפעש: „א ו י ב  ק ו מ ע ן,  א י ז  נ אָ ר  מ י ט  ר א פ א ל ע ס ק אָ ן“.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער דירעקטאָר האָלצמאַן האָט זיין שותף קיין שום אויסרייד נישט געמאַכט, אַפילו קיין וואָרט נישט געזאָגט. ער האָט נאָר גענומען די דעפעש און האָט אים דערלאַנגט מיט איר א רעכטן שמיר איבער זיין רויט פנים פון אויבן אראָפ.

## קאַפּיטל אַכציק

# ווער איז דער פּאַרשוין?

די באַרימטע וואַנדער־טרופּע „האָלצמאַן, שוואַלב עט קאָמפּ.“ איז שוין גרייט געווען צו פּאַרלאָזן טשערנאָוויץ און פאָרן ווייטער אָפּריכטן גלות־טעאטער. ניסל שוואַלב האָט זיי שוין געהאַט צוגעשיקט אַפילו פון לאָנדאָן אַ יידישע צייטונג, וווּ ס'איז געווען געדרוקט אויף דער ערשטער זייט אַ גאַנץ ברייטע אַפּיש מיט מוראדיק גרויסע שרייענדיקע אותיות:

„!!סענסיישאָן!!

!!!איבערראַשנדע נייעס!!!

לעאָ ראַפאַלעסקאָ, דער גרעסטער יידישער

סטאַר, וואָס האָט איבערראַשט די גאַנצע וועלט, — אינ־

גיכן אין לאָנדאָן, אין פּאַוויליאָן־טעאטער!!!“

מע האָט שוין אפילו גענומען פּאַקן זיך אין וועג אַריין. עס איז געבליבן נישט מער נאָך איין פאָרשטעלונג אין טשערנאָוויץ צום בענעפיס פון ראַפאַלעסקאָ. צו דעם דאָזיקן בענעפיס האָט זיך געגרייט די טשערנאָוויצער יוגנט מיטן אקאדעמישן פאריין בראש. די קאַרטן זענען געווען דורך דער חברה יונגוואַרג אויסגעפאַרקויפט ביז איינער. עס זענען זיך צונויפגעפאָרן קיין טשערנאָוויץ יונגעלייט פון די ארומיקע קליינע שטעטלעך, וואָס א יידיש טעאטער האָט נאָך קיינמאָל אהין נישט פארבלאָנדזשעט פון אדם הראשון ביזן צו היינטיקן טאָג.

אַ פולגעפאקטער זאַל איז פאַרן אַרטיסט אַ גאַראַנטיע אויף דערפאָלג. ובפרט פאַר אַזאַ אַרטיסט, ווי ראַפאַלעסקאָ, וואָס האָט כמעט צו יעדן ספּעקטאַקל זיך אָנגעצונדן מיטן זעלבן פייער, גלייך ווי ער טרעט אויף צום ערשטן מאָל אויף דער בינע און וויל באַווייזן פאַרן פּובליקום, וואָס ער פאַרמאָגט. ראַפאַלעסקאָ האָט זיך שוין לאַנג נישט געפילט אַזוי גוט, ווי אין דעם דאָזיקן אָוונט. ער האָט אָנגעווענדט אַלע כוחות פון זיין בליענדיקן טאַלאַנט און האָט איצטיקס מאָל געשאַפן אין „אוריאל אַקאָסטאַ“ אַן אויסגעצייכנטן, אַ שטילן, איינזאַמען פילאָזאָף, אַן אמתן שפּינאָזאַ. ראַפאַלעסקאָ אַליין האָט נישט געצילט דערויף, נאָר עס האָט זיך ביי אים געטאָן פון זיך זעלבסט, אינסטינקטיוו. דורך זיין אומגעווייגלעכער נאַטירלעכקייט האָט ער באַוויזן, וואָס הייסט נצחון; אז נישט דער איז אַ גבור, וואָס איז מנצח דעם אַנדערן, נאָר דער, וואָס קאָן אויסשטיין אַ מלחמה מיט זיך אַליין און זיך אַליין מנצח זיין.

עס איז מעגלעך, אַז ערגעץ אנדערשוו וואָלט דאָס איצטיקע שפּילן נישט אַזוי אויסגענומען, ווי עס האָט אויסגענומען אין טשערנאָוויץ, ווייל אויף דער

פאַרשטעלונג האָבן זיך געפונען די „עלעמענטן“, וואָס האלטן מלחמה שטילערהייט מיט דער פינצטערניש. די דאָזיקע פאַרבאָרגענע העלדן פירן אָבער זעלטן אויס און פאַלן אָפט באַזיגטע, ווי אוריאל אַקאָסטאַ איז געפאלן. דאָס טעאטער האָט זיך פשוט געבראָכן פון די רוישנדע אַפּלאָדיסמענטן און מוראדיקע אָוואציעס. די שטודירנדע יוגנט האָט אויף די הענט אַרויסגעטראָגן דעם בענעפיציאַנט ראַפּאַלעסקאָ, אים באַשאָטן מיט בלומען, אונטערגעטראָגן מתנות, וואָס חברה אַקטיאָרן האָבן זיי באַטראַכט און האָלצמאַן האָט זיי באַהאַלטן. אַ פּאָר יונגעלייט האָבן געלייענט אַדרעסן, וואָס קיינער האָט זיי נישט געהערט, אחוץ דאָס בינטל סטודענטן, — מיט איינעם וואָרט: דאָס איז געווען א טריומף, וואָס גיט זיך איין זעלטן אפילו אזא צעבאַלעוועטן אַרטיסט, ווי ראַפּאַלעסקאָ.

נאָכן ערשטן אקט האָט האָלצמאַן, וועלכער שטייט אויף דער וואַך און גיט אַכטונג, באַמערקט צווישן יונגווארג, וואָס האָט ליב צו שטופּן זיך הינטער די קוליסן, עפּעס איינעם אַ מאָדנעם נפש, אַ באַוואקסענעם, מיט אַ באַקאַנט פאַרשלאָפן פּנים מיט באַקאַנטע באַנקעוואַטע אויגן. דער דאָזיקער נפש איז נישט געפעלן געוואָרן האָלצמאַנען פון דער ערשטער מינוט, וואָס ער האָט אים דערזען. אים איז נישט געפעלן געוואָרן, וואָס ער קריכט גלייך הינטער די קוליסן, שטופּט זיך און וויל זיך דורכשלאָגן דווקא צו ראַפּאַלעסקאָן. האָט אים האָלצמאַן געבעטן, ער זאָל מוחל זיין גיין צוריק: „פעטער! — האָט ער אים געזאָגט אויפן איידעלן אַרט: — זייט נישט אָט דאָס, וואָס סע קווינטשעט, און קריכט נישט אַהין, ווו מע דאַרף נישט“... צום צווייטן אקט —ווידער דאָס אייגענע: דער פאַרשלאָפענער נפש מיט די באַנקעוואַטע אויגן שטופּט זיך צו ראַפּאַלעסקאָן, און האָלצמאַן גיט אים דעם וועג מיט אַ פּאָר שטעכווערטלעך: „א ייד איז א חזיר. מע זאָגט אים, ווהין קריכסטו, מאַכט ער זיך געפּגרט“. נאָכן דריטן אקט האָט אים האָלצמאַן געפּאַקט שוין אויף דער טיר, צוויי שריט פון ראַפּאַלעסקאָן, האָט ער אים אָנגענומען פון הינטן ביים קאָלנער און ארויסגעוואָרפן פשוט, אָן צערעמאָניעס, און געבענטשט מיט „אַ כאָליערע אין דער לינקער זייט בויך“ אים און אַלע כניאָקעס, וואָס פלאָנטען זיך פאר די פיס, דער שווארץ יאָר ווייסט זיי וואָס!... ערשט העטשפּעטער, גאָר צום סוף, אַז די ארטיסטן האָבן געהאלטן ביים איבערטאָן זיך, האָט האָלצמאַן באַמערקט פונדערווייטן דעם זעלבן פאַרשלאָפענעם נפש, ווי ער האָט זיך טאַקע פאָרט דורכגעגליטשט און האָט זיך ארייַנגעכאַפּט צו ראַפּאַלעסקאָן גלייך אין דער גאַרדעראָבע אריין. ווי א צערייצטער טיגער האָט האָלצמאַן דערלאַנגט אַ שפּרונג צו. נאָר איידער ער איז צוגעלאָפן אים אָננעמען פאַרן קאַרק, איז דער נפש שוין געווען ארומגענומען מיטן „יאַט“ און ביידע האָבן זיי זיך געקושט און געהאַלדזט, ווי צוויי לייבלעכע ברידער.

האָלצמאַן האָט געעפנט מויל און אויגן און איז געבליבן שטיין א פאַרגליווערטער. ווען דער טאַטע פון יענער וועלט זאָל קומען, וואָלט ער נישט באַדאַרפט מער

שטוינגען. האַלצמאַן האָט אויסגעגאָסן אין דער מינוט, ווי א שטיק ליים, ווי א נישט־פארענדיקטע סטאַטוע, אין וועלכער דער סקולפּטאָר האָט געוואָלט דורכפירן שרעק, נאָר ס'איז אים נישט געראָטן. זיין מאָרנע אויסגעצויגן געשטופּלט פּנים איז געווען מאָדנע לעבערלעך, און זיינע שפּיציקע אויגן האָבן גערעדט:

— יידן! צעשניידט מיך אויף שטיקלעך! ווארפט ארויס מיין פלייש פאַר די הינט! נאָר זאָגט מיר: ווער איז אָט דער פארשוין, וואָס קושט זיך מיטן „יאַט"?

## קאַפּיטל איין און אַכציק

# די מאַמע געשטאָרבן

ווער געדענקט בעני ראפּאַלאָוויטשעס קאסיר, דעם פארשלאָפענעם מרה־שחורהדיקן בחור מיט די באנקעוואטע אויגן פון האַלעגעשטי, וואָס מע רופט אים מיטן שיינעם נאָמען „ששון־ושמחה"? — דאָס איז געווען דער פארשוין, וואָס האָט זיך צעקושט מיט ראפּאַלעסקאָן.

ווי קומט ער קיין טשערנאָוויץ? פון וואַנען און צוליב וועמען? וואָס הערט זיך עפּעס אין האַלענעשטי? וואָס מאכט בעני ראפּאַלאָוויטש מיט זיין גאנצער משפּחה? וואָס מאכט ישראלי דער חזן, לאה די חזנטע און זייער טעכטערל רייזל?
— אָט וועגן דעם אַלעם האָט ששון־ושמחה געהאַט צו דערציילן פאַר ראפּאַלעסקאָן א גאַנצע נאַכט.

די צוויי, אַז זיי זענען ארויס פון טעאַטער און געקומען אויף דער אַכסניה „צום שווארצן האָן", האָבן זיי זיך פארקליבן צו ראפּאַלעסקאָן אין חדר, אָנגעפרעגט ביי האַלצמאַנען, צי ס'איז מעגלעך, מע זאָל זיי לאָזן אליין.

— אך! מיטן גרעסטן בזיון! — האָט האַלצמאַן א זאָג געטאָן, בעת מעשה א בלישטשע געגעבן מיט זיינע שפּיציקע אויגן אויפן מרה־שחורהדיקן פּיפּערנאָטער מיט די באַנקעוואטע אויגן, איבערגעלאָזט זיי אינצווייען, אָנגעזאָגט הויך אויף א קול, קיינער זאָל זיך נישט ד'ערוועגן חלילה אריינגיין. און אליין האָט זיך אונדזער דירעקטאָר, צו קיין הרפּה זאָל אים נישט זיין, אַוועקגעזעצט ביי זיך אין צווייטן חדר אקוראט הינטער דער טיר, צוגעלייגט אן אויער און איינגעהערט זיך גוט, נישט אדורכגעלאָזט אַ וואָרט פונעם געשפּרעך, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן „יאַט" און צווישן דעם באַוואקסענעם און פארשלאָפענעם פארשוין פון האַלע־געשטי.

— הער זשע, נשמה מיינע, לייבעניו, וואָס איך וועל דיר דערציילן, — אזוי האָט ששון־ושמחה אָנגעהויבן מיט זיין מאָנאָטאָנער שטימע, נאָר איצטיקס מאָל

אַ ביסל לעבעדיקער ווי תמיד, — איך האָב דיר צו דערציילן און צו דערציילן. דריי טעג מיט דריי נעכט, דו הערסט צי נייִן, איז ווינציק. ערשטנס, האָלענעשטי. ס'איז גאָרנישט דאָס האָלענעשטי, וואָס אַמאָל. אָדעס, וואַרשע, פּאַריז! הײַנט די מענטשן — גאָרנישט די מענטשן, וואָס פריער. און אַלץ וועמען האָבן מיר צו פאַרדאַנקען? נאָר דעם יידישן טעאַטער — געדענקסט? פון יענעם טעאַטער אָן האָט זיך אײַנגאַנצן איבערגעביטן ביי אונדז. אײַנגאַנצן, דו הערסט צי נייִן, אַנדערש געוואָרן! וואָס אַנדערש — ווייס איך אַליין נישט, נאָר אַנדערש... און פון אייער שטוב שמועסט מען נישט. פון אייער שטוב איז דאָך גלאַט געוואָרן אַ תל! קודם דער באַלעבאָס, דער טאַטע דיינער הייסט עס. וויבאַלד דו האָסט נישט געסטייעט דעמלט, יענעם שבתצונאַכטס, — געדענקסטו? — האָט ער געזאָגט איינמאָל פאַר אַלעמאָל: מע זאָל דיך אויפזוכן און אַראָפּברענגען. אַ טויטן אָדער אַ לעבעדיקן, נאָר מע זאָל דיך אַראָפּברענגען! האָבן מיר זיך אַוועקגעלאָזט ביידע, איך און דיין ברודער אַנשל, דו הערסט צי נייִן, איבער דער גרויסער וועלט זוכן דעם נעכטיקן טאָג... און ווערליק די סליעדסטוויע מיט די עדות האָבן מיר אַרויסגעוויזן, איז דער אמת אַרויף ווי בוימל אויפן וואַסער, אַז דאָס איז נישט אַנדערש, ווי שטשופּאַקס אַרבעט, און אַז ער האָט קיין אַנדער וועג פאַר זיך נישט געהאַט, אָט דער שטשופּאַק, ווי רומעניע. על־כן האָבן מיר זיך אויך גענומען קיין רומעניע. כך הוה. געקומען, דו הערסט צי נייִן, קיין יאַס, הייבן מיר אָן זיך נאָכפרעגן ביי יידן: צי האָט איר נישט געזען אַזעלכע און אַזעלכע יידישע אַקטיאָרן שלימזלען, פאַרשלעפּטע קרענק, אייגער מיט אַ מגושמדיק געקנייטשט פּנים, דער אַנדערער אַ קורצינקער מיט ממזרישע אויגן, וואָס אַז ער גייט, טאַנצט ער אונטער? ווערן מיר געוויר, דו הערסט צי נייִן, אַז מע האָט געזען אַ סך יידישע אַקטיאָרן שלימזלען, פאַרשלעפּטע קרענק, און אַלע זענען זיי מיט מגושמדיקע פּנימער און מיט ממזרישע אויגן. נאָר וואָס דען? צי זיי טאַנצן גייענדיק, אָדער זיי גייען טאַנצנדיק — דאָס, זאָגן זיי, האָבן זיי פאַרגעסן צו באַמערקן. אם־ירצה־השם, דאָס אַנדערע מאָל, זענען זיי מבטיח, דו הערסט צי נייִן, וועלן זיי זיך שוין בעסער צוקוקן. וואָס זאָגסטו אויף אַזעלכע מאָלדאַווער קוטשמעס? הער זשע, וואָס ווייטער איז געווען. דערזען, אַז אין יאַס איז אַ נעכטיקער טאָג — שלעכט, וואָס טוט מען? האָבן מיר זיך אַוועקגעלאָזט, דו הערסט צי נייִן, ווייטער און ווייטער, ביז מיר זענען געקומען אַזש קיין בוקאַרעשט. פאָרנדיק, זאָגט צו מיר דיין ברודער אַנשל, אַז זיין נאָמען זאָל נישט הייסן אַנשל, אויב ער וועט אייך נישט פּאַקן! זאָג איך: „הלוואַי, פון דיין מויל, זאָג איך, אין גאָטס אויערן“. און כך הוה. געקומען קיין בוקאַרעשט, האָט דיין בראַטישעק, אַנשל הייסט עס, געגעבן, דו הערסט צי נייִן, אַ לעב אונטער — זאָל דער אייבערשטער אויסהיטן אַלע יידן! געלט האָט מען דאָך אונדז געגעבן אַ פולע היטל — וואָס אַרט אים? ווו ערגעץ אַ טעאַטער, ווו ערגעץ אַ קאַפּע, ווו ערגעץ אַ שענקל, דו הערסט צי נייִן. טענה איך

מיט אים: „אנשל, זאָג איך, אין גאָטעס ווילן, זאָג איך, וואָס טוסטו, זאָג איך, דו ברענסט, זאָג איך, געלט!“ מאַכט ער צו מיר: ס'איז נישט דיין טאַטנס עסק, שווייג! שלעכט — וואָס טוט מען? שווייג איך. עס גייט אַוועק אַ טאָג און צוויי און דריי, געלט לאָזט אַזוי ווי שניי, שוין באַלד נישטאָ קיין פּאַרעס. זאָגט ער: שרייב דעם טאַטן, ער זאָל שיקן געלט. טענה איך: „אַנשל! אין גאָטעס ווילן, זאָג איך, וואָס וועט זיין, זאָג איך, דער תכלית?“ מאַכט ער צו מיר: ס'איז נישט דיין זיידנס געשעפט, מע זאָגט דיר שרייבן — שרייב! שלעכט, וואָס טוט מען? שרייב איך. דערווייל זיצן מיר אַזוי איינמאָל אין אַ מין טעאַטער אָדער א שענקל, וואָס מע רופט דאָס „פּאַראַדיז“, עס שפּילן מיידלעך, טאַנצן און זינגען, און עפּעס איינע, מאַרינעסקאָ-מילאַנעסקאָ רופט מען זי, אַפילו אַ גאַנץ היפּשע נקבה, דו הערסט צי ניין, און א גוטע ציגיינערין אויף אויסנעמען געלט (דאָ האָט די אייבערשטע ליפּ ביי ששון=ושמחה אויפגעהויבן זיך א ביסל ווי צום לאַכן — דעם ערשטן מאָל פאַר דער גאַנצער נאַכט). איך טו א קוק, דו הערסט צי ניין, אַקוראַט ביי דער טיר שטייען צוויי קענטליכע פּארשוינען,ביידע אָנגעטאָן יום=טובדיק. איך קוק מיך איין — איך וואָלט געמעגט שווערן, אז ס'איז דו, לייבל, הייסט עס. „יאָ, ס'איז ער, טראַכט איך מיר, ס'איז ער, ווי איך בין אַ ייד!“ און איך טו מיך אַ הייב אויף און רוף מיך אָן צו דיין ברודער אַנשל: „אַנשל, זאָג איך, דו זעסט, זאָג איך, ער איז דאָ, זאָג איך!“ זאָגט ער: ווער? זאָג איך: „לייבל“. זאָגט ער: עס חלומט זיך דיר, זאָגט ער, דו שלאָפסט. אַהין=אַהער, ביז איך האָב מיך געלאָזט לויפן. ביז עפּעס וואָס, איז שוין, דו הערסט צי ניין, נישט געווען קיינער! שלעכט, וואָס טוט מען ווייטער? דערווייל קומט אָן אַ בריוו פון האָלענעשטי, אַז די מאַמע דיינע איז געפערלעך קראַנק און אז אנשל זאָל פאָרן אַהיים וואָס גיכער. זאָג איך צו אַנשלען: „פאָרן מיר?“ זאָגט ער: שרייב אַוועק אַ בריוו, אַז מיר זענען שוין אויפן רעכטן וועג, לאָז מען ארויסשיקן נאָך געלט. זאָג איך: „אנשל, זאָג איך, אין גאָטעס ווילן, זאָג איך, אָדער לאָמיר פאָרן אַהיים, אָדער לאָמיר פאָרן ווייטער. ממה=נפשך“... מאַכט ער צו מיר: נישט דיין באָבעס דאגה, מע זאָגט דיר שרייב, זאָלסטו שרייבן! שלעכט, וואָס טוט מען? גיי איך און שרייב אוועק, דו הערסט צי ניין, אַ בריוו קיין האָלענעשטי, צום טאַטן הייסט עס, געווייגלעך פאַרשטעלט: אזוי און אַזוי, שרייב איך, איז די מעשה, איר זאָלט וויסן זיין, שרייב איך, אז אונדזער נסיעה, שרייב איך, איז אַרויסגעוואָרפן, גיי זוך דעם נעכטיקן טאָג, עס קאָסט נאָר געלט אומזיסט=אומנישט, און טאָן טוען מיר גאָרנישט. אין דאָס, וואָס איך האָב אייך געשריבן ביז אַהער, שרייב איך, אז מיר קערן איבער וועלטן, האָב איך דאָס אייך געשריבן נאָר ווייל אַנשל, שרייב איך, האָט מיך אַזוי געהייסן שרייבן. וואָס זאָל איך טאָן, שרייב איך, איך בין דאָך נישט מער ווי אַ מענטש! מע הייסט מיך שרייבן, שרייב איך. על=כן זאָלט איר מער, שרייב איך, קיין געלט נישט שיקן, און אז איר וועט אויפהערן שיקן געלט, שרייב איך, וועלן מיר דאָך סוף=כל=סוף

מוזן קומען אַהיים. אָט אַזוי שרייב איך זיי פֿאַרשטעלט, וואָס דען האָב איך געזאָלט טאָן? זאָג אפשר, אז איך בין אומגערעכט? הער זשע ווייטער. עס גייט נישט אַוועק, דו הערסט צי ניין, קיין אכט טעג, קומט אונדז אָן אַ דעפּעש קיין בוקאַרעשט. אַ קורצע, נאָר א גוטע, סך־הכל דריי ווערטער: „קום צו פֿאָרן, די מאַמע איז פֿאַרביי“...

ווי נאָר ששון־ושמחה האָט אַרויסגערעדט די דאָזיקע ווערטער, האָט ראַפּאַלעסקאָ אים אָנגעכאַפּט פֿאַר ביידע הענט:

— האַ? וואָס זאָגסטו? די מאַמע?...

— זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן. ווי דען, קינדעניו, האָט דאָס געקאָנט אנדערש זיין? אַ קליניקייט, וואָס זי איז אויסגעשטאַנען! זי איז דאָן אזוי אויך געווען, זאָל זי מיר מוחל זיין, הויט און ביינער, קוים־קוים וואָס די נשמה האָט זיך געהאלטן, און דאָס גרויסע ראָסקאָש, וואָס זי האָט געהאט ביים טאַטן, דאַרפֿסטו אויך געדענקען. און דאָ איין באָמבע נאָך דער אנדערער. איך וויים נישט, וועמען פֿון אייך ביידן האָט זי בעסער ליב געהאט — דיך צי אנשלען? וואָרעם כל־זמן אנשל איז געזעסן אין בוקארעשט, האָט זי נאָך געהאַט א האָפֿענונג, אז ער וועט קומען מיט דיר אינייגעם. וויבאלד אָבער, אַז זי איז געוואָר געוואָרן, דו הערסט צי ניין?...

ניין. ראַפּאַלעסקאָ האָט אים מער נישט געהערט. ער איז געפֿאַלן אויף דער האַנט, ווי מע פֿאַלט תחנון, באַהאַלטן דעם קאָפּ און האָט זיך צעוויינט און צעבליפּעט, ווי אַ קליין קינד. ששון־ושמחה האָט זיך פֿאַרלוירן. טרייסטן, אויסרעדן דאָס האַרץ, זאָגן אַ גוט וואָרט — דערויף איז ער נישט באַשאַפֿן געוואָרן. האָט ער גענומען ברעכן די הענט און רעדן צו זיך אַליין: „שלעכט, שלעכט! וואָס טוט מען?“ דערווייל האָט מען דערהערט ראַפּאַלעסקאָס געוויין אין די איבעריקע חדרים, איז מען געקומען צולויפֿן, פֿריער האָלצמאַן, דערנאָך די אלטע שרה־ברכה און נאָך איר זלאַטקע, און ס'איז געוואָרן אַ בהלה מיט אַ טאַרעראַם מיט אַ הו־האַ.

— וואָס איז? וואָס איז דאָ געשען? — האָבן זיך אַלע דריי אַריינגעריסן.

— מיין מאַמע געשטאָרבן! — האָט ראַפּאַלעסקאָ אויסגעבראָכן און געפֿאַלן האָלצמאַנען אויפֿן האלדז מיט אַ געוויין. האָט זיך האָלצמאַן נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט זיך פֿאַרקרימט, ווי אַ יידענע, וואָס קלייבט זיך צו וויינען. אויף אים קוקנדיק, האָט זיך צעוויינט אויך זלאַטקע, און די אַלטע שרה־ברכה האָט פֿאַרבראָכן מיט די הענט און גענומען יאָמערן און קלאָגן און לייענען מיט אַ ניגון, ווי פֿון אַ מענה־לשון?

— ווי איז מיר, ווינד איז מיר, אַ דונער האָט מיך דערהרגעט! אַ מאַמע פֿון קינדער, נעבעך, פּיסקליאַטעס, קליינע פֿייגעלעך! ווער וועט זיי פּיטערן? ווער וועט אויף זיי אַכטונג געבן? וועמען וועט דער קאָפּ ווי טאָן אויף די עלנטע יתומים, וואָס זענען געבליבן ווי אויפֿן וואַסער? וואָרעם כל־זמן די מאַמע איז א מאַמע,

איז דער טאַטע אַ טאַטע, און אַז די מאַמע גייט אַוועק, זאָל מען בעסער נישט דערלעבן...

— לאָז זיין שטיל! זיך צעיאַכמערט אַ ביסל! — איז האָלצמאַן אָנגעפאַלן אויף דער מוטער און צעשריגן זיך אויך אויף דעם פּאַרוואַקסענעם מרה־שחורה־דיקן קאַסיר מיט די באַנקעוואַטע אויגן פאַר דער גוטער בשורה, וואָס ער האָט אָנגעזאָגט דעם „יאַט“.

— שמינדער בגעין! ווער האָט אייך געבעטן? ווער האָט אייך געשלעפּט פאַר דער צונג? אַזעלכע בשורות זאָגט מען אַן דורך אַ גוי...

ששון־ושמחה איז געבליבן זיצן ווי אַן אָפּגעשמיסענער, האָט זיך ראַפּאַלעסקאָ אָנגענומען זיין קריוודע. ער האָט געגעבן אָנצוהערעניש, אַז ששון־ושמחה איז ביי אים אַ גאַסט, און אַז ער וויל, מע זאָל אים היינטיקע נאַכט לאָזן צורו, נאָר היינטיקע נאַכט... האָלצמאַן האָט פאַרשטאַנען דאָס אָנצוהערעניש. און כאָטש עס האָט זיך אים זייער נישט געגלוסט איבערצולאָזן דעם „יאַט“ אַליין מיט אָט דעם שמינדער בגעין, נאָר ס'איז עפּעס אַ תירוץ? איצט איז נישט די יאָרן, וואָס אַמאָל. איצט, אַז ראַפּאַלעסקאָ זאָגט, איז געזאָגט... און האָלצמאַן פאַרקוקט אים אין די אויגן אַריין און לאָזט אויס זיין גאַנץ ביטער האַרץ אויף דער מוטער און אויף דער שוועסטער:

— וואָס זענט איר געקומען אַהער, וועלכע שוואַרצע יאָר? ווער האָט געשיקט נאָך אייך, ווער? זע נאָר, זיך צעיאַכמערט אַ ביסל! ווער בעט אייך, איר זאָלט זיין קלאָגמוטערס, ווער? — אַזוי האָט האָלצמאַן איבערגעחזרט נאָכאַמאָל, זיי דורכגעטריבן — און אַליין גלימשט ער זיך אויך אַרוים פון פּאַוואָליענקעס פינצטערן חדר, באַזעצט זיך ווידער אויף זיין פריערדיקן פּאָסטן, אויף יענער זייט טיר, און לייגט צו אַן אויער. און ראַפּאַלעסקאָ בלייבט מיט ששון־ושמחה ווידעראַמאָל איינציקווייז, און ער בעט דעם קאַסיר, ער זאָל אים איבערגעבן אַלע איינצלהייטן מיט אַלע קלייניקייטן — וויאַזוי די מאַמע איז געשטאָרבן? און ווען זי איז געשטאָרבן? און צי האָבן זיי זי נאָך געטראָפן פאַר דער קבורה? און וויאַזוי איז געווען די לוויה? אַלצדינג האָט אים ששון־ושמחה געמוזט דערציילן, און נישט איין מאָל, נאָר עטלעכע מאָל. אַ סך מאָל!

## קאַפּיטל צוויי און אַכציק

# נייעס פון האָלענעשטי

אַ גאַנצע נאַכט איז נישט געקומען קיין שלאָף אויף זיירע אויגן. ששון־ושמחה האָט דערציילט נייעס פון האָלענעשטי, און ראַפּאַלעסקאָ האָט זיך צוגעהערט צו זיין מאָנאָטאָנעם קול, וואָס האָט געקלונגען און געהודיעט, ווי אַן אָפּגעבראָכענער גלאָק, און געצויגן זיך און געצויגן, ווי אַ געדיכטער האָניק, אָן אַן

אויפֿהער און אָן אַן אָפּשטעל, איבערגעריסן אַלעמאָל נאָר מיט אַ „הער זשע ווייטער“ און מיט אַ „דו הערסט צי ניין“ און מיט אַ „שלעכט, וואָס טוט מען?“ אויך האַלצמאַן נעבעך איז נישט געגאַנגען שלאָפֿן, ער האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן זיך פֿון דער טיר. נישט געקאָנט אַפּילו אויפֿהייבן זיך פֿונעם בענקל, טאָמער דערהערט מען דאָרט אַ סקריפּ. עס זענען געווען מינוטן, ווען האַלצמאַן האָט זיך פֿאַרשאָלטן דאָס געביין: אויף צולהכעיס האָט אים געשטיקט אַלעמאָל אַ הוסט צו טאָן. האָט ער זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות און געזעסן אין געהאַקטע ווונדן און געהערט גלייך מיט ראַפּאַלעסקאָן נייעס פֿון האַלענעשטי.

יענע נאַכט, קאָן מען זאָגן, זענען זיי ביידע, ראַפּאַלעסקאָ און האַלצמאַן, געוויר געוואָרן נייעס פֿון האָלענעשטי אַ סך מער, ווי אין די אַלע יאָרן פֿון זינט זיי זענען נע=ונד אויף דער גרויסער וועלט.

ערשטנס, וועגן בעני ראַפּאַלאָוויטש. וויי=ווי, וואָס פֿון ראַפּאַלאָוויטשעס שטוב איז געוואָרן! אַ חורבן. אַן איבערקערעניש. אָנהייבן פֿון ראַפּאַלאָוויטשעס ווייב, פֿוןביילקען. די קליינינטשקע, די שטילינקע, די שוואַכענקע ביילקע איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט. שטיל, זיך נישט געקלאָגט פֿאַר קיינעם, איז זי אַוועק פֿון דער וועלט, ווו זי האָט אַזויפֿיל געליטן איבער אירע קינדער, קיין גוטן טאָג נישט געווסט. די שטילינקע ביילקע האָט געוואָלט שטאַרבן שטיל, ווי זי האָט געלעבט. האָט זי דעריבער נישט געוואָלט זאָגן קיינעם, וואָס איר איז. און אַז ס'איז איר געוואָרן שטאַרק שלעכט, און אַלע האָבן דאָס דערזען, האָט בעני צעשיקט פֿערד אויף אַלע טראַקטן און אַראָפּגעבראַכט די בעסטע דאָקטוירים, געאַרבעט מעשים, געזאָגט, מע זאָל אים אויסמאָן ביזן העמד, אַבי ביילקע זאָל אים זיין געזונט. איז אָבער געווען שוין צו שפּעט. ווי אַ קנויל בייוול, אָדער ווי אַ קליין קינדעלע, איז די קליינינטשקע, שטילינקע ביילקע געלעגן אויף איר גרויס בעט מיט שטאַרק צונויפֿגעמאַכטע ליפּן און מיט שטאַרק איינגעפֿאַלענע ווייסע=ווייסע בעקלעך. איינע אַליין אין אַ גרויסן אַלקיר, אין אַ גרויס בעט. קיינער=קיינער ביי דער זייט. בעני איז געווען פֿאַרטראָגן מיט די דאָקטוירים. די עלטערע זין — אין געשעפֿט. די טעכטער — אין קיך=זאַכן. אַנשל און לייבל זענען נישטאָ. נאָר איין בת=שבע, די ייִנגסטע פֿון די טעכטער, איז געזעסן אין אַ ווינקעלע און געוויינט שטילערהייט — זי זאָל נישט אויפֿוועקן די מאַמע. ניין, זי וועט שוין נישט אויפֿוועקן די מאַמע. די מאַמע איז שוין געהאַט דעמלט געשלאָפֿן שטאַרק. אירע צוגעמאַכטע אויגן האָבן אויסגעזען אויף איר ווייס, צו ווייס פּנים, ווי צוויי שוואַרצע גריבלעך. אירע בלאָנדע, אַמאָל זייער שיינע ברעמען, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פֿון אונטער איר ווייסן שטערן, אַרומגעברעמט מיט אַ ווייסן האַנטיכל, האָט צוגעגעבן איר קליין קינדיש פּנים אַ קינדיש פֿאַרטראַכט אויסזען. איין האַנט, אַ קליין קינדיש ווייס, אַ ביסל צו ווייס הענטל, איז אַראָפּגעהאָנגען פֿון דער קאָלדרע אַראָפּ. אַלץ האָט

אויסגעזען ווי געוויינלעך, גלייך ווי זי ליגט אין אַ טיפן שלאָף. שטיל איז געווען. אַ האַרץ, וואָס האָט אַזויפיל ליב געהאַט און אַזויפיל דורך דעם געליטן, האָט שוין אויפגעהערט ליבן, ליידן און שלאָגן זיך. שטיל איז געווען. אַ מוראדיקע, אַ הייליקע שטילקייט. דאָס איז געווען די שטילקייט פונעם טויט. געשטאָרבן ביילקע.

ביילקע איז געשטאָרבן, און די אַלטע באָבע, בעני ראַפּאַלאָוויטשעס מוטער, די וואָס שאָקלט מיטן קאָפּ „ניין־ניין“ — די לעבט! זי איז שוין עבר־בטל און בלינד אויף ביידע אויגן, נאָר זי לעבט. און גייט פרעגט קשיות!... אַלע עלטערע קינדער, די זין מיט די טעכטער, די שניר מיט די איידעמס מיט די אייניקלעך האָבן זיך צעקראָכן, דער אַהער, דער אַהין. בעני האָט קיינמאָל נישט געקאָנט הויזן מיט די קינדער. נאָר זינט ביילקע איז אים אַוועקגעשטאָרבן, איז ער געוואָרן — זאָל גאָט היטן!... אַנשלען האָט ער חתונה געמאַכט. טאַקע דעם זעלבן שידוך פון בעלץ. אים געגעבן אַ ווייבל אַ מיאוסקייט, נאָר פון אַ שיין אָרט. ער טאָר אָבער נישט קומען פאַרן פּאָטערס אויגן. זיין נסיעה קיין בוקאַרעשט וועט ער אייביק נישט פאַרגעסן. זיצט זיך אַנשל אין בעלץ. ער האַלט אַ קלייטל פון טיטון, פון מאַכאָרקע, און איז, זאָגט מען, געוואָרן אַזוי פאַרגרעבט, אַז ס'איז אים גאָרנישט צו דערקענען... איין טאָכטער, די מיטלסטע, פּערל הייסט זי, האָט זיך געגט מיט איר מאַן און זיצט אַ גרושה. די אַנדערע פון איר, יוכבד, האָט חתונה געהאַט, דעם טאַטן צולהכעיס, פאַר יחיאל דעם קלעזמערס אַ ברודער, אויך אַ קלעזמער. און גאָר די יינגסטע, בת־שבע, האָט געזאָלט שטודירן אויף אַקושאָרקע, האָט זי בעני ראַפּאַלאָוויטש אויף צולהכעיס חתונה געמאַכט, טאַקע פאַר אים, פאַר שמחה דעם קאַסיר, הייסט עס. (דאָ לאָזט אַראָפּ ששון־ושמחה די אויגן און הייבט אָן ווי פאַרענטפערן זיך:) ער איז זיך מודה, אַז ער האָט שוין לאַנג געהאַט געוואָרפן אַן אויג אויף בת־שבען, נאָר ער האָט קיינמאָל נישט געוואַגט אַזאַ זאַך אָנצומוטן, כאָטש אַפילו, אַז מע וויל צוריק, מיט וואָס איז יחיאל דעם קלעזמערס ברודער אַ שענערער יחוס? יעדנפאַלס, איז דאָך שמחה אַן אייגענער. אַ ווייטער קרוב, דאָך אַ קרוב. בת־שבע אַליין איז אַפילו געווען פונעם שידוך מע קאָן נישט זאָגן שטאַרק צופרידן. אדרבא, זי האָט זיך אַ צייט „געבריקעוועט“, „געמאָרדעוועט“, געמאַכט אָנשטעלן, געוויינט און געאַרבעט, געזאָגט, אַז זי וועט זיך נאָך אַ מעשה אָנטאָן... אים אַליין, שמחהן, הייסט עס, איז דאָס געווען אויך איבער דער טבע. בת־שבע איז טאַקע זייער אַ ווילע. מע קאָן זאָגן, די בעסטע פון אַלע. נאָר אָנהענגען זיך מיט געוואַלט האָט ער אויך נישט געוואָלט. האָט אָבער בעני ראַפּאַלאָוויטש זיך איינגעשפּאַרט — איינמאָל פאַר אַלעמאָל... בקיצור, זיי האָבן חתונה געהאַט — און גאָרנישט. דאַנקען גאָט, זיי האָבן שוין צוויי קינדערלעך און עס וועט שוין באַלד זיין נאָך איינס... עס וואָלט זיי געווען, מע קאָן זאָגן, גאַנץ נישקשהדיק, ווען נישט דאָס נייע אומגליק, וואָס האָט זיי געטראָפן...

— וואָס נאָך פֿאַר אַן אומגליק? — פֿרעגט איבער מיט שרעק ראַפֿאַלעסקאַ, און ששון־ושמחה כאַפּט זיך אים צו באַרואיקן:

— גאָרנישט. גאָרנישט. עס רעדט זיך נאָר אַזוי — אַן אומגליק. אין דער אמתן איז דאָס גאָרנישט אַזאַ אַן אומגליק. דער באַלעבאָס, מיין איך, דער שווער זאָל לעבן, דאָס הייסט דער טאַטע דיינער, איז אויף דער עלטער, פֿאַר צרות אפֿנים, דו הערסט צי ניין, געוואָרן פֿרום. אָבער וויאַזוי מיינסטו פֿרום? מיט סכנת־נפֿשות! ער האָט זיך אַריינגעלאָזט, דו הערסט צי ניין, אין יידישקייט. טאָג ווי נאַכט — נאָר גערדאַוונט און נאָר געזאָגט תהלים. מילא, דאָס דאַוונען מיטן תהלים זאָגן וואָלט אָבער נאָך אויך נישט געווען אַזאַ אַן אומגליק, ווען נישט נאָך אַ גרעסערע צרה. דהיינו, וואָס פֿאַר אַ צרה? דער רבי!... דער באַלעבאָס, מיין איך, דער שוועך זאָל לעבן, איז מיטאַמאָל געוואָרן דעם רבינס אַ חסיד, אַ הייסער, אַ פֿייערדיקער חסיד, און אָנגעהויבן פֿאָרן, דו הערסט צי ניין, צום רבין. און נישט נאָר פֿאָרן, נאָר זיצן, ליגן, נישט אַרויסטרעטן פֿונעם רבינס הויף. פֿריער איז געווען דער שטעפּאַנעשטער רבי, רב מתתיהו. איצט איז דער באָיאַנער. שוין העכער אַ האַלב יאָר, אַז ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין באָיאַן ביים רבין — און וויל נישט פֿאָרן אַהיים. געקומען איז ער קיין באָיאַן אויף יום־טוב, און פֿון דעמלט אָן איז — אַ גוטן טאָג מיט דער קאַפּאָטע. האָב איך דערזעט, אַז ס'איז אַ מעשה אָן אַן עק, איך שרייב צו אים, צום שווער הייסט עס, אַ בריוו נאָך אַ בריוו: „געוואַלד, שווער לעבן, וואָס איז דער תכלית? עס ווערט אַ תל פֿונעם איבעריקן ביסל באַלעבאַטיש־קייט!“ ענטפֿערט די וואַנט? ער ווייסט נאָר איין זאַך: מע זאָל אים, דו הערסט צי ניין, — איך זאָל אים שיקן געלט פֿון דער היים. וואָס איז ביי מיר — אַ קרע־נעצע? אַ ברונעם? אַ ברונעם שעפּט זיך אויך אויס!... געזען, ס'איז שלעכט — וואָס טוט מען? האָב איך מיך מיישב געווען, דו הערסט צי ניין, און האָב זיך אַראָפּגעכאַפּט צום שווער קיין באָיאַן, מיט אים איבעררעדן. מע קאָן דאָך אים נישט מפֿקיר זיין... נאָר גיי רעד צו דער וואַנט, אַז יענער האָט זיך אריינגעלאָזט, משטיינסגעזאָגט, אין אַזעלכע זאַכן: דער רבי, דער רבי און דער רבי! רעדן מיט אים פֿון דער היים, פֿון האָלענעשטי — קאָן מען נישט. ער וויל נישט האָרכן. דער־מאָנען אים די קינדער — טאָר מען נישט. און ווער שמועסט, דער נאָמען לייבל אָדער אַנשל — לא יזכר ולא יפּקד. אַנשל הייסט ביי אים: „מלאך־המות“. אָט דער מלאך־המות האָט, זאָגט ער, געקוילעט די מאַמע. ווען נישט אַנשל מיט זיין שיינער נסיעה קיין בוקאַרעשט, וואָלט דער שווער קיין אלמן נישט געבליבן. דאָס איז זיכער, ווי דער טאָג. העער זשע ווייטער. בין איך געקומען קיין באָיאַן צום רבין, צום שווער הייסט עס, האָב איך אים געטראָפֿן, דו הערסט צי ניין, אויף אַלע שונאים געזאָגט געוואָרן. איך קאָן מיך גאָרנישט דערמאָנען, דאָס האַרץ טוט ווי. זאָלסט אים זען — קיין האַלב נישט געבליבן. דער בויך הענגט. די באַקן איינגע־פֿאַלן. אַלט און גרוי. איך האָב מיך אַזש צעוויינט. און ער — ער זאָל דאָס אַפֿילו

אַ פרעג טאָן: וואָס מאַכן די קינדער? — גאָרנישט, גאָלע גאָרנישט. איך זאָל גיין, דו הערסט צי ניין, מיט אים צום רבין. און טאַקע באַלד. אַנדערש וויל ער נישט. איך זאָג דיר — שטאַרקער פון אייזן. אַ מוסר זיך אַראָפּצונעמען פון דעם מענטשן. איך וויל מיט אים אָנהייבן עפּעס רעדן, שמועסן פון דער היים, וואָס וועט זיין דער תכלית? לאָזט ער נישט. מאָרגן, זאָגט ער, מאָרגן. הייגט דאַרף ער זיין, דו הערסט צי ניין, ביים רבין. און אזוי פון טאָג אויף טאָג. דערווייל, זיצנדיק אַזוי אויף דער אכסניה, הער איך עפּעס יונגעלייט שמועסן פון טשערנאָוויץ... פון יידיש טעאַטער... פון אַ בענעפיס, וואָס ווערט געשפּילט דורך עפּעס איינעם אַ באַרימטן גאָר גאָר אַ יונגיטשקען אַקטיאָר פון בוקאַרעשט, בלוט און מילך, מיטן נאָמען ראַפאַלעסקאָ... דער נאָמען „ראַפאַלעסקאָ“, די שטאָט „בוקאַרעשט“ און די ווערטער „אַן אַקטיאָר“, „אַ יונגיטשקער“, „בלוט און מילך“ — זענען מיר, דו הערסט צי ניין, אַריין אין גאַנז אריין: „צי איז דאָס נישט אונדזער לייבל?“ — טראַכט איך מיר. עפּעס קלעפּט זיך מיר דאָ איינס מיטן אַנדערן: בוקאַרעשט... ראַפאַלעסקאָ... יידיש טעאַטער... און איך האָב מיך מיישב געווען אַזוי: עס קאָסט במילא הוצאות, וועט קאָסטן נאָך אַ פּאָר העלערס — איך מוז, דו הערסט צי ניין, אַ קוק טאָן אויף דעם דאָזיקן יונגיטשקען אַקטיאָר פון בוקאַרעשט. נאָר קודם דאַרף מען אַ רעד טאָן וועגן דעם מיטן באַלעבאָס, מיין איך, מיטן שווער, האָרכן, וואָס וועט ער זאָגן. פון וואַנען הייבט מען אָן? פון טעאַטער. פון יידיש טעאַטער אין טשערנאָוויץ... דערהערט „יידיש טעאַטער“— איז ער געוואָרן, וואָס זאָל איך דיר זאָגן? אַ שענערן לייגט מען אין דער ערד. ער האָט אַזש אָנגעהויבן צו טרייסלען זיך, געכאַפּט דעם שטעקן, דו הערסט צי ניין, און געזאָגט, אַז ער וועט מיר דעם קאָפּ צעשפּאַלטן, טאָמער רעד איך אויס נאָך איין וואָרט!... שלעכט, וואָס טוט מען? בין איך אַרויסגעגאַנגען אין גאַס, געדונגען אַ פור גלייך קיין טשערנאָוויץ און באַצאָלט ווי אַ בראָדער סוחר. וואָרעם לאָמיר זיך נישט נאַרן, אַשטייגער, איך זאָל ווּיסן, אַז ס'זאָל מיך קאָסטן מי יודע וויפל — וואָס איז שייך? וויפל איז ביי מיר ווערט דאָס אַליין, וואָס איך זע דיך, דאַנקען גאָט, אַ לעבעדיקן. הייגט דעם כבוד, וואָס דו האָסט געהאַט אין טעאַטער. דו ועסט מיר גלייבן צי ניין? אַז ס'איז געוואָרן אַ געשריי מיט אַ פּאַטשערייי „ראַפאַלעסקאָ“! און אַז חברה יונגוואַרג האָבן דיך אַ נעם געגעבן אויף די הענט, האָבן זיך מיר געשטעלט טרערן אין די אויגן, ווי דו זעסט מיך אַ יידן! איך האָב מיך דערמאָנט, דו הערסט צי ניין: ווי איז מיר, אָט דאָס איז דאָך אונדזער לייבל, אָט דער, וואָס איז געשלאָפן מיט מיר אין איין אַלקיר!... אַ בעט קעגן אַ בעט!...

דאָ האָט זיך ששון-ושמחה אויסגעווישט אַ טרער און פּלוצעם האָט זיך ביי אים איבערגעביטן דאָס קול מיטן פּנים, מיטן טאָן, און ער רופט זיך אָן צו ראַפאַלעסקאָן מיט אַ צוקערדיק גנביש לשון:

— גערענקסט, נשמהניו, ווי מיר פלעגן שלאָפן אינײנעם, אין איין אַלקיר, אַ בעט קעגן אַ בעט?... מײנע הויזן מיט די שליסעלעך פלעג איך תמיד האַלטן ביי מיר צוקאָפּנס... מיינסטו, אַז איך האָב נישט געהערט, ווי עמעצער שטייט ביי מיין בעט, טאַפּט די הויזן און פּאָרעט זיך ביים טישקעסטל?... געהערט, איך זאָל אַזוי הערן אַלדאָס גוטס. נאָר איך האָב נישט געקאָנט, דו הערסט צי ניין, אויפרייסן די אויגן... ווו איז אַהינגעקומען דאָס געלט, וואָס... דעמלט... פון טישקעסטל?... איך מיין, ביי וועמען זענען זיי געבליבן? ביי אָט איענעם, וואָס מיטן מגושמדיקן געקנייטשטן פּנים? צי ביים קליינעם טאַנצנדיקן אַקטיאָר מיט די ממזרישע אויגן? צי גאָר ביי אָט אָ דער געשטופּלטער כאַליערע, וואָס אַמאָל האָט ער געהייסן האָצמאַך, און היינט רופט מען אים שוין האָלצמאַן?...

## קאַפּיטל דריי און אַכציק

# אַ מחק פון ראַפּאַלאָוויטשעס שטוב

עס האָט שוין אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג. דער טשערנאָוויצער מאַרק, וואָס שטעלט זיך אוים אַלע פרימאָרגן אַקעגן דעם „שוואַרצן האָן", האָט שוין אָנגעהויבן אויסשטעלן זיך, באַוויזן סמנים פון לעבן, און אונדזערע צוויי אַלטע באַקאַנטע, ראַפּאַלעסקאָ און ששון־ושמחה, האָבן נאָך אַלץ גערעדט. דאָס הייסט, רעדן האָט גערעדט ששון־ושמחה, און ראַפּאַלעסקאָ האָט אים געהערט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג, איבערגעריסן אים זעלטן מיט אַ כאַפּ אויף זיך פון אָרט אָדער מיט אַן אויסגעשריי: „טאַקע באמת?" אָדער: „וואָס רעדסטו?" אָדער: „עס קאָן נישט זיין?"... ששון־ושמחה האָט אים פאַרזיכערט, אַז אַלץ, וואָס ער דערציילט אים, איז תורת אמת, געשוווירן ביי זיין יידישקייט — ער זאָל אַזוי דערלעבן קומען אַהיים צו זיין ווייב און קינדערלעך, און נאָך אַזעלכע שבועות, גלייך ווי ראַפּאַלעסקאָ וואָלט אים נישט געגלייבט אָן אַ שבועה. דאָס איז געווען אַזוי קאָמיש, אַז האָלצמאַן, וועלכער איז נאָך אַלץ געזעסן הינטער דער טיר אין צווייטן חדר, אריינגעקוקט דורכן לעכל פונעם שליסל צו ראַפּאַלעסקאָן אין חדר אַריין און צוגעהערט זיך שטאַרק צום גאַנצן שמועס, האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פאַר געלעכטער און שטילערהייט געשטיקט זיך. און אַז ס'איז געקומען צו דעם מאָמענט, ווען ששון־ושמחה האָט אַ פרעג געגעבן פּלוצעם ביי ראַפּאַלעסקאָן מכוחן געלט, וואָס איז פאַרפאַלן געוואָרן דעמלט פונעם טישקעסטל אין האָלענעשטי, האָט אונדזער האָלצמאַן שטאַרק צוגעלייגט דאָס אויער צו דער טיר, גייציק געווען צו הערן, וואָס וועט אים דער „יאַט" ענטפערן דערויף; האָט אָבער בעת־מעשה געגעבן אַ טרישטשע דאָס בענקל, וואָס האָלצמאַן איז אויף דעם געזעסן, אַזוי אַז

אַלע דריי האָבן זיך איבערגעשראָקן: ראַפּאַלעסקאָ און ששון־ושמחה האָבן זיך גלאַט דערשראָקן פֿאַרן טרישטש, וואָס האָט אויסגעוויזן אין דער שטילקייט פֿון דער נאַכט אַ סך שטאַרקער, ווי ס'איז געווען אין דער אמתן. און האָלצמאַן האָט זיך דערשראָקן, טאָמער דערוויסט מען זיך, אַז ער איז די גאַנצע צייט געזעסן פֿון יענער זייט און צוגעהערט אַ פֿרעמדן שמועס. דער איבערשרעק איז אָבער נאָך אַ פּאָר מינוט שטילשווייגן איבערגעגאַנגען מיט גאָרנישט, און האָלצמאַן האָט געקאָנט בלייבן גאַנץ אומגעשטערט אויף זיין פּאָזיציע, ווי פֿריער. ליידער אָבער האָט ער סאַמע דאָס אינטערעסאַנטסטע נישט געהערט. נישט דערפֿאַר, ווייל ער האָט שלעכט געהערט; אדרבא, ער האָט דורך דער טיר געהערט איטלעכס וואָרט. נאָר דאָ איז געווען אַן אַנדער סיבה: ראַפּאַלעסקאָ האָט אויף דער פֿראַגע פֿון געלט פּשוט נישט געוואָלט ענטפֿערן. ער איז אויפגעשטאַנען, אַרומגעשפּאַצירט אַ פּאָר מאָל הין און צוריק איבערן חדר; דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און, שטאָט דעם ער זאָל ענטפֿערן זיין נייגעבוירענעם שוואָגער אויף דעם, וואָס יענער האָט אים געפֿרעגט, האָט ער בעסער ביי אים אַ פֿרעג געגעבן:

— נו, און וואָס מאַכט עפּעס מיין אַמאָליקער רבי, דער חזן?

„דער „יאט“ איז גאָר קיין נאַר נישט, — טראַכט זיך האָלצמאַן: — ער פֿרעגט אים דאָס, ענטפֿערט ער אים בוויבעריק, פֿארשלאָגט אים האַקע־באַקע, מכוח אַ רבין און מכוח אַ חזן. וויבאלד אַזוי, מעג איך גיין שלאָפֿן. שוין באלד גרויסער טאָג. כאַפּט אים דער וואַטעמאַכער, אָט דעם מרה־שחורהדיקן פֿארשוין. אַ כאָליערע זאָל זיך ארייכאַפּן צו אים אין דער לינקער זייט בויך!“...

מיט די דאָזיקע ווערטער טראָגט זיך אָפּ אונדזער האָלצמאַן שטילערהייט צו זיך אויפֿן בעט, טוט זיך אויס און דעקט זיך איין מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ און ווערט גיך אנטשלאָפֿן. און אונדזערע שוואָגערס, ששון־ושמחה און ראפּאַ־לעסקאָ, ציען ווייטער זייער געשפּרעך:

ששון־ושמחה: אויף ישראלי דעם חזן פֿרעגסטו? עהע־ע! גליקלעך! גליקלעך ווי די וועלט!

ראַפּאַלעסקאָ: דהיינו?

ששון־ושמחה: דהיינו, יענער איז א גביר.

ראַפּאַלעסקאָ: אַ גביר? ישראלי דער חזן אַ גביר?

ששון־ושמחה: אַן אדיר! ער איז שוין אויס מלמד, אויס חזן. טע־טע־טע! גאָרנישט דער ישראלי, וואָס אַמאָל. און לאה די חזנטע. געדענקסט לאה די חזנטע? טראָגט זי פּערל אין דער וואָכן, און גייט אָנגעטאָן, דו הערסט צי ניין, ווי אַ גבירטע, און באַרימט זיך פֿאַר איטלעכן מיט איר טאָכטער. וו זי שטייט און וו זי גייט — איז „מיין רייזל“ און „מיין רייזל“. זי האָט שוין מיט איר „רייזל“ אַלעמען דעם קאָפּ פֿאַררייזלט. אַ קלייניקייט — איר רייזל? היינט הייסט זי שוין נישט רייזל. היינט הייסט זי שוין ראָזאַ און איז א באַרימטע זינגערין.

אין לאָנדאָן איז זי איצט. דו געדענקסט זי נאָך, צי ניין? אָט דאָ נישט לאַנג איז זי געווען צוגאַסט ביי אונדז אין האָלענעשטי מיט אַ גאַנצער כאַליאַסטרע זינגערס און שפּילערס, פון לאָנדאָן געקומען צו פאָרן, אַרומגעלאָפן מיט קאַרעטעס און וועליסאָפּעדן, דו הערסט צי ניין, פּי=פּו=פּאַ — סכנת נפשות! וואָס זיי האָט אָפּגעקאָסט די נסיעה, מעגן מיר זיך דאָס ביידע ווינטשן פאַרדינגען. אַ ווערטעלע? מע זאָגט גאָר, אַז זי האָט אַ חתן, פאַרמאָגט ער אַ מיליאָן, דו הערסט צי ניין, אַ גאַנצן מיליאָן! האָלענעשטי איז מיט איר געגאַנגען כאָדאָראָם. אויף די גאַסן איז מען איר נאָכגעלאָפן. אַ ווערטעלע אויסצורעדן! ערשטנס, איז זי טאַקע געוואָרן שיין, אַז ס׳איז איר אין פּנים נישט אַריינצוקוקן. הויך און שיין און געזונט, און זינגט, זאָגט מען, אַז ס׳לאָזט זיך אויס די וועלט. היינט איז זי פּשוט רייך, רייך אין געלט. קאָנסט פאַרשטיין, אַ חזנס אַ מיידל פאַרגינט זיך, זי וויל אָפּקויפן, דו הערסט צי ניין, אונדזער דירה, דאָס הייסט, דעם שווערס דירה, פון וועמענס וועגן מיינסטו? פון אירעטוועגן? עס הייבט זיך גאָרנישט אָן! פון דעם חזנס וועגן. דער חזן אַליין האָט דווקא נישט געוואָלט הערן, נישט זען. די חזנטע אויך נישט. זיי האָבן געטענהט, וואָס טויג זיי אַזאַ גרויסע יאַרמעלקע? זיי האָבן בעסער געוואָלט אָפּקויפן נעבעך דער אַלמנהס דירה. האָט זיך די טאָכטער, רייזל הייסט עס, איינגעשפּאַרט, דו הערסט צי ניין, דווקא ראַפּאַלאָוויטשעס דירה! און נישט גאָר די דירה אַליין — דעם גאַנצן הויף מיט דער סטאָדאָלע מיטן באַלעבאַטישקייט וויל זי אָפּקויפן. וואָס דאַרפסטו מער? אַפילו דעם הונט „טערקוש“ — געדענקסט אים? — האָט זי צו אים אויך חשק געהאַט. אַז אָפּקויפן, זאָגט זי, איז מיט האַק און פּאַק. אַן השגה פון אַ חזנס אַ מיידל, כע=כע!

דאָס איז געווען ביי ששון=ושמחה דאָס צווייטע געלעכטער פאַר היינטיקער נאַכט. דערזען אָבער, אַז ראַפּאַלעסקאָ לאַכט נישט מיט, אַדרבא, ער איז עפּעס גאָר מאָדנע פאַרטראַכט און ווי פאַרזאָרגט געוואָרן, פאַרענטפערט זיך ששון=ושמחה אויף זיין לשון:

— איך וואָלט די דירה בשום אופן נישט פאַרקויפט. נאָר אַז גאָט שיקט צו אַזאַ קונה! האָב איך מיך מיישב געווען, דו הערסט צי ניין, לאָז זי כאָטש גוט באַצאָלן. זאָג אפשר, אַז ניין?... וואָס איז דיר, לייבעלע? וואָס ביסטו פּלוצעם געוואָרן אַזוי?... עס טוט דיר אפשר באַנג, וואָס מיר האָבן פאַרקויפט די דירה? גלייב מיר, לייבל סערדצע, עס האָט מיר אויך וויי געטאָן דאָס האַרץ, נישט ווייניקער ווי דיר, אפשר נאָך מער. נאָר וואָס האָט מען געקאָנט טאָן? אַז דאָס געשעפט גייט צו גרונט. דער באַלעבאָס, מיין איך, דער שווער, זאָל לעבן, ליגט ביים רבין. די קינדער האָבן זיך צעפאָרן, איינער אין ליסי, דער אַנדערער אין סטריסי, צעזייט און צעשפּרייט, דו הערסט צי ניין, אויף אַלע זיבן ימים. ווער איז געבליבן אין דער היים? נאָר איין אַלטע באָבע, וואָס איז שוין עובר=בטל, און מיין בת=שבע מיט די קינדער. זיך רעכן איך נישט... וואָס דאַרף איך? איך, ווי

דו קוקסט מיך אָן, דאַרף גאָרנישט. איך לעב, דו הערסט צי גיין, אזוי ווי איך האָב געלעבט שטענדיק. אָן אַנדערער אויף מיין אָרט — עהע־הע!...

דעם „עהע־הע" האָט ששון־ושמחה אויסגעצויגן מיט א ניגון און מיט אַ מאַך מיט דער האַנט. וואָס איז געווען דער פּשט פונעם „עהע־הע"? און וואָס האָט באַדייט דער מאַך מיט דער האַנט? — איז שווער געווען צו טרעפן.

## קאַפּיטל פיר און אַכציק

# זיי פּאַקן זיך אין וועג אריין

אומזיסט האָט זיך אָט דער נפש ששון־ושמחה אַזוי פאַרענטפערט פאַר זיין יינגערן שוואָגער: ראַפּאַלעסקאָס פאַרטשאַדעטער קאָפּ, זיין פּאַרוויטיקט האַרץ און ער איינגאַנצן זענען געווען ווייט פון דאַנען. אַ מישמאַש פון געפילן האָט זיך צונויפגעקליבן ביי אים אין האַרצן: געוויסנביסן, בענקעניש, חרטה, נייגעריקייט, ליבע — אַזויפיל האָט אונדזער העלד נאָך קיינמאָל נישט איבערגעלעבט, ווי אין דער דאָזיקער נאַכט. ער האָט אין איין נאַכט, קאָן מען זאָגן, פאַרלוירן פאָטער און מוטער, שוועסטער און ברודער און דאָס גאַנצע הויזגעזינד מיט דער גאַנצער שטוב, וווּ ער איז געבוירן, מיט דער שטאָט, וווּ ער איז אויסגעוואַקסן, — אַליז, אַליז, וואָס אים איז אַמאָל געווען ליב און טייער, האָט ער אין דער דאָזיקער נאַכט פאַרלוירן, פאַרלוירן אויף אייביק! און עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז אַליז, וואָס אים איז אַמאָל געווען נאָענט, איז איצט ווייט פון אים, גאַנץ ווייט, גלייך ווי אים וואָלט אָפּגעטיילט פון זיי אַ גאַנצע וועלט, אַן אייביקייט. און עס שטעלט זיך אים פאַר אַליז ווי אַ חלום, אַליז טונקל, ווי איינגעהילט אין אַ געדיכטן שלייער, און איבערגעדעקט מיט אַ נאַכט־הימל, וואָס איז פול־פול מיט סודות. און נאָר איין שטערנדל שיינט צו אים אַרויס פונעם דאָזיקן טונקעלן הימל, שיינט און לייכט און ווינקט צו אים, רופט אים צו זיך, — דאָס איז רייזל...

און ראַפּאַלעסקאָ פאַרטראַכט זיך אויף דעם אַלעם, וואָס ער האָט דאָ געהערט, און וואָלט וועלן וויסן איין זאַך: וואָס איז דער שכל פונעם אַוועקקויפן זייער שטוב פאַר אירע עלטערן? פאַרוואָס עפּעס גראָד זייער שטוב און נישט קיין אנדערע?... וואָס פאַר אַ מיין האָט דאָ געקאָנט זיין ביי איר?... נישט שוין זשע האָט ער קיין טעות? נישט שוין זשע איז דאָס צוליב אים? נישט שוין זשע איז איר אזוי טייער דאָס הויז, וווּ ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן? נישט שוין זשע האָט זי אים נאָך נישט פאַרגעסן? נישט שוין זשע האָט זי נאָך נישט פאַרגעסן די שבועה, וואָס זי האָט אים געשוווירן דעמלט, אין האָלענעשטי, אין דער נאַכט פון דער שרפה אויף „גאָטס גאַס", און געשטעלט דעם רויטן, מיט

פייער באַדעקטן הימל פאַר עדות — אַז אייביק און אייביק זאָלן זיי זיין אינײנעם. אַז וואָס ס'זאָל זיך מיט זיי נישט טרעפן און וווּ זיי זאָלן נישט מגולגל ווערן, זאָלן זייערע נשמות זיין אינײנעם. תמיד און אומעטום אינײנעם!

און ער דערמאַנט זיך אין יענער נאַכט פון דער שרפה, אין יענער כישופדיקער נאַכט, און יענער אויסטערליש־שיינער, גליקלעכער, אומפאַרגעסלעך־כישופדיקער נאַכט, ווען רייזל איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגן, אין א רויטן וואָלקן איינגעהילט, און האָט אויסגעזען, ווי א שיינע פאַרכישופטע נאַכט־פרינצעסין...

— סטוק־סטוק־סטוק! — דערהערט זיך א קלאַפּ אין טיר.

— ווער איז? — פרעגט ראַפּאַלעסקאָ אויפגעוואַכט, ווי פון שלאָף.

— ס'איז איך, בערנאַרד.

עס עפנט זיך אויף די טיר און עס קומט אריין האָלצמאַן, און אינײנעם מיט אים רייסט זיך אריין א שטראָם פרישע לופט פונעם נאָר וואָס אריינגעטראָגענעם פרימאָרגן.

אַריינגעקומען, וואַרפט האָלצמאַן א קוק מיט זיינע שאַרפע שפּיציקע אויגן פריער אויפן „יאַט", וואָס ליגט אויסגעצויגן אינעם גאַנצן אַנטאָן אויף דער סאָפע עפּעס מאָדנע צעקאָשמעט און פאַרטראַכט, דערנאָך — אויפן מרה־שחורהדיקן גאַסט, וואָס זעט אויס, ווי א שלעפעריקער שמש סליחות־צייט, — און האָלצמאַן באַקומט א שטאַרקן יצר־הרע אין דער מינוט אַנצונעמען אַט דעם בעסאַראַבער פּעמפּיק פאַרן רויטן קאַרק, דערלאַנגען אים א רעכטן „טערעבעניע" פון פאָרנט און א פּאָר פיינע סטוסאַקעס פון הינטן און אַראָפּלאָזן אים פון אַלע טרעפּ „לעזאזל". האָלצמאַן ווייסט אָבער, ווו איין און ווו אויס. נישט אַלע מאָל טאָר מען „ארויס־באַווייזן דעם כהן"... האַלט ער זיך איין, כאַפּט א קוק פאַרבייגייענדיק אויף די נישט אָנגערירטע בעטן און רופט זיך אָן כלומרשט מיט א שמייכעלע:

— זע נאָר — גאָרנישט געשלאָפן?

— נישט געשלאָפן, — ענטפערן זיי אים ביידע.

האָלצמאַן פילט, אַז נישט דאָס האָט ער געוואָלט זאָגן, און ער רופט זיך אָן צו זיי אַלץ מיט דעם זעלבן געמאַכטן שמייכעלע:

— גאָרנישט געלייגט זיך אפילו?

— נישט געלייגט זיך אפילו.

— א גאַנצע נאַכט געזעסן און געפּלוידערט?

— א גאַנצע נאַכט.

— הם... צייט גרייטן זיך אין וועג אריין, — זאָגט האָלצמאַן צו ראַפּאַלעסקאָן און פאַרקוקט אים אין די אויגן אריין.

— איך בין גרייט, — ענטפערט אים ראַפּאַלעסקאָ, כאַפּט זיך אויף פון דער סאָפע, און דאָס פּנים שיינט אים קעגן דער אויפגעגאַנגענער זון, וואָס קוקט אַריין פריינדלעך אין פענצטער אריין.

„יאַט בלייבט יאַט“, — טראַכט זיך האָלצמאַן. — דאַנקען גאָט, וואָס ס'איז אים כאָטש נישט איינגעפאַלן אין קאָפּ אַ מחשבה זיך אַוועקצוזעצן שבעה נאָך דער געשטאָרבענער מאַמען פּלוצעם אין מיטן מיטוואָך שבתצונאַכטס. אָדער וואָס וואָלט ער געטאָן, למשל, ווען ראַפּאַלעסקאָ זאָגט, אַז ער וויל אַ פּאָר טאָן קיין באַיאַן צום רבין זיך זען מיטן טאַטן דעם בעל־תשובה? אָדער וואָס וואָלט זיין, ווען עס קומט אים אריין חלילה אַ „מאנקאָליע“ אין קאָפּ — זיך דורכפאָרן גאָר קיין האָלענעשטי? אַ קשיא אויפן „יאַט“?...

אַ גאַנצן פרימאָרגן האָט האָלצמאַן נישט אָפּגעלאָזט פונעם אויג אויף קיין רגע נישט ראַפּאַלעסקאָן, נישט זיין גאַסט. ער האָט דאָס אָפּגעארבעט אזוי קונציק, אַז ווו די צוויי זענען געווען, איז ער געווען אַ דריטער. ער האָט אלע מאָל געהאַט אַן אַנדערן אויסרייד. האָלצמאַנס טרחה איז אָבער געווען אומזיסט. ראַפּאַלעסקאָ אַליין האָט זיך געפילט גרינגער אויף דער נשמה, אַז זיין ניי־געבוירענער שוואָגער ששון־ושמחה איז געזעסן אויף דער פור, נאָכדעם ווי ער האָט זיך מיט אים צע־קושט און געלאָזט גריסן „גאָר פריינדלעך“.

— פון מיינעטוועגן לאָזט אויך גריסן! — שרייט אים נאָך האָלצמאַן.

— גאָר פריינדלעך! — זאָגט אים ששון־ושמחה, אויסגעדרייט זיך צו אים מיטן באַוואַקסענעם פאַרשלאָפענעם פּנים אויף דער פור, וואָס איז אָנגעפּאַקט מיט פאַסאַזשירן קאָפּ אויף קאָפּ. דאָס פאָרן אונדזערע „ליבהאָבער פון קונסט“ אלע אינייגעם צוריק, פון וואַנען זיי זענען געקומען, מיט פאַרביטערטע הערצער. גאָט ווייסט, ווען זיי קאָנען האָבן נאָכאַמאָל אין זייער לעבן אַ זכיה צו זען און צו הערן אזא אַן אמתן קינסטלער, ווי אָט דער ראַפּאַלעסקאָ!...

—בשם אלקי ישראל — מיטן קאָפּ אין דער ערד! — בענטשט זיי האָלצמאַן און רופט זיך אָן צו דער חברה אקטיאָרן: — קינדער, צו דער ארבעט!

די חברה אַקטיאָרן נעמען זיך פּאַקן אין וועג אריין, און איבער זיי שטייט דער דירעקטאָר האָלצמאַן, פאַררוקט דעם צילינדערהוט אַהינטער, ווישט זיך דעם שוויים פונעם געשטופּלטן פּנים און קאָמאַנדעוועט מיט זיי, פּונקט ווי מע האָט אַמאָל, בימי שטשופּאַק, נישט היינט געדאַכט, געקאָמאַנדעוועט מיט אים:

— נישט אַזוי... אָט אַזוי... פריער דעם קליינעם קאַסטן, דערנאָך דעם גרויסן קאַסטן — מיין איך פאַרקערט: פריער דעם גרויסן קאַסטן, דערנאָך דעם קליינעם קאַסטן... אָט אַזוי... ליימענער גולם, וואָס ביסטו געבליבן שטיין? נעם די רעכטס, וועט ער נעמען לינקס — מיין איך פאַרקערט: נעם די לינקס, וועט ער נעמען רעכטס... אָט אַזוי... הער נאָר דו, קאָפּ און צונג, וואָס קוקסטו אויף מיר, ווי אַ זינדיקער מענטש? אמער, קוק בעסער, ווי דו טראָגסט שלמה המלכס

שטול — אַרויסטראָגן זאָל מען דיך!... פּאַוואָליע, די קרוין פון נאַפּאָלעאָן באָנאַ־פּאַרט! ממזר, צעברעכסטו מיר נאַפּאָלעאָנס קרוין — צעברעך איך דיר דעם קאָפּ!...

אָט אַזוי קאָמאַנדעוועט האָלצמאַן, טרייבט און שעלט זיך מיט טויטע קללות. אויף איטלעכם וואָרט, וואָס עמעצער רעדט ארוים, געפינט זיך ביי אים אַ קללה. למשל, איינער קומט און זאָגט אים אָן א בשורה, אז ס'איז אויסגעגאַנגען שטריק־לעך, ענטפערט ער אים: „שטריקלעך אויסגעגאַנגען? ארויסגיין זאָל פון אייך די פּאַרע!" — „וווּ זאָל איך דאָס לייגן?" — „ליג אין דער ערד!" — „אפשר שטעלן אָט דאָ?" — „שטיי פּראַווצעם!" — „איך רעכן נעמען נאָך אַ פור". — „נעם איין א מיתה־משונה!" — „ער הייסט זיך געבן נאָך געלט". — „געבן זאָל דיר גאָט א נייע נשמה!"...

איינעם האָט האָלצמאַן מכבד געווען מיט א שפּאָגל־נייע קללה, אַפילו א ביסל אַ לאַנגע, נאָר אַ שאַרפע: „וויפל לעכעלעך ס'איז אויסגעשטופּלט געוואָרן אין אַלע מצות פון דער וועלט, זינט די יידן זענען ארויסגעגאַנגען פון מצרים ביזן היינטיקן פסח, — אַזויפיל פּרישטשיקלעך זאָלן זיך דיר זעצן, ממזר, אויף דער צונג!"...

ווי אויף צולהכעים, טראָגט אָן דער גוטער יאָר די אלטע מאַמע שרה־ברכה מיט איר בעטגעוואַנט.

— שוין? ביסט שוין דאָ מיט דיינע אַלטע שמאַטעס? דו וועסט מיך ברענגען דערצו, אז איך וועל דיר אויפטרענען און איבערבעטן און ארויסלאָזן דיר אַלע פעדערן.

— אַנו, לאָז דיר גאָט געבן אַזאַ זין! — ענטפערט אים די אלטע מוטער, דאָס איינציקע באַשעפעניש, וואָס האָט פאר אונדזער בייזן דירעקטאָר קיין טראָפּן דרך־ארץ.

האָלצמאַן טוט אַ שפּיי, און די אלטע גייט אַוועק און קומט אָבער באלד צוריק. וואָס ווייטער? גאָרנישט. זי וויל, אַז איר זון זאָל גיין עפּעס עסן, עפּעס נעמען אין מויל אריין: „ער זעט, זאָגט זי, אַזוי אויך אויסעט ווי אַ שוואַרץ יאָר... ווי די שדים עסן, זאָגט זי, אַזאַ פּנים האָבן זיי... מע זעט נאָך די באַקן, ווי די ציינער קנאַקן.. כוח, זאָגט זי, זאָל מען זוכן אין שיסל... קייען, זאָגט זי, איז נישט הבל..."

עס ווייזט אוים, אַז די אלטע שרה־ברכה האָט זיך אונטערגענומען אויסשיטן דאָס גאַנצע ביסל פּאָלקסווערטלעך, וואָס זענען שייך צו דער אכילה. איז אָבער האָלצמאַן היינט נישט גוט געלוינט, שלאָגט ער איר איבער אינמיטן:

— זע נאָר! די „פּעטשענע־ווערענע" האָט זיך אין איר אַ ביסל צערעדט! עס וועט אַמאָל נעמען אַ סוף, צי נייִן?

האָלצמאַן פּארהוסט זיך אזש פון כעס, און הברה אקטיאָרן ווערן שיר נישט דערשטיקט פאַר געלעכטער. לאַכן הויך האָט מען מורא. האָלצמאַן קאָן געבן אַ לאַכן, מע זאָל בלוי באַשטיין.

ניין, האָלצמאַן איז היינט נישט אויפגעלייגט. שטאַרק נישט אויפגעלייגט. אים איז די נסיעה קיין לאָנדאָן ווי א ביין אין האלדז: „נישט איינצושלינגען און נישט אויסצושפייען"... ער ווייסט אליין נישט פארוואָס, נאָר ס'איז אים עפּעס מאָדנע שווער דאָס האַרץ. עס האָבן זיך אים געחלומט ביינאכט אַלטע ווייבער — „אויף זייער קאָפּ זאָל עס פאַלן!"...

---

# ווערטער-ביכל און פאַרטייטשונגען

## א.

אביון (עוויעון) — אָרעמאַן. מערצאָל: אביונים (עוויוינים).

אבר (אבר) — גליד. מערצאָל: אברים (אייוורים).

אברהם, יצחק ויעקב (אווראָם, ייצכאָק וועיאַנקעוו) — נעמען פון די ביבלישע פּאַטריאַרכן; „גאָט פון אברהם“ — אַ געבעט, וואָס פרומע פרויען זאָגן שאַבעס אין אָוונט פאַר ליכט־אָנציגדן.

אבשלום (אַוושאָלעם) — ביבל־פּערסאָנאַזש, זון פונעם יידישן קעניג דאָוויד.

אגב (אַגעוו) — צוריק געשמועסט; ביי דער געלעגנהייט, איבעריקנס.

אדיר (אַדיר) — זייער רייכער מענטש. מערצאָל: אדירים (אַדירים).

אדם, אדם הראשון (אָדעם האָרישן) — לויט דער ביבל אַ נאָמען פון ערשטן מענטש. אדם הראשון האָט נאָך ביי אייך קיין שאַבעס נישט גע־האַלטן — געמיינט: ס'איז נאָך ביי אייך קיינמאָל קיין גאַסט נישט געווען; אדם־נאַקעט — אינגאַנצן נאַקעט.

אדרבא (אַדעראַבע) — פאַרקערט, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, אין קעגנפאַל, געוויס, זיכער, ביטע זייער, גערן.

אהיה אשר אהיה (עיע אַשער עיע) — סימבאָלישע באַצייכענונג פון גאָטס נאָמען.

אוודאי (אַוואַדע) — זיכער, געווים, וואָרשיינלעך.

אומה (אומע) — פאָלק, נאַציע. מערצאָל: אומות (אומעס).

אופן (אויפן) — שטייגער, אַרט, מאַניר, צושטאַנד, אַזויאַרום. מערצאָל: אופנים (אויפאַנים).

אוצר (אויצער) — שאַץ (אַ פאַרבאָרגענער), גרויס רייכטום, אַ פאַרמעגן, אַ קאַפּיטאַל, אַ סאַך געלט, זעלטנקייט. מעטאַפאָריש: גוטער כאַראַקטער, גוטער מענטש. מערצאָל: אוצרות (אויצרעס).

**אורח** (אוירעד) — גאַסט, פאַרשוין; אַן אורח אויף שבת — אַן אָרעמאַן, וועלכן מע פאַרבעט אויף שאַבעס. מערצאָל: **אורחים** (אָרכים).

**„אוריאל אַקאָסטאַ“** (אוריעל אַקאָסטאַ) — נאָמען פון אַ דראַמע.

**אות** (אָס) — בוכשטאַב. מערצאָל: **אותיות** (אויסיעס).

**אַחוץ** (אַכוץ) — אויסער.

**אחי** (אָכי) — מיין ברודער.

**אחריות** (אַכראַיעס) — פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

**אַחר נכיון הוצאות** (אַכער ניקאָיען הויצאָעס) — נאָכן אָראָפּרע־כענען די אויסגאַבן.

**איש־אמת** (איש־עמעס) — אָרנטלעכער, אויפריכטיקער מענטש, נישט קיין ליגנער.

**אכילה** (אַכילע) — דאָס עסן, דער פרעס. **אַכלען** (אַכלען) — עסן, פרעסן.

**אכסניה** (אַכסאַניע) — גאַסט־הויז, איינפאָר־הויז, קוואַרטיר. מערצאָל: **אכסניות** (אַכסאַניעס).

**אלא** (עלע) — אויב, נאָר, טאָמער; **אלא־מה** (עלע־מאַ) — נאָר וואָס.

**אלול** (עלול) — צוועלפטער מאָנאַט (אויגוסט־סעפּטעמבער) לויטן יידישן קאַ־לענדאַר; **אלולדיקע** נאַכט — האַרבסטיקע נאַכט.

**„אליהום“** (עלייאָעס) — אַזאַ געזאַנג־געבעט, וואָס ווערט געזונגען אין די שאַבעסצונאַכטס נאָך האַוודאָלע.

**„אַל תירא עבדי יעקב“** (אַל טיראָ אַוודי יאַנקעוו) — ווערטלעך: שרעק זיך נישט, מיין קנעכט יאַנקעוו. דער ערשטער זאַץ פון אַ געבעט שאַ־בעסצונאַכטס נאָך האַוודאָלע.

**אלמן** (אַלמען) — אַ מאַן, וואָס זיין פרוי איז געשטאָרבן. מערצאָל: **אַלמנים** (אַלמענים).

**אלמנה** (אַלמאָנע) — אַ פרוי, וואָס איר מאַן איז געשטאָרבן. מערצאָל: **אלמנות** (אַלמאָנעס); **אלמנה חיה** (אַלמאָנע כאַיע) — אַ לע־בעדיקע אַלמאָנע: אַ פרוי, וואָס איר מאַן לעבט, נאָר מע ווייסט נישט, ווו ער איז.

**אלף** (אַלעף) — דער ערשטער בוכשטאַב פון העברעישן און יידישן אַלפאַבעט. פון **אלף ביז תיו** (טאָוו — דער לעצטער בוכשטאַב) — פון אָנהייב ביז ענדע.

**אם־כן** (אים־קיין) — אויב אַזוי.

**אם ירצה השם** (אים יירצע האַשעם) — ווערטלעך: אויב גאָט וועט וועלן, מיט גאָטס הילף; אַ פרומער צושפּרוך.

**אמן** (אָ מ יי ן) — אַן אויסרוף פון דאַווענער, ווען דער כאַזן ענדיקט געוויסע שטעלן אין דאַווענען; אָמן! — האַלעוואַי, אַזוי זאָל זיין; **אמן, גם אתם** (גַ אַ ם אַ ט ע ם) — האַלעוואַי, דאָס אייגענע אויף אייך געזאָגט; **אמן סלה** (אָ מ יי ן ס עַ לָ אָ) — אַ טראַפּאַרעטער אַמאָליקער אויסדרוק ביי די רעליגיעזע יידן, און די אייגענע טייטש, וואָס: אָמן!

**אמת** (ע מ ע ס) — ריכטיק,ווירקלעך; **באמת** (ב ע ע מ ע ס) — אין דער ווירקלעכקייט, טאַקע; **אין דער אמתן** — ריכטיק געזאָגט, ווירקלעך.

**אַ סך** (אַ ס אַ ך) — פיל, אַ אַ שיער.

**אפותיקו** (אַ פּ ו י ט י ק ע) — גרויסע סומע געלט.

**אפילו** (אַ פּ י ל ע) — אויך ווען, אין פאַל ווען, כאָטש, באַדאַי.

**אפיקומן** (אַ פּ י ק ו י מ ע ן) — ווערטלעך: נאָכשפּייז. אַזוי רופט מען דאָס שטיקל מצה, וואָס מע באַהאַלט ביים סיידער אונטערן קישן צום עסן נאָך דער מאָלצייט.

**אַפּנים** (אַ פּ אָ נ ע ם) — ווייזט אויס, ס'זעט אויס, וואַרשיינלעך.

**אפשר** (ע פּ ש ע ר) — מעגלעך, ס'קאָן זיין, טאָמער.

**אקיצור** (אַ ק י צ ע ר) — קורץ גערעדט.

**ארץ־ישראל** (ע ר ע ץ ־ יי ס ר אָ ע ל).

**אָשר** (אָ ש ע ר) — אַ נאָמען.

**אשרי האיש** (אַ ש ר יי ה אָ א י ש) — ווערטלעך: ווויל איז צו דעם מענטש. דאָ איראָניש: אַ גרויסע בראָך.

**אתיתי** (אָ ס י ס י) — איך בין געקומען צו דיר.

**אתרוג** (ע ס ר ע ג) — אַ פרוכט, וואָס ווערט געברויכט אום סוקעס צום „אתרוג־בענטשן". דער אתרוג ווערט געהאַלטן אין אַן אתרוג־פושקע, ווי אַן אויצער; דערטאַפּט אַן אתרוגל — געפּאַקט אַן אויצער, אַ גוט געשעפט; אַ בלינדער אתרוג — נישט קיין זיכער געשעפט; אַ קאָרעפּיר אתרוגל — געמיינט: פון גוטן, בעסטן סאָרט.

## ב.

**באמת** (ב ע ע מ ע ס) — פאַקטיש, טאַקע, ווירקלעך.

**בגילופין** (ב ע ג י ל ו פ ן) — שיקער, לוסטיק, פרייליך, בגילופנדיק (ב ע ג י ־ ל ו פ נ ד י ק) — שיקערלעך.

**בגד** (ב ע ג ע ד) — קלייד. מערצאָל: בגדים (ב ע ג אָ ד י ם).

בגדי־יום־טוב (ביגדיי־יאָנטעוו) — דאָ: גאַלאַ־קליידער; בגדי־מלכות (ביגדיי־מאַלכוס) — קעניגלעכע קליידער.

בדעה (בעדייע) האָבן — אינזיינען האָבן, מיינען, טראַכטן.

בהלה (בעהאָלע) — טומל, גערודער, איילעניש, איבערקערעניש, אומאָרדע־נונג, שרעק, פּאַניק.

בהמה (בעהיימע) — רינד, קו, אָקס אד״גל; באַצייכענונג פון אַ נאַרישן מענטש. מערצאָל: בהמות (בעהיימעס).

בושה (בושע) — שאַנדע, שעמעוודיקייט.

בולט (בוילעט) — קלאָר, באשטימט, אָנזעבאר, פּלאַסטיש.

„בואי בשלום" (בויאי בעשאָלעם) — אַ פראַזע, ביי וועלכער דער דאַווע־נער דרייט זיך אויס מיטן פּנים אויף צוריק; געמאַכט אַ „בואי בשלום" — געמיינט: געמאַכט א רעווערַאנס, צוריקגעטראָטן.

בזיון (ביזאָיען) — שאַנדע, ס׳פּאַסט נישט, פּע. מערצאָל: בזיונות (ביז־יוינעס) — באַליידיקונגען.

בזכות (ביזכוס) — אין פאַרדינסט פון... פון וועגן, צוליב, אדאנק.

בזיל־הזול (בעזיל־האַזאָל) — גאָר וואָלוול, זייער ביליק.

בחור (באָכער) — נישט קיין כאַסענע געהאַטער, קאַוואַליער; ער איז א בחור — געמיינט: אַן ענערגישער. מערצאָל: בחורים (בעכאָרים). אַז איר וועט זאַטשעפּן מיט די בחורים — דאָ געמיינט: פערד; בחורים ברוכים (בע־כאָרים ברוכים) — פאַרגרייזט פונעם וואָרט „ברוכים היושבים" (ברוכים האַיוישווים) — זייט באַגריסט, איר אָרום טיש זיצנדיקע, מיט אַ גוטן אַפּעטיט.

בטבע (בעטעווע) — פון דער נאַטור, לויטן כאַראַקטער.

בימי (בימיי) — אין די צייטן.

בימינך נצח (בעיעמינכאָ נעצאַך) — אַ זאַץ פון טילעם — אין דיין רעכטער האַנט איז דער זיג. דאָ שפּאַטיש: מיטן קאָפּ אין דער ערד.

„בין קודש לחול" (ביין קוידעש לעכאָל) — צווישן הייליקייט און וואָכעדיקייט. אַ זאַץ פון אַ טפילע שאַבעסצונאַכטס נאָך האַוודאָלע (ז. הבדלה).

בינו־לבינו (ביינע־לעביינע) — דערווייל, אין מיטן דרינען, אין צווישנ־צייט.

בירושה (בעירושע) — איבערגענומען פון די עלטערן.

בי״ת (בייס) — דער צווייטער בוכשטאַב (ב) פונעם יידישן און העברעישן אַלפאַבעט.

בית־המדרש (בעסמעדרעש) — קלויז, אָרט צום דאַווענען און לערנען.
מערצאָל: בתי־מדרשים (באָטעמעדראָשים).

בית־עולם (בייסאוילעם) — ווערטלעך: דאָס אייביקע הויז, גוט אָרט, הייליק אָרט, ווו מע באַהאַלט די טויטע. דאָס אייגענע: בית־עלמין (בייס־אַלמען), בית־הקברות (בייסהאַקוואָרעס).

בכדי (ביכדיי) — מיטן צוועק, מיטן ציל.

בכלל (ביכלאַל) — אין אַלגעמיין, איבערהויפּט.

בכן (בעכיין) — נו, אַלזאָ, הייסט עס, דעריבער, נו, בכן איז וואָס?

בלאָ (בעלוי), מאַכן זיך בלאָ — מאַכן זיך נישט ווויסנדיק.

בלבול (בילבל) — אויסטראַכטעניש, פאַלשע באַשולדיקונג. מערצאָל: בלבולים (בילבולים).

בלעם (בילעם) — נאָמען פון אַ ביבל־פּערסאָנאַזש. באַצייכענונג פון אַ שלעכטן מענטש.

בלעמס אייזל — אַ זידל־אויסדרוק.

בלק (באָלעק) — אַ קאַפּיטל פון כומעש. בלק לערנען: אָנלערנען, מאַכן שווער דאָס לעבן.

בלשון סגי־נהור (בעלאָשן סאַגי־נאָער) — רעדן פאַרשטעלט, געמיינט פאַרקערט.

במהרה בימינו (בימהיירע בעיאָמיינו) — אינגיכן, פאַר אונדזער לעבן נאָך.

במילא (בעמיילע) — סיי־ווי־סיי, אַלציינס.

בן (בען) — זון (איראָניש). מערצאָל: בנים (באָנעם) — קינדער.

בן־ציון (בען־ציען) — אַ נאָמען.

בן־יחיד (בען־יאָכעד) — איינאונאיינציקער זון.

בן תהיה לנו (בען טיע לאָנו) — ווערטלעך: וועסט זיין אונדזער אַ זון.

בן־אדם (בען־אָדעם) — מענטשן־קינד, מענטש.

בנין (ביניען) — געביידע. מערצאָל: בנינים (ביניאָנים).

בנעימות (בינאימעס) — ליבלעך, געלאַסן, גוטמוטיק, אָנגענעם.

בסוד (בעסאָד) — געהיים. בסוד־סודות (בעסאָד־סוידעס) — גאַנץ געהיים.

בסך־הכל (בעסאַך־האַקל) — אינגאַנצן, אַרום און אַרום.

בעל־אכסניה (באַל־אַכסאַניע) — באַזיצער פון אַן איינפאָרהויז.

בעל־בתישקייט (באַלעבאַטישקייט) — ווירטשאַפט, שטובזאַכן.

בעל־הבית (באַלעבאָס) — קאָפּ פון שטוב, הויז־אייגנטימער,ווירט, אייגנ־טימער; אַ באַלעבאַטישער ייִד: אָנשטענדיקער, לייטישער מענטש. אַ בעל־הבית איבער אַ הייפּל קרויט: אַן אָרעמער באַלעבאָס, וואָס האָט ווייניק צו שאַפן. מערצאָל: בעלי־בתים (באַלעבאַטים). בעל־הבתיש (באַלע־באַטיש) — סאָליד, סטאַטעטשנע.

בעל־הביתטע (באַלעבאָסטע) — ווירטין, פרוי. מערצאָל: בעל־הביתטעס (באַלעבאָסטעס). אַ בעל־הביתטע אַ מזוזהלע (מעזוזעלע) — אַ ווילינקע פרוי, וואָס איז ווערט זי אויסצוקושן; אַ מאַמע אַ מזוזה (מע־זוזע) — דאָ: זי שטייט ביי דער טיר און היט אָפּ דאָס הויז, און איטלעכס קינד, וואָס גייט אריין, טוט איר דערפאַר אַ קוש.

בעל־החלומות (באַל־האַכלוימעס) — פאַנטאַזיאָר, טרוימער.

בעל־לשון־קודש (באַל־לאָשן־קוידעש) — אַ קענער פון דער העברעי־שער שפּראַך.

בעל־מלאכה (באַלמעלאָכע) — האַנטווערקער, פאַכמאַן. מערצאָל: בעלי־מלאכות (באַלעמעלאָכעס).

בעל־עגלה (באַלעגאָלע) — באַזיצער פון אַ פערד און וועגעלע. פורמאַן, שמייסער. מערצאָל: בעלי־עגלות (באַלעגאָלעס).

בעל־תשובה (באַל־טשווע) — אַ מענטש, וואָס האָט כאַראַטע אויף זיינע זינד, בעסערט אויס זיין לעבנס־וועג (לויטן רעליגיעזן באַגריף), אַ פרום גע־וואָרענער.

בעל־דברן (באַל־דאַברען) — רעדער, רעדנער, געשליפן צינגל; אַ מענטש, וואָס צערעדט זיך.

בעל־תנך (באַל־טאַנאַך) — קענער פון דער ביבל.

בעלן (באַלן) — נייגעריקער, טשעקאַווער, אַמאַטאָר, ליבהאָבער. מערצאָל: בעלנים (באַלאָנים).

בעת (בעאייס, בייס) — אין דער צייט פון... בעת־מעשה (בייס־מאַנ־סע) — דערביי, גלייכצייטיק, אין דער צייט, אין געגעבענעם מאָמענט.

בפירוש (בעפיירעש) — אויסדריקלעך, קלאָר, דייטלעך, ספּעציעל.

בפרט (ביפּראַט) — ספּעציעל, באַזונדער, ווער שמועסט נאָך.

בקיצור (בעקיצער) — קורץ, קורץ גערעדט.

בקשה (באַקאָשע) — ביטע, פאַרלאַנג. מערצאָל: בקשות (באַקאָשעס).

בצנה רצון תעטרנו (בעציגאָ ראָצן טעאַטרענו) — פאַרגרייזט פונעם זאַץ אין טילעם: כצנה... וואָס דער ווערטלעכער טייטש איז: ווי אַ פּאַנצער מיט גוטווילּיקייט רינגלסטו אים ארום. דאָ געמיינט: מיטן דישל אין האַלדז אריין.

בריאה (ב ר י ע) — באַשעפעניש, לעבעדיק ווען; אין באַצוג צו מענטשן — אין פאַראַכטלעכן זין. מערצאָל: ברואים (ב ר ו א י ם).

„בר=כוכבא“ (ב אַ ר = ק אָ כ ב ע) — דאָ: נאָמען פון אַן אַלטער יידישער פיעסע.

בר=מינן (ב אַ ר = מ י נ אָ ן) — געשטאָרבענער, וואָס איז נאָך נישט באַגראָבן געוואָרן.

בר=מצווה=בחורל (ב אַ ר = מ י צ ו ו ע = ב אָ כ ע ר ל) — רעליגיעזע פּוליאָריקייט פון אַ ייִנגל צו דרייצן יאָר; בר=מצווה (ב אַ ר = מ י צ ו ו ע) פייערונג — פייערונג ביים אַלט ווערן פון אַ ייִנגל דרייצן יאָר. אַנטשפּרעכנדיק ביי קריסטן: קאָנפירמאַציע.

ברוך=השם (ב אָ ר ע ד = ה אַ ש ע ם) — דאַנקען גאָט.

ברוך הוא וברוך שמו, אמן (ב אָ ר ע ד ה ו א ו ו אָ ר ע ד ש מ ו י, אָ מ י י ן) — געבענטשט איז ער און געבענטשט איז זיין נאָמען; עמעס, אַזוי איז עס.

ברוך=הבא (ב אָ ר ע ד = ה אַ ב אָ) — אַלטפרענקישע באַגריסונג ביים באַגעגענען אַ גאַסט. ווערטלעך: געבענטשט זאָל זיין דער אַריינגעקומענער; ס'קאָצל קומט, זייט באַגריסט; אָפּגעבן אַ ברייטן ברוך=הבא — אויפנעמען שיין, ליב=לעך. אין איראָנישן זין: דעם אמתן (ע מ ע ס ן) ברוך=הבא — אויפנעמען שלעכט, מיט זידל=ווערטער.

ברוגז (ב ר ו י ג ע ז) זיין — האָבן פאַרדרוס, זיין צעקריגט, זיין בייז, צאָרנדיק, האָבן פאַריבל, נישט צופרידן; ברוגזן (ב ר ו י ג ע ז ן) זיך — זיך בייזערן.

ברוך דיין אמת (ב אָ ר ע ד ד אַ י ע ן ע מ ע ס) — געבענטשט זאָל זיין דער גערעכטער ריכטער. אַ צושפּרוך, ווען מע הערט, אַז אַ מענטש איז נאָר וואָס געשטאָרבן.

ברוך שפּטרני (ב אָ ר ע ד ש ע פּ אָ ט ר אַ נ י) — געלויבט איז גאָט, וואָס מיר האָבן זיך ענדלעך באַפרייט; וואָס מיר זענען ענדלעך=דייגם פּאָטער געוואָרן.

ברוך=הוא (ב אָ ר ע ד = ה ו) — געלויבט איז ער (גאָט).

ברחל בתך הקטנה (ב ע ר אָ כ ל ב י ט כ אָ ה אַ נ אַ ק ע ט ע) אויס=רעדן — צונויפרעדן זיך קלאָר און גענוי וועגן אַלעמען. ס'איז אַ פאַרגרייז=טער זאַץ פון דער ביבל: אָנשטאָט „הקטנה“ (ה אַ ק ט אַ נ ע — די קליי=נע) — „האַנאַקעטע“. יאַנקעוו האָט קלאָר אויסגערעדט מיט לבנען (ל אָ = ו ע נ ע ן) צו אַרבעטן זיבן יאָר פאַר זיין ייִנגערער טאָכטער ראָכל.

ברית (ב ר י ס) — די פייערונג ביי רעליגיעזע יידן, ווען מע יידישט דאָס ייִנגל אַכט טאָג נאָכן געבוירן און מע גיט אים אַ נאָמען. מערצאָל: בריתן (ב ר י ס ן).

ברכי נפשי הללויה (ב אָ ר כ י נ אַ פ ש י ה אַ ל ע ל ו י אָ) — אַ פראַזע פון

טילעם: לויב גאָט, מיין נעשאָמע, לויב גאָט. דאָ געמיינט: וויאָ (ענלעך צום קלאַנג: האַלעלו=יאָ), מע קאָן שוין פאָרן.

ברכה (ב ר אָ כ ע) — אַ נאָמען; גוטער ווונטש; בענטשונג; רעליגיעזע בענטשונג; טפילע. מערצאָל: ברכות (ב ר אָ כ ע ס).

בשורה (ב ס ו ר ע) — אָנזאָג, נייעס. מערצאָל: בשורות (ב ס ו ר ע ס).

בשום אופן ואופן (ב ע ש ו ם  א ו י פ ן  וו ע א ו י פ ן) — אין קיין פאַל נישט.

בשלום (ב ע ש אָ ל ע ם) — געזונטערהייט; גליקלעך; אין אָרדענונג.

בשותפות (ב ע ש ו ט פ ע ס) — צוזאַמען, געמיינשאַפטלעך.

בשם אלקי ישראל (ב ע ש ע ם  ע ל ו י ק יי  יי ס ר אָ ע ל) — אין נאָמען פון יידישן גאָט.

בשמים (ב ס אָ מ י ם) — שמעקנדיקע געווירצן.

בשעת (ב ע ש אַ ס) — אין דער צייט ווען... בשעת=מעשה (ב ע ש אַ ס = מ אַ נ ס ע) — דאָס אייגענע וואָס: בשעת.

בשר=ודם (ב אָ ס ע ר = וו ע ד אָ ם) — ווערטלעך: פלייש און בלוט; אַ מענטש, אַ שטערבלעכער.

בת=יחידקע (ב אַ ס = י ע כ י ד ק ע) — איינציקע טאָכטער, איינאונאיינציקע.

בת=מלכה (ב אַ ס = מ אַ ל ק ע) — פרינצעסין.

בת=שבע (ב אַ ס = ש ע וו ע) — ביבל=פערסאָנאַזש; אַ נאָמען.

בתוכם (ב ע ס ו י כ אָ ם) — צווישן זיי, דערונטער.

## ג.

גבור (ג י ב ע ר) — שטאַרקער, העלד. גבור שבגבורים (ג י ב ע ר  ש ע ב ע = ג י ב ו י ר י ם) — גאָר אַ שטאַרקער.

גביר (ג ע וו י ר) — רייכער. מערצאָל: גבירים (ג ע וו י ר י ם).

גבר (ג ע וו אַ ר) — שטאַרקער.

גדולה (ג ע ד ו ל ע) — גליק, פרייד; גרויסקייט, רייכקייט. מערצאָל: גדולות (ג ע ד ו ל ע ס).

גדלות (ג אַ ד ל ע ס) — גרויסקייט; שטאָלצקייט; פאררינקייט, גרויסהאַלטעריי.

גדלן (ג אַ ד ל ע ן) — גרויסהאַלטער, באַרימער, שטאָלץ=פאַרריסענער, אַמבי=ציעזער.

גואלנו (ג ו י אַ ל יי נ ו) — אונדזער אויסלייזער.

גוזמא (ג ו ז מ ע) — זייער אַ סאַך, אַ גרויסע צאָל, איבערגעטריבענע זאַך. מער־צאָל: גוזמאות (ג ו ז מ אָ ע ס).

גוי (ג ו י) — ווערטלעך: פאָלק; שאָוויניסטישע באַצייכענונג פון אַ נישט־ייד. מערצאָל: גוים (ג אָ י ם). גויע (ג ו י ע) — דאָס זעלבע, וואָס גוי אין באַצוג צו אַ נישט־יידישער פרוי.

גולם (ג ו י ל ע ם) — מענטש אָן אייגענעם ווילן, אידיאָט, אומגעלומפּערטער מענטש; ליימענער גולם — ווייל לויט דער לעגענדע האָט דער גרויסער ראָוו פון פּראָג אין 17־טן י. ה. באַשאַפן אַ גולם פון ליים.

גוף (ג ו ף) — קערפּער, לייב.

גופא (ג ו פּ ע) — אַליין.

גורל (ג ו י ר ל) — באַשערטקייט, מאַראָכע, דאָליע, שיקזאַל.

גזלן (ג אַ ז ל ע ן) — ווערטלעך: רויבער, באַנדיט. איראָניש: צעהיצט, נערוועז. מערצאָל: גזלנים (ג אַ ז ל אָ נ י ם).

גט (ג ע ט) — יידיש־רעליגיעזער צעשיידונגס־דאָקומענט, ווען אַ פּאָרפאָלק רייסט איבער זייער כאַסענע־פאַרבינדונג. גטן (ג ע ט ן) זיך — איבעררייסן די כאַסענע־פאַרבינדונג. וואַרפן דעם גט פאַר די פיס — אָפּזאָגן זיך פון מיט־אַרבעט, אָנברויגעזן זיך.

גיהנום (ג ע ה ע נ ע ם) — דאָס אָרט, וו מע פּייניקט זינדיקע נאָכן טויט; אָפּקו־מעניש.

„גילה, רינה, דיצה, חדוה, אהבה ואחוה" (ג י ל ע, ר י נ ע, ד י צ ע, כ ע ד־ו ע, א ה א ו ו ע ו ו ע א כ ו ו ע) — א זאַץ פון א טפילע. די ווערטער־סינאָני־מען באַדייטן: פרייד, געזאַנג, ליבשאַפט און ברידערלעכקייט.

גימל (ג י מ ל) — דער דריטער בוכשטאַב (ג) פון יידישן און העברעישן אַלפאַ־בעט; ציפערדיקער באַטייט — 3 (ג' חדשים — דריי כאַדאָשים); ווי אַן אַדיעקטיוו — גוט, עס וועט זיין גימל — עס וועט זיין גוט.

גלות (ג אָ ל ע ס) — דיאַספּאָראַ; צעשפּרייטונג פון אַ פאָלק אין דער פרעמד; אייביק וואַנדערן; זיין פאַרשקלאַפט; יאָד; ליידן, פּיין, צאָרעס. טראָגן אויף זיך דעם גלות פון דער שטוב: די זאָרג, דעם גאַנצן יאָד, דאָס שווערע לעבן, דעם גאַנצן אָל; גלות אָפּריכטן — פירן אַ וואַנדער־לעבן; די צונג איז אין גלות — מע קאָן נישט רעדן, וואָס מע וויל און וואָס מע מיינט.

גמילות־חסד (ג מ י ל ע ס־כ ע ס ע ד) — געלט, וואָס ווערט געליען אָן פּראָצענט (כ'וויל ביי אייך אַ גמילות־חסד אויף אַ קורצער צייט), יעדער מין טויווע, געפעליקייט, וואָס מע טוט, סיי ווי אַן אָפּצאָל פאַר אַ פריערדיקער טויווע, סיי

מיט דער האָפֿענונג צו קריגן עפּעס אַ טויווע (טו מיר נישט קיין גמילות־חסד). מערצאָל: גמילות־חסדים (גּ עמילעס־כאַסאָדים).

גמרא (גּ עמאָרע) — טאַלמוד. גמרא־ניגון (גּ עמאָרע־ניגן) — די מעלאָדיע, מיט וועלכער מע לערנט גמרא.

גן־עדן (גּ אַנ־יידן) — פּרעכטיקער גאָרטן, וווּ עס געפינען זיך די פרומע אויף יענער וועלט; אַן אָרט, וווּ עס איז אַ פאַרגעניגן צו פאַרווײלן זיך, פאַרברענגען. גן־עדן־העליון (גּ אַנ־יידנ־האָעליען) — דער הימלישער גאַניידן; גן־עדן־התחתון (גּאַניידן האַטאַכטן) — דער גאַניידן אויף דער ערד.

גנב (גאַנעוו) — דער, וואָס נעמט צו אַ פרעמדע זאַך; שווינדלער, דורכגעטריבענער יונג (איראָניש). מערצאָל: גנבים (גּאַנאָווים). גנב־התנצלות (גאַנעוו־היסנאַצלעס) — געמיינט: באַקלאָגן זיך פאַלש, כיטרע.

גנבענען (גּאַנווענען) — צונעמען פרעמדס, שווינדלען.

גניבה (גּ עניווע) — דאָס צונעמען פרעמדע זאַכן; די צוגענומענע פרעמדע זאַכן; שווינדל. מערצאָל: גניבות (גּעניוועס). גנביש (גּעניוויש) — פון אַ געניווע, פון אַ גאַנעוו, ווי אַ גאַנעוו; אומבאַמערקט, דורכגעטריבן, שווינדלעריש.

גרושה (גּרושע) — אַ פרוי, וואָס האָט זיך געגעט מיטן מאַן. מערצאָל: גרושות (גּרושעס).

# ד.

דאגה (דייגע) — זאָרג. מערצאָל: דאגות (דייגעס).

דבור (דיבער) — וואָרט, רייד, לאָשן. מערצאָל: דבורים (דיבורים) — רייד, ווערטער, ריידעלעך.

דבורה (דווירע) — אַ נאָמען.

דבר־אחר (דאָווער־אַכער) — כאַזער, שווין. אין איבערגעטראָגענעם זין: קאַרגער. מערצאָל: דברים־אחרים (דוואָרים־אַכיירים); דבר־אחרם (דאָווער־אַכערם).

דברים־בטלים (דוואָרעם־בעטיילים) — פוסטע רייד, פלאַפּלעריי.

דברן (דאַבערן) — רעדן, שמועסן, פלאַפּלען.

דברן (דאַברען) — רעדנער, שמועסער, פלאַפּלער.

דהיינו (דעהייגו) — צום ביישפּיל, דאָס הייסט, אַשטייגער, ווי, נעמלעך.

**דווקא** (ד אַ ו ק ע) — גראַד, דורכויס, נאָר.

**דוד המלך** (ד אָ ו י ד  ה אַ מ ע ל ע ד) — דער קעניג דוד. לויט דער טראַדיציע: דיכטער פון טילעם.

**דור** (ד אָ ר) — גענעראַציע. מערצאָל: **דורות** (ד ו י ר ע ס). **דור=דורות** — פון אייביקע צייטן, פון אייביק אָן, אויף אייביק.

**דורס** (ד ו י ר ע ס) זיין — צעשעדיקן, אומברענגען.

**דין וחשבון** (ד י ן  ו ע כ ע ש ב ן) — רעכענונג, באַריכט.

**דיין** (ד י י ע ן) — געהילף ביי אַ ראָוו, בייזיצער פון אַ ראַבאָניש געריכט. מערצאָל: **דיינים** (ד אַ י אָ נ י ם).

**דירה** (ד י ר ע) — הויז, שטוב, וווינונג. מערצאָל: **דירות** (ד י ר ע ס).

**דלות** (ד אַ ל ע ס) — אָרעמקייט, נויט.

**דלפן** (ד אַ ל פ ן) — גרויסער אָרעמאַן, אָרעמאַן אין זיבן פּאָלעס. מערצאָל: **דלפנים** (ד אַ ל פ אָ נ י ם).

**דלת=אמות** (ד אַ ל ע ד = אַ מ ע ס) — ווערטלעך: פיר איילן, אַ קליין אָרט. נישט שטיין אין עמעצנס דלת=אמות — נישט האָבן מיט יענעם קיין שום געמיינזאַמעס.

**דם=שונא** (ד אַ ם = ס ו י נ ע) — בלוטיקער פיינט, פיינט אויף טויט און לעבן. מערצאָל: **דם=שונאים** (ד אַ ם = ס אָ נ י ם).

**דעה** (ד י י ע) — מיינונג, דעצידירנדיק וואָרט, באַשלוס, מאַכט, געדאַנק. זיך שלאָגן מיט דער דעה — צווייפלען, קלערן וואָס צו טאָן. מערצאָל: **דעות** (ד י י ע ס).

**דרדקי=מלמד** (ד אַ ר ד ע ק ע = מ ע ל אַ מ ע ד) — רעליגיעזער לערער פון קליינע קינדער; **דרדקי=קינדער** — קליינע קינדער, וועלכע הייבן ערשט אָן לערנען.

**דרך** (ד ע ר ע ד) — וועג, מעטאָד, שטייגער, אַרט. מערצאָל: **דרכים** (ד ר אָ כ י ם).

**דרך=ארץ** (ד ע ר ע כ ע ר ע ץ) — אַכטונג, רעספּעקט, אָנשטענדיקייט, העפלעכקייט. לערנען דרך=ארץ — באַשטראָפן, אָנלערנען; לערנען וויאַזוי ערלעך צו זיין, וויאַזוי אומגיין מיט מענטשן.

**דרשה** (ד ר אָ ש ע) — רעדע; רעליגיעזער פּאָרטראַג. מערצאָל: **דרשות** (ד ר אָ ש ע ס). **דרשהנען** (ד אַ ר ש ע נ ע ן) — דאָ: האַלטן אין איין זאָגן, רעדן אַ סך.

## ה.

**הבדלה** (האַוודאָלע) מאַכן — אַ רעליגיעזע צערעמאָניע שאַבעסצונאַכטס אַלס צייכן, אַז עס האָט זיך געענדיקט דער שאַבעס און עס הייבט זיך אָן דער אינדערוואָכן.

**הבל** (העוול) — הבל און קין (קייען) זענען צוויי ברידער אין דער ביבל. הבל איז אויך דער טייטש: נאַרישקייט, קלייניקייט. פון דעם נעמט זיך דאָס וואָרט־שפּיל: קייען (עסן) איז נישט הבל, ס'הייסט עסן איז נישט קיין מינ־דערוואַרטיקע זאַך.

**הגדול, הגבור והנורא** (האַגאָדל, האַגיבער וועהאַנוראָ) — אַ פראַזע פון אַ טפילע: דער גרויסער, מעכטיקער און פאָרכטיקער. דאָ גע־מיינט: אַ זעלטנקייט אַזוינער, וואָס מ'האָט נאָך נישט געזען.

**הוצאה** (הויצאָע) — אויסגאַבע, קאָסטן. מערצאָל: **הוצאות** (הויצאָעס).

**היוצא־לנו־מן־הזה** (האַיויצע לאָנו מין האַזע) — פון דאַנען איז געדרינגען, דער אויספיר איז.

**הכלל** (האַקלאַל) — מיט איין וואָרט; קורץ גערעדט; נו, וואָס.

**הכל בכל מכל** (האַקל באַקל מיקל) פלעקל — אַלצדינג, אַלץ אינייִנעם.

**הלבשה** (האַלבאָשע) — קליידונג, אָנטועכץ.

**הלוואי** (האַלעוויי) — זאָל נאָר אַזוי זיין! לאָז זיין! (ווונטש־אויסדרוק).

**הלכות** (הילכעס) — ווערטלעך: פאָרשריפטן, געזעצן, פרינציפן. **הלכות דרך־ארץ** (הילכעס דערעכערעץ) שטודירן — לערנען, ווי זיך צו באַגיין איידל, ערלעך און אָנשטענדיק.

**„המבדיל“** (האַמאַווידל) — אַ טפילע צו זאָגן אָדער זינגען שאַבעסצונאַכטס נאָך האַוודאָלע.

**המצאה** (האַמצאָע) — איינפאַל, אויפטו. מערצאָל: **המצאות** (האַמצאָ־עס).

**המן** (האָמען) — געשטאַלט פון דער פורים־מעגילע (המן האָט געוואָלט אומ־ברענגען די יידן אין פערסיע). זידל־נאָמען, באַצייכענונג פון אַ בייזן מענטש. **המנס מפלה** (האָמענס מאַפּאָלע) — געמיינט: אַ גרויסער דורכ־פאַל.

**הנאה** האַנאָע) — פאַרגעניגן, באַפרידיקונג.

**הנה** (היניי) — אָט, זייט ווייסן.

**הסכם** (העסקעם) — צושטימונג, איינווויליקונג, אַפּראָבאַציע.

הסכמה (האַסקאָמע) — זע: הסכם (העסקעם).

העוויות (האַוואַיעס) — מינעס, אָנשטעלן.

העזה (האָזע) — דרייסטקייט; פרעכקייט.

הפקר (העפקער) ציבעלעס — צעלאָזט, אָן קאָנטראָל; אַ זאַך, וואָס געהערט נישט צו קיינעם.

הפקרות (העפקייִרעס) — געזעצלאָזיקייט. הפקר־יונג — אַן אויסגעלאַסענער, אַן אונטערוועלטניק.

הצלחה (האַצלאָכע) — גליק, דערפאָלג.

הקיצור (האַקיצער) — קורץ, קורץ גערעדט, מיט איין וואָרט.

הרגענען (האַרגענען) — מערדעריש שלאָגן; דערהרגענען — דערמאָרדן.

הרוגים (האַרוגים) — דערהאַרגעטע, טויטע.

התנצלות (היסנאַצלעס) — פאַרענטפערונג; דאָס אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן.

התפעלות (היספאַלעס) — באַגייסטערונג, שטוינונג, פאַרוווּנדערונג, אַנטציקונג.

## ו.

ובפרט (אוביפראַט) — און ספּעציעל, און באַזונדער, און ווער שמועסט נאָך.

ובפרט סוף חודש (אוביפּראַט סאָף כוידעש) — און ווער שמועסט נאָך אין ענדע מאָנאַט.

והילד איננו (וועהאַיעלעד אייגענו) — און דאָס „קינד“ איז נישטאָ, פאַרשוווּנדן געוואָרן.

והשנית (וועהאַשייגיס) — און צווייטנס.

„וזרקתי“ (וועזאָראַקטי) — דאָ: מיט אַ שפּריצער אָפּגעשפּריצט.

וחלקלקות (וואַכלאַקלאַקעס) — דאָ: גליטשיק, גלאַטינקער.

ויהי היום (וואַיעהי האַיוים) — אין אַ שיינעם טאָג; און איינמאָל האָט געטראָפן, פּאַסירט.

„ויצעקו“ (וואַיצאַקי) מאַכן — אַ גרוים געשריי אויפהייבן.

„ויתן לך“ (וואַיטן לעכאָ) — די ערשטע ווערטער פון אַ טפילע נאָך האַוודאָלע.

וכדומה (אוכדוימע) — און דאָס גלייכן.

„ומפני חטאנו“ (אומיפּניי כאַטאָאייגו) — די ערשטע ווערטער פון אַ טפילע.

ונאמר אמן (װענױמער אָמײן) — דאָ: און אַ סאָף, און ס׳איז געענדיקט.

„ונתנה תוקף“ (אונסאַנע טויקעף) — אַ געבעט אום ראָשעשאָנע און יאָנקיפּער.

ועל כולם (װעאַל קולאָם) — און מער פון אַלץ, און איבער אַלץ.

„וצדקתך“ (ווייצידקאָסכאָ) — ווערטלעך: און דיין פרומקייט. באַצייכע־נונג פון אַ היפּער־פרומען, פון אַ געמאַכטן פרומען; אַ מענטש, וואָס מאַכט זיך צופיל צאַדיק. איראָניש: אַ געבעכל.

ותרן (וואַטרען) — ברייטהאַרציקער, מילדער; אַ מענטש, וואָס לאָזט זיינס איבערגיין.

## ז.

זוגתי (זוגאָסי) — מיין ווייב, ווייב. זוגתי היקרה (האיעקאָרע) — מיין טייער ווייב.

זיווג (זיווּעג) — אַ באַשערט פּאָרל.

זכות (זכוס) — פאַרדינסט אין מאָראַלישן און גייסטיקן זין; ווערט, גליק, פּרי־ווילעגיע.

זכות־אבות (זכוס־אָוועס) — אין זכום פון די עלטערן, צוליב די עלטערן. ער האָט זכום־אָוועס — דאָ: פּראָטעקציע.

זכיה (זכיע) — ערע, גליק, פּריווילעגיע.

זכר (זייכער) — אָנדענק, שפּור, סימען, צייכן.

זכרון (זיקאָרן) — די פעיקייט פון גערענקען, גערעכעניש.

זמירות (זמירעס) — שאַבעס־געזאַנגען. זמירות למוצאי־שבת (זמירעס לאַמאָצע שאַבעס) — געזאַנגען, וואָס מע זינגט שאַבעסצונאַכטס.

זקן (זאָקן) — אַן אַלטער מאַן. מערצאָל: זקנים (זקיינים).

## ח.

חבר (כאַווער) — פריינד, קאָלעגע. צונויפגעחברט — קאָלעגירט זיך. חבר ווערן — באַפריינדעט, היימיש ווערן.

חברה (כעווּרע) — יאַטן, עולם (אוילעם); קאָמפּאַניע, געזעלשאַפט; אינסטיטוציע, פאַריין; גרופּע.

**חברה־מאַן** (כ ע וו ר ע ־ מ אַ ן) — שטיפער, קלוגער, ווילער יונג, בעריע; אַ מענטש, וואָס געהער צו אַ כעוורע. מערצאָל: **חברה־לייט** — פריילעכע קאָמפּאַניע; מענטשן, וואָס געהערן צו אַ חברה; **ווייסע חברהניקעס** — שטיפער, גאַסניונגעז, קליינע שטיפער, לאָבוזעס. „ווייסע" — ווייל זיי לויפן מײנסטנס אַרום אין די בלויזע ווייסע העמדלעך.

**חברה־קדישא** (כ ע וו ר ע ־ ק אַ ד י ש ע) — יידישע רעליגיעזע געזעלשאַפט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט באַערדיקן געשטאָרבענע.

**חבריא** (כ אַ וו ר אַ י ע) — כאַליאַסטרע, קאָמפּאַניע, געזעלשאַפט.

**חד־גדיא** (כ אַ ד ־ ג אַ ד י ע) — דאָ: אַרעסט; קאָזע, טורמע. אַריינציםבלען אין חד־גדיא אַריין — דאָ: אַפּשמיימן.

**חדוש** (כ י ד ע ש) — ווונדער, נייעס. מערצאָל: **חדושים** (כ י ד ו ש י ם) — נייעסן, ווונדער, סענסאַציעס.

**חדר** (כ יי ד ע ר) — צימער; רעליגיעזע שול פאַר קינדער. צונויפשטעלן אַ חדר — דאָ אַ טעאַטער־גרופּע. קום צופאָרן מיטן גאַנצן חדר — געמיינט: מיטן גאַנצן טעאַטער. מערצאָל: **חדרים** (כ אַ ד אַ ר י ם).

**חוב** (כ ו י וו) — דאָס געבאָרגטע געלט; אַ פליכט. מערצאָל: **חובות** (כ ו י ־ וו ע ם); מאַד־חוב איז איין ווייטיק, מאַד־חובות איז אַ סאַך ווייטיקן — וואָרט־שפּיל: „מאַד־חוב" — מאַד־חובות" און „מכאוב" (מ אַ כ ו י וו — ווייטיק) — „מכאובות" (מ אַ כ ו י וו ע ם — ווייטיקן).

**חודש** (כ ו י ד ע ש) — מאָנאַט. מערצאָל: **חדשים** (כ אַ ד אָ ש י ם).

**„חוה"** (כ אַ וו ע) — דאָ: אַ נאָמען פון אַ יידיש פאָלקס־ליד.

**חוזק** (כ ו י ז ע ק) — שפּאַט, געלעכטער: **חוזק מאַכן** — אָפּשפּעטן, אויסלאַכן. האָבן אַ פּנים (פּ אָ נ ע ם) פון חוזק — לעכערלעך זיין, זיין צו שפּאַט.

**חול־המועד** (כ אָ ל ע מ ו י ד) — וואָכעדיקער יאָנטעוו, האַלבער יאָנטעוו. די פיר מיטנטעג פון פייסעך און די פינף מיטנטעג פון סוקעס.

**חולאת** (כ ו י ל אַ אַ ס) — קרענק, קראַנקהייט, שלאַפקייט; שוואַכקייט.

**חומש** (כ ו מ ע ש) — די פינף ביכער פון דער טוירע; איינס פון די פינף ביכער פון דער טוירע.

**חופה** (כ ו פּ ע) — באַלדאַכין, אונטער וועלכן מע פירט דורך די כאַסענע־צערע־מאָניע. שטעלן אַ חופה — כאַסענע האָבן. מערצאָל: **חופות** (כ ו פּ ע ס).

**חוץ** — אויסער.

**חוקר ודורש** (כ ו י ק ע ר וו ע ד ו י ר ע ש) זיין — אויספאָרשן, נאָכפאָרשן, אונטערזוכן.

**חורבה** (כ ו ר וו ע) — רואינע; איינגעפאלן הויז.

**חורבן** (כ ו ר ב ן) — צעשטערונג, פּאַרוויסטונג, רואינירונג.

**חושים** (כ ו ש י ם) — עמפּינדונגען, געפילן; די פעיקייטן צו עמפּינדן. ער קוקט מיך אָן ווי אַ חושימדיקן — דאָ: ווי אַ צעטומלטן, ווי אַ מעשוגענעם.

**חוש־הריח** (כ ו ש ־ ה אָ ר יי ע ד) — שמעק־עמפּינדונג. דאָ געמיינט: די פעיקייט צו דערשמעקן, צו דערוויסן זיך.

**חושך** (כ ו י ש ע ד) — פינצטערניש; געפילדער, טומל; וויסט, איבערקערעניש; אָפּחושכן — אָפּפינצטערן די יאָרן; עס טוט זיך חושך — עס רודערט זיך, עס קערט זיך די וועלט; חושך ווי די ערד — זעט אוים שרעקלעך. **חושך ואפלה** (כ ו י ש ע ד וו ע א פ יי ל אָ) — גרוים פינצטערניש; וויסט איבער־קערעניש.

**חזיר** (כ אַ ז ע ר) — שוויין. באַצייכענונג פון זייער א קארגן מענטש. מערצאָל: חזירים (כ אַ ז יי ר י ם).

**חזן** (כ אַ ז ן) — פּאָרדאַוונער, זינגער אין די יידישע געבעט־הייזער. מערצאָל: חזנים (כ אַ ז אָ נ י ם).

**חזנות** (כ אַ ז אָ נ ע ם) — דער אמט, די פונקציע פון אַ כאַזן.

**חזרן** (כ אַ ז ע ר ן) — זאָגן, טאָן דאָס אייגענע נאָכאַמאָל.

**חי** (כ יי) געלעבט — פרייַלעך. א טענצל חי־חי — א פרייַלעכער טאַנץ.

**חי־וקים** (כ יי ־ וו ע ק א י ע ם) — לעבעדיק וועזן, מענטש; א טיטל פון א טפילע; באַצייכענונג פון גאָט. א פּראָסטער חי־וקים — אן איינפאכער, גרויער מענטש. כאָטש שריי חי־וקים — שריי צו גאָט, ד. ה., דאָס אומגליק איז אומ־געהייער גרוים.

**חיה** (כ יי ע) — פירפיסיק באַשעפעניש. מערצאָל: **חיות** (כ א י ע ם); **חיות** (כ י ע ם) — לעבן, דערקוויקונג, פארגעניגן.

**חילוק** (כ י ל ע ק) — אונטערשיד.

**חיים** (כ א י ם) **בער** — אַ נאָמען.

**חכם** (כ אָ כ ע ם) — קלוגער, געלערנטער. **חכם בלילה** (כ אָ כ ע ם ב אַ ל יי־ ל ע) — ווערטלעך: קלוגער ביינאכט. געמיינט: אַ נאַר. **חכם עתיק** (כ אָ כ ע ם א ט י ק) — ווערטלעך: אלטער כאָכעם, זייער קלוג. איראָניש: א נאר; חכם פון דער מה־נשתנה (מ אַ ־ נ י ש ט אַ נ ע) — איינער פון די פיר זין, וואָס ווערן דערמאָנט אין דער האגאָדע אויף פייסעך. געמיינט: אַ נאַר.

**חכמות** (כ אָ כ מ ע ם) — דאָ: וויצן, שפּאַסטרייבעריי, קאטאָוועסן.

**חכמענען** (כ אָ כ מ ע נ ע ן) **זיך** — זיך וויצלען, שפּאַס טרייבן.

**חלה** (כ א ל ע) — קוילעטש, ווייס געבעקס פון ווייצנמעל. מערצאָל: חלות (כ א ל ע ס). די גאַנצע חלה גייט אוועק איף א מוציא (מ ו י צ ע). געמיינט: די אויסגאבן שלינגען איין דאָס פארדינסט.

**חלול-השם** (כ י ל ע ל = ה אַ ש ע ם) — ווערטלעך: פארשוועכונג, שענדונג פון גאָטס נאָמען, פארשוועכונג פון א הייליקער זאך, פראָפאַנאַציע.

**חלום** (כ אָ ל ע ם) — זעונג אין שלאָף, אילוזיע, פאָרשטעלונג; טרוים אויף דער וואָר. געחלומט זיך — געדאכט זיך.

**חלילה** (כ אָ ל י ל ע) — באהיט זאָל מען ווערן. חלילה וחם (כ אָ ל י ל ע ו ע כאַם) — אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן.

**חלירע** (כ אָ ל י ע ר ע) — כאָליערע, אַ קראַנקהייט, אַ שלאַק.

**חלק** (כ יי ל ע ק) — טייל, פאָרציע, אָנטייל. מערצאָל: חלקים (כ אַ ל אָ ק י ם).
**חלק כחלק** (כ יי ל ע ק ק ע כ יי ל ע ק) — גלייך אויף גלייך.

**חלשות** (כ אַ ל אָ ש ע ס) — נישט-גוטקייט, אָנמאַכט, שוואכקייט, עקלדיק; פע, חלשות — עס עקלט, אז עס ווערט אזש נישט גוט; חלשות פאלן — אריינפאלן אין א צושטאַנד פון אָנמאַכט, שוואכקייט, נישט-גוטקייט.

**חלשן** (כ אַ ל ע ש ן) — אַריינפאַלן אין אַ צושטאַנד פון כאַלאָשעס; שטאַרק וועלן, אויסגיין נאָך עפּעס (חלשן אין טעאטער אריין); עס חלשט אים אונטער; טלית-קטן (ט א ל ע ס = ק אָ ט ן) — געמיינט: ס'איז אים געוואָרן נישט גוט, דאָס הארץ איז אָפּגעשוואכט געוואָרן.

**חן** (כ יי ן) — שיינקייט, רייץ, סימפאַטיע. חן-גריבעלעך — די גריבעלעך אין די באקן, וואָס גיבן צו רייץ.

**חנדלען** (כ יי נ ד ל ע ן) — אָנשטעלן, קאָקעטעריע.

**חנה** (כ אַ נ ע) — א נאָמען.

**חנוכה** (כ א נ ו ק ע) — יידישער רעליגיעזער יאָנטעוו צום אָנדענק פונעם מאקאבייער-אויפשטאַנד און זייער זיג.

**חניפה** (כ א נ י פ ע) — אונטערלעקעריי, זיסע פאלשע רייד. חנפהנען (כ אַ נ= פ ע נ ע ן) — אונטערלעקן זיך, פאלש לויבן.

**חס-וחלילה** (כ א ס ו ע כ אָ ל י ל ע) — אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן, נישט געשען זאָל עס. דאָס אייגענע: חס-ושלום (כ א ס ו ע ש אָ ל ע ם).

**חסיד** (כ אָ ס י ד) — פרומער; דער, וואָס גלייבט אין אַ גוטן יידן (ר ע ב ן); אָנהענגער. מערצאָל: חסידים (כ ס י ד י ם).

**„חסידל“** (כ אָ ס י ד ל) — אַ יידישער פאָלקס-טאַנץ.

**חסר-דעה** (כ אָ ס ע ר = ד יי ע) — אָן פארשטאַנד, אויסן זינען, מעשוגע.

**חסרון** (כ ע ס אָ ר ן) — פעלער, בלויז, מינוס. מערצאָל: **חסרונות** (כ ע ס ־ ר ו י נ ע ס).

**חצי** (כ אַ צ י) — העלפט. **חצי־דבור** (ד י ב ע ר) — א האלב וואָרט. **חצי שלי וחצי שלך** (כ אַ צ י ש ע ל י ו ע כ אַ צ י ש ע ל אָ ך) — העלפט מיינס, העלפט דיינס.

**חקירות** (כ ק י ר ע ס) — גריבלערייען, דאָס טיפע אריינטראכטן זיך.

**חרוב** (כ אָ ר ע ו) **זיין** — זיין פארביי, זייער קראנק.

**חרטה** (כ אַ ר אָ ט ע) **האָבן** — האָבן פאררדרוס אויף באגאנגענע פעלערן; באַנג טון, באדויערן.

**חרפה** (כ אַ ר פּ ע) — שאנד. מערצאָל: **חרפות** (כ אַ ר פּ ע ס).

**חשבון** (כ ע ש ב ע ן) — רעכענונג, דאָס רעכענען. מערצאָל: **חשבונות** (כ ע ש ־ ב ו י נ ע ס).

**חשק** (כ יי ש ע ק) — באגער, לוסט, גלוסטעניש, ווילן; פליים.

**חתונה** (כ א ס ע נ ע) — דאָס געזעצלעכע פארבונדן זיך פון מאן און פרוי; חתונה מאַכן די טאָכטער — אויסגעבן זי פאר א מאן; אין איבערגעטראָגענעם זין: גערודער, אומאָנגענעמלעכקייט; אומגליק. מערצאָל: **חתונות** (כ אַ ־ ס ע נ ע ס).

**חתמענען** (כ אַ ס מ ע נ ע ן) — אונטערשרייבן.

**חתן** (כ אָ ס ן) — פארקנאסטער; א יונגערמאן, וואָס האָט א כלה. **חתן־כלה** (כ אָ ס ן ־ ק א ל ע) — א באָכער מיט א מיידל נאָך די טנאָים.

## ט.

**טבע** (ט ע ו ע) — נאַטור, געוווינהייט, כאַראַקטער.

**טובה** (ט ו י ו ע) — געפעליקייט, גוטסקייט. מערצאָל: **טובות** (ט ו י ו ע ס).

**טודרוס** (ט אָ ד ר ע ס) — אַ נאָמען.

**טלית־קטן** (ט אַ ל ע ס ־ ק אָ ט ן) — לייבצודעקל. קיינער ווייסט נישט, וואָס עס טוט זיך אונטערן טלית־קטן — געמיינט: אין הארץ.

**טעות** (ט אָ ע ס) — פעלער, גרייז; נישט קיין ריכטיקער מיין; א פאלשע פאָר־שטעלונג. מערצאָל: **טעותים** (ט אָ א ו ס י ם).

**טעם** (ט אַ א ם) — אורזאך, מאָטיוו; געשמאק. מערצאָל: **טעמים** (ט אַ אַ ־ מ י ם). עס ליינט זיך אויפן טעם — עס שיקט זיך, עס קלעבט זיך, עס ליינט זיך אויפן סייכל.

טענה (ט יי נ ע) — פּאָדערונג, פּרעטענסיע, דערװידערונג; רייד, שמועס. זיך אויסטענהן — זיך צערעדן, צעשמועסן. מערצאָל: טענות (ט יי נ ע ס).

טפּש (ט י פּ ע ש) — נאַר.

טרחה (ט ע ר כ ע) — מי.

טריפה (ט ר יי פ ע) — דאָ: אומריין, שמוציק, מיאוס.

## י.

יד (י אַ ד) — האַנט (אין פּראַכטלעכן זין און אויך אין זין פון אַ פאַרגרעסערונג). מערצאָל: ידים (י אָ ד א י ם); זיך צוגעשלאָגן אַ יד — זיך געגעבן די האַנט, פאַרזיכערט; יד=אחת (י אַ ד = אַ כ אַ ס) מאַכן — איין האַנט, בונד שותּפעס, שטיין איינער פאַרן אַנדערנס אינטערעס.

ידיעה (י ע ד י ע) — מעלדונג, מיטטיילונג, װיסנגעניטקייט, באַהאַװנטקייט מערצאָל: ידיעות (י ע ד י ע ס).

יהודית (י ו ד ע ס) — נאָמען; דאָ: נאָמען פון דער העלדין אין דער פּיעסע „אוריאל אקאָסטאַ“.

יובל (י ו י װ ל) — געדענק=פייערונג, יובילײ; איין מאָל אין פופציק יאָר. איינמאָל אין אַ יובל — געמיינט: זייער זעלטן.

יודע=נגן (י ו י ד יי א = נ א ג יי ן) — זינגער, מוזיקער, שפּילער, מוזיק=קענער.

יודע=ספר (י ו י ד יי א = ס יי פ ע ר) — לערנער; דער, וואָס קען לערנען.

יון (י אָ װ ן) — שאָװיניסטישע באַצייכענונג פון אַ נישט=יידישן זעלנער, באַאמטן, פּאָליציאַנט. מערצאָל: יונים (י ע װ אָ נ י ם); געטראָגן, געטראָגן — און אַװעקגעגעבן דעם יון, — אַזוי האָט געקלאָגט אַ יידישע מוטער אין די צאַרישע צייטן, אַז מע האָט ביי איר אַװעקגענומען דעם זון צו די זעלנער.

יוכבד (י ו י כ ע װ ע ד, י אָ כ װ ע ד) — נאָמען.

יום=טוב (י אָ נ ט ע װ) — פייערטאָג, פייערונג, פייערלעכער טאָג; יום=טובדיק — פייערלעך, פריילעך געשטימט. מערצאָל: יום=טובים (י אָ נ ט ו י װ י ם); יום=טובדיקע פּאַפּיראָסן: אויסערגעװיינלעכע, טייערע פּאַפּיראָסן.

יוסף (י אָ ס ע ף) — ביבל=פּערסאָנאַזש. יוסף הצדיק (ה א צ אַ ד י ק) — יוסף דער גערעכטער, דער פרומער.

יוצא (י ו י צ ע) זיין — דערפילן די פליכט; אויסקומען פאַר מענטשן; פון יוצא װעגן — נישט מיטן גאַנצן האַרץ; לעפּאָנים.

„יום גילה, יום רינה, יום דיצה, יום חדוה, גילה, רינה, דיצה, חדוה, אהבה ואחוה“ (י ו י ם ג י ל ע, י ו י ם ר י נ ע, ד י צ ע, כ ע ד ו ו ע, א ה א ו ו ע ו ו ע א כ ו ו ע) — אַ זאַץ פון אַ טפילע, די ווערטער־סינאָנימען באַדייטן: א טאָג פון פרייד, געזאַנג און ליבשאַפט.

יושר (י ו י ש ע ר) — גערעכטיקייט; גלייך, ריכטיק; רעכט.

יחוס (יי כ ע ס) — אָפּשטאַם; פּיינע, הויכע אָפּשטאַמונג; פאַמיליע־שטאָלץ; אַריסטאָקראַטישקייט.

יחיאל (י ע כ י ע ל) — אַ נאָמען.

ים (י אַ ם) — אַ גרויס וואַסער, וואָס איז פאַרבונדן מיטן אָקעאַן. מעטאַפאָריש: גרויסע מאָס, צאָל, אָן א שיעור.

ימח־שמו (יי מ א ך ־ ש ע מ ו י) — אָפּגעמעקט זאָל ווערן זיין נאָמען — אַזאַ שעלטונג, קלאָלע. ימח שמו וזכרו (יי מ א ך ש ע מ ו י ו ו ע ז י כ ־ ר ו י) — אָפּגעמעקט זאָל ווערן זיין נאָמען און זיין אָנדענק.

ימח־שמוניק (יי מ א ך ־ ש ע מ ו י נ י ק) — אַ פאַרדאָרבענער מענטש.

ימים־נוראים (י אָ מ י ם ־ נ ו י ר אָ י ם) — באַצייכענונג פון די צען טעג פון ראָשעשאָנע ביז יאָנקיפּער.

יסורים (י ע ס ו ר י ם) — ערגערניש, זאָרגן, אגמעס־נעפעש; ווייטיקן, שמערצן.

יעקב אבינו (י א נ ק ע ו ו אָ ו ו י נ ו) — אונדזער פאָטער יאנקעוו, ביבלישער פאַטריאַרך.

יפהפיה (י ע פ ײ פ י ע) — גאָר א שיינע, שיינהייט. איראָניש: נישט קיין שיינע, העסלעכע.

יציאת־מצרים (י ע צ י א ס ־ מ י צ ר א י ם) — בוכשטעבלעך: דאָס ארויס־גיין פון די יידן פון עגיפּטן; מעטאַפאָריש: ווונדער; „יציאת־מצרים“ — נאָמען פון אַן אַלטער יידישער פּיעסע.

יצר־הרע (י ע צ ע ר ־ ה אָ ר ע) — פאַרפירער, פאַרפירערישער גייסט, וואָס רעדט אָן צו שלעכטס; דער שלעכטער ווילן; לוסט; גייציקייט; שלעכטע ליידנשאַפט.

ירגזון (יי ר ג אָ ז ן) — צאָרן; שטרענג, בייזלער.

ירושה (י ע ר ו ש ע) — פאַרמעגן, וואָס בלייבט נאָך א געשטאָרבענעם; אויך גייסטיקע פעיקייטן איבערגענומען פון עלטערן. מערצאָל: ירושות (י ע ר ו ־ ש ע ס).

יריד (י א ר י ד) — מארק־טאָג, גרויסער שומל, גערודער; ער האָט אים פירגע־זאָגט א יריד אויפן הימל — אַן אוממעגלעכע זאַך.

**ירשענען** (י א ר ש ע נ ע ן) — באקומען א יערושע; איבערנעמען א מאטע־ריעל פארמעגן אָדער גייסטיקע פעיקייטן.

**ישראל** (יי ס ר אָ ע ל) — א נאָמען.

**יתגדל ויתקדש** (יי ס ג א ד ל ו ע יי ס ק א ד ע ש) — די ערשטע ווערטער פון קדיש (ק א ד ע ש), פון דער תפילע, וואָס מע זאָגט נאָך א געשטאָר־בענעם. דאָ געמיינט: נו, געפאָרן זאָל ווערן.

**יתום** (י אָ ס ע ם) — א ייִנגל, וואָס זיין פאָטער אָדער מוטער זענען געשטאָרבן. מערצאָל: יתומים (י ע ס ו י מ י ם).

**יתומה** (י ע ס ו י מ ע) — דאָס אייגענע וואָס „יתום" אין באצוג צו א מיידל. מערצאָל: יתומות (י ע ס ו י מ ע ס).

**יתור** (יי ס ע ר) — ווערטלעך: איבערבלייבעניש, רעשטל, באצייכענונג פון דעם רעשטל שטאָף, וואָס בלייבט איבער ביים שניידער.

**יתר שאת** (י ע ס ע ר ס ע א יי ס) — דאָ: נאָך מיט א צולאָג, מער וויפל מע באדארף.

## כּ.

**כאור** (ק ע אָ ר) — ווי ס'ווערט ליכטיק, באגינען, פרימאָרגן.

**כבוד** (ק אָ ו ע ד) — אכטונג, ערע, רעספעקט; רום.

**כדאי** (ק ע ד א י) — ס'לוינט זיך, ס'איז ווערט.

**כדומה** (ק ע ד ו י מ ע) — דעסגלייכן; אשטייגער; כדומה־למשל (ק ע ד ו י מ ע־ל עמ אָ ש ל) — צום ביישפיל, אשטייגער.

**כהרף־עין** (ק ע ה ע ר ע ף־א א י ן) — אין איין אויגנבליק.

**כהן** (ק ו י ה ע ן) — פריסטער אמאָל אין יידישן ביים־האמיקדעש; דער, וואָס ציט זיין אָפשטאַם פון די כהנים (ק ו י ה א נ י ם); באצייכענונג פון א הי־ציקן מענטש. מעטאפאָריש: א קאַאַסן. ארויסווייזן דעם כהן — ווערן אין קאַאַס.

**כוונה** (ק א ו ו אָ נ ע) — מיין, ציל; קאָנצענטרירונג. מערצאָל: כוונות (ק א־ו אָ נ ע ס).

**כזב ושקר** (ק אָ ז ע ו ו ע ש ע ק ע ר) — פאלש און ליגן.

**כח** (ק ו י ע ך) — קראפט, שטאַרקייט; מי; מאכט; אָנשטרענגונג. מערצאָל: כוחות (ק ו י כ ע ס). זיך אָנטאָן א כוח — אָנצולייגן מי.

כח־הדם (קויעד־האַדאַם) — ווערטלעך: די קראַפֿט פֿון בלוט. געמיינט: טעמפּעראַמענט, צעשפּילטקייט פֿון בלוט.

כי יבער כמעט אפּו (קי יעוואָער קימאַט אַפּוי) — אַ זאַץ פֿון טילים: אַז עס וועט ברענען זיין צאָרן. אין העברעיש „אפּו" אויך דער טייטש: זיין נאָז. פֿון דעם דאָ דער וואָרט־שפּיל: עס זאָל דיר אָראָפּ די נאָז.

כיבוד (קיבעד) — דאָ: אויפֿנאַמע.

כך־הוה (קאַד־האַוועַ) — אַזוי איז געווען, געשען.

כך־וכך (קאַד־וועקאַד) — אַזוי און אַזוי, אַזויפֿיל און אַזויפֿיל.

כל־בוניק (קאָל־בויניק) — וואָס אין דער קאָרט, שאַרלאַטאַן; אַ מענטש, וואָס איז פֿעיק צו אַלצדינג.

כל השבועות שבעולם (קאָל האַשוואָעס שעבאָאוילעם) — אַלער־ליי שווערעכצן, וואָס ס'איז נאָר פֿאַראַן.

כל־זמן (קאָל־זמאַן) — ווי לאַנג, אַזוי לאַנג ווי...

כל־טוב (קאָל־טוּוו) — אַלדאָס גוטס, פֿון אַלעם גוטן.

כל־ימיו (קאָל־יאָמאָוו) — אַלע זיינע יאָרן, זיין גאַנץ לעבן.

כל מלכי מזרח ומערב (קאָל מאַלכיי מיזרעד אומאַרעוו) — אַלע קעניגן פֿון דער גאַנצער וועלט.

„כל מקדש שביעי כראוי לו" (קאָל מעקאַדעש שעוויאי קאָראָאוו לוי) — ווער עס הייליקט דעם זיבעטן טאָג, ווי עס געהער צו זיין. די ערשטע ווערטער פֿון פּרייטיקצונאַכטסעדיקע זמירעס. כל־מקדשל (קאָל־מע־קאַדעשל) — פֿאַרצערטלט פֿונעם נאָמען פֿון אַ פּרייטיקצונאַכטסעדיק קאַפּיטל זמירעס.

כל עבודת פּרך (קאָל אַוווידאַס פּערעד) — די שווערסטע אָרבעט.

כלה (קאַלע) — פֿאַרקנאַסטע; אַ מיידל, וואָס האָט אַ כאָסן. מערצאָל: כלות (קאַלעס).

כלומרשט (קלוימערשט) — קלאָמפּערשט; אַזוי צו זאָגן, גלייך ווי, מיט אַן אָנשטעל; אָפּנאַרנדיק.

כלחוך השור (קילכויד האַשאָר) — דאָ: באַגינען, פֿאַרטאָג, גאַנץ פֿרי.

כלי־זמר (קלעזמער) — שפּילער, מוזיקאַנטן אויף יידישע כאַסענעס. מער־צאָל: כלי־זמרים (קלעזמאָרים).

כלי (קיילע) — געשיר; וועדקצייג, אינסטרומענט; מאַכשיר. מערצאָל: כלים (קיילעם). עס וואַקסט אַ כלי — עס וואַקסט אַ מענטש מיט טאַלאַנט; אַרבעטן אויף (מיט) אַלע כלים — אַרבעטן אָנגעשטרענגט, אינטענסיוו, שווער;

אַרויס פון די כּלים — זײַן אויסער זיך, אויפגערעגט, איבערראַשט, פאַרלירן דאָס גדולד; אָנשטעלן די כּלי — דאָ: דעם האַלדז; באַהאַלטן מיט כּלים — באַהאַלטן אַ טויטן מיט אַלע מאַכשירים, וואָס די כעוורע־קאַדישע באַנוצן דערבײַ.

כּלל (קלאַל) — דאָ: פּרינציפּ.

כּמה וכמה (קאַמע וועקאַמע) — פון כּמה וכמה יאָרן — פון לאַנגע יאָרן אָן.

כּמו (קמוי) — אַזוי ווי, גלײַך ווי, ענלעך; ערזאַץ.

כּמעט (קימאַט) — שיר, נאָענט צו דער פולקאָמער צאָל.

כּסדר (קעסיידער) — אָן אויפהער, נאָכאַנאַנד.

כּסף וזהב (קעסעף וועזאָהאָוו) — גאָלד און זילבער; כּסף וזהב זענען טײַערע ממזרים — פאַרגרייזט פון אַ טאַלמודישן אַפאָריזם: כּסף וזהב מטהר ממזרים (קעסעף וועזאָהאָוו מעטאַהאַר מאַמזיירים) — גאָלד רייניקט, מאַכט צו גוט אַפילו מאַמזיירים.

כּעס (קאַאַס) — צאָרן, פאַרדרוס, אויפרעגונג.

כּעסן (קאַאַסן) — אַ מענטש, וואָס פאַלט לײַכט אַרײַן אין צאָרן.

כּף־הקלע (קאַף־האַקעלע) — לויטן רעליגיעזן אַבערגלויבן, אַ שטראָף פאַר די זינדיקע אויף יענער וועלט; גיהנום.

כּפול־שמונהדיק (קאָפּל־שמוינעדיק) — ווערטלעך: אַכטפאַכיק. גע־מיינט אַ סך און שטאַרק.

כּפּרה (קאַפּאָרע) — ווערטלעך: פאַרגעבונג, אויסלייזונג. געמיינט: דאָס אַלץ, וואָס ווערט בײַ רעליגיעזע ייִדן געקוילעט ערעוו־יאָנקיפּער אַלס אויסלייזונג פאַר זייערע זינד; די כּפּרה זאָלסטו ווערן — אַזאַ שעלטונג: דו זאָלסט אַזוי אומקומען, ווי די כּפּרה הון; ווערן די כּפּרה נאָך עמעצן — אויסגיין נאָך עמעצן; טויגן אויף כּפּרות (קאַפּאָרעס) — נישט טויגן צו גאָרנישט; דאַרפן אויף כּפּרות — איבעריק זײַן; כּפּרות שלאָגן — אַוועקוואַרפן, ווי אַן איבעריקע, אומנוצלעכע זאַך; כּפּרה־הינדל — דער, וואָס ווערט געשלאָגן, קומט אָפּ פאַר פרעמדע זינד.

כּשוף (קישעף) — צויבער; כּשופמאַכער — דער, וואָס מאַכט צויבער.

כּשר (קאָשער) — ריטואַל דערלויבט; ריכטיק; ריין, ערלעך. אַ כּשרער טאָפּ מיט אַ כּשרן לעפל — געמיינט: די זאַך גייט גאַנץ גלאַט און מ׳האָט נישט קיין שאלה (שאַלע) צו מאַכן; כּשר לעמעלע — אומשולדיק שעפעלע, אַ נעבעך (איראָניש).

כּתריליק (קאַסריליק) — אַן אָרעמאַן, אַ קאַבצן.

# ל.

לאַ־די (ל ו י ־ ד אַ י) — נישט געגוג, נאָך ווייניק וואָס....

לא יזכר ולא יפקד (ל ו י  י י ז אָ כ ע ר  וו ע ל ו י  י י פּ אָ ק ע ד) — נישט גע־דאַכט זאָל עס ווערן.

לא מעוקצך ולא מדובשך (ל ו י  מ ע א ו ק צ ע ד  וו ע ל ו י  מ י ד ו וו ש ע ד) — איך וויל נישט דיין בים און וויל נישט דיין האָניק. געמיינט: טו מיר נישט קיין טויווע, און טשעפּע זיך אָפּ.

לאַ־עליכמדיק (ל ו י ־ אַ ל י י כ ע מ ד י ק) — נישט מיט אַלעמען, נישט ביים בעסטן געזונט.

לאמי היקרה הצנועה מרת שרה־ברכה שתחי' ולאחותי היקרה הצנועה מרת זלאַטקע שתחי' (ל ע א י מ י  ה אַ י ע ק אָ ר אָ  ה אַ צ נ ו ע  מ אָ־ר אַ ס  ס אָ ר ע ־ ב ר אָ כ ע  ש ע ט י כ י ע  א ו ל אַ כ ו י ס י  ה אַ י ע־ק אָ ר אָ  ה אַ צ נ ו ע  מ אָ ר אַ ס  ז ל אַ ט ק ע  ש ע ט י כ י ע) — צו מיין טייערע, פרומער מאַמע די האַרנטע (אַ טראַדיציאָנעלער טיטל פאַר אַ פרוי פון אַן אָנגעזעענער פאַמיליע) סאָרע־בראָכע זאָל לעבן און צו מיין טייערע, פרומער שוועסטער די האַרנטע זלאַטקע זאָל לעבן.

לארצנו (ל ע אַ ר צ י י נ ו) — צו אונדזער לאַנד.

לבנה (ל ע וו אָ נ ע). לבנה־פּנים (פּ אָ נ ע ם) — אַ בלייך, קיילעכדיק פּאָנעם.

להכעים (ל ע ה אַ כ ע ס) — צום פאַרדרוס; צולהכעים — אויף צו ערגערן עמעצן.

לוויה (ל ע וו אַ י ע) — טרויער־צוג; דאָס באַגלייטן אַ געשטאָרבענעם צו זיין אייביקער רו.

לויתן (ל י וו י אָ ס ן) — לעגענדאַרער פיש, וואָס איז צוגעגרייט פאַר די פרומע אויף יענער וועלט (לויט דער רעליגיעז־מיסטישער פאָרשטעלונג); וואַלפיש.

לחיים! (ל ע כ אַ י ע ם) — צום לעבן, צום געזונט (ווונטש־אויסדרוק ביים טרינ־קען וויין, בראָנפן); לחיים נעמען, טרינקען; מאַכן אַ לחיים — אויסטרינקען, מאַכן אַ שנאַפּס.

לחלוטין (ל אַ כ ל ו ט י ן) — אינגאַנצן, אַבסאָלוט.

לכבוד (ל ע ק אָ וו ע ד, ל י כ וו ו י ד) — צוליב; צו ערן עמעצן, אָדער עפּעס.

לכן (ל אָ כ י י ן) — דעריבער.

לכתחילה (ל ע כ אַ ט כ י ל ע) — צוערשט, אין אָנהייב, פון פאָרויס.

למאי (ל ע מ אַ י) — פאַרוואָס, צו וואָס, נאָך וואָס.

למדן (ל אַ מ ד ן) — קענער פון דער אַלטער רעליגיעזער ליטעראַטור; אַ קענער. אַ געשטאָפּטער למדן, וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט טוירע, נאָר קען זי נישט אַרויסווייזן.

למזל (ל ע מ אַ ז ל) — מיט גליק.

למה רגשו גויים? (ל אָ מ אָ ר אָ ג ש ו ג אָ י ם) — אַ זאַץ פון טילים: פאַרוואָס רודערן די פעלקער? דאָ געמיינט: וואָס האָט מען זיך צערעדט? צו וואָס דאָס רוישן, רודערן?

למען־השם (ל ע מ אַ נ ה אַ ש ע ם) — פון גאָטס וועגן; אומבאַדינגט.

למר גלותנו (ל ע מ אַ ר ג אָ ל ו ס יי נ ו) — צו אונדזערן ביטערן גלות (ג אָ ל ע ס) — ליידן, וואָגלעניש.

למשל (ל ע מ אָ ש ל) — צום ביישפּיל.

לעזאזל (ל אַ ז אָ ז ל) גיין — גיין צו אַלדי טייוול; זיך אָפּטראָגן.

לערך (ל ע ע ר ע ד) — אומגעפער, מער־ווייניקער, ביי, אַרום.

לעת־עתה (ל ע ס אַ ט ע) — דערווייל, פּאָרלויפיק.

לץ (ל ע ץ) — וויצלער, קאַטאָוועס־טרייבער; שעד, וואָס טוט אָפּ פאַרשידענע שפּיצלער; לצוועןן (ל ע צ ע וו ע ן) — טרייבן שפּאַס; אָפּשפּאָטן. מערצאָל: לצים (ל יי צ י ם) — נישט־גוטע.

לשון (ל אָ ש ן) — צונג; שפּראַך; דאָס רעדן; געב לשון — עפן דאָס מויל און רעד; לשון־בקשה (ל אָ ש ן ־ ב אַ ק אָ ש ע) — געבעט־שפּראַך, בעטנדיק.

לשון־הרע (ל אָ ש ן ־ ה אָ ר ע) — שלעכטע רייד, באַרעדעריי, פּליאָטקע.

לשון סגי־נהור (ל אָ ש ן ס אַ ג י ־ נ אָ ה ע ר) — פאַרשטעלטע שפּראַך; ריידאַרט, וואָס זאָגט דאָס פאַרקערטע פון דעם, וואָס מע מיינט.

לשון־קודש (ל אָ ש ן ־ ק ו י ד ע ש) — הייליקע שפּראַך; העברעיש.

## מ.

מאיר (מ יי ע ר) — אַ נאָמען.

מבין (מ יי וו ן) — זאַך־קענער, דער וואָס פאַרשטייט. מערצאָל: מבינים (מ ע וו י נ י ם).

מבינות (מ ע וו י נ ע ס) — זאַך־קענטשאַפט; מבינות זאָגן — אָפּשאַצן, זאָגן אַ מיינונג.

מגולגל (מ ע ג ו ל ג ל) ווערן — פֿאַרוואַנדלט ווערן; פֿאַרוואָרפֿן ווערן; פֿאַר־וואָגלט ווערן פֿון איין אָרט אין צווייטן; פֿאַרטראָגן ווערן.

מגושם (מ ע ג ו ש ע ם) — פֿאַרגרעבטער; פּראָסטער; וווּלגאַרער; באַלייבטער; מגושמדיק — פֿאַרגרעבט.

מגזם (מ ע ג אַ ז ע ם) זיין — איבערטרייבן.

מגע־ומשא (מ אַ ג ע ־ מ אַ ס ע) האָבן — האָבן געשעפֿטן מיט עמעצן; קומען אין קאָנטאַקט, אין באַרירונג; באַציונג.

מגפֿה (מ אַ ג ײ פֿ ע) — עפּידעמיע; אַ וויסטע בראָך. מערצאָל: מגפֿות (מ אַ־ג ײ פֿ ע ם).

מהאי־טעמא (מ ע ה אַ י ־ ט אַ מ ע) — צוליב דעם דאָזיקן מאָטיוו, צוליב דעם טאַקע.

מהיכי־תּיתי (מ אַ כ ט י י ס ע) — זאָל זיין אַזוי; ס'איז רעכט; פֿאַרוואָס דען נישט; מיט פֿאַרגעניגן.

מודה (מ ו י ד ע) זיין — אָנערקענען, זאָגן דעם עמעס.

מודה־אני (מ ו י ד ע ־ אַ נ י) — ערשטע ווערטער פֿון אַן אינדערפֿריאיקער טפֿילע.

מודיע (מ ו י ד י ע) זיין — צו וויסן טאָן, מעלדן, באַקאַנט מאַכן.

מוחל (מ ו י כ ל) זיין — דאָ: שענקען.

מוסר (מ ו ס ע ר) — שטראָף־רייד, מאָראַל. מוסר אַראָפּנעמען — זיך אָפּלערנען, זיך נעמען אַ ביישפּיל.

מוצלח (מ ו צ ל ע ד) — באַגליקטער, דער, וואָס דאָס גליק שפּילט אים צו.

מורא (מ ו י ר ע) — שרעק. מוראדיק גרויס — געוואַלדיק גרויס.

מזוזה (מ ע ז ו ז ע) — אויפֿשריפֿט אויף פּאַרמעט, צוגעקלאַפּט אויף די טירן פֿון פֿרום־יידישע הייזער, וואָס די רעליגיעזע יידן קושן זי ביים קומען און אַוועק־גיין פֿון זייערע שטיבער; אַ באַלעבאָסטע אַ מזוזהלע — וואָס איז ווערט זי אויסצוקושן און איז גאָר נישט אַזאַ הייליקע (איראָניש).

מזומן, מזומנים, מזומענע מטבע (מ ע ז ו מ ע ן, מ ע ז ו מ אָ נ ע ם, מ ע ז ו־מ ע נ ע מ אַ ט ב י ע) — באַר־געלט, קאַסע־געלט.

מזיק (מ אַ ז י ק) — פֿלינקער, געשיקטער, בעריע. מערצאָל: מזיקים (מ אַ ז י־ק י ם) — דאָ: שאָדנמאַכער, טייוולאָנים.

מזכה (מ ע ז אַ ק ע) זיין — באַערן, באַשענקען, באַגלייטן.

מזל (מ אַ ז ל) — שיקזאַל; באַשערטקייט; גליק; מאַראָכע.

מזל־טוב (מ אַ ז ל ־ ט אָ ו) — גוט מאַזל; אַ ווונטש־פֿאָרמולע. דאָס אייגענע: מזל־ברכה (ב ר אָ כ ע).

מח (מ ו י ע ד) — קאָפּ, געהירן. מערצאָל: מוחות (מ ו י כ ע ס).

מחויב (מ ע כ ו י ע װ) — פאַרפּליכטעט.

מחותן (מ ע כ ו ט ז) — פאָטער אָדער נאָענטער קאָרעװ פון כאָסן=קאַלע; באַפריינדעטער, אייגענער, נאָענטער; קנאַפּער מחותן — געהער זיך נישט אָן, האָט נישט קיין געמיינזאַמעס; אַ פּנים (פּ אָ נ ע ם) פון אַ מחותן — אויפגעלייגט. מערצאָל: מחותנים (מ ע כ ו ט אָ נ י ם).

מחיה (מ ע כ אַ י ע) — דערקוויקונג, פרייד, פאַרגעניגן.

מחילה (מ ע כ י ל ע) — האָט נישט פאַריבל, אַנטשולדיקט; מחילה בעטן — בעטן אַנטשולדיקונג.

מחלוקת (מ אַ כ ל ו י ק ע ס) — קריגעריי, צאַנקעריי.

מחמת (מ אַ כ מ ע ס) — ווייל.

מחק (מ ע כ אַ ק) מאַכן — צונישט מאַכן, צעטרענצלען.

מחשבה (מ אַ כ ש אָ װ ע) — געדאַנק, מיין. מערצאָל: מחשבות (מ אַ כ ש אָ װ ע ס).

מטבע (מ אַ ט ב י י ע) — געלט=שטיק. מערצאָל: מטבעות (מ אַ ט ב י י ע ס).

מטה (מ י ט ע) — טראָג=בעטל פאַר אַ טויטן.

מטהר=חזירים (מ ע ט ײ ע ר = כ אַ ז י י ר י ם) זיין — ווערטלעך: רייניקן כאַזיירים. געמיינט: באַרעכטיקן אומגערעכטיקייטן.

מטריח (מ אַ ט ר י ע ד) זיין — באַמיען.

„מי באש ומי במים“ (מ י ב אָ א י י ש א ו מ י ב אַ מ אַ י ם) — ווער עם וועט אומקומען דורך פייער און ווער דורך וואַסער. אַ זאַץ פון אַ ראָשעשאָנעדיקער און יאָנקיפּערדיקער טפילע.

מי=יודע (מ י = י ו י ד י י ע) — ווער ווייסט.

מיאוס (מ י ע ס) — העסלעך; נישט שיין.

מיוחס (מ ע י ו כ ע ס) — אָפּשטאַמיקער פון אַן אָנגעזעענער פאַמיליע; פּריווילעגירטער; פאַרריסענער. מערצאָל: מיוחסים (מ ע י ו כ אָ ס י ם).

מילא (מ י י ל ע) — נו, זאָל זיין.

מימרא (מ ע מ ר ע) — סענטענץ, זאָגעכץ, גאָכזאָגעכץ; ווערסיע. מערצאָל: מימרות (מ ע מ ר ע ס).

מין (מ י ן) — סאָרט; אַרט. מערצאָל: מינים (מ י נ י ם).

מישב (מ ע י אַ ש ע װ) זיין זיך — זיך באַטראַכטן, זיך באַרעכענען, זיך באַקלערן, זיך איבערלייגן.

מיתה־משונה (מ י ס ע ־ מ ע ש ו נ ע) — אומנאַטירלעכער טויט, שוידערלעכער טויט. מיתה־מהומה (מ י ס ע ־ מ ע ה ו מ ע) — פאַרגרייזט פונעם וואָרט: מיתה־משונה.

מכבד (מ ע כ אַ ב ע ד) זיין — באַערן, אויפנעמען מיט קיבעד; דערלאַנגען אַ פּאַטש, אַ קלאַפּ אד״גל.

מכה (מ אַ ק ע) — בלאָטער, געשוויר; אומגליק, בראָך. מערצאָל: מכות (מ אַ ק ע ס). עסט אַליין מכות — עסט גאָרנישט. האָט געהאַט מכות — געהאַט קרענק און ווייטיק.

מכות־בכורות (מ אַ ק ע ס ־ ב כ ו י ר ע ס) — לויט דער לעגענדע זענען די עגיפּ־טער באַשטראָפט געוואָרן פאַרן נישט וועלן אַרויסלאָזן די יידן פון מצרים (מ י צ ר אַ י ם) מיטן אויסשטאַרבן פון זייערע עלטסטע זין — די בכורים (בכור — ערשטער זון). דאָ: אַ קרענק, גאָרנישט; מכות דערקענען — אַ פייג דערקענען.

מכח (מ י ק ו י י ע ד) — וועגן; מכח תכלית (ט אַ כ ל ע ס) — וועגן אַ צוועק.

„מכירת־יוסף“ (מ ע כ י ר אַ ס ־ י אָ ס ע ף) — נאָמען פון אַ פורים־שפּיל.

מכשף (מ ע כ אַ ש ע ף) — דער, וואָס קען צויבערן; קישעפמאַכער. מערצאָל: מכשפים (מ ע כ אַ ש פ י ם).

מכשפה (מ אַ כ ש י פ ע) — קישעפמאַכערין; בייזע פרוי; קאָרטנוואַרפערקע.

מלא כעס וחימה (מ אָ ל ע כ אַ אַ ס וו ע כ י י מ ע) — פול מיט צאָרן, מיט קאַאַס.

מלא־שמחה (מ אָ ל ע ־ ס י מ כ ע) — זייער פריילעך.

מלאך (מ אַ ל ע ד). אין איבערגעטראָגענעם זין: זייער אַ גוטהאַרציקער מענטש. מערצאָל: מלאכים (מ אַ ל אָ כ י ם).

מלאך־המות (מ אַ ל ע ד ־ ה אַ מ אָ וו ע ס) — מלאך פון טויט.

מלאכה (מ ע ל אָ כ ע) — אַרבעט, פאַך, פּראָפעסיע, האַנטווערקעריי. מערצאָל: מלאכות (מ ע ל אָ כ ע ס).

מלבוש (מ אַ ל ב ע ש) — קלייד; בעגעד. מערצאָל: מלבושים (מ אַ ל ב ו ש י ם)— אָנטועכץ, קליידונג; בגאָדים.

מלחמה (מ י ל כ אָ מ ע) — קריג, קאַמף. מערצאָל: מלחמות (מ י ל כ אָ מ ע ס).

מליץ (מ יי ל י ץ) — פאַרטיידיקער, גוט־זאָגער, פאַרענטפערער. מליץ־יושר (מ יי ל י ץ ־ י ו י ש ע ר) — דאָס אייגענע וואָס „מליץ“ — דער, וואָס נעמט זיך אָן פאַר עמעצן.

מלך (מ ע ל ע ד) — קעניג. מערצאָל: מלכים (מ ע ל אָ כ י ם).

מלמד (מ ע ל אַ מ ע ד) — לערער פון אַ רעליגיעזן כיידער. מערצאָל: מלמדים (מ ע ל אַ מ ד י ם).

מלמדות (מ ע ל אַ מ ד ע ס, מ ע ל י מ ד ע ס) — דאָס רעליגיעזע לערעריי, דאָס פאַך פון מעלאַמעד.

מ"ם (מ ע ם) — דער דרייצנטער בוכשטאַב (מ) פונעם יידישן און העברעישן אַלפאַבעט.

ממה=נפשך (מ י מ אָ נ ע פ ש ע ד) — אָדער—אָדער, איינס פון דיביידע; סיוויי; אונטער יעדן פאַל.

ממזר (מ אַ מ ז ע ר) — אומגעזעצלעך קינד לויטן רעליגיעזן געזעץ; כיטרער, דורכגעטריבענער מענטש; קלוגער, געשיקטער; בעוורעמאַן; מינדערווערטיקער. מערצאָל: ממזרים (מ אַ מ ז י י ר י ם); ממזר=קלוג — זייער קלוג; ממזרישע אויגן — שעלמישע, קלוגע, פייערדיקע אויגן.

ממש (מ אַ מ ע ש) — פאַקטיש, ווירקלעך, טאַקע, בוכשטעבלעך; קאָנקרעט; איינדערעמעסן; ממש כלות הנפש (מ אַ מ ע ש ק אַ ל ו י ס ה אַ נ ע פ ע ש) — עס גייט פאָשעט אויס די נעשאָמע, דאָס האַרץ.

ממשות (מ אַ מ אָ ש ע ס) — רעאַלקייט, קאָנקרעטקייט; ווערט; וואָס איז אָנצוטאַפּן.

מן=הצד (מ י ן = ה אַ צ אַ ד) — פון דער זייט.

מן=הסתם (מ י ן = ה אַ ס ט אַ ם) — וואָרשיינלעך.

מנגן (מ ע נ אַ ג ן) — זינגער, מוזיק=קענער.

מניה=וביה (מ י נ י י = א ו ב י י) — בליץ=שנעל, אין איין מינוט; דערווייל.

מניעה (מ ע נ י ע) — שטערונג, אָפּהאַלט. מערצאָל: מניעות (מ ע נ י ע ס).

מנצח (מ ע נ אַ צ י י ע ד) זיין — באַזיגן, אָפּהאַלטן אַ זיג.

מסירת=נפש (מ ע ס י ר ע ס = נ ע פ ע ש) — טריישאַפט, איבערגעגעבנקייט; זעלבסט=אויפאָפּפערונג; דאָס שטעלן דאָס לעבן אין געפאַר.

מסכים (מ אַ ס ק י ם) זיין — איינשטימיק זיין, באַשטיין, נאָכגעבן.

מסרן (מ אַ ס ע ר ן) — צוטראָגן, אָנקלאָגן, דענונצירן.

מסתמא (מ י ס ט אָ מ ע) — געווים, וואָרשיינלעך.

מעלה (מ י י ל ע) — גוטע אייגנשאַפט; פאָרצוג. מערצאָל: מעלות (מ י י ל ע ס).

מענה=לשון (מ אַ נ ע = ל אָ ש ן) — גרוים מויל, געשליפן צינגל; באַרעדעוודיקייט; אַרויס מיט אַ מענה=לשון — אַרויס מיט דער עמעסער שפּראַך (איראָניש).

מעשה (מ י י ס ע, מ אַ נ ס ע) — פּאַסירונג; דערציילונג; געשעעניש. מערצאָל: מעשות (מ י י ס ע ס, מ אַ נ ס ע ס). מעשה=בעל=הבית (ב אַ ל ע ב אָ ס) —

ווי אַ באַלעבאָס; מעשה־מענטש — לייטיש; מעשה־שטן (ס אָ ט ן) — צום אומגליק; אַ מעשה זיך אָנטאָן — זיך נעמען דאָס לעבן.

מעשים (מ י י ס י ם, מ אַ נ ס י ם) — טאַטן, טואונגען; מעשים אַרבעטן — טאָן אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך, מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען, קערן וועלטן; מעשים־טובים (מ י י ס י ם ־ ט ו י ו ו י ם) — גוטע טאַטן.

מפטיר (מ אַ פ ט ע ר) — דאָס אויפרופן צו דער טוירע צום שלוס פון לייענען שאַבעס און יאָנטעוו. דאָס דאָזיקע אויפרופעניש איז יאַכסאָניש; זיך קויפן מפטיר — אַריינפאַלן אין אַ שלעכטן אייסעק.

מפקיר (מ אַ פ ק ע ר) זיין — אַוועקוואַרפן, איבערלאָזן אויף הפקער, אויף גאָטס באַראָט; מפקיר זיין זיך — איינשטעלן דאָס לעבן.

מצה (מ אַ צ ע) — פלעצל פון נישט געזייערטן טייג אויף פייסעך. מערצאָל: מצות (מ אַ צ ע ס).

מצווה (מ י צ ו ו ע) — רעליגיעזער געבאָט; ווילטאַט, גוטע טאַט; אַ מצווה! — גוט אַזוי! גאַנץ גלייך! פאַרדינט אַ מצווה — דערפילט אַ רעליגיעזן געבאָט; געטאָן אַ גוטע זאַך. מערצאָל: מצוות (מ י צ ו ו ע ס).

מציאה (מ ע צ י ע) — געפונענע זאַך; ביליק געקויפטע זאַך; אַ כשרע (ק אָ ־ ש ע ר ע) מציאה — איראָניש: עס האָט נישט קיין גרויסן ווערט. מערצאָל: מציאות (מ ע צ י ע ס).

מצרים (מ י צ ר אַ א י ם) — עגיפטן; ס'איז אין שטעטל, ווי אין מצרים — געמיינט: פינצטער.

מקבל (מ ע ק אַ ב ע ל) זיין — דערהאַלטן, באַקומען; אָננעמען.

מקבל־פנים (מ ע ק אַ ב ל ־ פ אָ נ י ם) זיין — אויפנעמען, באַגעגענען אַ גאַסט, אַ כאָסן.

מקום (מ אָ ק ע ם) — אָרט; געגנט, פראָווינץ. מערצאָל: מקומות (מ ע ק ו י ־ מ ע ס).

מקח (מ ע ק אַ ד) — פרייז.

מקנא (מ ע ק אַ נ ע) זיין — נישט פאַרגינען; וועלן זיין אין יענעמס לאַגע.

מרה־שחורהניק (מ אָ ר ע ־ ש כ ו י ר ע נ י ק) — מעלאַנכאָליקער; פאַרזאָרגטער; פאַרטרויערטער; אומעטיקער.

משא־ומתן (מ אַ ס ע א ו מ אַ ט ן) — געשעפט, פאַרהאַנדלונג, קאָנטאַקט.

משה (מ ו י ש ע) — אַ נאָמען; לויטן חומש — נאָמען פון באַפרייער און געזעצ־געבער פונעם יידישן פאָלק. משה רבינו (מ ו י ש ע ר אַ ב י י נ ו) — אונ־

דזער לערער משה; משה בן עמרם (מ ו י ש ע ב ע ן אַ מ ר אָ ם) — ווערטלעך: מוישע, אַמראַמס זון — דאָס אייגענע וואָס: מושע ראַביינו.

משה=נח (מ ו ש ע = נ ו ע ד) — אַ גאָמען.

משוגע (מ ע ש ו ג ע) — צעמישט, דול. מערצאָל: משוגעים (מ ע ש ו ג אָ א י ם).

משומד (מ ע ש ו מ ע ד) — דאָ: דורכגעטריבענער יונג, כעווערעמאַן.

משונה (מ ע ש ו נ ע) — מאָדנע.

משורר (מ ע ש ו י ר ע ר) — זינגער; כאָריסט. מערצאָל: משוררים (מ ע ש אָ ר ע ר י ם) — דאָ: ארטיסטן.

„משיח“ (מ אָ ש י ע ד) — ווערטלעך: דער געזאַלבטער, דער דערלייזער, וואָס וועט אויסלייזן דאָס יידישע פאָלק; ווארטן ביז משיח וועט קומען — ווארטן ביז אייביק, זיך נישט דערווארטנדיק. משיח צדקנו (מ אָ ש י ע ד צ י ד ק יי נ ו) — מאָשיעד אונדזער צאַדיק, אונדזער גערעכטער.

משכון (מ א ש ק ן) — פאַרזעצטע זאַך. מערצאָל: משכנות (מ אַ ש ק אָ נ ע ס).

משמח (מ ע ס א מ יי ע ד) זיין — פריילעך מאַכן; זיך מעסאמייער זיין — זיך ווײַלן.

משמעות (מ ע ש מ אָ ע ס) — ווייזט אוים, זעט אוים, געדרונגען.

משנה מקום, משנה מזל (מ ע ש אַ נ ע מ אָ ק ע ם, מ ע ש אַ נ ע מ אַ ז ל) — געביטן דאָס אָרט, געביטן דאָס מאַזל.

משער (מ ע ש יי ע ר) זיין זיך — אָנשטויסן; זיך פאָרשטעלן.

מששת ימי בראשית (מ י ש יי ש ע ס י ע מ יי ב ע ר יי ש י ס) — פון זינט די וועלט שטייט.

משפחה (מ י ש פּ אָ כ ע) — פאַמיליע. מערצאָל: משפחות (מ י ש פּ אָ כ ע ס).

מתוק (מ אָ ס ע ק) — זיס.

מתיקות (מ ע ס י ק ע ס) — זיסקייט, אָנגענעמלעכקייט.

מתן=תורה (מ א ט ן = ט ו י ר ע) — דאָס געבן די טוירע אויפן בארג סיניי. פאַר מתן=תורה — געמיינט: פון גאָר לאַנג; איידער די פּאַסירונג איז געשען.

מתנה (מ אַ ט אָ נ ע) — געשאַנק, פּרעזענט. מערצאָל: מתנות (מ אַ ט אָ נ ע ס); מתנות ממש (מ אַ מ ע ש) — די עמעס גוטע, ווערטפולע מאַטאָנעס; מתנת=יד (מ אַ ט נ ע ס = י א ד) — אַ פּאַטש.

מתקן (מ ע ס א ק ן) זיין — אויפטון.

# נ.

נבהל ונשתומם (נ י וו ל ו ע נ י ש ט ו י מ ע ם) ווערן — דערשראָקן און פאַרוווּנדערט ווערן; שטאַרק איבערראַשט ווערן.

נביאות (נ ע וו י ע ס) זאָגן — פּאָרויסזאָגן.

נביא (נ אָ ווי) — דאָ: פּאָרויסזאָגער.

נגיד (נ אָ ג י ד) — רייכער מענטש, פאַרמעגלעכער. מערצאָל: נגידים (נ ע ־ ג י ד י ם); נגידיש — אויפן רייכן שטייגער.

נדן (נ אַ ד ן) — דאָס געלט, וואָס דער כאָסן באַקומט פון דער קאַלעס עלטערן; כאַסענע־אויסשטייער (אין געלט און אין זאַכן), וואָס די עלטערן גיבן זייערע קינדער. מערצאָל: נדנס (נ אַ ד נ ס).

נוהג (נ ו י ע ג) זיך זיין — זיך פירן.

נו׳ן (נ ו ן) — דאָס פערצנטע אָס פונעם יידישן און העברעישן אלפאַבעט.

נוסח (נ ו ס ע ך) — סטיל; שטייגער; וואַריאַנט; טראַדיציאָנעלע מעלאָדיע; שמאַלץ־נוסח — דאָ: דאָס צעגיסן זיך אין קאָמפּלימענטן, כאַנפענען, ליוב־רייד. מערצאָל: נוסחאות (נ ו ס כ אָ ע ס).

נוקם (נ ו י ק ע ם) זיין זיך — זיך אָפּרעכענען, אָפּצאָלן יענעם מיט שלעכטס פאַר שלעכטס.

נושא חן (נ ו י ס ע ־ כ יי ן) זיין — געפעלן ווערן, אויסנעמען ביי עמעצן.

נח (נ ו י ע ד) — ביבלישער פּערסאָנאַזש; נח־שכור (נ ו י ע ד ־ ש י ק ע ר) — שטאַרק באַזויפן, אָנגעטרונקען.

נחמן (נ אַ כ מ ע ן) — אַ נאָמען.

נחת (נ אַ כ ע ס) — פאַרגעניגן, האַנאָע, פרייד.

נ״י — די ערשטע איניציאַלן פון די ווערטער: נרו יאיר (נ יי ר ו י י אָ י ר) — זיין ליכט זאָל לייכטן. אַלטפרענקישער טראַדיציאָנעלער ווונטש־פאָרמול צום סוף פונעם טיטל אין בריוו.

ניגון (נ י ג ן) — מעלאָדיע. מערצאָל: ניגונים (נ י ג ו נ י ם).

ניחא (נ י כ ע) — אָנגעלייגט, אָנגענעם, צום האַרצן, רעכט.

נישקשה (נ י ש ק אָ ש ע) — ניִשט שלעכט, נישט ווי צום ערגסטן, נישט גע־זאָרגט, ס׳מאַכט נישט אויס.

נכפה (נ ע כ פּ ע) — קרענק, גרימצאָרן, קאַאָס.

נמאס (נ י מ ע ס) ווערן — דערעסן, פאַרמיאוסט ווערן.

**נס** (נ ע ס) — וואונדער. מערצאָל: **נסים** (נ י ס י ם); **נסים מן השמים** (נ י ס י ם מ י ן ה אַ ש אָ מ אַ י ם) — וואונדער פון הימל, גרויסע וואונדער.

**נסיון** (נ י ס אָ י ע ן) — פּרווו, אויספּרווונג, שוועריקייט. מערצאָל: **נסיונות** (נ י ס י ו י נ ע ס).

**נסיעה** (נ ע ס י ע) — רייזע. מערצאָל: **נסיעות** (נ ע ס י ע ס).

**נע=ונד** (נ אַ וו ע נ אַ ד) זיין — וואָגלען, ארומוואנדערן, נישט האָבן קיין באַשטענדיק אָרט; **נע=ונדניק** (נ אַ וו ע נ אַ ד נ י ק) — וואָגלער, וואנדערער.

**נעלם** (נ ע ל ע ם) ווערן — פארשווונדן, פארפאלן ווערן.

**נפקא=מינה** (נ אַ פּ ק ע מ י נ ע) — אונטערשייד.

**נפש** (נ ע פ ע ש) — מענטשלעך באַשעפעניש; פארשוינדל (אין פּראכטלעכן זין). מערצאָל: **נפשות** (נ ע פ א ש ע ס); **נפש=אחת** (נ ע פ ע ש-א כ א ס) — איין וועזן, איין נעשאָמע.

**נצחון** (נ י צ אָ כ ן) — זיג. מערצאָל: **נצחונות** (נ י צ כ ו י נ ע ס).

**נקבה** (נ ע ק יי וו ע) — פרוי, ווייב, מיידל, ווייבלעך געשלעכט; גאסנפרוי; א נקבה איז ווי א קאטשקע — פון א קאטשקע איז אלץ גוט, נאָר דער פיסק טויג נישט. מערצאָל: **נקבות** (נ ע ק יי וו ע ס).

**נקמה** (נ ע ק אָ מ ע) — אָפּצאָלונג פאר שלעכטס, ראכע.

**נשמה** (נ ע ש אָ מ ע) — לעבן: נעם מיין נשמה; אָטעם: ער פאָכעט מיט דער נשמה; געמיט: א פארביטערטע נשמה. **נשמה=יתירה** (נ ע ש אָ מ ע-י ע ס יי ר ע) — דערהויבענע נשמה. מערצאָל: **נשמות** (נ ע ש אָ מ ע ס).

**נתפעל** (נ י ס פּ אָ ע ל) ווערן — איבערראשט ווערן; אַנטציקט ווערן.

## ס.

**סברה** (ס וו אָ ר ע) — מיינונג, געדאנק; השערה, היפּאָטעזע. מערצאָל: **סברות** (ס וו אָ ר ע ס). בויד=סברה — אומבאַגרינדעטע מיינונג, אויסגעקלערטע זאך.

**סגי=נהור=לשון** (ס א ג י-נ אָ ע ר-ל אָ ש ן) — א שפּראך, וואָס אירע ווערטער מיינען דאָס פארקערטע.

**סדרה** (ס ע ד ר ע). דאָ: קאפּיטל; גאנג; א קעסיידער רעדן וועגן...: און ס'איז אַוועק א סדרה; א סדרה געגאנגען — קעסיידער געטון, געהאנדלט, גערעדט.

**סגולה** (ס ג ו ל ע) — מיטל; היילונג. מערצאָל: **סגולות** (ס ג ו ל ע ס).

סוד (ס אָ ד) — געהיימעניש, סעקרעט. מערצאָל: סודות (ס וי ד ע ס); סודן זיך — זיך שושקען, רעדן שטיל אויפן אויער, פאַרטרוילעד.

סוחר (ס וי כ ע ר) — הענדלער, קרעמער. מערצאָל: סוחרים (ס אָ כ ר י ם).

סוס (ס ו ס) — פערד. מערצאָל: סוסים (ס ו ס י ם).

סוף (ס אָ ף) — שלוס, ענדע; סוף־כל־סוף (ס אָ ף ־ ק אָ ל ־ ס אָ ף) — שליסלעך, צום סאמע שלוס.

סחורה (סכ וי ר ע) — שטאָף; האַנדלס־קעגנשטאַנד. מערצאָל: סחורות (ס כ וי ר ע ס).

סיבה (ס י ב ע) — אורזאך, צופאל. מערצאָל: סיבות (ס י ב ע ס).

סידור (ס י ד ע ר) — יידיש געבעט־בוך. מערצאָל: סידורים (ס י ד ו ר י ם).

סימן (ס י מ ע ן) — צייכן. מערצאָל: סימנים (ס י מ אָ נ י ם).

סיני (ס י נ יי) — נאָמען פון בארג, אויף וועלכן די יידן האָבן באקומען די טוירע.

סך (ס א ד) — אַ צאָל; א סך — אַ סאַך, א גרעסערע צאָל; סך־הכל (ס א ד ־ ה אַ ק ל) — סומע, רעזומע, אונטערשטע שורע; בילאנס; ארום און ארום, אינגאנצן גענומען.

סכנה (ס אַ ק אָ נ ע) — געפאַר, לעבנס־געפאַר; סכנות (ס אַ ק אָ נ ע ס) — שרעקלעך; געפארן.

סכנות־נפשות (ס אַ ק אָ נ ע ס ־ נ ע פ אָ ש ע ס) — גאָר געפערלעך, גאָר שרעקלעך.

סכסוך (ס י כ ס ע ד) — קאָנפליקט. מערצאָל: סכסוכים (ס י כ ס ו כ י ם).

סליחות (ס ל י כ ע ס) — טפילעס אין די לעצטע טעג פון מאָנאַט אלול און צווישן ראָשעשאָנע און יאָנקיפער; ווערן צוממערסטן געזאָגט באַגינען. שטייט אויף צו סליחות — געמיינט: אויפשטיין פון שלאָף, סליחות־צייט — האַרבסט.

סמיכות־הפרשה (ס מ י כ אַ ס ־ ה אַ פ אַ ר ש ע) — אָנגעהעריקייט, צוזאַמענהאַנג, שייכעס.

ספק (ס אָ פ ע ק) — צווייפל, אומזיכער. מערצאָל: ספקות (ס פ יי ק ע ס).

ספר (ס יי פ ע ר) — בוך; יידיש רעליגיעז בוך; טוירע. מערצאָל: ספרים (ס פ אָ ר י ם).

**עבירה** (אַוויירע) — זינד, פאַרברעכן; שאַד. מערצאָל: עבירות (אַוויירעס).

**עברי** (איוורע) — דאָס עלעמענטאַרע לייענען; געכאַפּט אויף דער עברי — קען נישט לייענען; אָן פּאַדקאָוועס קען ער קיין עברי נישט — „פּאָדקאָוועס“ מיינט מען אין שפּאַס די נקודות (נעקודעס) — שריפטצייכנס, וואָס באַצייכענען דעם וואָקאַל אין העברעיש, ווייל זיי שטייען אונטער די אויסיעס.

**עגמת־נפש** (אַגמאַס־נעפעש) — קרענקונג, האַרצווייטיק, פאַרדרוס.

**עד היום הזה** (אַד האַיאָם האַזע) — ביזן היינטיקן טאָג; עד־היום (אַד־האַיעם) — ביז היינט.

**עד מתי** (אַד מאָסאַי) — ביז ווען? ווי לאַנג נאָך?

**עדות** (איידעס) — דער, וואָס איז בייגעווען; דער, וואָס באַשטעטיקט פאַרן געריכט עמעצנס שולד אָדער אומשולד; עדות זאָגן — באַשטעטיקן פאַקטן.

**עובר־בטל** (אויווער־באָטל) — אָפּגעפאָרענער, אויסגעוועפּטער מענטש; שווין נישט ביי די געדאַנקען מחמת אַלטקייט.

**עוולה** (אַוולע) — אומרעכט, אומגערעכטיקייט, קריוודע. מערצאָל: עוולות (אַוולעס).

**עולם** (אוילעם) — געזעלשאַפט, פּובליקום, פאַרזאַמלטע מענטשן.

**עוף** (אָף) — אַ האָן אָדער אַ הון. מערצאָל: עופות (אויפעס).

**עושר** (אוישער) — רייכער, רייכקייט. מערצאָל: עשירים (אַשירים).

**„עזי וזמרת יה“** (אָזי וועזימראַס יאָ) — ווערטלעך: די שטאַרקייט און מאַכט פון גאָט. אַ פראַזע פון דער טפילע „המבדיל“ (האַמאַוודיל).

**עינים** (אייגאַים) — ווערטלעך: אויגן. געמיינט: גרויסע אויגן (אין פאַראַכטלעכן זין).

**עין־הרע** (איינהאָרע) — בייז, שלעכט אויג, אָדער ווי דאָס פאָלק דריקט זיך אוים: „גוט־אויג“.

**עיקר** (איקער) — הויפט־זאַך, דאָס וויכטיקסטע.

**עכברוש** (אַכבעראָש) — לאָבוז, שאָדנמאַכער.

**על־חטא** (אַלכעט) — נאָמען פון אַ טפילע; על־חטא זיך שלאָגן — שטאַרק באַדויערן, באַנג טאָן, האָבן כאַראָטע.

**על־כן** (אַל קיין) — דעריבער.

עלכּן יאבדו דרך (אַל־קײן יויוודו דערעד) — ווערטלעך: דערום װעלן זײ פֿאַרלירן דעם װעג. דאָ געמײנט: האַלט אײן דעם װאָגן, װײַל מיר האָבן פֿאַרלוירן דעם װעג.

על־פּי (אַל־פּי) — לויט, דורך.

על־פּי דרך־הטבע (אַל־פּי דערעד־האַטעוװע) — אויפֿן נאַטירלעכן װעג.

על־פּי טעות (אַל־פּי טאָעס) — דורך אַ פֿאַרזען.

על־פּי יושר (אַל־פּי יױשער) — לויט גערעכטיקײט, מענטשלעכקײט.

על־פּי פּשט (אַל־פּי פּשאַט) — אײנפֿאַכע, קלאָרע אויסטײַטשונג לויטן מײן פֿונעם װאָרט.

על־פּי שׂכל (אַל־פּי סײכל) — לויטן געדאַנק, לויטן פֿאַרשטאַנד, לאָגיש.

על רגל אחת (אַל רעגל אַכאַס) — אויף אײן פֿוס, שנעל.

עלי ועל צוארי (אָלײַ װעאַל צאַװאָרי) — װערטלעך: אויף מיר און אויף מײַן האַלדז. געמײנט: אויף מײַן פֿאַראַנטװאָרטלעכקײט.

עליו־השלום (אָלאָװ־האַשאָלעם) — װערטלעך: פֿרידן צו אים. צושפּרוך, װען מע רעדט װעגן אַ פֿאַרשטאָרבענעם מאַנצביל; עליה־השלום (אָלעאָ־האַשאָלעם) — דאָס אײגענע װעגן אַ פֿרוי; עליו־השאָלעכץ — פֿון עליו־השלום. פֿאַרגרײַזט בעקיװן צוליב איראָנישן זין.

עמוד (אָמעד) — זײַט פֿון אַ בוך, סײפֿער; דער שטענדער, בײַ װעלכן עס דאַװנט דער כאַזן. דאָ געמײנט אויך: בינע, סצענע.

ענין (אינין) — אָנגעלעגנהײט, זאַך, פּראָבלעם, פֿראַגע, אינטערעס. מער־צאָל: ענינים (איניאָנים).

עסק (אײסעק) — װעזן, געשעפֿט, אונטערנעמונג. מערצאָל: עסקים (אַסאָ־קים).

עץ־הדעת (אײץ־האַדאַאַס) — בוים פֿון װיסן. לויט דער ביבל האָט גאָט פֿאַרבאָטן אָדאָמען צו עסן די פּרוכטן פֿון אײץ־האַדאַאַס. ער האָט געגעסן און באַקומען פֿאַרשטאַנד. באַצײכענונג פֿון קלוגשאַפֿט און װיסן; נאָך נישט געגאַנשט פֿון עץ־הדעת — דאָ: נאָך װײניק געזען און געהערט.

עצה (אײצע) — ראַט, אויסװעג, אײנפֿאַל; עצהן (אײצן) — ראָטן. מער־צאָל: עצות (אײצעס).

עקדה (אַקײדע) — אָפּפֿער, קאָרבן, געבונדענער אָפּפֿער.

עקשן (אַקשן) — אײנגעשפּאַרטער. מערצאָל: עקשנים (אַקשאָנים).

עקשנות (אַקשאָנעס) — אײנגעשפּאַרטקײט.

ערב (ערעװ) — אַ טאָג פֿריער, האַרט פֿאַר.

ערב (אָרעװ) זײַן — גאַראַנטירן, פֿאַרזיכערן.
ערך (ערעד) — דאָ: פֿאַרגלײַך.
עשירות (אַשירעס) — רײַכקײַט.

## פּ.

פּגירה (פּעגירע) — שװאַכע, קראַנקע בעהײמע, פֿערד; שאָװיניסטישער אױסדרוק פֿאַר אַ נישט־ײִדישן גױסעס. מערצאָל: פּגירות (פּעגירעס).

פּגר (פּײגער) — שאָװיניסטישער אױסדרוק פֿון אַ נישט־ײִדישן באַרמינען; פּגרן (פּײגערן) דאָס שטאַרבן פֿון אַ בעהײמע אָדער כאַיע; פּגרן פֿאַר הונגער — אומקומען פֿון הונגער; פּגרט נאָך אים — גײט אױס נאָך אים; מאַכט זיך געפּגרט (געפּײגערט) — מאַכט זיך, װי ער װײסט פֿון גאָר־נישט; װיפֿל פֿאַרן אַרױספֿירן דעם „פּגר“? אין אַ שפּאַסהאַפֿטער פֿאָרם דאָ געמײנט: טעאַטער (פֿאַראַכטונגס־אױסדרוק).

פּדיון (פּידיען) — לײזעכץ.

פּדיון־הבן (פּידיען־האַבען) — רעליגיעזע פֿײַערונג אױפֿן דרײַסיקסטן טאָג פֿון אַן ערשט־געבױרענעם ײנגל, בכאָר. מערצאָל: פּדיון־הבנם (פּידיען־האַבענס).

פּה־קדוש (פּע־קאָדעש) — הײליק מױל. מיט אַ פּה־קדוש — געמײנט: אַרױס מיט דער עמעסער שפּראַך (איראָניש); אַ גרױס מױל, באַרעדעװדי־קײט, אַ מױל אױף שרױפֿן.

פּוטיפֿרע (פּױטיפֿערע) — אַ פּרױען־געשטאַלט פֿון דער ביבל. די געשיכטע פֿון פּוטיפֿרע מיט יוספֿן (יאָסעפֿן) — לױט דער ביבל האָט יאָסעף, יאַנ־קעװס זון, געדינט בײַ אַן עגיפּטישן האַר פּױטיפֿער. יאָסעף איז געװען זײער אַ שײנער און פּוטיפֿערס פֿרױ האָט געװאָרפֿן אױף אים אַן אױג. װען זי איז צו אים צוגעשטאַנען, און יאָסעף איז נישט אײַנגעגאַנגען, האָט זי אים אָנגע־כאַפּט פֿאַרן מאַלבוש. ער האָט זיך אַרױסגעריסן פֿון איר און איז אַנטלאָפֿן, איבערלאָזנדיק דעם מאַלבוש אין אירע הענט.

פּועלן (פּױעלן) — אױספֿירן, דערגרײכן, אױסװירקן.

פּורים (פּורים) — נאָמען פֿון אַ יאָנטעװ.

פּורים־שפּיל — קלײנע אױפֿפֿירונג אױף אַ ביבלישער טעמע, װאָס פֿלעגט גע־שפּילט װערן פּורים, װי „מכירת יוסף“ (מעכיראַס־יאָסעף), „אחשורוש“ (אַכאַשװײרעש) אאַז״װ.; עס איז אַ פּורים־שפּיל — ס׳איז

אַ קאָמעדיע, שפּאַס; שונד; פּורים=שפּילער — די, וואָס האָבן געשפּילט דאָס פּורים=שפּיל; קאָמעדיאַנטן, לעכערלעכע.

פּותיקא (פּ ו י ט י ק ע) — פאַרגרייזט פונעם וואָרט: אפּותיקא. געמיינט: אַ גרויסע סומע געלט.

פּזמון (פּ י ז מ ע ן) — אַלט לידל; רעליגיעז געדיכט; אויסגעטראַכטע זאַך. מערצאָל: פּזמונות (פּ י ז מ ו י נ ע ס).

פּחד (פּ אַ כ ע ד) — שרעק. מערצאָל: פּחדים (פּ כ אָ ד י ם).

פּטור (פּ אָ ט ע ר) ווערן — פריי ווערן, זיך אָפּטשעפּן; פּטרן (פּ אַ ט ע ר ן), צעפּטרן — איבערפירן, קאַליע=מאַכן, אויסברענגען, צעטרענצלען.

פּניה (פּ נ י ע) — הינטער=געדאַנק, זייטיקער מיין. מערצאָל: פּניות (פּנ י ע ם).

פּנים (פּ אָ נ ע ם) — געזיכט, אויסזען; האָבן אַ פּנים פון חוזק — אויסזען לעכערלעך; זיין צו שפּאָט און געלעכטער. מערצאָל: פּנימער (פּ ע נ י מ ע ר).

פּסוק (פּ אָ ס ע ק) — אַ זאַץ פון דער ביבל; שפּרוך; זאַץ. דאָס מיינט דער פּסוק — אָט אַזוי דאַרף מען עס פאַרשטיין. מערצאָל: פּסוקים (פּ ס ו ק י ם).

פּסח (פּ יי ס ע ד) — נאָמען פון יאָנטעוו צום אָנדענק פון דער באַפרייונג פון די יידן פון דער עגיפּטישער שקלאַפעריי.

פּסק (פּ ס אַ ק) — אורטייל, שטראָף, אָפּשניט.

פּסקענען (פּ אַ ס ק ע נ ע ן) — אַרויסטראָגן אַן אורטייל.

„פּפּום“ (פּ אַ פּ ו ם) — נאָמען פון אַן אַלטער יידישער פּיעסע.

פּרא=אדם (פּ ע ר ע = אָ ד ע ם) — ווילדער, נישט דערצויגענער מענטש.

פּרט (פּ ר אַ ט) — איינצלנער, איינצלהייט; הינזיכט. מערצאָל: פּרטים (פּ ר אָ ט י ם).

פּריץ (פּ אָ ר ע ץ) — גוטבאַזיצער; האַר; באַלעבאָס; אַ גאַנצער קנאַקער; מעיוכעס. מערצאָל: פּריצים (פּ ר י צ י ם) — גרויסע לייט.

פּריצה (פּ ר י צ ע) — ווייבלעכע פאָרם פון פּריץ. מערצאָל: פּריצות (פּ ר י צ ע ם).

פּרנסה (פּ אַ ר נ אָ ס ע) — דאָס פאַרדינסט אויף אויסצוהאַלטן זיך, אויף עקזיסטענץ. מערצאָל: פּרנסות (פּ אַ ר נ אָ ס ע ם).

פּרעה (פּ אַ ר ע) — עגיפּטישער קעניג, פאַראַאָן; ביבל=פּערסאָנאַזש; פּרעה מלך מצרים (פּ אַ ר ע מ ע ל ע ד מ י צ ר אַ י ם) — פּרעה, דער קעניג פון עגיפּטן; פּרעהס שלעק — די פּלאָגן, מאַקעס, וואָס זענען אָנגעשיקט געוואָרן אויף פּרעהן. געמיינט: צאָרעס און אומגליקן.

פּרצוף (פּ אַ ר צ ע ף) פּאָנעם, געזיכט אין פאַראַכטלעכן זין; אויסזען.

פשוט (פ אָ ש ע ט) — איינפאַך, פּראָסט, געווייגלעך.
פשט (פּ ש אַ ט) — טייטש, קלאָרע אויסטייטשונג; זין.
פתח (פּ אַ ס ע ד) — שריפט-צייכן (ַ) אונטער אַן אָם און איז אַ צייכן פון וואָקאַל „אַ"; פתח שין („ש") שאַ. געמיינט: שווייגן, שאַ-שטיל. האַלטן דאָם מויל, נישט רעדן. מערצאָל: פתחן (פּ אַ ס ע כ ן).

## צ.

צאינה-וראינה (צ ע נ ע - ר ע נ ע) — טיטל פונעם טייטש-כומעש, וואָס איז אַ פרייע איבערזעצונג פון חומש מיט קאָמענטאַרן ספּעציעל פאַר די פרויען.
צאינה-וראינה-מוסר (מ ו ס ע ר) — די מאָראַל, מאָראַל-פּרעדיקערייַ, וואָס ווערט געשריבן (געברענגט) אינעם דערמאָנטן פרויען-כומעש.
צד (צ אַ ד) — זייט. מערצאָל: צדדים (צ ד אָ ד י ם).
צדיק (צ אַ ד י ק) — גערעכטער, ערלעכער, פרומער ייד. מערצאָל: צדיקים (צ אַ ד י ק י ם); אַ צדיק אין פעלץ — אַ שלעכטער צאַדיק, ווייל דאָס אָם „ץ", מיט וועלכן ס'פאַרענדיקט זיך דאָס וואָרט „פעלץ", הייסט „שלעכטע צדיק".
צדקה תציל ממות (צ ד אָ ק ע ט אַ צ י ל מ י מ אָ ו ע ס) — צדאָקע, הילף פאַר אָרעמעלייט, ראַטעוועט פון טויט (אַזאַ רוף ביים אַ לעוואַיע).
צו להכעים (צ ו ל אַ כ ע ס) — צום פאַרדרוס; קעגן.
צרה (צ אָ ר ע) — אומגליק, ליידן; שלאַק. מערצאָל: צרות (צ אָ ר ע ס).

## ק.

קבורה (ק ו ו ר ע) — דאָס באַערדיקן אַ פאַרשטאָרבענעם.
קבר (ק י ו ע ר) — גרוב; גרוב פאַר אַ טויטן. מערצאָל: קברים (ק ו אָ ר י ם).
צו קבר-ישראל (ק י ו ע ר - י ס ר אָ ע ל) קומען — ווערן באַהאַלטן, באַערדיקט אויפן יידישן ביים-אוילעם.
קבצן (ק אַ ב צ ן) — בעטלער, גרויסער אָרעמאַן. מערצאָל: קבצנים (ק אַ ב - צ אָ נ י ם).
קדוש וטהור (ק אָ ד ע ש ו ע ט אָ ה ע ר) — דאָ: הייליק און ערלעך.
קדחת (ק אַ ד אָ כ ע ס) — פיבער; אַ קרענק; אַז מע לייגט אַריין קדחת, גענמט מען אַרויס קרענק — אַז מע לייגט אַריין אין אַ געשעפט ווייניק קאַפּיטאַל,

קענען די פּאַרדינסטן נישט גרויס זיין; אַזוי זאָגן קעבינס, ווען זיי ליגן אַריין ווייניק אין טאָפּ.

קדיש (קאַדיש) — אַ טפילה נאָך געשטאָרבענע: טאַטע, מאַמע און נאָר נאָ־ענטע; אַ זון, אַ זונדל; קדיש זאָגן — זאָגן די טפילה; אָפּזאָגן נאָך עפּעס אַ קדיש — געזעגענען זיך מיט עפּעס אויף שטענדיק.

קודם (קוידעם) — צוערשט, פריער, פאַר דעם; קודם־כל (קוידעם־קאָל) — פריער פאַר אַלץ, צום אַלעם ערשטן, פאַר אַלעמען.

קול (קאָל) — שטים. קולות (קוילעס) — גרויסע געשרייען, געוואַלדן.

קונה (קוינע) — קויפער, קליענט. מערצאָל: קונים (קוינים).

קורח (קוירעך) — אַ ביבלישע פיגור; לויט דער לעגענדע — זייער רייך, וועלכער איז איינגעזונקען געוואָרן אין דער ערד. פון דעם נעמען זיך די אויסדרוקן: רייך ווי קורח; איינגעזונקען ווי קורח.

קטנער (קאַטענער) — קליינינקער.

קידוש (קידעש) — דאָ: אַ שנאַפּס.

קין (קאַיען) — ביבלישער פּערסאָנאַזש. ער האָט דערהאַרגעט זיין ברודער הבל (העוול). באַצייכענונג פון אַ מערדער. קין איז נישט הבל — וואָרט־שפיל און געמיינט: קייען איז נישט קיין (העוול) נאַרישקייט, קליניקייט.

קליפּה (קליפּע) — אומריינער גייסט; בייזע, שלעכטע פרוי; אַנשיקעניש. מערצאָל: קליפּות (קליפּעס).

קללה (קלאָלע) — שעלט־וואָרט, שעלטונג. מערצאָל: קללות (קלאָלעס).

קמצן (קאַמצן) — קאַרגער. מערצאָל: קמצנים (קאַמצאָנים).

ק״ן (קאַן) — הונדערט פופציק (לויט דעם באַטרעף פון די בוכשטאַבן: ק — 100, נ — 50).

קנאה (קינע) — נישט־פאַרגינעריי; אייפערזוכט.

קצב (קאַצעוו) — פליישהענדלער, פליישהעקער; קצב־יונג — אַ קיילער.

קרבן (קאָרבן) — אָפּפער. מערצאָל: קרבנות (קאָרבאָנעס).

קרבן־מנחה (קאָרבן־מינכע) — דאָ: אַ זאַמלונג פון טפילעס פאַר פרויען.

קרוב (קאָרעוו) — נאָענט, ביי, אומגעפער, אַרום; פריינט, אייגענער, אַ פאַמי־ליע מיטגליד. מערצאָל: קרובים (קרויווים).

קריאת־שמע (קרישמע) לייענען — אַ טפילה פאַרן לייגן זיך שלאָפן.

קשה (קאָשע) — שווער צו פאַרשטיין, אומפאַרשטענדלעך.

קשיא (קאַשע) — פראַגע. מערצאָל: קשיות (קאַשעס). קלאָץ־קשיא — אַ פראַגע, אויף וועלכער ס'איז שווער צו ענטפערן צוליב איר נאַרישקייט און אומגעלומפּערטקייט.

# ר.

ראיה (ראַיע) — באַווייז, מאָטיוו. מערצאָל: ראיות (ראַיעס).

ראש־השנה (ראָשעשאָנע) — נאָמען פון דעם יאָנטעוו, פון וועלכן רעלי־גיעזע יידן רעכענען ניי־יאָר.

ראשית (רײשעס) — ערשטנס, צוערשט.

ראשית־חכמה (רײשעס־כאָכמע) — דאָ געמיינט: דאָס סאַמע ערשטע, פריער פון אַלץ.

רב (ראָוו) — רעליגיעזער פירער פון אַ יידישער געמיינדע. מערצאָל: רבנים (ראַבאָנים).

רב (רעב, ראַב) — אַ טיטל, וואָס מע פלעגט ביי יידן צוגעבן צום נאָמען, הער. פאַרקירצט — ר׳.

רב מתתיהו (ראַב מאַטיסיאָהו) — דאָ: נאָמען פון אַ גוטן־ייד, אַ רעבן.

רבי (רעבע) — לערער, גייסטיקער פירער, וועגווייזער; מעלאַמעד פון אַ כיי־דער, גוטער ייד, כסידישער רעבע.

רבונו־של־עולם (ריבוינע־שעל־אוילאָם) — גאָט; „רבונו־של־עולם“ — די ערשטע ווערטער פון אַ טפילע, און אויך אַ נאָמען פון אַן אַלט יידיש פאָלקס־ליד.

רגלים (ראַגלאַים) — פיס (אין פאַרגרעבערונגס־פאָרם און אין פאַראַכט־לעכן זין).

רגע (רעגע) — ווײַלע, סעקונדע. מערצאָל: רגעס (רעגעס).

רוב (ראָוו) — מערהייט; דאָס רוב — מערסטנס, מייִנסטנס.

רוב גדלו ורוב עשרו (ראָוו גאָדלוי וועראָוו אָשרוי) — זיין גרויס־קייט און רייכקייט.

רוח (רועך) — טייוול. מערצאָל: רוחות (רוכעס).

רוחניות (רוכניעס) — גייסטיקייט.

רוצח (רויצייעך) — באַנדיט, מערדער, בייזער מענטש. מערצאָל: רוצחים (ראָצכים).

רחמנות (ראַכמאָנעס) — באַרעמהאַרציקייט, דערבאַרעמקייט, מיטלייד.

רחמנות־פנים (ראַכמאָנעס־פּאָנעם) — נעבעכדיק אויסזען; מינע, וואָס דערוועקט מיטלייד.

ריח (רייעך) — גערוך, אַראָמאַט. מערצאָל: ריחות (רייכעס).

ריח־ניחוח (רייעך־ניכויעך) — שמעקנדיקער גערוך.

**רעיון** (ר אַ י ע ן) — געדאַנק. מערצאָל: **רעיונות** (ר אַ י ו י נ ע ס).

**רעש** (ר אַ ש) — גערודער, טומל, אויפרודערונג. **רעשן** (ר אַ אַ ש ן) — טומלען.

**רש״י** (ר אַ ש ע) — איניציאַלן פון: רבי שלמה יצחקי (ר ע ב ש ל ו י מ ע י י צ כ אָ ק י) — נאָמען פונעם קאָמענטאַטאָר צום טאַנאַך און טאַלמוד; אַזוי רופט זיך אויך זיין קאָמענטאַר. רש״י מאַכט — רש״י דערקלערט, פאַרטייטשט. ווער דיר דערציילן, וואָס רש״י מאַכט אויפן פסוק (פּ אָ ס ע ק) יבבה!... (י אָ ב ב אָ) — אונטער „יבבה" פאַרשטייט מען דאָ דאָס גראָבע רוסישע זידל־וואָרט, וואָס קלינגט ענלעך, ווי: יבבה. געמיינט: איך וועל דיך אָנלערנען, אַ רוח אין דיין...

**רשע** (ר אָ ש ע) — שלעכטער, בייזוויליקער מענטש; זינדיקער. מערצאָל: **רשעים** (ר ע ש אָ י ם). **רשע־מרושע** (ר אָ ש ע ־ מ ע ר ו ש ע) — גאָר בייזער, שלעכטער און פאַרדאָרבענער מענטש.

## ש.

**שאלה** (ש י י ל ע) — פראַגע. מערצאָל: **שאלות** (ש י י ל ע ס).

**שאר־ירקות** (ש אָ ר ־ י ע ר אָ ק ע ס) — פאַרשידענע גרינסן, אַלערליי גרינוואַרג.

**שבועות** (ש וו ו ע ס) — נאָמען פון יאָנטעוו, וואָס פאַלט אויס אום זומער לעקאָווער דעם באַקומען די טוירע אויפן באַרג סיניי (לויט דער ביבל).

**שביעי** (ש וו י א י) — דער זיבעטער.

**שבעה** (ש י וו ע) זיצן — דאָס זיצן זיבן טרויער־טעג אויף נידעריקע בענקלעך נאָך אַ פאַרשטאָרבענעם נאָענטן קאָרעוו.

**שבעה מדורי גיהנום** (ש י וו ע מ ע ד ו ר י י ג ע ה ע נ ע ם) — זיבן אָפּטיילונגען פון געהענעם. באַדייט: שווערע ליידן, פּיין.

**שבת** (ש אַ ב ע ס) — זיבעטער טאָג פון דער וואָך, אָפּרו־טאָג ביי פרומע יידן; **שבת־קודש** (ש אַ ב ע ס ־ ק ו י ד ע ש) — הייליקער שאַבעס, דערהויבענער טאָג; „שבת־קודש" — אַ נאָמען פון אַן אַלטער יידישער אָפּערעטע; מאַכן שבת פאַר זיך — זיך אָפּזונדערן; שבתצונאַכטס — נאַכט נאָך שאַבעס. מערצאָל: **שבתים** (ש אַ ב אָ ס י ם); האַלטן שבת — פייערן דעם שאַבעס.

**שד** (ש ע ד) — טייוול, באַצייכענונג פון אַ ווילד קינד. מערצאָל: **שדים** (ש י י ד י ם).

**שדכן** (ש אַ ד כ ן) — פאַרמיטלער; דער, וואָס פירט אויס שידוכים. מערצאָל: **שדכנים** (ש אַ ד כ אָ נ י ם). צושדכנען זיך — זיך דערנעענטערן, שדכנען

(שאַרכענען) — פֿאַרמיטלען, אַריינדרייען אין עפּעס אַ געשעפֿט; רעדן אַ שידוך.

**שהיות** (שיעס) מאַכן — זיך פֿאַרזאַמען, אָפּשלעפּן.

**שוחט** (שויכעט) — דער, וואָס קוילעט לויטן יידישן ריטואַל. מערצאָל: **שוחטים** (שאָכטים).

**שוטה** (שויטע) — נאַר. מערצאָל: **שוטים** (שויטים). **שוטה בן** (בען) **פּיקהאָלץ** — גרויסער נאַר.

**שולמית** (שולאַמיס) — די הויפּט־העלדין פֿון שיר־השירים; „שולמית" — נאָמען פֿון אַן אַלטער יידישער אָפּערעטקע.

**שום** (שום) — קיין; וועלכן ס'איז.

**שומר** (שוימער) — דאָ: פּאַרטיער.

**שומר־חינם** (שוימער־כינעם) — אומזיסטער היטער.

**שונא** (סוינע) — פֿיינט. מערצאָל: **שונאים** (סאָנים). **שונאי־ציון** (סאָנע־ציען) — געמיינט: די יידישע פֿיינט, עס זאָל טרעפֿן די יידישע פֿיינט.

**שורש** (שוירעש) — וואָרצל; אורשפּרונג. פֿונעם שורש — געמיינט: פֿון וואַנען עס שטאַמט.

**שותף** (שוטעף) — מיטבאַטייליקטער, מיטבאַזיצער. מערצאָל: **שותפים** (שוטפים).

**שותפות** (שוטפעס) — מיטבאַטייליקונג, מיטבאַזיץ.

**שטן** (סאָטן) — טייוול, פֿאַרפֿירער. **שטן־מקטרג** (סאָטן־מעקאַטרעג) — בייזער גייסט; ווי אומיסטנע, צולעהאַכים.

**שידוך** (שידעך) — פֿאַרבינדונג; פֿאַרבינדונג פֿון כאָסן־קאַלע. מערצאָל: **שידוכים** (שידוכים).

**שייך** (שייעך) — באַלאַנגט, געהערט, באַציט זיך; וואָס איז דאָ שייך? — געמיינט: וואָס איז דאָ צו רעדן.

**שייכות** (שייכעס) — צוזאַמענהאַנג, באַציונג, פֿאַרהעלטעניש, אָנגעהעריקייט, געמיינזאַמעס.

**שי"ן** (שין) — דאָס 21־טע אָס (ש) פֿונעם יידישן און העברעישן אַלפֿאַבעט.

**שיעור** (שיער) — מאָס, צאָל.

**שכור** (שיקער) — באַזויפֿענער; **שיכורן** (שיקערן) — זיך אָנטרינקען, אָנ־שיקערן. מערצאָל: **שכורים** (שיקורים).

**שכל** (סייכל) — פֿאַרשטאַנד, געדאַנק, לאָגיק. **דער שכל איז מחייב** (מע־כאַייעוו) — אַזוי איז די לאָגיק; פֿאַלן אויפֿן שכל — פֿאַלן אויפֿן געדאַנק.

**שכן** (ש אָ כ ן) — מיטוווינער; דער, וואָס וווינט נאָענט. לאָקאַטאָר. מערצאָל: שכנים (ש כ יי נ י ם).

**שכנה** (ש כ יי נ ע) — ווייבלעכע פאָרם פון שכן (ש אָ כ ן). מערצאָל: **שכנות**, שכנטעס (ש כ יי נ ע ס, ש אָ כ נ ט ע ס).

**שכר** (ס כ אַ ר) — באַלוינונג, לוין, געהאַלט. שכר־לימוד (ס כ אַ ר ־ ל י מ ו ד)— לערנגעלט.

**שלא כדרכי** פאַרגרייזט פון וואָרט: **שלא כדרכו** (ש ע ל ו י ק ע ד אַ ר ק ו י) — געמיינט: נישט נאָרמאַל, נישט ווי געהעריק.

**שלום־מאיר** (ש אָ ל ע ם ־ מ יי ע ר).

**שלום** (ש אָ ל ע ם) — ווערטלעך: פרידן. געוואָרן צוריק שלום — זיך איבער־געבעטן. אָפּגעבן שלום — באַגריסן.

**שלום־עליכם** (ש אָ ל ע ם ־ אַ ל יי כ ע ם) — אַן אַלטע יידישע באַגריסונגס־פאָר־מולע ביים באַגעגענען זיך מיט עמעצן, געבנדיק אים די האַנט; אַריינרוקן אַ שלום־עליכם — באַגריסן מיט אַ האַנט־דרוק.

**שליח** (ש ע ל י ע ך) — קוריער, געשיקטער; דעלעגירטער. מערצאָל: שליחים (ש ל י כ י ם).

**שליטה** (ש ל י ט ע) — הערשאַפט, מאַכט.

**שלימזל** (ש ל י מ אַ ז ל) — אומגליק; נישט־געראָטענער; טויגענישט.

**שלמה** (ש ל ו י מ ע).

**שלמה־המלך** (ש ל ו י מ ע ־ ה אַ מ ע ל ע ך) — ביבל־פערסאָנאַזש, דער יידישער קעניג שלוימע.

**שם** (ש ע ם) — נאָמען. באַקומען אַ שם — באַרימט ווערן; שמען (ש ע מ ע ן)— האָבן אַ נאָמען, זיין באַרימט.

**שמדן** (ש מ אַ ד ן) — אַריבערפירן יידן אויף אַן אַנדערן גלויבן. שמד־שטיק — נידערטרעכטיקע האַנדלונג; דורכגעטריבענע שפיצלעך.

**שמואל** (ש מ ו ע ל).

**שמחה** (ס י מ כ ע) אַ נאָמען; פרייד; געלעגנהייטס־פייערונג. מערצאָל: שמחות (ס י מ כ ע ס).

**שמחת־תורה** (ס י מ כ ע ס ־ ט ו י ר ע) — דער יאָנטעוו פון פאַרענדיקן דאָס לייענען פון דער טוירע, וואָס פאַלט אויס אַ טאָג נאָך סוקעס.

**שמיני־עצרת** (ש מ י נ י ־ אַ צ ע ר ע ס) — דער אַכטער טאָג פון יאָנטעוו סוקעס.

**שמעון־דוד** (ש י מ ע ן ־ ד אָ ווי ד).

**שמש** (ש אַ מ ע ס) — באַדינער; באַדינער אין בעסמעדרעש, שול, ביים ראָוו. שאַלאַטן־שמש — מעשאָרעס, אומזיסטער שעליעך, שיק־ייִנגל. מערצאָל:

שמשים (שאַמאָסים). שמשים מיט די כלים (קײלעם) — די מיט־גלידער פון דער בעוורע־קאַדישע מיט זײערע נײטיקע װערקצײג. זײ פאַרנע־מען זיך מיט אַװעקטראָגן די געשטאָרבענע אויפן הייליקן אָרט און ברענגען זײ צו קװורע.

שעה (שאָ) — שטונדע; צייט. אויף דער הייסער שעה — אויף דער הייסער מינוט, קאָל־זמאַן ס'איז דאָ די געלעגנהייט.

שעטנז (שאַטנעז) — שטאָף, געמישט פון װאָל און פלאַקס, װאָס איז לויט דער יידישער רעליגיע פאַרבאָטן. דאָ: אַ שטערונג; איין שטיקל שעטנז איז דאָ יאָ פאַראַן; איך בין פאַר אייך אַ שעטנז — איך טאָר נישט זיין מיט אייך צוזאַמען; כ'בין אַ שטערונג, אומטויגלעך.

שקר (שעקער) — ליגן. שקר וכזב (שעקער װעקאָזעװ) — פאַלש און ליגן. מערצאָל: שקרים (שקאָרים).

שרה־ברכה (סאָרע־בראָכע).

שריד ופליט (סאָריד אופאָלים) — אַן איבערבלייבעניש, אַ רעשט, אַ צייכן, אַ שפור.

שריפה (סרייפע). מערצאָל: שריפות (סרייפעס).

ששון־ושמחה (סאָסן־װעסימכע) — גרויסע פרייד; לוסטיק און פריילעך.

## ת.

תהילים (טילעם) — בוך פון רעליגיעזע דיכטונגען.

תוך (טאָך) — גרונט, אינהאַלט, װעזן, עצעם.

תורה (טוירע) — לערע, דאָס לערנען; דער כומעש געשריבן אויף פאַרמעט; הייליקע ספאָרים; רעליגיעזע ספאָרים אין אַלגעמיין. מערצאָל: תורות, ספרי־תורות (טוירעס, סיפרײ־טוירעס); תורת (טויראַס) לאָקשן — איראָנישער אויסדרוק, װען מע װיל זאָגן, אַז דער געזעץ, די מיינונג איז אַבסאָלוט נישט קיין ריכטיקע; תורת־אמת (טויראַס־עמעס) — דער ריכטיקער, ריינער אמת.

תחילת (טכילעס) — פון אָנהייב.

תחית־המתים (טכיעס־האַמייסים) — װידערגעבורט, אויפלעבונג; דאָס װידעראויפלעבן פון די טויטע.

תחנון (טאַכנעז) — װערטלעך: געבעט; תחנון־פאַלן — שטאַרק בעטן.

תחתונים (טאַכטוינים) — הויזן, אונטערהויזן, גאַטקעס.

תיכף (טייקעף) — גלייך, באַלד, שוין. תיכף ומיד (טייקעף אומיאַד) — גלייך, די מינוט, אָן אָפּהאַלט.

תיקו (טייקע) — בלייבט דערביי, בלייבט עס אָן ענטפער, בלייבט אַ קשיא.

תירוץ (טערעץ) — אויסרייד, פּרעטעקסט; ענטפער, פאַרענטפערונג. מער־צאָל: תירוצים (טערוצים).

תכלית (טאַכלעס) — זין, צוועק, רעזולטאַט, לעבנס־ציל.

תכשיט (טאַכשיט) — צירונג; גראַטעגער; אויך אין איראָניש זין — שוין גאָרנישט קיין גראַטעגער.

תל (טעל) מאכן — פאַרוויסטן, פאַרניכטן; תל ווערן — צעשטערט ווערן.

תליה (טליע) — סלופּ צו אויפהענגען.

תלמיד (טאַלמיד) — שילער, כיידער־ייִנגל. מערצאָל: תלמידים (טאַל־מידים).

תמיד (טאָמעד) — שטענדיק; אייביק.

תמימות (טמימעס) — נאַיוויטעט, פּאָשעטקייט, אויפריכטיקייט.

תם (טאַם) — נאַיווער; נישט איבערגעשפּיצטער; נאַר. תמעוואַטע (טאַ־מעוואַטע) — נאַריש, נישט פאַרשטייענדיק.

תנאַי (טנאַי) — באַדינג. מערצאָל: תנאים (טנאָים).

תנאים (טנאָים) שרייבן — שריפטלעכער אָפּמאַך צווישן כאָסן־קאַלע.

תנועה (טניע) — זשעסט, אָנשטעל, שטיק. מערצאָל: תנועות (טניעס).

תענוג (טאַנוג) — פאַרגעניגן, גענוס. מערצאָל: תענוגים (טאַנוגים).

תפילה (טפילע) — געבעט. דאָס דאַווענען. תפילה־נוסח (טפילע־נוּסעך) — שטייגער פון דאַווענען.

תקיעת־כף (טקיעס־קאַף) — פייערלעכער צוזאָג דורך געבן די האַנט.

תשובה (טשווע) — דאָ: ענטפער.